STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03177

IN TIGL

L. Chain-Shimoni

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. חיין־שמעוני

☆

אין טיגל

דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון פאָנד פון **אברהם ווייס**, צום אָנדענק:

פון זיין זון **אלכסנדר**, געפאַלן אין דער באַפרייונג־מלחמה אין 1948 אין עלטער פון 19 יאָר, זייענדיק אַ מיטגליד אין „הגנה" זינט זיין 16־טן לעבנס־יאָר. און פון זיין פרוי **אַדעלאַ**, דער מוטער פון אלכסנדרן, וועלכע איז געשטאָרבן אין 1959.

ל. חיין-שמעוני

אין טיגל

ראָמאַן פון ישראל-לעבן

פאַרלאַג י. ל. פרץ ישראל

תל-אביב, תשל״ד — 1974

L. Chain-Shimoni

IN TIGL

ל. חיין-שמעוני / אין טיגל

I. L. PERETZ Publishing House
31, ALLENBY St. TEL-AVIV

פארלאג י. ל. פרץ,
תל־אביב, רח' אלנבי 31

©

Printed in Israel 1974
נדפס בישראל תשל״ד

דפוס „אור״ בע״מ, תל־אביב, שדר' הר־ציון 104, טל. 822481

ל. חיין־שמעוני ז״ל

די האַנט ציטערט בעת איך פּועל ביי זיך אַרויפצוברענגען אויפן פּאַפּיר דעם נאָמען פון לייבל שמעוני מיט דעם צוגאָב: ז״ל. אָט דערשיינט דאָס אַכטע בוך זיינס געציילטע וואָכן נאָך דעם ווי ער איז פון אונדז אַזוי פּלוצעם אַוועק און מיטגענומען אין קבר אונדזערע 50 יאָר בשותפותדיקן לעבנסגאַנג, האַנט ביי האַנט, האַרץ ביי האַרץ. אַ יובל יאָרן האָבן מיר צוזאַמען געקעמפט, צוזאַמען געהאָפט, צוזאַמען איינגעזאַפּט דעם חורבן און אומקום פון פאַרשניטענעם פאָלק אין אייראָפּע און דעם יידישן אויפקום אין מדינת ישראל.

☆

לייבל שמעוני איז געבוירן געוואָרן אין סוואַלק, דעם 26טן יולי 1900. נעמט אַראָפּ די קינדער־יאָרן און דעם ערשטן אויפשפּראָץ פון יוגנשאַפט און פאַר אייך אַנטפּלעקט זיך שמעוני שוין אַן אויסגעוואַקסענער, שפּרודלדיקער כלל־טוער, אַ פּאַרטיי־טוער אין צענטראַלן מאַסשטאַב, אַן אַגיטאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט, וועלכער צעטראָגט דאָס וואָרט און דעם געדאַנק פון פּועלי־ציון אין די ליטווישע שטעט און שטעטלעך אין אַ יידיש וואָס פינקלט און גלאַנצט מיט דעם גאַנצן צויבער פון פאָלקסטימלעכקייט. ווער האָט נישט געקענט שמעונין אין ליטע, דעם מיטגליד פון יידישן נאַציאָנאַל־ראָט, דעם לייטער פון דער געזונטהייט־אָפּטיילונג אין יידישן מיניסטעריום, דעם בויער פון „אָזע״, פון דער „קולטור־ליגע״, דעם רעדאַקציע־מיטגליד פון דער „אַרבעטער־צייטונג״? ערשט ווען ער קומט קיין ארץ־ישראל הויבט זיך אָן זיין בייער אויפבליטאָפּ, ווי אַ צענטראַלער טוער אין דער הסתדרות, אין דעם קופּת־חולים, אין דער קאָנסום־קאָפּעראַציע, און אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי.

אָבער ממש צו באַוווּנדערן איז זיין אומגלויבלעכע פּרוכטבאַרקייט אויפן פּובליציסטישן און ליטעראַרישן געביט. נישטאָ קיין פּאַרטייאישע און סתם יידישע צייטונג אין דער וועלט, אַרייננגערעכנט די העברעישע צייטשריפטן, ווו ער זאָל זיך נישט דרוקן. און גלייכצייטיק שרייבט ער און פאַרעפנטלעכט ליטעראַרישע שאַפונגען: זכרונות (און דערציילן האָט ער געהאַט זייער אַ סך), דערציילונגען, נאָוועלן. ער ברענגט דעם יידישן לייענער אין דער וועלט דאָס לעבעדיקע ארץ־ישראל, זיין הייסן

אָטעם, דעם ריח פון זיינע פעלדער און גערטנער, זיין חלוצישע, האָפּערדיקע יונגשאַפט, זיינע אַרבעט־מענטשן מיט זייערע דאגות און ראַנגלענישן, זייער גלויבן און בטחון.

לייבל חיין־שמעוני קען שיין און אינטערעסאַנט דערציילן און שילדערן, ווייל ער איז אַ גוטער באַאָבאַכטער, דרינגט אַריין אין דער נשמה פון זיינע העלדן. אין זיינע ווערק גייען אַדורך די פאַרשוידענע פון די פאַרשידענע עליות, צווישן זיי געשטאַלטן פון די פאַרשידענע עדות וועלכע ער קען אַזוי גוט, מיט זייערע מנהגים, זייער אופן פון רעדן און האַנדלען, זייער מענטאַליטעט.

ער מאָלט אויך דאָס לעבן פון די אַראַבער אין ישראל מיט וועלכע ער איז אויסגעבונדן. ער גיט פּלאַסטישע שילדערונגען פון אַראַבישן און דרוזישן דאָרף מיט זיינע איינוווינער און זייער לעבנס־שטייגער.

אין אַלע זיינע ווערק איז בולט דער געזעלשאַפטלעכער מאָמענט, דער סאָציאַלער געראַנגל וואָס קומט פאָר הן אין דער יידישער הן אין דער אַראַבישער געזעלשאַפט. דאָס גיט צו שמעוניס ליטעראַרישע שאַפונגען אַ סך בלוט און לעבן.

דאָס איצטיקע, אַכטע בוך, „אין טיגל" איז אַ ראָמאַן פון ישראל־לעבן. שמעוני האָט דעם ראָמאַן געגרייט לאַנגע יאָרן און האָט זיך שטאַרק געפרייט ווען ער איז אַריין אין דרוק.

ליידער האָט ער נישט זוכה געווען צו זען דעם ראָמאַן אַן אָפּגעדרוקטן.

ער איז אַוועק פון דער וועלט דעם 10טן יולי 1974.

משה ערעם

די משפחה בורזשע, דער פֿאָטער, די מוטער, מיט זייערע קרובים, וואָס ציִען זייער יחוס־קייט פֿון קאָרסיקע, זענען פּראָנצויזן, געבירטיקע אין פּאַריז. דער פּאַפּאַ רענאַרד איז געווען אַ רעגירונגס־באַאַמטער, די מאַמאַ סוזאַן, וואָס אַלע רופֿן איר סוז, האָט געמוזט העלפֿן דעם פּאַפּאַ אויסהאַלטן די משפּחה, בלית ברירה האָט זי געאַרבעט האַלבע טעג אין אוניווערסאַלן געשעפֿט „לאַפּאַיעט", אין די נאָכמיטאָג־שעהען פֿון 3 ביז 7 אָוונט, ווען דער פּאַפּאַ רענאַרד איז שוין געווען אין דער היים. פֿריִער, אין אירע יונגע יאָרן, איז זי שוין געווען אַ געניטע פֿאַרקויפֿערין אין דעם זעלבן געשעפֿט מחמת אירע מעלות: זי איז געווען שיין, שלאַנק, מיט אַ לענגלעך פּנים און ליכטיקע, בלויע אויגן, שטענדיק פֿריזירט און עלעגאַנט, געקליידט ווי אַלע פּאַריזערינס פֿון איר פּאַך, וואָס האָבן געוווּסט ווי דאָס זעלבע קלייד אַליין איבערדרייען, איבערנייען, צופּאַסן צו דער מאָדע. זי פֿלעגט נאָר באַדויערן, וואָס זי קען עס נישט טאָן מיט די שיך. שיך איז נישט קיין קליינע הוצאה כאָטש זי פֿלעגט זיי קויפֿן מיט אַ גרויסער הנחה אינעם זעלבן געשעפֿט ווו זי האָט געאַרבעט. די פֿריזור פֿלעגט זי אַליין מאַכן, זי האָט געוווּסט ווי צו פֿאַרבאָרגן אָדער אויסצופֿן די זילבערנע פּעדים, וואָס האָבן זיך געמערט מיט די יאָרן, אינעם שוואַרצן זיידנס פֿון קאָפּ, דאָס נעמ־לעכע די קאָסמעטיק צום פּנים, וואָס זי האָט געוווּסט ווי עס צו־צופּאַסן, צונויפֿמישן זאַלבן מיט פּודער, ביליקע פּאַרפֿיום מיט אַ ביסל טייערן. סוז האָט געהאַט נאָך אַ מעלה: חוץ איר פּראַנצויזי־שער מוטערשפּראַך האָט זי זיך צונויפֿגערעדט מיט די קונים אויף ענגליש, אין אַ געוויסער מאָס אויך אויף איטאַליעניש לשון. בעת סוז איז אַריינגעפֿאַרן אין אירע דרייסיקער און אירע חברטעס אין

געשעפט האָבן איר בעת דער צווייטער שוואַנגערשאַפט געגומען רופן „מאַמאַ סוז", האָט איר די שטרענגע אויפזעערין, מאַדאַם לעטי־לעטיציאַ, אַריבערגעפירט אין אַ ווינקל ביי איינער פון די קאַסעס, איינצופאַקן געקויפטע סחורות אין פעקלעך. דאָס אָפּטרעטן פון פאַרבאַנק אַ צווייטער, יונגער פאַרקויפערין האָט איר פאַרשאַפט געגוג עגמת־נפש מיט שטילע טרערן, אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין ברירה. ערגער איז געווען ווען זי האָט לאַנג נישט געקענט פאַרבאַרגן די צווייטע שוואַנגערשאַפט. די שטוביקע הוצאות זענען געשטיגן, נאָך תחנונים האָט זי געפּועלט ביי דער מאַדאַם לעטי־לעטיציאַ, מען זאָל איר נאָכן קימפעט נישט באַזייטיקן פון דער נייער אַרבעט. נאָך אַ קורצער צייט האָט זי די מאַדאַם איינגעאָרדנט אַרבעטן אונטער די פּאָליצעס און שאַפעס, וואָס איז פאַר איר געווען נאָך אַ דעגראַדאַציע, אָבער וואָס האָט זי געזאָלט טאָן? צו איר גליק איז איר געקומען צו הילף איר מאַמאַ פון דער ווייטער פּראָוואַנס, זיך צו פאַרנעמען די ערשטע צייט מיט די קינדער. אָן דער מאַמאַ וואָלט זי בכלל נישט געקענט אַרבעטן אין געשעפט אַפילו אין די נאָכמיטאָג־שעהען.

דער פּאַפּאַ, מעסיע רענאַרד, האָט געמוזט משלים זיין מיט אַלץ. ער איז געווען עלטער פון סוזן. ער איז געווען אין די פערצי־קער און האָט נאָך אַלץ געאַרבעט אין דעם זעלבן רעגירונגס־ביוראָ, ביים זעלבן טיש, וואָס איז שטענדיק געווען באַלאָדן מיט בערג פּאַפּירן, חשבונות און צעטלעך. ער איז געווען אַ געהילפס־בוכהאַל־טער אין אַ שטייעראַמט, זיין גראַד און געהאַלט זענען נישט גע־שטיגן מחוץ די קליינע, יערלעכע סטאַזש־ און יקרות־הוספות, וואָס פלעגן קיין מאָל נישט אָניאָגן די הוצאות אויסצוהאַלטן אַ הויז־געזינט זאַלבע פערט, אָדער איין מאָל אין 2—3 יאָר קויפן אַ ביליקן נייעם בגד. מעסיע רענאַרד האָט געלעבט אָן איבעריקע אַמביציעס, ער האָט זיך נישט געריסן אין גדלות ווי זיינע שטענדיק נישט־צופרידענע אַרבעטס־קאָלעגן. דערפאַר איז ער געווען גליקלעך מיט

דער שטילער מאַמאַ סוז, מיט זיין זון און טאָכטער, וואָס האָבן געוואַקסן פוןביידנס ליבשאַפט און זאָרג.

די משפחה בורזשע האָט געלעבט אין אַן אַלט הויז, אין אַ צוויי און אַ האַלב־צימער דירה מיט אַ קיך, אין דער געגנט פונעם פלאַץ דע־לאַ־רעפּובליק. דאָס שטילע צניעותדיקע לעבן פון דער משפּחה האָט זיך איינגעבראָכן ביים אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. רענאַרד האָט ווייטער געאַרבעט אין דעם זעלבן ביוראָ און מאַמאַ סוז אין „לאַפּאַיעט”. דער יקרות האָט געברענט, די נויט איז געוואָרן גרויס. צו זייער מזל האָבן די קינדער יעדן טאָג באַקומען עסן אין שול: אין דער פרי אַ גלאָז וואַסערדיקע מילך מיט אַ קרואַסאָן, מיטאָגצייט — אַ טעלער זופּ מיט אַ קאָטלעט, אַ געמיש פון אַ סך געמאָלן ברויט מיט ווייניק פלייש. מחמת זיין קורצזיכטיקייט און עלטער האָט מען דעם פּאַפּאַ רענאַרד נישט מאָביליזירט אין דער אַרמיי, נאָר אין אַ ציווילער לופטשוץ־אייב־הייט, וואָס האָט סטאַציאָנירט נישט ווייט פון דער היים, ווו ער פלעגט מאַכן דינסט נאָך דער אַרבעט, צו קענען האַלטן אַן אויג אויף די קינדער. גאָר שלעכט איז געוואָרן ווען די באָשעס האָבן פאַרנומען פּאַריז, ווען ביידע, פּאַפּאַ רענאַרד און מאַמאַ סוז, האָבן אַ סך פון זייער פרייער צייט געמוזט אָפּגעבן אויף דערווערבן אַ ביסל שפּייז מחוץ די אויסגעטיילטע ראַציעס, באַזונדער פאַר ביידע קינדער, וואָס זענען שטענדיק געווען האַלב הונגעריק און אומרויק, אין דעם פּרט איז געווען אַ מיידים דער זון, שוין אַ דערוואַקסן יינגל, וואָס פלעגט טראָגן מיט זיך אַ פּאָר פראַנק, כדי נאָך די לימודים זיך לאָזן צו די קלאָשאַרן עפּעס איינהאַנדלען פאַר דער היים, און נאָך „עפּעס” פון — פונאַנדערטראָגן געשוואַרצטע שפּייז־פּעקלעך אין רייכע דירות.

די טאָכטער, רעזשין, אַ שיין שלאַנק מיידל אין אָנהייב פון 12 יאָריקן עלטער, פלעגט נאָך די פאַרקירצטע שול־שעהען קומען אַ היים העלפן דעם פּאַפּאַ אין דער שטוביקער אַרבעט, וואָס די מאַמאַ פלעגט נישט באַוויזן אָפּטאָן. זי האָט שוין געוווּסט ווי צו

וואָשן קליינִיקייטן און פּרעסן לייכטע וועש מיט אירע און דער מאַמאַס קליידער, זי פּלעגט אויך צערעווען אַלעמענס זאָקן. אַ פּאָר מאָל אַ וואָך פּלעגט זי גיין צו שכנים בלייבן אין די אָוונטן מיט קינדער און די פאַרדינטע פּאָר פראַנק אָפּגעבן דער מאַמאַ צו באַצאָלן אין געשעפט, ווו זי האָט געאַרבעט, פאַר אַ בראַקירטע קליידל, פאַר אַ פּאָר זאָקן אָדער שטיקלעך וועש, וואָס קונים־מפונקים פּלעגן נישט נעמען אין האַנט, ווייל „לאַפּאַיעט" האָט געדינט די בעסער סיטויִרטע בירגער פון פאַריז. די שוואַך־סיטויִרטע פּלעגן אַריבערטרעטן די שוועל פון אַזאַ גרויסאַרטיקן געשעפט אַ פּאָר מאָל אַ יאָר נאָר בעת די אויספאַרקויפן. אמת, אין די מלחמה־יאָרן, ווען די פּאַליצעס און שאַפעס זענען געוואָרן ליידיקער, זענען אַפילו די בעסערע קליענטן געוואָרן וויניקער איבערקלייבעריש און דער „בראַק" אָדער „באַוול", ווי זיי פּלעגן עס רופן, איז אויך גע־וואָרן קנאַפּער, פון דעסטוועגן פּלעגט שטענדיק עפּעס בלייבן אי־בעריק פאַר די מענטשן פונעם פּערסאָנאַל. עס האָט זיך יעמאָלט אַרויסגעוויזן, אַז די מאַדאַם לעטי־לעטיציאַ איז גאָרנישט געווען אַזאַ מרשעת כלפּי דעם פּערסאָנאַל, ווי זיי האָבן זיך פריִער פאָר־געשטעלט, זי האָט פאַר זיי געזאָרגט אין זייער נויט.

די מלחמה־יאָרן האָבן זיך געצויגן מיט אַלע צרות אוןליידן. עס האָבן זיך געפונען גענוג פראַנצויזן, וואָס האָבן משלים געווען מיט די נאַצישע אָקופּאַנטן, וואָס האָבן געוווּסט ווו, ווען און ווי אַזוי צו פאַרדעקן זייער רשעות און טעראָר, וואָס איז בעיקר גע־פאַלן אויף די יידן, און אין אַ געוויסער מאָס אויף אומרויִקע, ווידערשפּעניקע אַרבעטער, אויף פּאַטריאָטישע קליינבירגער, אינ־טעליגענטן, און מיט דער גאַנצער האַרבקייט אויף דער אויפגייענ־דיקער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

די חרפּה פון גיכן צוזאַמענברוך פון דער פראַנצויזישער אַרמיי און פון דער קאַפּיטוליאַציע צום היטלעריסטישן דייטשלאַנד, האָט פּאַקטיש געברענט אין דער טיף פון דער אַרבעטנדיקער, פאַר־צווייפלטער פראַנצויזישער באַפעלקערונג, וואָס האָט שוין אין 1934

געוווּסט אַקטיוו זיך קעגנצושטעלן דעם אויפגייענדיקן היימישן פאַשיזם, וואָס האָט דעם 2טן פעברואַר, יענעם יאָר, פּרובירט אָפּן אַרויס אין גאַס קעגן דער רעגירונג. די פראַנצויזישע פאַשיסטן האָבן אויסגענוצט אַ פינאַנסיעלע אַפערע, אין וועלכער עס זענען געווען פאַרמישט מלוכה־מענער מיט אַ צאָל פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן, צו פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון דער רעפּובליקאַנער אָרדנונג מיט דער רעגירונג. זיי האָבן זיך איינגערעדט, אַז ס׳איז רייף געוואָרן די צייט פאַר אַ פוטש. זיי האָבן אָרגאַניזירט „באַפרייטע זעלנער", לומפּן־פּראָלעטאַריער, קוליגאַנעס פון דער פּאַריזער אונטערוועלט צוזאַמען אין איין פראָנט מיט זייער אָרגאַניזאַציע דער „פייערקרייץ" און זיך געלאָזט אין צענטער פון פּאַריז, צום „קאָנקאָרד"־פּלאַץ. זיי האָבן געצונדן אויטאָבוסן און טראַמווייען, באַפאַלן און געשאָסן אויף דער פּאָליציי און „מאָבילע גוואַרדיע", זיי האָבן מיט ראַזיר־מעסערס געשניטן די פיס פון די פערד פון קאַוואַלעריע־פּאַטרולן, געוווילדעוועט ווי פּראַים, אָבער זיי זענען דורכגעפאַלן. דאָס פאָלק פון פּאַריז איז יעמאָלט געווען קעגן זיי, די רעגירונג האָט זיך איבערוועלטיקט, די רעזולטאַטן פונעם פאַשיסטישן פוטש זענען געווען אומגעקערטע, דער פוטש האָט געבראַכט דעם „פאָלקס־פראָנט" מיט דער אַנטינאַצישער בלום־רעגירונג, וואָס האָט פאַרמיטן אַ בלוטיקן בירגערקריג.

נאָכן רוף פון דער געקרעפּטיקטער, סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך, האָבן אַ וואָך שפּעטער, דעם 12־טן פעברואַר, דעמאָנסטרירט מיליאָנען רעפּובליקאַנער מיט אַרבעטער אין גאַנץ פראַנקרייך, זיי האָבן געראַטעוועט די דריטע רעפּובליק, אָבער די פראַנצויזישע פאַשיסטן האָבן ווייטער געגראָבן אין דער טיף און פאַרלייכטערט דער שפּעטערדיקער דעלאַדיע־רעגירונג, ווו לעאָן בלום איז אויך געווען אַ מיטגליד, זיך אָנשליסן אין דעם פאַטאַלן מינכענער אָפּמאַך.

נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון פראַנקרייך האָט די היטלעריסטישע געשטאַפּאָ געוווּסט ווי צו דערווערבן מוסרים, שפּיאָנען מיט קאָלאַ־

באַריסטן, מיט מענטשן פון דער אונטערוועלט צו הילף דער אָקו־פּאַציע־מאַכט, וואָס האָט געוווּסט ווי צו נייטראַליזירן ווידערשטאַנד־געפילן ביי די גוט סיטויִרטע עלטערע און מיטליאַריקע בירגער, וואָס פלעגן צווישן זיך רעדן, אַז לאַוואַל און גענעראַל פּעטען זענען געווען און געבליבן טרייע פראַנצויזישע פּאַטריאָטן, פּאַטריאָטן, וואָס טוען אַלץ צו ראַטעווען פראַנקרייך פון חורבן, בעת די לינקע מיט די זשוליקעס — די יידן לעאָן בלום און מאַנדעל — זענען בוגדים, וואָס האָבן פאַרדינט צו זיצן אין תפיסה. מעגלעך, אַז דאָס פאָלק האָט זיך יעמאָלט נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דעם פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב איז ליבער געווען משלים זיין מיט היטלערן, איבער־רייסן די מלחמה אין ערשטן יאָר, איידער די מאַכט אין פראַנקרייך זאָל חלילה איבערגיין צו סאָציאַליסטן, ליבעראַלן וכדומה, וואָס וועלן נישט דערלאָזן פראַנקרייך קאַפּיטולירן און ווייטער פאָרזעצן די מלחמה לויטן רוף פון ענגלאַנד. טשערטשילס פאַרצווייפלטער רוף, אַז פראַנקרייך זאָל נישט וואַרפן איר געווער, איז געבליבן אַ קול קורא במדבר. די קאַפּיטולאַנטן האָבן זיין רוף אָפּגעוואָרפן מיטן אויסרייד, אַז „ענגלאַנד וויל אויסנוצן די שווערע צייט צו פאַר־וואַנדלען פראַנקרייך אין אַ בריטישער קאָלאָניע".

די היטלער־מאַכט האָט סטימולירט די פראַנצויזישע רעאַקציע מיט אירע קאָנסערוואַטיווע גענערעלער צו שאַפן די טרויעריק באַקאַנטע „ווישי רעגירונג" בראש מיטן גענעראַל פּעטען און מעסיע לאַוואַל, צוויי קעגנזעצלעכע נאַטורן: — גענעראַל פּעטען, דער גיבור פון ווערדען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט געצילט צו אָרדנונג, וואָס נאָר אַ גענעראַל זאָל זיין בכוח צו פאַרזיכערן מיט קאַלטער, שטרענגער דיסציפּלין, און לאַוואַל — דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיקער, וואָס האָט זיך געריסן צו דער מאַכט.ביידן האָט נאָר פאַראייניקט טיפע שנאה צו סאָציאַליזם, קאָמוניזם, אַפילו צו דעמאָקראַטיע.ביידע האָבן געזען די רייכע, גוט סיטויִרטע שיכטן, ווי די זיילן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. איבער וועלכער זיי זאָלן עס זיין באַרופן צו הערשן. אין

דער אַרבעטער־באַוועגונג מיט אירע פּאָליטישע פּאַרטייען און שאַ־טירונגען האָבן זיי געזען די שונאים וועמען מען טאָר נישט לאָזן הויבן די קעפּ. אין זייער שנאה צום באָלשעוויזם זענען זיי געווען גרייט, אויב נישט שליסן אַ באַלדיקן שלום מיט נאַצי־דייטשלאַנד, איז דערווייל כאָטש איבעררייסן די מלחמה און שליסן וואַפנשטיל־שטאַנד, וואָס זיי האָבן טאַקע פאַרווירקלעכט.

דאָס פראַנצויזישע קליינבירגערטום האָט געזוכט „רו און אָרד־נונג" צוזאַמען מיט די גוט סיטויִרטע שיכטן, וואָס זאָלן נישט שטערן זייערע עסקים, מסחר און באַקוועמלעכקייטן אין לעבן. לויט זייערע השגות האָט זיי אַזוינס יעמאָלט געקענט פאַרזיכערן נאָר דער גיבור פון ווערדען, דער גענעראַל פּעטען, וואָס איז אין יענע פינצטערע צייטן אָפּירגעשוווּמען ווי אַ גואל, אַ רעטער.

לאַוואַל, וואָס האָט מיטגעמאַכט מיט פּעטענען די שפּיל, האָט געגנאָסן פון זיין שיין און איז געוואָרן דער צווייטער פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישער גואל. אין סך הכל האָבן זיי מיט לייכטקייט אַראָפּ־געשלונגען די נאַצישע אָקופּאַציע־מאַכט, און אין די ערשטע מלחמה־יאָרן קאָלאַבאָרירט און זיך געפריינדעט מיט דער היטלעריסטישער אַדמיניסטראַציע אין פראַנקרייך. די פראַנצויזישע פּאָליציי האָט בדרך־כלל יעמאָלט אויך מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן, מיט דער געשטאַפּאָ און געהאַט אַ גרויסן חלק אין כאַפּן און אויסליפערן יידן צום אומקום. נישט זעלטן האָבן פּאָליציאַנטן זיך נישט געמיאוסט אויסליפערן פראַנצויזישע פּאַטריאָטן און מאַקי־קעמפער, וואָס האָבן גענומען וואַקסן אין 1942 און זיך פאַרנומען מיט פּאַרטיזאַנישע אַקציעס קעגן נאַצישן מיליטער און נאַצישע באַזעס אין פראַנקרייך. די מאַקי־מענטשן האָבן זיך אויך קעגנגעשטעלט די פּראָ־נאַצישע, פראַנצויזישע קרייזן. זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין לאַנד אומרו, אויס־געפירט סאַבאָטאַזש־אַקטן, באַפאַלן באַנען מיט קריגס־טראַנספּאָרטן און דייטשיש מיליטער, זיי האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די פראַנצויזישע ווידערשטאַנדס־קרעפטן אין ענגלאַנד, וואָס האָבן געשטיצט די מאַקי־באַוועגונג, וואָס האָט אויך וואָס ווייטער באַ־

קומען מער שטיצע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פון מאַסן יוגנט־לעכע און אינטעליגענץ.

אין דער זעלבער צייט האָט דאָס פראַנצויזישע פּויערטום ווייטער געאַקערט, געזייט, געשניטן די פעלדער, פּראָדוצירט ווייַן און גע־שטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן שוואַרצן מאַרק, וואָס האָט צוגע־שטעלט די נאַציס מכל־טוב. נישט ווייניק רויקע פראַנצויזישע בירגער האָבן אויך קאָלאַבאָרירט מיט די נאַציס, זיי פאַרבעטן אין זייערע היימען, זיי באַזאָרגט מיט פּאַרווייַלונגען, קאָנצערטן, באַלעט־אויפפירונגען, אַפילו אָן בושה צוגעשטעלט די דייטשן באָרדעלן מיט פראַנצויזישע טעכטער.

גרויזאַם־ברוטאַל איז געווען די באַציִונג פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי כלפּי יידישע קינדער. כאָטש די פּאָליציי האָט געהאַט אַ באַפעל פון די דייטשן צו כאַפּן יידישע קינדער נישט ייִנגער פון 16 יאָר, האָבן זיי זיך געפּלייס׳ט און געכאַפּט אַ סך יידישע קינדער, ייִנגערע ווי 16 יאָר, אַפילו אין 9—10 יאָריקן עלטער און זיי אויס־געליפערט דער נאַצישער מאָרדמאַשין מיט דער גאַנצער ברוטאַלי־טעט. פון דער צווייטער זייט האָבן זיך געפונען פראַנצויזישע פּויערים, וואָס האָבן געראַטעוועט יידישע קינדער און אויסבאַהאַלטן אין זייערע דערפער, קלויסטערס און היימען, ביז זיי זענען באַפרייט געוואָרן נאָך דער מלחמה.

ווי בליצן אין דער פינצטערניש פלעגן אויפלייכטן ידיעות פון מויל צו מויל וועגן דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון גענעראַל דע־גאָל. די פראַנצויזן פלעגן זיך דערמוטיקן מיט די גבורה־אַקטן פון דער מאַקי־באַוועגונג, פון בריטישע קאָמאַנדאָס פון יענער זייט לאַמאַנש־קאַנאַל און פון פּאַראַשוטירטע גרופּן אין פעלדער און וועלדער. די געהיימע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן מיט דער בריטישער ב.ב.ס.־דינסט פון לאָנדאָן האָט גוט געדינט די פּאַריאַושטע טיילן פון דער באַפעלקערונג, זיי געמוטיקט און באַלאָדן מיט האָפענונג, אַז ס׳איז נאָך נישט סוף וועלט, דער טאָג פון באַפרייונג וועט קומען צוזאַמען מיטן חשבון פאַר די באַשעס.

די געשטאַפּאָ מיט די קאָלאַבאָראַנטן האָבן אויסגענוצט די שנאת־ישראל־העצע צו פאַרסמען און צעטומלען מאַסן פראַנצויזן: „די ,זשוויפס׳, די יידן, זענען אין אַלץ מיט אַלעמען שולדיק, זיי מיט די קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן האָבן געבראַכט די מלחמה מיט אַלע צרות און אומגליקן״. אָבער וואָס מער זיי האָבן געלעס־טערט, געפּייניקט און אויסגעליפערט יידן דער געשטאַפּאָ צום אומקום, אַלץ מער סימפּאַטיע, מיטגעפיל און שטיצע האָבן זיי דערוואָרבן ביי פראַנצויזישע אַרבעטער, פּאָלקסמענטשן און פּויערים, וואָס האָבן בדרך־כלל געלעבט מיט יידן אין פרידן און גוטער שכנהשאַפט לאַנגע, לאַנגע יאָרן. די יידן האָבן געדינט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, געשמאַכט אין געפאַנגענשאַפט אין דייטשלאַנד, אָנטייל גענומען אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אין מאַקי, קאָ־מאַנדאָס וכדומה.

ציטער מיט אומרו האָט באַהערשט די געליטענע משפחה בורזשע אָנהייב דעם פערטן מלחמה־יאָר, ווען מען האָט פאַרנומען און פאַר־שלעפּט, נישט צו וויסן ווו, זייערע גוטע, יידישע שכנים מיט זייערע פרויען און קינדער, און באַזעצט זייערע דירות מיט קאָלאַבאָראַנטן, צונויפגעבראַכטע פון די פאַרשטעט פון פּאַריז און פון יענער זייט סען.

שטיל און שטום זענען געבליבן די מאַמאַ סוז מיטן פּאַפּאַ רע־נאַרד, ווען אין אַ שיינעם טאָג איז פאַרשוווּנדן פון דער היים זייער יונגער זון פּיער, וואָס האָט ברמז אָנגעדייט זיין שוועסטער רעזשין, אַז ער גייט אַוועק צו די מאַקי׳ס ערגעץ אין פּראָוואַנס, ווייט פון פּאַריז. מאַמאַ סוז פלעגט שלוכצן אין די נעכט, נאָס מאַכן דאָס קישן צוקאָפּנס, פּאַפּאַ רענאַרד האָט אויך אויפגעהערט שלאָפן. זייער אומרו און ציטער איז נאָך גרעסער געוואָרן, בעת זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז די טאָכטער רעזשין נעמט פּעקלעך שפּייז פון זייער מאַגערן רעזערוו און טראָגט עס אַוועק אין די אָונטן ערגעץ אין אַ נאָענט הויז אין אַ מאַנסאַרדע, אונטערן דאַך, ווו ס׳לעבט די משפּחה פונעם

עלטערן מעטרא־אַרבעטער מעסיע זשאַן. ווען רענאַרד האָט זי איין מאָל געכאַפּט ביי דער האַנט, האָט ער איר גאָרנישט געזאָגט, נאָך דעם ווי ער האָט דערזען אַ גליאיקן שיין אין אירע אויגן. זי האָט אים שטיל געזאָגט אַ פּאָר אָפּגעהאַקטע זאַצן: — „פּאַר בילען, וואָס האָט זיך געראַטעוועט און באַהאַלט זיך אויס ביים מעסיע זשאַן״.

ביי נאַכט, אויפן געלעגער האָט רענאַרד אירע ווערטער איבער־געגעבן סוזן, זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, צוגעדריקט צו זיך און אַריינגעמורמלט אין אויער: — „איך ווייס, פּאַפּאַ״, מער נישט אַ וואָרט.

בילע־ביילע איז געווען זייער לאַנג יאָריקע שכנה, זי מיט איר מאַן, זשאַק בער, מיט זייערע צוויי קינדער, האָבן געוווינט טיר אין טיר מיט זיי — די בורזשעס. מעסיע זשאַק האָט פאַרמאָגט אַ קליי־נעם טענדער שטענדיק פול מיט קעסטלעך און פּעקלעך איבער־געדעקט מיט אַ ברעזענט. אין די קעסטלעך און פּעקלעך האָט זיך געפונען אַ באַוועגלעך „געשעפט״ פון ביליקער גאַלאַנטעריע און קלענער הויזגעשיר. 4 טעג אַ וואָך פלעגט ער וואַנדערן אויף די „מאַרשעס״ (מערק) פאַרהאַנדלען זיינע סחורות הויפּטזעכלעך אויף קרעדיט. די אַנדערע 2 טעג פלעגט ער מיט בילען די סחורה איינ־קויפן אין פּאַריז. אין די פרייע אָוונטן פלעגן די בערס אָפּט באַ־זוכן די בורזשעס, די מענער פלעגן שפּילן שאַך, בעת סוז מיט בילען פלעגן זיצן אין אַ ווינקל, צערעווען, שטריקן, נייען און שמועסן אין דער שטיל. פּסח פלעגן די בערס איינלאַדן די בורזשעס צו די סדרים. אין די ניטל־טעג פלעגט זיי רעזשין ברענגען שטיקער קוכן מיט זיסוואַרג, בעת בילע פלעגט זיי אין חנוכה־אָוונטן מכבד זיין מיט פּאָנטשקעס, טייגלעך און לאַטקעס. פלעגט ווער אין ביידע משפחות פאַרשלאָפט ווערן, פלעגן זיי באַזוכן די קראַנקע. בילע האָט געהיילט אַ פאַרשלאָפט קינד, פון אירע שכנים, מיט קרעפּ־טיקע היגערשע זופּ, מיט איינגעמאַכטס, מיט סלאַיקעס פלוימען־קאָמפּאָט און מיט פילן פון איר היימיש אַפּטייקל. ווינטערצייט פלעגט בילע מכבד זיין די שכנים מיט אַ פּאָר שמעקעדיקע אָראַנזשן, וואָס

איר ברודער פלעגט שיקן יעדן נאָך־סוכות פון ארץ־ישראל, אַ פולן קאַרטאָן פון צען קילאָ. סוז מיט רענאַרדן פלעגן שטענדיק באַדויערן, הלמאי די בערס זענען נישט טועם פון זייערע מאכלים מחוץ געבעק, אַ פרוכט, אַ גלאָז טיי אָדער קאַפע. בער האָט געוווּסט דעם יידישן פאַרבאָט צו טרינקען „יין־נסך״, אָבער אין דעם פרט האָט ער נישט מקפיד געווען מיט דער כונה נישט צו באַליידיקן די גוטע, קריסט־לעכע שכנים, וואָס האָבן געוווּסט, אַז די זשוויפס, די יידן, היטן אָפּ זייערע רעליגיעזע מנהגים. נישט איין מאָל האָט זיך זשאַק באַמיט מיט זיין גאַנצן כח־הדיבור איבערצייגן די בורזשעס, אַז ער מיט בילען מיאוסן זיך נישט מיט זייער'ע עסנס, חלילה! זיי היטן נאָר אָפּ די כשרות־טראַדיציעס פון זייערע אָבות אַבותיהם, נאָך אַלעמען גלויבן דאָך די יידן מיט די פראַנצויזן אינעם זעלבן בורא־עולם, נאָר יעדעס פאָלק אויף זיין שטייגער... ווען בילע מיט זשאַקן פלעגן זיך אַ מאָל פאַרגינען אַן אָוונט באַזוכן אַ יידיש טעאַטער, פלעגט די יונגע רעזשין בלייבן מיט זייערע קינדער ביז זיי פלעגן זיך צוריקקערן אַ היים. די בערס פלעגן באַגלייטן רעזשין מיט קושן און ליבשאַפט: — „אַזאַ גוטע נשמה״, פלעגט בילע זאָגן זשאַקן, „אַ וואויל מיידל״.

ס׳איז געקומען דער פרילינג 1945, ווען די מלחמה איז אויס־געלאָשן געוואָרן און געהאַט באַדעקט גאַנצע וועלט־טיילן מיט חורבות, מיט מיליאָנען קברים, מיט אויסגעלאָשענע קרעמאַטאָריעס אין פוילן, מיט גאַזאויוונס און מיט קאַצעטן מיט רעשטן מענטשן־שאָטנס, מיט קוים לעבעדיקע און גוססע יידן. די לופט פון איירשפע איז געווען געדיכט מיט יידן־אַש. די פראַנצויזן האָבן געזען אין פאַריז געגנוג גרויזאַמקייטן כלפי יידן, זיי האָבן געהערט פון דער יידישער בראָך, אָבער זיי האָבן נישט געקענט אין גאַנצן גלויבן, אַז אַזוינס, אין אַזאַ מאָס, האָט ווירקלעך פאַסירט. די פראַנצויזן אין פאַריז, ווי ערגעץ אַנדערש אין צענטראַל־פראַנקרייך, זענען געווען

פאַרנומען מיט זיך, מיט אייגענע צרות, מיט אייגענעם טרויער און פרייד. פאַריז איז באַפרייט געוואָרן. די באַשעס, וואָס האָבן פאַר־אומרייניקט די וועלטשטאָט, די צירונג פון פראַנקרייך, זענען פאַר־טריבן געוואָרן. אין דער מיליאָנען־שטאָט האָט ווער געטרויערט און ווער געהוליעט פון שמחה. די מאַרסעליעזע האָט געהילכט אין די איבערפולטע גאַסן:

ALLONS ENFANTS DE LA PATRIE, LE JOUR DE GLON EST ARRIVE. ARRIVE .... ARRIVE ....

ס'איז געווען אַ מילדער, זוניקער מיי־טאָג. פּאַפּאַ רענאַרד, מאַמאַ סוז, מיט דער טאָכטער רעזשין, האָבן עמאָציאָנירטע זיך געשפּאַרט צווישן די מענטשן־שפּאַליערן אין די גאַסן, וואָס האָבן געפירט צום נצחון־טויער. זיי האָבן זיך געשטופּט אין דער גע־דיכטעניש אויף די שפּיץ פינגער מיט פאַרריסענע קעפּ צו קענען זען די מאַרשירנדע שורות זעלנער און פראַנצויזיש־פּאַרטיזאַנישע שלאַכטלייט פון דער מאַקי. זיי האָבן געקוקט און זייערע פּנימער, אפשר וועט געשען אַ נס און זיי וועלן צווישן זיי דערקענען דאָס פּנים פון פאַרשוווּנדענעם זון, פּיער. אָבער אַזאַ נס איז נישט געשען. נאָך לאַנגע שעהען אין די צעשטורעמטע גאַסן און בולוואַרן זענען אַלע דריי, טויט מידע, פאַראומערטע, שווייגנדיק געקומען אַ היים, ווו זיי האָבן אין שליסלאָך פון דער פאַרשלאָסענער טיר געפונען אַ צעטל מיט עטלעכע שורות: — „טייערע מיינע! איך בין פאַר טאָג געקומען קיין פאַריז, כ'האָב מיך קוים אָפּגעריסן פון מיין איינ־הייט, געקומען אויף אַ ווילע אַ היים אַ'יך אַרומנעמען, ליידער געפונען פאַרשלאָסן די טיר. מיר וועלן זיך זען אפשר נאָך היינט אָוונט. נעמט אָפּ ביים קאָנסיערזש מיין רוקנזעקל מיט שפּייז. קושן אַלעמען, אייער — פּיער".

☆

10 יאָר זענען פאַרבײַ נאָכן סוף פון דער מלחמה. פּאַפּאַ רענאַרד האָט מער נישט געאַרבעט אינעם שטייעראַמט, מען האָט אים אַריי־בערגעפירט אַרבעטן אין אַ פּאָסט־אָפּטיילונג פון פּאַריז, אמת, זיין געהאַלט האָט מען געהעכערט, אָבער קיין ברכה איז אין דעם נישט געווען. די געשעפטן מיט די מערק זענען געווען איבערלאָדן מכל טוב. אַלע „סיטאַיענס"־בירגער, ווי רענאַרד, האָבן געלעבט אין דחקות מער ווי פריִער, דער פראַנק האָט מער נישט געהאַט זיין פריִערדיקן ווערט, זיינע אויבערהעמדער און בגדים זענען געוואָרן אָפּגעטראָגן, כאָטש מאַמאַ סוז האָט זיי געוואַשן און געפּרעסט, דער שניפּס — אָפּגעבליאַקעוועט, די אַרבל פון ראָק זענען אָפּגעריבן. זיין כבוד האָט אים נישט דערלויבט גיין אין מאַרק קויפן אַ ביליקן, געניצטן אָנצוג פונעם אַמעריקאַנער אימפּאָרט. די האָר אויפן קאָפּ און פּאות זענען געוואָרן מער ווייס ווי שוואַרץ, די צייט האָט אויס־געאַקערט קנייטשן אויף זיין פּנים, אונטער די אויגן זענען אויפ־געלאָפן זעקעלעך, דער גאַנג און די באַוועגונגען זענען געוואָרן געלאַסן, שווערער.

סוז האָט שוין לאַנג פאַרלאָזן דאָס עלעגאַנטע „לאַפּאַיעט"־געשעפט. זי האָט איצט געאַרבעט פולע טעג אין אַ קיך פון אַ רעסטאָראַן, צו קענען יעדן אָוונט „עפּעס" מיטברענגען אַ היים. מאַמאַ סוז האָט זיך מער נישט געקענט אַן עצה געבן מיט איר פּנים, איר היימישע קאָסמעטיק האָט נישט געהאָלפן. זי פלעגט איין מאָל אַ חודש זיך שטיל אַריינכאַפּן אין אַ דריט־ראַנגיקן „סאַלאָן דע ביוטי" אָפּצוהיטן די שפּורן פון איר געוועזענער שאָנקייט. סוז איז אויך געוואָרן שווער אויפן גאַנג, זי איז געוואָרן פול, פאַרלוירן איר פריִערדיקע שלאַנקייט. פון דער פאַרגאַנגענהייט זענען נאָר געבליבן די בלויע, מילדע אויגן.

דער זון פּיער, אַ דערוואַקסענער בחור, האָט געגנאַסן פון זיין געראַטעוועטן, יונגן לעבן, כאָטש דער יחוס פון מאַקי איז שוין

שטאַרק געפאַלן. מענטשן האָבן מער געקלערט פונעם היינט ווי פון נעכטן, איינפלוסרייכע קאָמבאַטאַנטן האָבן אים געהאָלפן אָנ־גענומען צו ווערן אין אַ מעדיצינישער הויכשול, וואָס ער האָט פאַרענדיקט און איז אַוועק סטאַזשירן אין אַ שפּיטאָל ביז ער האָט באַקומען דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם.

רעזשין האָט שוין לאַנג פאַרענדיקט איר מיטלבילדונג, זי איז אויסגעוואָקסן הויך, שלאַנק, איר לענגלעך איידל פּנים מיט דער מוטערס גרויסע, בלויע אויגן, האָט געלויכטן. איר פּנים האָבן פאַרשענערט דינע שנירעלעך ברעמען און געלאָקטע, זיידענע, שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ. דער „סאַלאָן דע ביוטי" קען אַ סך אויפטאָן! רעזשין האָט געקענט עלעגאַנט טאַנצן, זינגען. אַפילו שפּילן קלאַוויר. זי האָט געאַרבעט אין אַ רעדאַקציע פון אַ פּאַר־שפּרייטער צייטונג, געקענט שרייבן פלינק, בלינד אויף אַ שרייב־מאַשין, אויף וועלכער אירע שלאַנקע הענט און שיינע פינגער האָבן געטאַנצט איבער די אותיות ווי אויף קלאַווישן פון אַ פּיאַנאָ. איר פאַרדינסט איז נישט געווען קיין געהויבענער, פון דעסטוועגן פלעגט זי אָפּהיטן די עלעגאַנץ פון איר קליידונג, שיך און געטראָגן זאָקן פון פיינעם, דינינקן ניילאָן פון לייב־קאָליר, אַזוי אַז אַפילו עלטערע מיטאַרבעטער פון דער צייטונג פלעגן אין ביוראָ זי באַטראַכטן פרי׳ער פון אונטן אַרויף און אומגעקערט, און זי פרעסן מיט גלוס־טיקע אויגן. זייער גערייצטקייט האָט איר געשמייכלט, אָבער זי האָט פאַרהערט זייערע קאָמפּלימענטן און אויסגעמיטן זייערע איינלאַ־דונגען „אַרויסצוגיין" אַן אָוונט זיך צו פאַרוויילן.

רעזשין האָט געבליט אין איר צייטיקייט, אָבער זי איז גע־בליבן באַשיידן און צוגעבונדן צו איר שטילער היים, אַנגעטרויט דער מאַמאַ סוד אירע סודות און פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען, וואָס די מאַמאַ פלעגט ביי נאַכט אויפן געלעגער מיט רמזים איבערגעבן דעם פּאַפּאַ רענאַרד.

די משפחה בורזשע איז נישט געווען צו פרום און האָט נישט איבעריקס פאַרטראָגן גלחים, דאָך פלעגן זיי אַלע דריי צוזאַמען

אַ זונטיק און חגא באַזוכן דעם נאָענטן קלויסטער, מער פאַר לייטן ווי פאַר זיך, בעת דער זון, פיער, האָט מלחמה־צייט אין גאַנצן פאַרלוירן זיין אמונה און מער נישט באַטרעטן די שוועל פון אַ קלויסטער.

די בורזשעס זענען געווען קאַטאָליקן, זיי פלעגן טענהען צו שכנים: — „וואָס צו גאָט איז צו גאָט״, כאָטש ביים פאַפאַ רענאַרד האָט זיך מלחמה־צייט, ווי ביי אַ סך אַנדערע פון זיין שטאַנד, די אמונה שטאַרק אַ טרייסל געטאָן.

רענאַרד און סוז האָבן לעצטנס געגומען חלומען וועגן דער צייט, ווען ער, דער ראש המשפחה, וועט אַרויס אויף פענסיע, יעמאָלט וועלן זיי זיך איבערקלייבן אין אַ וויטן דאָרף אין דער פּראָווואַנס, ווו ס׳לעבן זייערע קאָרסיקאַנער קרובים, זיי וועלן זיך איינשאַפן אַ קליין הייזל מיט אַ גאָרטן, האָדעווען עופות, אפשר אויך אַ קו, באַאַרבעטן אַ טייל פון הויף, פאַרזייען גרינצייג, פאַר־פלאַנצן וויינטרויבן און אַרום דעם הייזל האָדעווען בלומען. זיי וועלן דאָרטן פאַרענדיקן זייער לעבן און קומען צו קבורה ווי זייערע אָבות אָבותיהם, זיי ווילן נישט שטאַרבן אין פּאַריז, ווער רעדט נאָך, אַז זיי זענען קאַטאָליקן, כאָטש ווי געזאָגט נישט פון די פרומע, און אין פּאַריז פאַרברענט מען דעם קערפּער פון אַ נפטר, דאָס אַש פילט מען אָן אין אַ סלאָיק, וואָס מען פאַרשטופּט ערגעץ אין אַן אונטערערדישער קאַטאַקאָמבע, ווי מען וואָלט אַלע יאָרן געלעבט אַן אַ מענטשלעך דמות, ווי אַ בהמה, וואָס ווייסט גאָרנישט, בברירר!

דער שכנטע בילע האָט אָפּגעגליקט. נאָך דער מלחמה האָבן זיך צוריק געקערט פרי׳ער זשאַק דערנאָך מינע — די טאָכטער. דעם זון חיימל, אַ יינגל פון 12 יאָר, האָבן די באָשן פאַרנומען און פאַרשיקט אין קאַצעט פון דראַנסי, פון דאָרטן — אין אַ טויט־קאַצעט קיין פּוילן, ווו מען האָט אים אומגעבראַכט. די טאָכטער האָבן גוטע פראַנצויזן אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף, ווו זי האָט זיך

אָפּגעפּונעןביים אויסלעשן זיך פון דער מלחמה. אַמעריקאַנער יידישע זעלנער האָבן זי געבראַכט קיין פּאַריז און איבערגעגעבן דעם „דזשואיש קאָמיטי”, וואָס האָט נאָך לאַנגע זוכענישן זי צוריק־געקערט אַ פֿאַרפֿרעמדטע צו דער מאַמאַ בילע און פּאַפּאַ זשאַק. די אָפּגעפּונענע טאָכטער האָט אין אַ געוויסער מאָס געלינדערט זייער טיפן צער נאָכן פאַרלוירענעם זון און געהאָלפן זשאַקן זיך צוריקשטעלן אויף די פיס. זשאַק האָט ווידער גענומען אַרויספאָרן אויף מאַרשעס אין די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער אין אַ גע־ניצטן טענדער, וואָס די „קאָמיטע” האָט אים געהאָלפן איינשאַפן. מיט דער הילף פון דער זעלבער „קאָמיטע” און ענערגישער אַריינ־מישונג פון די גוטע אַלטע פראַנצויזישע שכנים, האָט בילע'ס משפחהלע צוריק באַקומען זייער פריִערדיקע דירה, ווו די באַשן האָבן געהאַט איינקוואַרטירט זייערס אַן אינפאָרמאַטאָר פון דער פאַריזער אונטערוועלט. אַזוי אַז ביידע משפחות, די בערס און בורזשעס, האָבן באַנייט זייערע קעגנזייטיקע באַזוכן אין די פרייע אָוונטן. ווי פריִער פלעגט פּאַפּאַ רענאַרד שפילן שאַך מיט זשאַקן בעת מאַמאַ סוז מיט בילען פלעגן זיצן אויף אַ קאַנאַפּע, געשטריקט, גענייט און שטיל געשמועסט, נאָר איצט האָבן די מענער גערעדט וועגן דער נאָך־מלחמה־צייט און ביידע פרויען וועגן זייערע דער־וואַקסענע קינדער און... יקרות.

רענאַרד האָט נישט ליב געהאַט די ענגלענדער, זשאַק האָט זיי אויך פיינט באַקומען, ער האָט יעדעס מאָל געבראַכט נייע ידיעות וועגן דער אויפפירונג פון דער בריטישער מאַכט אין ארץ ישראל, וועגן זייערע נגישות, רדיפות און שפיכת דמים פון די מעפּילים, די אַנטרונענע שארית הפליטה פון די טויט־לאַגערן, וועגן אכזריות־דיקע גירושים פון געכאַפּטע מעפּיליכּ פונעם געליטענעם ארץ ישראל. די פאַסירונג מיט דער פאַרכאַפּטער שיף „עקזאָדוס” מיט אירע 2 טויזנט מעפּילים, וואָס די בריטן האָבן צוריקגעטריבן קיין דייטשלאַנד, האָט ביידן טיף אויפגערודערט. זשאַק האָט געברענט

מיט צאָרן און רעגאַרד האָט באַרעכטיקט זיין אויפברויז און צו־געגעבן:

— סי סי. איר, זשוויפס, זענט גערעכט, סי סי, אַזאַ שאַנד.

☆

נאָכן באַפרייען פּאַריז זענען אַוועק 2 יאָר מיט 7 חדשים. די גאַנצע פּרעסע איז פול געווען מיט ידיעות וועגן פאַרלויף פון דער אַסעמבלי אין לייק־סאַקסעס, ווו דער גורל פון ארץ־ישראל האָט פאַרנומען גאָר אַ חשוב אָרט. די נאַכט פון 29טן נאָוועמבער 1947 איז געווען אַ ליל־שימורים פאַר מיליאָנען יידן אין דער גאַנצער וועלט. יענע נאַכט איז זשאַק געזעסן צוגעשמידט צום ראַדיאָ־אַפּאַראַט און געשלונגען אַלע ידיעות, וועלכע ער האָט יאָ און וועלכע ער האָט נישט פאַרשטאַנען. ווי שטענדיק איז בילע געזעסן נישט ווייט פון אים מיט שפּיזלען און אַ קנויל וואָל. זי האָט געשטריקט מיט צאַפּלדיקע פינגער, וואָס זענען געשפּרונגען ווי לעבעדיקע באַשעפענישן. בילע איז געזעסן מיט פייכטע אויגן און געווען מיטגעריסן מיט זשאַקס אומרויִקער שפּאַנונג. זשאַק האָט אַלע ווײַלע איר דערקלערט יעדן פאַרשטאַנענעם זאַץ, וואָס האָט אַרויסגעהילכט פון דעם רעדנדיקן קעסטל, — „דאָס איז היסטאָריע, בילינקע, היסטאָריע", האָט ער ווי גערעדט צו זיך. ווען דער ראַדיאָ האָט ענדלעך איבערגעגעבן די לעצטע ידיעה, אַז די אַסעמבלי פון „אונאָ" האָט מיט אַ נויטיקער מערהייט באַשלאָסן יאָ, עס וועט עטאַבלירט ווערן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל, איז ער אויפ־געשפּרונגען אַ צעשויבערטער, פאַרכליניעט פון פרייד:

— בילע, בילינקע! לאָמיר מאַכן אַ שהחיינו, מיר׳ן האָבן אַ יידישע מדינה. — און מיט טרויער צוגעגעבן — אונדזער חיימל האָט עס נישט דערלעבט.

בילע האָט אַוועקגעוואָרפן די שפּיזלען מיטן וואָל און זיך גע־לאָזט אַרומנעמען פון זשאַקן און איבערגעחזרט מיט טרערן אין די

אויגן: — „זשאַק, יענקעלע מיינער, אונדזער חימל האָט עס נישט דערלעבט״.

זשאַק איז באַלד צו זיך געקומען, פאַרריכט זיין לבוש, אויסגע־גלייכט די צעשויבערטע האָר, צוגעלאָפן צו דער סערוואַנטקע, גע־כאַפּט אַ פלאַש וויין און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— ווו לויפסטו אַזוי שפּעט ביי נאַכט, ווו?

— אָנזאָגן די בשורה רענאַרדן, מאַכן אַ לחיים. מיר׳ן האָבן אַן אייגענע מדינה, וועלן מיר האָבן.

אין דער זעלבער שעה, חצות־צייט, ווען די זייטיקע פאַריזער גאַס, ווו ס׳האָבן געלעבט די בורזשעס מיט די בער׳ס, איז געלעגן ליידיק, פאַרשלאָפן, קוים באַלויכטן פון אַ פּאָר גאַסנלאָמפּן, זעלטן ווו צו זען ליכט אין אַ פענצטער, האָבן הונדערטער טויזנטער יידן פאַרפלייצט די גאַסן פון ארץ־ישראל, אַלט און יונג האָבן שטורמיש געטאַנצט און געזונגען. צעחושטע יידן, וואָס האָבן זיך קיין מאָל נישט געקענט, האָבן זיך אַרומגענומען און געקושט, פלעשער וויין זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, פון מויל צו מויל, אַפילו ברי־טישע פּאַטרול־זעלנער, פשוטע טאָמיס, זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט דער שמחה, געטומלט, מיטגעטאַנצט און געזשלאָקעט יידישן וויין. דאָס איז געווען די ערשטע שעה פון דער באַנייטער יידישער מדינה — מדינת־ישראל.

דעם 30טן נאָוועמבער 1947 איז רעזשין געגאַנגען צו דער אַרבעט אין דער רעדאַקציע ווי אַלע טאָג, עלעגאַנט געקליידט, אַ באַשמעקטע, מיט אַ רעגן־שירעמל און אַ רעדיקיול אין האַנט. זי איז געקומען צו דער ערשטער מעטראָ־סטאַנציע, ווו זי האָט זיך גענומען שטופּן אינעם געדיכטן מענטשנשטראָם פון שטענדיקע רייזנדער 7.30 פרי, ווען אַ סך מעדיניסטקעס, באַאַמטע און אַנדערע אַרבעטנדיקע מענטשן לאָזן זיך אייליק אין ביוראָען און געשעפטן,

אומגעדולדיקע נישט צו פאַרשפּעטיקן. יענעם טאָג איז אין דער רעדאַקציע געווען טומלדיקער ווי שטענדיק. די ערשטע זייט פון דער פרימאָרגן־צייטונג איז שוין געווען פאַרשפּרייט אין פּאַריז ווי אַ „באַזונדערע אויסגאַבע". די אויסגאַבע איז דערשינען מיט קעפּ און אונטערקעפּ מיט דיקן שריפט, גרויסע אותיות מיט פעטע, רויטע אונטערליניעס. די צייטונג איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט: — „אַ יידישע מדינה", אַ גרויסע נייס פאַר עמאַנציפּירטע יידן, ווי פאַר נישט ווייניק נישט־יידישע לעזערס. פראַנצויזישע מיטאַרבעטער האָבן געדריקט די הענט יידישע קאָלעגן, זיי פריינדלעך באַגריסט און זיך צוריקגעקערט יעדער צו זיין שרייבטיש. רעזשין האָט שוין געוווּסט פון דער ידיעה פונעם ביינאַכטיקן טומל אין איר היים, ווען זשאַק האָט זיך אַריינגעריסן אַ צעפּלאָמטער מיט אַ פלאַש ווײַן אַרומצוכאַפּן דעם פּאַפּאַ רענאַרד, וואָס איז געשטאַנען אַ צעשמייכלטער אין מיטן צימער אין דער פּידזשאַמע: — „אַ יידישע מדינה". רעזשין האָט זיך נישט אַזוי שטאַרק איבערגענומען מיטן רעש, זי האָט דאָך געאַרבעט אינעם טיגל פון די ידיעות, וואָס זי פלעגט טאָג־טעגלעך אויפנעמען מעכאַניש פון טעלעפּרינטער. ווען אַ יידיש מיידל, אַ טייפּיסטקע, האָט איר אויפגעקלערט דעם באַדייט פון דער ידיעה האָט זי עס קוים באַגריפן. ווי איר פאָטער האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ אַ צעשמייכלטע אויסגעשטרעקט איר האַנט צום מיידל: — „סי, סי, ס'איז גראַנד. אונדזער יידישער שכן האָט ביי נאַכט אַרויסגעהויבן דעם פּאַפּאַ פון בעט, ביידע האָבן זיך אַרומגענומען און צוזאַמען מיט דער מאַמאַ געטרונקען ווײַן, סי, סי, גראַ־טוליאַסאַנס".

חדשים לאַנג שפּעטער, פלעגן זשאַק מיט רענאַרדן אַרומרעדן דעם נייעם „גיער" — די יידישע מלחמה מיט די אַראַבישע איינ־וואַדאָרן אין דער נאָר וואָס עטאַבלירטער יידישער מדינה, וואָס פראַנקרייך האָט אַנערקענט ווי אַלע גרויסמאַכטן. די מלחמה איז חדשים שפּעטער אויסגעלאָשן געוואָרן מיטן נצחון פון די „זשוויפס" אין „איסראַעל".

די משפחה בורזשע איז געווען פאַרנומען מיט רעזשינס אַן אויספלוג אין עטלעכע לענדער ביי די ברעגעס פונעם מיטללענדישן ים. דערויף האָט זי אויסגעגעבן אירע אָפּשפּאָרונגען פון די לעצטע פּאָר יאָר מיט נאָך אַ מטבע, וואָס די גוטע מאַמאַ סוז האָט דערלייגט פון איר קניפּל. דער אויספלוג האָט געדאַרפט באַזוכן איטאַליע, גריכנלאַנד, דעם אינדזל ציפּערן און ישראל. רעזשין האָט געפּיבערט, אַלע אירע מחשבות זענען געווען פאַרנומען מיטן שפּאַציר. די פּראָס־פּעקטן מיט די פּרטים פונעם אויספלוג, וואָס זי האָט באַקומען, האָט זי שוין געקענט אויף אויסנווייניק, דאָס נעמלעכע אירע עלטערן. וואָרום אָט די טעמע איז געוואָרן די אַקס אַרום וואָס ס'האָבן זיך געדרייט אַלע היימישע שמועסן צווישן זיך און מיט די יידישע שכנים בעת זייערע באַזוכן, ביז זיי האָבן באַגלייט רעזשינען צו דער באַן־סטאַנציע „גאַרד", פון וואַנען דער אויספלוג איז אַרויס־געפאָרן צו דער שיף קיין מאַרסעל.

☆

אין די האַרבסט־חדשים 1956 האָבן ביידע משפחות, די בורזשעס און די בערס, ווידער געפּיבערט. אַלע צייטונגען אין פּאַריז פלעגן יענע צייט דערציילן וועגן בלוטיקע מעשים פון אַראַבישע „פעדאַיון"־טעראָריסטן אין די גרענעץ־געגנטן פון דער יונגער „עטאַט איס־ראַעל". די טעראָריסטן פלעגן באַפאַלן און מאָרדן פרידלעכע יידן אויף פעלדער און וועגן, נישט אויסגעמיטן זקנים, פרויען און עופעלעך ביי דער מוטערס ברוסט. זיי פלעגן אונטערלייגן אויפ־רייסשטאָף באַהעפט מיט צייטזייגערס אונטער בנינים, אויף אויטאָ־בוסן־סטאַנציעס, אויסנוצן פינצטערע נעכט אַריינצושיסן אין פענצ־טער פון הייזער אין ווייטע דאָרפישע ישובים. די צייטונגען האָבן דערציילט ווי אַזעלכע טעראָריסטישע רוצחים האָבן אַריינגע־שליידערט אַ באָמבע אין אַ ישיבה, ווו יינגלעך האָבן שטודירט תלמוד און געלערנט תורה. דאָס בלוט פון די דערמאָרדעטע ישיבה־

בחורים האָט באַנעצט די גמרות, וואָס זיי האָבן געלערנט און באַשפּריצט די ווענט, בענק און טישן. די צייטונגען פלעגן דער־ציילן וועגן שטראָף־עקספּעדיציעס פון ישראלים אין געסטן ווו די „פעדאַיון״ פלעגן זיך אויפהאַלטן.

די צייטונגען האָבן געשריבן וועגן אַ שווערן סכסוך, וואָס ס׳האָט זיך פאַרוויקלט צווישן ענגלאַנד־פראַנקרייך מיט מצרים, נאָך דעם ווי דער דיקטאַטאָר נאַסער האָט אין חודש סעפּטעמבער, יענעם יאָר, רעקוויזירט דעם אינטערנאַציאָנאַלן סועץ־קאַנאַל, אַרויס־געטריבן די ענגלישע נאַוויגאַטאָרן און אויף זייער אָרט געבראַכט סאָוויעטישע צו קערעווען מיט די שיפן פון אייראָפּעישע לענדער, וואָס קורסירן דורכן קאַנאַל נאָכן באַצאָלן שווערע אָפּצאָלן פאַרן דורכפאָר. די פאַרריסענע מצרים האָבן צעשמעטערט דעם דענקמאָל פון פראַנצויזישן אינזשיניער פערדינאַנד לע־סעפּס, דער וואָס האָט מיט הונדערט יאָר צוריק פּלאַנירט ווי צו פאַרבינדן דעם מיטל־לענדישן ים מיט אַ קאַנאַל צום רויטן ים, — דעם ים־סוף. לע־סעפּס האָט געשאַפן די נויטיקע מיטלען, אויסגעבויט און אויסגעגראָבן דורך מדבר סיני אַ 160 קילאָמעטער לאַנגן קאַנאַל, וואָס האָט פאַר־קירצט אויף טויזנטער קילאָמעטערס די ים־שטרעקעס פון ענגלאַנד און פראַנקרייך צום ווייטן מזרח, אויסטראַליע, צום אינדישן אָקעאַן, צו אַפריקע וכדומה. די מצרים פלעגן דורכלאָזן דורכן רעקוויזירטן סועץ־קאַנאַל אַלע שיפן מחוץ פון ישראל. נאָך מער, זיי האָבן אַפילו פאַרווערט דורכפירן סחורות פאַר ישראל זיי אָפּצולאָדן אין אילת אויפן ברעג פון ים־סוף, סחורות, וואָס ס׳פלעגן פירן נישט־ישראל־שיפן. די צייטונגען אין פאַריז האָבן געשריבן ווי עס קוועלט אַן דער צאָרן קעגן מצרים מצד די ענגלענדער און פראַנצויזן, וואָס קענען נישט משלים זיין מיטן רעקוויזירן דעם קאַנאַל, דעם אינ־טערנאַציאָנאַלן ים־וועג. אַוודאי האָט אַזאַ צאָרן אַנגעקוואָלן אין ישראל, וואָס האָט חוץ דעם מערדערישן טעראָר פון די „פעדאַיון״, געשטיצט פון מצרים, אויך געליטן פון פאַרשפאַרן דעם סועץ פאַר

אירע שיפן און רעקוויזירן סחורות, וואָס פרעמדע שיפן פלעגן פרור־בירן דורכפירן דורכן קאַנאַל פאַר ישראל.

יענע אומעטיקע אָוונטן פלעגט דער שאַכשפּיל צווישן רענאַרדן מיט זשאַקן אָנגיין שווערלעך. די ידיעות וועגן פראַנצויזיש־ענגלישע צוגרייטונגען צו באַפרייען דעם סועץ האָט באַאומרויקט ביידע משפחות, ווייל אַזוינס האָט געמיינט מלחמה. זיי האָבן די נייע מלחמה־סכנה פאַרבונדן מיט ידיעות, אַז מדינת־ישראל וועט נישט בלייבן גלייכגילטיק צו אַזעלכע פאַרוויקלונגען, נישט האַלטן די הענט אין קעשענעס, מדינת־ישראל וועט רעאַגירן, וואָרום דאָס פאַרגאָסענע יידיש בלוט איז נישט קיין וואַסער. אַזוי איז צייטיק געוואָרן די סיני־אַקציע, די צווייטע מלחמה צווישן ישראל מיט מצרים אין האַרבסט 1956.

זשאַק מיט בילען האָבן יענע צייט אין גאַנצן געלעבט מיט ישראל. בילעס ברודער, וואָס שיקט איר יעדן האַרבסט אַ קאַרטאָן שמעקעדיקע אָראַנזשן, האָט נישט אויפגעהערט פאָדערן, אַז זי מיטן מאַן און מיט דער טאָכטער מינע זאָלן עולה זיין קיין ישראל. ביז זיי וועלן זיך איינאָרדענען וועט ער זיך טיילן מיט זיי מיט זיין היים, ער וועט זיי העלפן געפינען אַ דירה מיט פּרנסה. ווי זיי ווייסן איז ער אַ געשטראָפטער, ער האָט נישט קיין קינדער, דער אויבערשטער האָט אים נישט באַשאָנקען מיט אַזאַ גליק, מען ווערט עלטער, און ווי ער האָט זיי אָנגעדייט, „נאָך 120״, זענען זיי זיינע יורשים. די משפחה פון זיין פרוי שושנה איז אומגעקומען אינעם נאַצי־גהינום בעת דער וועלט־מלחמה, זי איז אויך, אַליין, אָן נאָענטע קרובים.

בילע מיט זשאַקן האָבן שווער באַנומען זיינע רייד, וואָס זענען גראָדע יאָ געווען צום האַרצן זייער טאָכטער מינע. די לעצטע צייט האָט זיך מינאַ אויסגעלעבט אין אַ ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין פּאַריז, ווו זי האָט פאַרבראַכט אירע אָוונטן, שבתים און ימים־טובים, זי האָט זיי נישט צורו געלאָזט און געפאָדערט, אויב נישט זיי, טאָ זאָלן זיי איר דערוויל לאָזן פאָרן צו גאַסט צום אָנקל אין

חיפה, דערנאָך וועלן זיי זען. נישט איין נאַכט האָבן בילע מיט זשאַקן שטיל אַרומגערעדט דעם פאַרלאַנג פון זייער איינציקער טאָכטער, אַ מיידל, וואָס האַלט שוין ביי 18. נדן האָבן זיי פאַר איר פאַרגרייט, וואָס וועט זיין איר תכלית? ווי לאַנג וועט זי זיך אַרומדרייען אַלס שיק־מיידל אין אַ געשעפט פון גאַלאַנטערי׳ע, ווו זי פאַרדינט אפילו נישט גענוג אויף אַ בגד, אויף אַ פּאָר שיך? זשאַק פלעגט איר ענטפערן מיט אַ האַלב מויל:

— וואָס פאַלט דיר איין, בילע? וואָס פאַר אַ צעלייגער איז דאָרטן דיין ברודער? מ׳שטיינס געזאָגט, ווי קען ער אונדז העלפן, בעת ער פאַרדינט אַוודאי קוים פאַר זיך מיט זיין פרוי. ער איז דאָך נישט מער ווי אַ שלאָסער, אַן אינסטעליאַטער, וואָס פאַרריכט קאַליע געוואָרענע קראַנען. וואָס? אַ גביר איז ער, אַ גביר?

אָבער בילע האָט אים נישט צורו געלאָזן מיט אירע טענות וועגן תכלית פאַר דער איינציקער טאָכטער, וואָס האָבן איר גע־עגבערט. אַזוי ווי איר ברודער האָט, ווי אַ פּשרה, פאַרזיכערט די רייזע־הוצאות פון מינעס אַ נסיעה קיין ישראל, דערוויל צו גאַסט, זענען זיי מושווה געוואָרן זי לאָזן פאָרן צום אָנקל צו גאַסט אויף סוכות.

אַ גליקלעכע איז מינע געפאָרן. ביים געזעגענען זיך האָט זי צוגעזאָגט, אַז זי וועט שרייבן אַלע טאָג אַ בריוו, און באַלד נאָך יום־טוב וועט זי זיך צוריקקערן קיין פּאַריז. זייער היים איז ליידיק געוואָרן. זשאַק מיט בילען האָבן שטאַרק געבענקט נאָך דער טאָכ־טער. אין די נעכט האָבן זיי זיך נישט געפונען קיין אָרט אויף די געלעגערס.

מינע האָט געהאַלטן וואָרט. אמת, לכתחילה האָט זי געשריבן יעדן טאָג אַ בריוו, אָבער ביסלעכווייז האָט זי גענומען שרייבן צו זיי צוויי מאָל אַ וואָך. פון אירע בריוו זענען זיי געוואָר געוואָרן, אַז בילעס ברודער איז עפּעס מער ווי זיי האָבן זיך פריִער פאָר־געשטעלט. ער וווינט אין אַ שיינער, רחבותדיקער דירה אויפן כרמל. אין פּאַריז, ווו זי פלעגט אַריינגיין, איז איר נישט אויסגעקומען צו

זען אַזעלכע שיינע דירות מיט אַזאַ אויסשטאַטונג. ווייזט אויס, אַז דער אָנקל איז אַ גוט סיטואַרטער, ער איז גאָר נישט קיין „אינס־טעליאַטער", נאָר — קבלן אדון בנימיני, וואָס האַלט אויס אַ גרויסן „סטאַזשער", אַ ווארשטאַט, אַ גאַנצע פאַבריקאַציע פול מיט מאַ־שינען און געצייג, ער איז חלילה נישט אַזאַ דלפון, ווי פּאַפּאַ זשאַק שטעלט זיך פאָר, אומגעקערט, „ער גייט אין גאָלד", ער שטעלט איין וואַסער־אינסטאַליאַציעס אין נייע הייזער, וואָס בויען זיך אויף שריט און טריט, — הויכע, פיל שטאָקיקע בנינים, עס אַרבעטן ביי אים אַן אָנדערטהאַלבן צענדליק מענטשן. אַליין גייט ער אויסגעפּוצט, ווי די מאַמאַ זאָגט: — „אין עסיק און האָניק". אַ מיידל העלפט אים פירן זיינע חשבונות און שרייבן בריוו. ער האָט צו טאָן נאָר מיט בוי־אונטערנעמערס, מיט וועקסלען און בענק, מיט אינזשינירן און פקידים, מען זעט אים ווייניק אין דער היים, אויף וואָס די טאַנטע שושנה באַקלאָגט זיך.

„די טאַנטע שושנה איז אַ גראַנד דאַמע, זי פירט די הויז־ווירטשאַפט מיט דער הילף פון אַ פרוי, וואָס טוט אַלע „שוואַרצע" אַרבעטן. אין פראַנקרייך רופט מען אַזאַ הויז מיט אַזאַ פיינעם גאָרטן אַרום, — אַ „ווילע". אַ פּאָר מאָל אַ וואָך קומט אַן אַראַבישער גערטנער זיך פאַרנעמען מיט די בוימער, מיט די בלומענבייטן, פּוצן, באַשניידן און באַוואַסערן. אַ צווייטער עלטערער מענטש ראַמט און היט די ריינקייט פונעם גאַנצן הויף". אַזוי האָט מינע געשריבן די עלטערן אין פּאַריז.

שפּעטער זענען אירע בריוו געוואָרן קירצער און ווייניקער, — איין בריוו אין 2—3 וואָכן. מינע האָט באַשריבן אַלע נפלאות פון ישראל, וואָס זי זעט פון כרמל אַראָפּ, און פון שפּאַצירן. זי האָט געשריבן פון די שיינע, פּערסישע גערטנער מיטן מקדש פון די בעהייער, וואָס טראָגט אַ באַגילדעטן קופּאָל. דער מקדש איז פול מיט ווונדערלעכע טעפּיכער, מיט גרויסע וואַזעס שטענדיק פול מיט פרישע, לעבעדיקע בלומען, וואָס באַצירן יעדעס ווינקל און דאָס קבר פון נביא. און ביים אַריינגאַנג פון אַט דעם מקום־קדוש מוז

יעדערער אויסטאָן די שיך. מינע האָט געשריבן ווי די כרמל־שטאָט זעט אויס, ווי אירע גאַסן שטייגן ווי טרעפּ פונעם כרמל אַראָפּ ביז אין דער נידער צום ים. די הייל פון אליהו הנביא געפינט זיך גאָר הויך אויפן באַרג אונטער אַ לייכטטורעם, וואָס באַוויזט די שיפן ווו אַריינצושווימען אין די נעכט אינעם האַפן.

אין זאַך האָט מינע פאַרפעלט דערמאָנען, אַז זי איז פאַרליבט בלב ונפש אין אַ סטודענט, אַ זון פון דער טאַנטע שושנהס אַ באַקאַנטן, וואָס קומט זיי באַזוכן. ער לערנט אינזשיניער, זי גייט אַרויס מיט אים שפּאַצירן אָדער זיך פאַרווײַלן אין זײַנע פרייע אָוונטן. יאָ, בילעס ברודער רופט זי „דוד יוסף", די טאַנטע „דודה שושנה", ביידע שטערן איר נישט טאָן וואָס זי וויל, צווישן זיך האַלטן זיי, אַז איר חברשאַפט מיטן סטודענט איז אַ „גלייכע זאַך", הלוואי זאָל דערפון זיך עפּעס אויסלאָזן וועט עס זיין פאַר איר אַ גליק...

ערגער האָבן זיך געפילט די בורזשעס. זייער היים איז אויך ליידיק געוואָרן, צייט רעזשין האָט זי פאַרלאָזן אַ יאָר שפּעטער נאָך איר אויספלוג אויפן מיטללענדישן ים, נאָכן באַזוכן איטאַליע, גריכנלאַנד, ציפּערן און ישראל. רעזשין האָט זיך צוריקגעקערט אַ צעטראָגענע און גאַנצע אָוונטן זיך פאַרנומען מיט שרייבן בריוו. זי איז צוריקגעקומען באַלאָדן מיט איינדרוקן פון דער ערשטער נסיעה אין איר לעבן אויף אַ שיף. זי פלעגט זיך פאַרכלינען ביים איבערגעבן אירע רייזע־איינדרוקן, וואָס האָבן ביי אירע עלטערן אַרויסגערופן אייפערזוכט צו זייער פאַריז, — „די שענסטע שטאָט אין דער וועלט".

— נו, נו רעזשין — פלעגט איר פּאַפּאַ רענאַרד נישט איין מאָל איבערשלאָגן די רייד, — ווו נאָך אין דער וועלט איז פאַראַנען אַזאַ לוווּר, אַזאַ אָפּערע, אַזאַ שאַנס ד'עליזיי, אַזאַ אַרק דע טריומף. אַזאַ ליוקסעמבורג־מוזייאום און פּאַרק, אַזאַ פּאַנטעאָן, אַזאַ „פּאַלע דע

שאַיאָ״, אַזאַ אייפעל־טורעם, אַזעלכע „בואָס״, אַזאַ סען, אַזאַ „נאָטר־דאַם״.

— אַזאַ ווערסאַל, וואָס איז אַ טייל פון פּאַריז, אַזאַ און אַזאַ און נאָך אַזעלכע — פּלעגט אים זשאַק קומען צו הילף.

— איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגלייכן די מוטנע וואַסערן פון וועניס (וועניציע) צו אונדזער שטראָמיקן סען, זיכער נישט די חורבות פון אַקראָפּאָליס אין אַטען צו דער פּראַכט פון אונדזערע פּאַלאַצן אין ווערסיי.

— „אָליאַ״ — פלעגט זיי איבערשלאָגן מאַמאַ סוז, — כאַפּט נישט אַריבער די מאָס, פאַרגעסט נישט רוים מיט איר פּראַכט.

— סי, סי מאַמאַ, צופיל גלחים אין רוים.

פלעגט זיך אַנצינדן רעזשין: — פּאַפּאַ, ווו האָסטו געזען אַזאַ פּראַכט, גאָט האָט פאַרטיילט זיין שיינע גאָב צו ביסלעך אַלע לענדער.

אַזוי פלעגן זיי שמועסן לאַנגע אָוונטן נאָך רעזשינס צוריקקער פונעם אויספלוג, און דערווייל אויסגעליידיקט אַ פלאַש וויין, נאָר ביים דערמאָנען איסראַעל, דזשערוזאַלעם מיט איר קדושה, נצרת, חיפה מיטן מאָונט־כרמל, פלעגט רעזשין אַראָפּלאָזן די אויגן און שטאַמלען נישט וויליק, וואָרום איסראַעל האָט פאַרקערפּערט אַ יונגן שיפס־אָפיציר, ניסאָן, מיט וועמען זי האָט זיך באַגעגנט אויף איר ים־רייזע דעם צווייטן אָוונט, ווען זי האָט זיך געפונען אויפן דעק פון שיף און זיך אָנגעהאַלטן אָן אַ פאַרענטש. יענעם אָוונט האָט זי זיך געפילט שלעכט, די שיף האָט זיך שטאַרק געוויגט, זי האָט זיך געקוויקט מיטן ווינט, וואָס האָט געקילט איר פּנים און זיך געשפּילט מיט אירע געלאָקטע שוואַרצע האָר. זי האָט נישט געזען נישט דעם סאַמעטענעם הימל מיט די פינקלדיקע שטערן, נישט די דאָלפינען, וואָס האָבן זיך געקוילערט און אַרומגעשפּרונגען אַרום שיף אין שוימיקן וואַסער. די ישראל־שיף האָט געאַקערט דעם ים אינעם בלייכן לבנה־ליכט, — „מאָן דיעי״!. ס׳איז איר נישט גוט, דער קאָפּ האָט געשווינדלט, זי האָט נישט געמערקט ווי עס האָט זיך שטיל דערנענטערט צו איר אַ שיפס־אָפיצער אין ווייסן, אין

אַ היטל מיט אַ דאַשעק באַזוימט מיט גאָלדענעם גאַלויך, מיט אַזעלכע שטרייפן גאַלוין אַרום די מאַנזשעטן פון די אַרבל פון זיין מונדיר. זי האָט דערפילט אַ לייכטן באַריר פון זיין האַנט און געהערט זיין געלאַסענע שטים:

— פאַרדאָן, מאַדמואַזעל, מיט וואָס קען איך אייך העלפן?

רעזשין האָט זיך אַ צאַפל געטאָן, שאַרף אויסגעדרייט איר פנים צום יונגן מאַן און זיך געלאָזט פון אים אַריינפירן אין העל באַ־לויכטענעם גאַסטזאַל אויפן צווישנדעק, וווּ מוזיק האָט געשפּילט. פּאָרלעך האָבן געטאַנצט, אַרום ווייס גֶעדעקטע טישלעך זענען גע־זעסן עלעגאַנטע פּרויען מיט שווייגנדיקע מענער אין גאַלאַ־קליי־דונג. זיי האָבן פּאַמעלעך געזופּט משקה מיט קליינע שלוקן.

אין זאַל האָט זיך דער אָפיצער לייכט פאַרנויגט פאַר רעזשינען און זיך פאָרגעשטעלט:

— ראַדיאָ־אָפּעראַטאָר, ים־אָפיצער ניסאַן פון איסראַעל. — ער האָט זי עלעגאַנט צוגעפירט צו אַ טישל, געבעטן זיך זעצן און געזאָגט בלחש: — ס'איז גאָרנישט, מאַדמואַזעל, איך וועל ברענגען אַ פּיל צום שלאָפן, דער ים איז אַ ביסל אומרויִק. איר לײדט פון ים־קראַנקייט. מאָרגן פרי וועט איר אויפשטיין פריש און געזונט. פאַרדאָן, איך קום באַלד צוריק.

ער איז אַוועק, באַלד צוריקגעקומען מיט אַ פּיל אין האַנט, וואָס ער האָט איר דערלאַנגט און זיך פאַרנויגט. נאָך דעם האָט ער זיך אויסגעגלייכט. ער האָט נישט געקענט זיך אָפּרייסן פון אירע גרויסע, בלויע אויגן און פאַררויטלט פנים. רעזשין האָט אים איצט אָנגעקוקט מיט מער צוטרוי און אויך נישט געקענט אַוועק־נעמען די אויגן פון זיין צעשמייכלט פנים, אָבער ער האָט זיך ווידער פאַרנויגט, געזאָגט „באָן סואַר׳, פאַרדאָן, מאַדמואַזעל, איך האָב היינט נאַכטדינסט" און ער איז אַוועק. נאָך אַ מאָל געוואָרפן אויף איר זיינע בליקן ביים אַרויסגאַנג.

פון דער צופעליקער טרעפונג אויף דער שיף האָט זיך ביס־לעכווייז אויסגעשפּינט אַ נאָענטקייט צווישן ביידן. זיי האָבן זיך

גענומען טרעפן אין זיינע פרייע שעהען. די נאָענטקייט איז געוואָרן אינטימער. רעזשין האָט חוץ אים אויפגעהערט זען אַלעמען אַרום. אַפילו אירע נאָענטע חברטעס, וואָס זענען געפאָרן צוזאַמען מיט איר אויפן אויספלוג. וועֶר פון זיי האָט זי מקנא געווען, ווער גע־קיבעצט און גענומען אייפערזיכטיק נאָכפאָלגן אירע טריט. זיי פלעגן זיךביידע טרעפן, זיך זעצן אין אָנלענשטולן אויפן דעק און שטיל שמועסן. רעזשין האָט אים ביסלעכוויין פאַרטרויט איר לעבנס־גאַנג, דערציילט פון איר ברודער, עלטערן און נאָענטע. דערציילט פון דער רעדאַקציע, ווו זי אַרבעט אַלס ביוראַליסטין. אַנשטאָט „מעסיע אָפיסער", האָט זי אים גענומען רופן — „ניסאַן", בעת ער, אַנשטאָט „מאַדמואַזעל", האָט איר גענומען רופן פשוט „רעזשין". צווישן זיך האָבן זיי גערעדט ענגליש, ווייל ער האָט ווייניק גע־קענט פראַנצויזיש.

דעם לעצטן אָוונט פון דער נסיעה האָבן ביידע געוואַגט זיך צוטוליען ערגעץ אין אַ ווינקל אויפן דעק, ווייט פון נייגעריקע אויגן. ער האָט איר אויך עפּעס דערציילט פון זיין לעבן, פון זיין אַרבעט אויף דער ישראל־שיף, וואָס קורסירט הין און צוריק פון חיפה קיין מאַרסעל מיט לאַדונג, פּאַסאַזשירן און טוריסטן פון מיטלקלאַס, דערוואַקסענע, יוגנט, סטודענטן, וואָס פאָרן פאַר פאַרביליקטע פרייזן אין פּריער צוזאַמענגעשטעלטע גרופּן מצד די רייזע־ביוראָען.

רעזשין מיט ניסאַנען האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט. זיי האָבן זיך געבאָדן אין ליכט פון די אויגן און נישט געקענט זיך אָפּרייסן איינער פון צווייטן, ביז זיי האָבן דערפילט אַ באַגער אָט דאָ זיך געזעגענען ביחידות, וואָס וועט מאָרגן נישט זיין באַקוועם אַלעמען אין די אויגן אינעם האַרמידערביים פאַרלאָזן די שיף. אָן ווערטער האָבן זיך ביידע שטאַרק אַרומגענומען, דערפילט איינער דעם צווייטנס וואַרעמקייט, ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגעשמאָלצן אין איין גוף. זיי האָבן באַדעקט איינער דעם צווייטנס פּנים מיט גליי־איקע קושן. ביי דער טיר פון קאַבינע האָט ער איר געגעבן זיין אַדרעס און געבעטן באַזוכן זיין היים, בעת דער טור וועט פאַרוויילן

אין חיפה. זי וועט מוזן געפינען אַ תירוץ, אַ געלעגנהייט זיך אָפּ־צורייסן פון דער גרופּע און אים באַזוכן. ער בלייבט אַ וואָך אין דער היים אויף אָפּרו, ווו ער ווינט צוזאַמען מיט זיין מוטער — אַן אַלמנה. ער וועט אַלץ דערציילן וועגן איר. זי וועט זיין אַן אָנ־געלייגטער גאַסט. ער איז אַלץ, וואָס זיין מוטער האָט איצט אין איר לעבן. ער איז זיכער, אַז זי וועט זיין צופרידן מיט איר זונס גאַסט.

☆

ניסאַנס פאָטער איז געווען אַ זון פון מיוחסדיקע, אַסימילירטע, גוט־סיטויִרטע עלטערן, אַ וואַרשעווער משפחה פון דור־דורות. די אמא פרידאַ איז געווען אַ חסידישע טאָכטער, וואָס האָט גע־ענדיקט אַ פוילישע מיטלשול. זי האָט זיך געחברט מיט פויליש רײדנדיקע מיידלעך, יידישע און קריסטלעכע. אין זייער מחיצה האָט זי נישט איין מאָל געפילט איר אָפּשטאַם, כאָטש צווישן זיי איז זי נישט געווען די איינציקע חסידישע טאָכטער. בשעת־הדחק, ווען די ווינטן פון דרויסנדיקער, אַנטיסעמיטישער אַטמאָספער פלעגן דערגרייכן די גימנאַזיע, האָבן זיך די יידישע מיידלעך געהאַלטן צוזאַמען און פאַרגעסן זייער היימישן יחוס, — טעכטער פון יידישן מיטלקלאַס און פון בעסער סיטויִרטע שיכטן, וואָס האָבן זיך גע־ריסן צו וועלטלעכער מיטל־בילדונג צו קענען דערגרייכן אַן אוני־ווערסיטעט, אַ שטעג צו אַ העכערן תכלית. די טעכטער האָבן ווײ־ניקער געפילט די נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע ווי די זין. נישט ווייניק פון זיי זענען געווען באַווירקט פון נאַציאָנאַל־ציוניסטישע שטימונגען. זיי פלעגן זיך אָרגאַניזירן אין שולקרייזן און היציק דיסקוטירן מיט אַנדערע אַזעלכע געמישטע קרייזן פון יידיש־פּוי־לישע שילער,באַווירקטע פון קאָמוניזם און סאָציאַליזם, וואָס פלעגן זיך נישט איבעריקס פריינדלעך באַציִען צו זייערע יידישע, בונ־דיסטישע, אַפילו יידיש־קאָמוניסטישע שול־חברים.

ניסאַנס פֿאָטער, סטעפֿאַן, איז נישט דערגאַנגען צו אַן אוני־ווערסיטעט מחמת דעם פּריציייטיקן טויט פֿון זיין פֿאָטער. דאָס האָט אים געצווונגען אַריינדרינגען אין פֿאָטערס געשעפֿטן. ער איז געווען אַן איינציקער זון צווישן צוויי שוועסטערס. בלית־ברירה האָט ער געמוזט זיך איינשפּאַנען אין עול פֿון אויסהאַלטן די משפּחה. מיט דער צייט האָבן די שוועסטערס חתונה געהאַט און ער איז געבליבן אַליין מיט דער מוטער. די יידישקייט פֿון פֿאָטער פֿלעגט זיך פֿריער אויסדריקן אין גיין מיט דער מוטער פּסח צו די סדרים ביי קרובים, אין די ימים־נוראים אין באַזוכן די שול אויף טלאָמאַצקע גאַס צו יזכור און קדיש־זאָגן. דערביי האָט ער נישט פֿאַרשטאַנען קיין וואָרט פֿון דעם געזאָגטן, וואָס אַ קרוב האָט פֿאַרשריבן מיט לאַטייניש אותיות אויף צעטלען אַריינגעקלעפּטע אין אַן אַלטן ירושה־סידור, איינגעבונדן אין שוואַרץ געוואָרענע זילבערנע טאָוועלעך.

אויף דער חתונה ביי דער עלטערער שוועסטער האָט זיך סטעפֿאַן געטראָפֿן מיט אירער אַ געוועזענער שול־חברטע פּאַננאַ פֿרידאַ. זיי האָבן זיך פֿאַרליבט פֿונעם ערשטן בליק און זיך אַרומגעפֿירט לאַנגע אָוונטן, וואָרום ער איז נישט געווען אַנגעלייגט ביי איר חסידישער משפּחה. מען האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ „גוי גמור", וואָס קען נישט אַ שייטל עברי, רעדט אַ לשון, וואָס איז מער פּויליש ווי יידיש און צו אַלע מעלות טראָגט ער דעם גויאישן נאָמען „סטעפֿאַן".

סטעפֿאַנס מוטער ווידער האָט נישט פֿאַרטראָגן די פּאַננאַ פֿרידאַ. זי איז געווען אין אירע אויגן „צו פּראָסט", אַ מיידל נישט פֿון איר יחוס, נישט פֿון איר געזעלשאַפֿט. דאָס יונגע פּאָרל האָט לאַנג נישט געבריייעט און אַ יאָר שפּעטער חתונה געהאַט אין דער שטיל, געפּראַוועט אַ באַשיידענעם אָוונט־מאַלצייט ביי זיין עלטערער שוועסטער, — די איינציקע מחותנתטע, אַפֿילו אָן זיין מוטער. נאָך דער חתונה האָבן זיי געדונגען אַ קליין דירהלע און געוואָרן זעלבסטשטענדיק. ער פֿלעגט נאָך אַ מאָל באַזוכן זיין מוטער, בעת זי, פֿרידאַ, פֿלעגט זיך טרעפֿן מיט איר מוטער ביי קרובים. פֿרידעס

פּאָטער איז געווען אַן עקשן, ער האָט איר נישט געקענט מוחל זיין איר ווידערשפּעניקן זיין ווילן און חתונה האָבן אָן זיין הסכמה. ער האָט איר נישט געגעבן דעם נדן. די מוטער האָט אַ לענגערע צייט אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט באַקאַנטע און משפּחה. זי האָט זיך געפילט באַליידיקט און שווער געטראָפן: איר פרידאַ האָט חתונה ווי אין באַהעלטעניש, אָן דער הסכמה פון די עלטערן, אָן קרובים, אָן מחותנים, אָן שכנים מיט וועמען מען לעבט יאָרן לאַנג טיר אין טיר. וואָס האָט זי באַגנבעט, וואָס? אָבער אַ יידישע מאַמע בלייבט אַ מאַמע, לעשט איר כעס און ווייטאָג. שטילערהייט האָט זי איר געגומען אויסהעלפן פון אירס אַ פאַרבאָרגן קניפּל. מער האָט זי גאָרנישט געקענט טאָן.

סטעפאַן איז געווען צו נאַיוו צו זיין אַ גוטער סוחר. זיין פּאַ־טערס שותפים זענען מיט דער צייט פון אים פּטור געוואָרן. זיי האָבן אים אויסגעצאָלט אַ געוויסע סומע געלט, אַ טייל מזומנים, דאָס רעשט מיט וועקסלען און ווערט־פּאַפּירן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין איבעריקן ווערט.

די צייט איז געלאָפן. סטעפאַן מיט פרידען האָבן שוין געהאַט צוויי זין. זיי האָבן געפירט אַ שטיל באַשיידן לעבן אָן פּרעטענזיעס. ער האָט געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין אַ באַנק, געטאָן רוטין־אַרבעט אָן קאַפּווייטאָג. זיין תמימות און אָרנטלעכקייט האָבן אים באַליבט געמאַכט ביי זיינע אַרבעטס־קאָלעגן, וואָס האָבן אים דער־נענטערט. נישט זעלטן אייגגעלאַדן אים מיט פרידען אין זייערע היימען. ביי זיי און דער קליענטור האָט ער זיך אויסגעלערנט רעדן אַ צעבראָכענעם יידיש. זיינע קאָלעגן האָבן אים נישט איין מאָל מיטגענומען אויף ציוניסטישע אַסיפות אויסצוהערן שליחים פון ארץ־ישראל. ער האָט גענומען לייענען אַ פּויליש־ציוניסטישע צייַ־טונג פון וואָס ער האָט זיך דערוווּסט וועגן חלוצים, הכשרה, קיִ־בוצים, וועגן ציוניסטישע פּאַרטייען וכדומה. מיט אַלץ, וואָס ער האָט געהערט און געלייענט, פלעגט ער זיך טיילן מיט פרידען. דער עלטערער זון האָט יענע צייט שוין באַזוכט אַ פּוילישע גימ־

נאַזיע, דער יינגערער — אַ גרונטשול פון „תרבות״. אין דער היים האָט מען צווישן זיך גערעדט פויליש. זיי פלעגן הערן ווי די מוטער פרידאַ רעדט מיט די שכנים יידיש. צום גרויסן וווּנדער פון אים אַליין און פון זייערע באַקאַנטע האָט סטעפאַן געפונען פאַרשריבן אין זיין מעטריקע, אַז זיין יידישער נאָמען איז שלום, וואָס ער האָט געגומען געבערויכן אין דרויסן, בעת אין דער היים האָט זיך דער נאָמען נישט צוגעקלעפּט, כאָטש די זין זענען פון דעם געווען צו־פרידן. פרידאַ האָט נישט געקענט געדייען דעם נייעם נאָמען פון איר מאַן, פאַר איר האָט ווייטער געלעבט סטעפאַן.

אין די דרייסיקער יאָרן ווען שנאת־ישראל האָט פאַרפלייצט פוילן און אויף שריט און טריט האָט זיך געהערט: „זשידי דאָ פאַלעסטיני״, איז איין מאָל געקומען פון גימנאַזיע אַ היים דער על־טערער זון מיט אַ פאַרבלוטיקט פנים און אַ צעריסענעם מאַנטל, אָן זיינע ביכער. ער האָט ביטער געוויינט און דערציילט ווי גאַסנ־יונגען זענען אים באַפאַלן אין דרויסן, זיינע פוילישע שול־חברים האָבן זיך אָפּגעטראָגן, אים נישט געגעבן די מינדעסטע הילף. ווי וועט ער מאַכן די לעקציעס? ווי וועט ער קענען אָנקוקן זיינע פוילישע חברים? ניין, ער וועט מער נישט באַטרעטן די שוועל פון יענער שול.

צו מאָרגנס איז סטעפאַן אַוועק אין דירעקטאָריום פון יענער פוילישער גימנאַזיע זיך פאַרקלאָגן, דערציילן וואָס נעכטן האָט פּאַסירט מיט זיין זון, וואָס איז ביי זיי פאַררעכנט ווי איינער פון די בעסטע שילער. דער פאַן דירעקטאָר האָט אים געלאָזט זיך אויסרעדן. דערנאָך האָט ער געטענהעט, אַז ווערדליק ער פאַרשטייט האָט מען אים נישט געשלאָגן אומזיסט, משמעות האָט ער די חברה פאַרטשעפּעט און באַליידיקט...

עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. מען האָט געשריבן אין די יידישע צייטונגען, ווייל אַזוינס פּאַסירט צו אָפּט נאָר מיט יידישע שילער, אַפילו מיט יידישע סטודענטן. דער יידישער דעפּוטאַט אין סיים,

יצחק גרינבוים, האָט געוואָלדעוועט און די כוליגאַנעס האָבן ווייטער געווילדעוועט.

אין 34טן יאָר איז געשטאָרבן סטעפאַן־שלום׳ס מוטער. אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט ער פאַרקויפט איר דירה, די שוועסטערס האָבן מוותר געווען אויף זייער חלק ירושה. ער האָט פאַרקויפט זיינע „ווערט־פּאַפּירן”, זיין אייגענע דירהלע האָט ער איבערגעגעבן פאַר שליסלגעלט, פאַרקויפט דאָס ביסל מעבל מיט די איבעריקע מטלטלים, איינגעפּאַקט עטלעכע וואַליזעס מיט בעטגעוואַנט, קליי־דונג און וועש, און איז מיט דער משפּחה עולה געווען קיין ארץ־ישראל, נאָך דעם ווי ער האָט געוואַרט חדשים לאַנג ביז ער האָט באַקומען די נויטיקע עליה־סערטיפיקאַטן.

נישט אָן חבלי־עליה, מיט דער הילף פון קרובים און גוטע ברידער, האָט זיך שלום מיט זיין משפּחה באַזעצט אין חיפה, באַ־קומען אַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין אַ פאַבריק און פלייסיק גע־לערנט עברית אויף אַוונטקורסן. נישט צו זינדיקן, שלום האָט פאַר־דינט דעם אויסקום פון דער משפּחה, פרידאַ האָט זיך פאַרנומען מיט דער שטובווירטשאַפט, דער יינגערער זון, וואָס האָט געקענט אַ ביסל עברית פון דער „תרבות” שול אין וואַרשע, איז באַלד אָנגענומען געוואָרן אין אַן אָרטיקער גרונטשול. דער עלטערער זון האָט זיך גיך אויסגעלערנט גענוג עברית אָנצוקומען אין אַ העכערן קלאַס פון אַ מיטלשול. זיי האָבן זיך ביסלעכווייז אַקלימאַטי־זירט און באַשיידן אויסגעלעבט, ווי אַלע יידן פון זייער גליכן אין ארץ־ישראל, מיטצומאַכן אַלע פריידן און ליידן.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ניסאַנס עלטערער ברודער עלי־אליהו געלערנט דאָס צווייטע יאָר אין חיפהער פּאָליטעכניקום, בעת ער איז אַריינגעטרעטן אין אַ מיטלשול, וואָס האָט געצילט צו דערציִען יידישע ים־אָפיצערן, וואָס האָבן געפעלט אויף די ערשטע יידישע האַנדלס־שיפן פון ארץ־ישראל. ניסאַן איז געווען אַ שטילער שילער אין גאַנצן פאַרטאָן אין זיינע לימודים, בעת דער עלטערער ברודער איז געווען אַקטיוו אינעם סטודענטן־

לעבן און אַ מיטגליד אין דער „הגנה״. ער האָט זיך אויסגעלערנט באַגיין מיט געווער, אָנטייל גענומען אויף שמירה און דעמאָנסטראַציעס אין די שטורמישע ערב־מלחמה־יאָרן ווען די יידן אין ארץ־ישראל האָבן געלעבט אין שאָטן פונעם „ווייסבוך״ און זיך געווערט קעגן אַראַבישע טעראָר־כנופיות, וואָס האָבן פאַרפלייצט דאָס לאַנד, באַפאַלן שוצלאָזע יידן, געשאָסן, געמאָרדעט, געצונדן און חרוב געמאַכט יידיש האָב און גוטס אין זייטיקע קוואַרטאַלן פון שטעט און פאַרוואָרפענע יידישע דאָרפישע ישובים.

באַלד נאָכן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָט ניסאָנס ברודער מיט נאָך סטודענטן וואָלונטירט אין אַ יידישער איינהייט פון בריטישן מיליטער, שפעטער איז ער אַריבער אין דער יידישער בריגאַדע. ער האָט נישט דערלעבט דעם נצחון, ער איז געפאַלן אין אַ שלאַכט מיט די דייטשן אויפן איטאַליענישן פראָנט. זיין טויט האָט אויפגעטרייסלט די קליינע פרידלעכע משפחה און איינגעבראָכן די עלטערן, וואָס האָבן נישט געפונען קיין טרייסט.

אַ צווייטע דערשיטערונג האָבן איבערגעלעבט שלום מיט פרידען באַלד נאָך דער מלחמה, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז ביידנס משפחות זענען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. ס׳איז פון זיי נישט געבליבן קיין שריד־ופליט.

פרידאַ האָט נישט אויפגעהערט קלאָגן, אַרויסצוברענגען איר וויטאָג, בעת שלום האָט געשוויגן און זיך געוואָרגן אין דער שטיל מיט זיין צער אַליין פאַר זיך. ביידע האָבן געזוכט טרייסט אין ניסאָנען, וואָס איז שוין געווען אַ ים־אָפיצער אויף אַ יידישער פּאַסאַזשיר־שיף. ניסאָן איז געווען אַ שטאַלטיקער בחור, וואָס האָט דערמאָנט דעם פאָטער, די אויגן — דער מוטערס. דער דינסטלעכער אוניפאָרם אין ווייסן האָט אים צוגעגעבן חן און אָנזען.

ביז דער עטאַבלירונג פון מדינת־ישראל פלעגט ער דורכמאַכן נסיעות פון חיפה קיין איטאַליע אָדער פראַנקרייך. נאָך יעדערע פאָר וואָכן אויף דער שיף פלעגט ער פאַרברענגען עטלעכע טעג אין דער היים. אינעם באַפרייונגס־קריג איז ער מאָביליזירט געוואָרן

אַלס ראַדיאָ־אָפּעראַטאָר אויף אַ פריגאַטע, אויף איינער פון די ערשטע קריגסשיפן פון ישראל־פלאָט, וואָס האָט טאָג און נאַכט פּאַטרולירט, באַוואַכט די צעצויגענע, לאַנגע ים־ברעגעס פון יידישן לאַנד, בייגעטראָגן זיין חלק אין דער פאַרטיידיקונג פון מדינת־ישראל. נאָכן וואָפנשטילשטאַנד איז ער אַריבער אַרבעטן אויף אַ יידישער פראַכטשיף, וואָס האָט קורסירט צווישן ישראל און ווייטע לענדער אין אַזיע און אַפריקע אַרויסצופירן פון ישראל פרוכט מיט קלענערע פאַבריקאַטן און צוריקברענגען פון דאָרטן קלעצער פון אורוועלדער פאַר דער האָלץ־אינדוסטריע. יעמאָלט פלעגט ניסאָן זיין אויסער דער היים לאַנגע חדשים. נאָך איינער אַזאַ נסיעה האָט אים אין פּאָרט מקבל־פּנים געווען זיין מוטער אין שוואַרצן מיט געשוואָלענע, רויטע אויגן. צוויי וואָכן פריִער האָט זיך אָפּגעשטעלט ס'האַרץ פון פאָטער. ער איז אַוועק אויף אייביק מיט זיין צער. אין שטוב איז געבליבן פאַראָבלט די אמא פרידאַ אַליין אָן מינדעסטן טרייסט, איצט איז געקומען ניסאָן פאַרלייכטערן איר איינזאַמקייט.

נאָך אַ חודש אַבלות, האָט זיך ניסאָן געשטעלט אַרבעטן אויף אַ פּאַסאַזשיר־שיף, כדי צו קומען אָפטער אַ היים. די אמא פרידאַ איז אַוועק אַרבעטן אין אַ קינדערהיים, וווּ ס'האָבן זיך געהאָדעוועט יתומים פון געפאַלענע חיילים מיט קינדער פון זעלנער אינעם באַשטענדיקן מיליטער, קינדער פון מוטערס, וואָס האָבן געאַרבעט און דאָרטן איבערגעלאָזן זייער קליינוואַרג ביז פאַר נאַכט.

די אמא פרידאַ האָט געשעפּט חיות אינעם אַנשטאַלט, נאָר אין די איינזאַמע נעכט און אָוונטן פלעגט איר דערמונטערן די מחשבה, אַז אָט קומט ניסאָן אויף עטלעכע טעג פאַרטרייבן די ליידיקייט, די איינזאַמקייט מיטן אומעט.

☆

די שיף מיט וועלכער רעזשין מיט ניסאַנען זענען אָנגעקומען קיין חיפה, האָט אויף מאָרגן געמוזט אַנקערן אין ווערף, אין קישון־

פּאָרט, דורכצומאַכן רעמאָנט, אַזוי האָט ניסאַן דאָס מאָל באַקומען אַ גאַנצע וואָך היים־וואַקאַציע.

רעזשין האָט געהאַלטן וואָרט. אין איינעם אַן אָוונט איז זי אַ צעפּלאָמטע געקומען באַזוכן ניסאַנען. די אמא פרידאַ האָט געוווּסט, אַז דער זון וואַרט אומגעדולדיק אויף אַ גאַסט. עפּעס האָט ער איר דערציילט וועגן זיין באַקאַנטשאַפט מיט רעזשינען. זי איז געווען גרייט אויפצונעמען דעם גאַסט. בעת רעזשין האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל, איז פרידאַ געשטאַנען אין מיטן צימער און אָנגעקוקט מיט נייגעריקייט ווי ביידע האַלדזן און קושן זיך פּאַר אירע אויגן אָן בושה, ווי זיי וואָלטן געווען נאָענטע מי יודע ווי לאַנג... די ערשטע איז צו זיך געקומען רעזשין. זי האָט זיך אָפּגעריסן פון ניסאַנען, צוגעלאָפן צו דער אמא פרידאַ און זיך פאָרגעשטעלט:

— מאַדאַם, איך הייס רעזשין בורזשע, צופרידן צו קענען ניסאַנס מאַמאַ.

די אמא פרידאַ האָט זי מוטערלעך אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן אין שטערן און צוזאַמען מיט איר זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קושעטע. ניסאַן איז געבליבן שטיין אַ צעשמייכלטער מיט אַ שיינענדיק פּנים, דערנאָך האָט ער זיך אויך אַוועקגעזעצט אויף דער זעלבער קושעטע, רעזשין אין מיטן צווישן אים און דער מוטער. ער האָט זי גענומען פאַר אַ האַנט און נאָך אַ ווײַלע זיך אָנקוקן האָט זיך פאַרוועבט אַ געשפּרעך. רעזשין האָט דערציילט פון איר שפּאַציר איבער ישראל. מאָרגן גאַנץ פרי פאָרן זיי אַרויס אין גליל דורך נצרת — טבריה — כפר נחום, וואָס האָט זייער אינטערעסירט די טוריסטן, צוריקוועגס דורך צפת — עכו קיין חיפה, וווּ זיי פאַרענדיקן דעם טור נאָך אַ טאָג באַזוכן די שטאָט, דעם כרמל, די אומגעבונג און צוריק צו דער שיף קיין ציפּערן — גריכנלאַנד — איטאַליע — אַ היים קיין פּאַריז.

רעזשין האָט גערעדט ענגליש, זי האָט נישט געהאַט גענוג ווערטער אויף שנעל אויסצודריקן אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט, פלעגט זי אַריינמישן דאָס פעלנדיקע אין איר פראַנצויזישער מוטערשפּראַך. דער איבערזעצער איז געווען ניסאַן נאָר ער איז נישט איין מאָל

געבליבן אין פֿאַרלעגנהייט, מחמת נישט אַלע פֿראַנצויזישע ווערטער און אויסדרוקן האָט ער פֿאַרשטאַנען. פֿרידאַ האָט אַמאָל געקענט אַ ביסל בוך־פֿראַנצויזיש, וואָס זי האָט געלערנט אין גימנאַזיע, און איצט פֿונעם געשפּרעך האָט זי נישט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט, נאָר פֿון רעזשינס לעבהאַפֿטער זשעסטיקוליאַציע, פֿון אירע גליאיקע אויגן און פֿון ניסאַנס שטאַמלדיקער איבערזעצונג האָט זי פֿאַרשטאַנען דעם מיין פֿון געזאָגטן. נאָך אַלעמען האָט זי זיך באַגנוגנט מיטן קלאַנג פֿון רעזשינס שטימע, פֿון איר אינטאָנאַציע, פֿון איר אָנ־ווענזהייט און פֿונעם גליקזעליקן פּנים פֿון איר זון, וואָס האָט נישט געקענט אָפּרייסן זיינע אויגן פֿונעם גאַסט.

די שטוב איז פֿול געוואָרן מיט לעבן, די דריקנדע עצבֿות איז געמינערט געוואָרן. מיט איר מוטערלעכן חוש האָט פֿרידאַ געפֿילט איר זונס פּאַרטאַיעט גליק, ערשט שפּעטלעך אין אָוונט, ווען ניסאָן איז אַוועק באַגלייטן רעזשינען צום האָטעל, איז זי ווידער געבליבן אַליין מיט דער עצבֿות, מיטן דינינקן דופֿט פֿון רעזשינס געשטאַלט אויסגעמישט מיט די ריחות פֿון שיף, פֿון ים און פֿון ווייטקייטן, וואָס ניסאָן ברענגט שטענדיק מיט זיך אַ היים. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס נשמהדיקס וועבט זיך דאָ,ביידע זענען פֿאַרליבט ווי זי אַליין איז אַמאָל געווען פֿאַרליבט אין סטעפֿאַנען, ווען ביידע האָבן לכתחילה פֿון גאָרנישט געטראַכט און גאָרנישט געזען חוץ זיך אַליין אין זייער גליק. וויפֿיל יאָרן פֿון פֿריידן און ליידן זענען שוין אַוועק? — אין סך־הכּל איז פֿון אַלץ מיט אַלעמען איר פֿאַרבליבן ניסאָן אַליין. פֿרידאַ האָט אַ ציטער געטאָן, זי האָט דערשפּירט אַ שפּור אייפֿער־זוכט צו רעזשינען, וואָס זי האָט באַלד געגומען דערשטיקן אין זיך; ווער ווייסט צי ניסאָן וועט נישט איבערלאָזן זיין היים, ווי זי האָט אַמאָל געטאָן, ער וועט אַוועקגיין מיט זיין מיידל, איר היים וועט ווערן וויסט און ליידיק ווי נאָך סטעפֿאַנס טויט, ווען דער זון האָט זיך צוריקגעקערט אַרבעטן אויפֿן ים. זי האָט פֿאַרלוירן איר רו און אין די שלאָפֿלאָזע נעכט געטראַכט, ווי ניסאָן ראַנגלט זיך מיט שטורמישע כוואַליעס ערגעץ אויף אַ שיף, — אָט ליגט זי

אין וואַרעמען בעט, בעת ער שטייט ערגעץ אויפן דעק און פרירט פון בייסיקער קעלט — — — זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און דערזען אויף דער קושעטע אַ טיולענעם שאַל, וואָס רעזשין האָט פאַרגעסן, זי איז צוגעגאַנגען צו דער קושעטע, זיך צוגעזעצט אין אַ ווינקל, גענומען דעם שאַל און איינגענורעט אין אים ס׳פּנים, דערפילט רעזשינס דופט, וואָס זי האָט גענומען אַרייַנאָטעמען ביז זי איז איינגעשלאָפן באַזאָרגט, אַז אָט שטייט זי פאַר שינויים אין לעבן, פון וואָס זי האָט ביז איצט נישט געטראַכט.

פרידאַ האָט זיך איבערגעוועקט ווען ניסאַן האָט זיך צוריק־געקערט אַ היים. די גאַס הינטער די פענצטער איז געלעגן שטיל, מען האָט נאָר געהערט פון ווייטן ס׳געוויין פון אַ קינד, מען האָט געזען אין דרויסן דאָס בלוילעכע לבנה־ליכט, וואָס באַלייכט ביידע זייטן ברוק מיט שורות אויטאָמאָבילן מיט דעכלעך נאָס פון טוי. ס׳איז געווען נאָך חצות. ניסאַן האָט זיך צוגעזעצט לעבן איר. זי איז באַלד אויפגעשטאַנען צו גיין מאַכן זיין געלעגער.

— וואַרט אַ ווײַלע, אמא, — האָט ער געזאָגט, — כ׳וויל דיך פרעגן, ווי געפעלט דיר רעזשין?

— זי געפעלט מיר זייער, כאָטש איך האָב ווייניק פאַרשטאַנען פון אירע רייד. זי איז אַ שיינע, אַ ליבע, אַ צוגעלאָזטע, ווי מיר וואָלטן זיך געקענט ווער ווייסט ווי לאַנג. ווי לאַנג ביסטו מיט איר באַקאַנט?

— איך? וואָסערע 10 טעג.

— נישט מער?

— יאָ אמא, נישט מער, אָבער מיר דוכט זיך, אַז מיר קענען זיך שוין יאָרן לאַנג.

— אייל זיך נישט, מיין זון, אַנדערהאַלבן וואָכן איז צו קנאַפּ צו דערקענען אַ מענטשן, זיי געדולדיק, האָסט גענוג צייט זיך אַליין אויסצופּרובירן, דאָס נעמלעכע דאָס מיידל. איך וועל אייך נישט שטיין אין וועג, אָבער ווי אַ מאַמע, וויל איך וויסן ווער זי איז, ווער זענען אירע עלטערן? מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך, ווייסט

דאָך, ניסאַן, אַז כאָטש מיר היטן אָפּ די יידישע טראַדיציעס זענען מיר פרייע מענטשן, מיר האָבן דיך אויפגעהאָדעוועט אין אַ פרייער שטוב, פון דעסטוועגן האָבן מיר געפילט, אַז מיר זענען יידן. דיין פאָטער האָט אין זיינע לעצטע יאָרן אָפּגעהיט שבת און יום־טוב, ער פלעגט גערן באַזוכן אַ שול, אָפּגעהיטן יאָרצייטן און געזאָגט קדיש נאָך אונדזערע אומגעבראַכטע משפחות אין פוילן. נישט איין מאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָפט, אַז דו וועסט גיין אין זיינע וועגן, נישט פאַרגעסן דיין געפאַלענעם ברודער און געדענקען, וואָס מיר פלעגן דערציילן פון אונדזער פאַרברענטער, אַמאָליקער היים. מיר זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל, ווייל מיר האָבן געזוכט אַ גוטע צוקונפט. נישט אַזוי פאַר זיך ווי פאַר דיר און פאַר דיין ברודער, וואָס האָט באַצאָלט מיטן לעבן פאַר אונדזער יידיש לאַנד און היים. — אירע אויגן זענען געוואָרן פאַרלאָפן מיט טרערן און זי האָט ווייטער גענומען רעדן: — דיין ברודער האָט נישט געקענט פאַרגעסן זיינע פוילישע חברים, ווי זיי האָבן קעגן אים געהאַנדלט...

— אמא, גענוג, איך האָב עס שוין אַ סך מאָל געהערט פון דיר.

ניסאַן האָט איבערגעהאַקט זיינע רייד, זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז אַם וויניקסטן האָט ער גערעדט מיט רעזשינען וועגן אירע עלטערן און היים, ווי זי האָט נישט גערעדט וועגן זיינע עלטערן און זיין היים. אין די שעהען, וואָס זיי פלעגן זיין צוזאַמען, זענען זיי געווען פאַרנומען נאָר מיט זיך. זי ווייסט נאָר, אַז זיין פאָטער לעבט נישט און אַז זיין עלטערער ברודער איז געפאַלן מלחמה־צייט אויפן איטאַליעניש פראָנט ווי אַ זעלנער אין דער בריטישער אַרמיי. ער האָט נאָך נישט באַוויזן איר דערציילן, אַז ער איז נישט געפאַלן ווי אַ בריטישער זעלנער נאָר ווי אַ יידישער אין דער יידישער בריגאַדע, פון וואָס זי האָט בכלל נישט געוווסט, אַז אַזאַ האָט עקזיסטירט. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז זיי האָבן אַפילו נישט פאַרלוירן אַ וואָרט וועגן דער יידישער שיף, ווו ער האָט געדינט. ער דערמאָנט זיך די פרייטיק־צו־נאַכטן מיטן קבלת־שבת

אויפן ים אונטערוועגס פון מאַרסעל קיין חיפה אָדער פון חיפה קיין מאַרסעל, ווען אינעם שפּייזזאַל פון דער שיף הערשט אַ פייער־לעכע שטימונג, אויפן קאַפּיטאַנס געדעקטן טיש ברענען ליכט אין לייכטער. יידן דאַווענען אין אַ באַזונדערער קאַבינע, וואָס דינט ווי אַ מקום־תפילה, און פאַרן אָוונטמאָלצייט שטעלן זיך אַלע אויף מיט בעכערס ווײַן אין די הענט, זיי הערן אויס קידוש פונעם כשרות־משגיח.

אויף דעם אַלץ האָט ער יענעם פרייטיק צו נאַכט מוותר געווען, ער איז גאָר געזעסן אין אַ ווינקל אויפן דעק צוגעטוליעט צו רעזשינען, פאַרכליניעט מיט איר נאָענטקייט, ווי זי מיט אים. ביידע זענען געווען גליקלעך, אַז קיינער שטערט זיי נישט — — — ערשטביים סוף פונעם אָוונטמאָלצייט האָבן זיי זיך צוריקגעקערט אין שפּייזזאַל, ביידע האָבן נישט געפילט די אויגן פון די אַרומיקע, וואָס האָבן זיי אָנגעקוקט צעשמייכלטע. רעזשין איז אַוועק צו איר לייזדיקן שטול, ווו איר גרופּע איז געזעסן, — ער אויף זיין שטענ־דיקן אָרט נישט ווייט פון קאַפּיטאַנס טיש. ער האָט שנעל עפּעס איבערגעכאַפּט און איז אַוועק מאַכן אָוונטדינסט אין דער ראַדיאָ־קאַבינע ביז חצות.

אין דרויסן האָט געענומען בלאָזן אַ שטאַרקער מזרח־ווינט, וואָס האָט מיט רעש געריסן די שפּיץ בוימער הינטער די פענצטער פון זיין היים. פון ווייטן פאַרט האָבן זיך איבערגערופן סירענעס פון אַריינגעקומענע אָדער אַרויסגעשווומענע שיפן. די סירענעס האָבן געברומט זייער ניגון און געשטערט די שטילקייט פון דער נאַכט. דער ווינט האָט געבראַכט כוואַליעס וואַרעמקייט פון ווייטע, אָנגע־גליטע מדבר־זאַמדן, די לופט איז געוואָרן געדיכט, דער הימל — פאַרצויגן מיט אַ ווייסן נעפּל, וואָס האָט פאַרטונקלט די בלויע ליכ־טיקייט פון דער לבנה, די שטערן זענען אין גאַנצן פאַרשוווּנדן. קעץ אין הויף האָבן געשפּילט ליבעס מיט געוויין פון תענוג.

פרידאַ איז איינגעשלאָפן אויף איר געלעגער, זי איז געווען מיד, זייער מיד. ניסאַן איז געלעגן אויף זיין געלעגער מיט האַלב

פאַרמאַכטע אויגן, וואָך, פאַרזונקען אין מחשבות, וואָס האָבן אים פריִער קיין מאָל נישט פאַרנומען, זיין מוטערס רייד האָבן אים פאַר־קלעמט: — וואָס האָט זי מיט אַ מאָל אים דערמאָנט צום ווייפלטן מאָל דעם עבר פון דער משפחה גראָד נאָך רעזשינס ערשטן באַזוך אין זיין היים? איצט דערמאָנט ער זיך זיין בר־מצוה מיט דעם פרומען חסידישן יונגן מאַן, וואָס האָט אים געלערנט די ברכות מיטן ניגון פון מפטיר, פון דער עליה לתורה און פון דער הפטורה. אַ קרוב האָט אים געבראַכט אַ מתנה — אַ פּאָר קליינע תפילין אין זילבערנע שיידלעך אַריינגעטאָן אין אַ בלוי סאַמעטענעם זעקעלע, אויסגענייט אין מיטן מיט אַ גאָלדענעם מגן־דוד. דער פרומער יונגער מאַן האָט זיך געערגערט הלמאי ס׳קומט אים אָן אַזוי שווער אַרומ־צוּוויקלען די רצועות אויף דער לינקער האַנטפּלאַך אַרום די פינגער. איצט ליגט דאָס זעקעלע תפילין נישט באַרירט אין אַ שופלאָד פון פאָטערס פאַריתומטן שרייבטיש צוזאַמען מיט אַ סידורל אין זילבער־נעם איינבונד, דאָס ליגט נאָך מיט קלענערע זאַכן, פאַרבליבענע פון ברודער און פאָטער, וואָס ער זעט זעלטן, כאָטש ער ווייסט פון דעם. וואָס האָט ער זיך מיט אַ מאָל, איצט, נאָך האַלבער נאַכט דערמאָנט פון דעם אַלעמען? ער האָט נישט געטראַכט, אַז דאָס האָט אַ שייכות, אַן אונטערבאַוווסטזיניקע פאַרבינדונג מיט די פריִערדיקע רייד פון דער מוטער, איינגעשפּונען אין זיין טראַכטן וועגן רעזשינען. ווי אַ פלוצימדיקע שיין פון אַ בליץ האָט אַ שניט געטאָן זיין גע־הירן, ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון געלעגער און זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ: — ער האָט ביז איצט נישט געוווּסט צי רעזשין איז אַ יידיש קינד ווי ער, ס׳איז אים נישט איינגעפאַלן אַזוינס צו דערגיין, ווי איר איז נישט איינגעפאַלן זיך צו אינטערעסירן מיט זיין אָפּשטאַם. זיין מידער קאָפּ איז צוריקגעפאַלן אויפן קישן, ער איז אומרויִק איינגעשלאָפן, ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון אַל׳ע מחשבות און געחלומט ווי ער זיצט אויף דער היימישער קושעטע, וואָס שטייט גאָר אויפן דעק פון שיף, אין אַ ווינקל אונטער אַ רע־טונגס־שיפל, ער זיצט צוגעטוליעט צו רעזשינען, נישט דער ווינט

רייסט איצט די שפּיצן פון די בוימער הינטער די פענצטער פון זיין צימער נאָר כוואַליעס שניידן רוישיק דעם שאַרפן שטערן פון דער שיף, וואָס רייסט זיך פאָרויס אין שוימיקן וואַסער.

אויף מאָרגן, ווען ער איז געזעסן מיט דער מוטער ביים פרישטיק, האָבן ביידע וויניק גערעדט. צוזאַמען מיט די זעמל פון קלייט האָט פרידאַ געבראַכט אַ צייטונג. פון צווייטן צימער האָבן זיך געטראָגן ניגונים פון ראַדיאָ. ניסאַן האָט זיך ווי פאַרטאָן אין לייענען די צייטונג. פרידאַ האָט פון אים נישט אַראָפּגענומען די אויגן, זי האָט נישט געוואָלט אים שטערן, וואָרום דורך דער נאַכט האָט איר נישט אויפגעהערט נאָגן אַן אומרויִקע נייגעריקייט וועגן נעכטיקן גאַסט, — דאָס שיינע, צוגעלאָזטע פאַריזער מיידל, ווער איז זי? זי האָט מורא געהאַט צו שטעלן זיך אַליין די פראַגע, צי איז זי אַ יידיש קינד? זי האָט נישט געוואָגט פרעגן ניסאַנען, ס׳איז איר נישט איינגעפאַלן, אַז ער, ווי זי, ראַנגלט זיך אויך מיט דער זעלבער פראַגע, וואָס ער באַמיט זיך פאַרטרייבן ווי אַ זלידנע פליג. ער האָט זי שטאַרק ליב, ער קען נישט פאַרבינדן זיינע טיפע אינטימע געפילן מיט אָפּשטאַם אָדער גלויבן, אין זיין דמיון זעט ער נאָר רעזשינס געשטאַלט, אירע ליכטיקע אויגן, ער הערט איר שטים, ער טראַכט מער פון גאָרנישט נאָר פון איר אַליין אָן שום פאַרבינדונג מיט זיין יידישן אָפּשטאַם.

כאָטש ניסאַן האָט געלעבט אין אַ פרייער היים איז ער געווען געוווינט צו זען ווי זיין אמא בענטשט פרייטיק צו נאַכט ליכט, ער האָט געוווסט, אַז זי סערווירט קיין מאָל נישט מילכיקס מיט פליישיקס צוזאַמען. אין תוך גענומען פלעגט אים אַזוינס אָם וויניקסטן אינטערעסירן, ער האָט קיין מאָל נישט געטראַכט, אַז דאָס פליסן פון יידיש בלוט אין זיינע אָדערן איז אים צו עפּעס מחייב. נישט ווי זיין ברודער, האָט ער נאָך אין חוץ־לארץ געלערנט אין אַ יידישער שול, און דאָס אינטעגרירן זיך אין דער גרונטשול אין ישראל איז אים אָנגעקומען לייכט און נאַטירלעך. די שול איז נישט געווען פון אַ רעליגיעזן שניט, אָבער מען האָט דאָרטן געגוג

געלערנט תנ״ך מיט „נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין״, אָפּגעהיט שבתים און ימים־טובים, די לערער פלעגן דערקלערן דעם באַדייט פון זיי. אין דער שול האָט מען אויך גענוג געלערנט יידישע געשיכטע, צו שעצן נאַציאָנאַלע ווערטן און גוטע בירגערשאַפט. אין דער היים האָבן זיך נישט געפירט קיין געשפּרעכן וועגן יידישקייט. צו וואָס? אמת, ער פלעגט הערן וועגן רבנים, שמירת־שבת, כשרות און טרפות, אַפילו וועגן צוזאַמענשטויסן צווישן פרומע מיט פרייזיניקע יידן אין ירושלים. אים איז עס אין גאַנצן נישט אָנגעגאַנגען, ער פערזענלעך, ווי זיינע חברים, האָבן זיך מיט אַזוינס קיין מאָל נישט פאַרנומען. זיין ברודער פלעגט אים אַ מאָל יאָ דערציילן וועגן אַזעלכע ענינים אין פוילן, אָבער דאָ איז זיין היים, אין ישראל זענען נישטאָ קיין פּוילישע כוליגאַנעס, דאָ ווייסט ער פון צוזאַמענשטויסן מיט אַראַבער. ער אַליין האָט אָנטייל גענומען אין באַפרייונגס־קריג, דעם שונא אין פּנים האָט ער נישט געזען, מחמת מלחמה־צייט האָט ער זיך געפונען אויף אַ שיף, אויפן ים. ווען די האַרמאַטן האָבן געדו־נערט איז ער געזעסן צוגעשמידט צו זיינע ראַדיאָ־און פאַרבינדונגס־אַפּאַראַטן, ער האָט געטאָן זיין פליכט אָן דער מינדעסטער שנאָה צו עמעצן. אין דער גרונט־און ים־שול האָט ער נישט געוווסט פון נאַ־ציאָנאַלער דיסקרימינאַציע, ווי זיין ברודער האָט געוווסט אין פוילן. אין די גאַסן פון זיין שטאָט האָט אים קיינער קיין מאָל נישט באַפאַלן, ער האָט זיך אויסגעלעבט אין אַ דורכויס יידישער סביבה און האָט נישט אָנגעהערט צו קיין שום פּאָליטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. דער באַפרייונגס־קריג האָט זיך געענדיקט, דאָס נעמלעכע שפּעטער די סיני־מלחמה, ווו ער האָט אויך אָנטייל גענומען פון ווייטן, ערגעץ אין אַ ים־באַזע ביי אַ ראַדאַר. ער ווייסט נישט וואָס דאָס אַלץ האָט איצט צו טאָן מיט זיין טיפער, ריינער ליבע צו רעזשינען, פון דעסט־וועגן איז אים נאָך איר באַזוך אין ישראל און נאָך די רמזים פון זיין מוטער וועגן איר אָפּשטאַם, געוואָרן נישט באַקוועם און שווער אויפן געמיט.

☆

אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט ניסאַן געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן פּאַריז. די גאַנצע צייט האָט ער זיך איבערגעשריבן מיט רעזשינען. זי האָט פּרזער געוווסט פון זיין באַזוך און אומגעדולדיק געפיבערט, געבענקט נאָך אים, ווי ער האָט געבענקט נאָך איר. זי האָט זיך נישט באַהערשט און פאַרטרויט דער מאַמאַ סוז איר סוד, — איר פאַרבינדונג מיטן אָפיצער פון דער שיף, מיט וועל־כער זי האָט געמאַכט איר אויספלוג. די מאַמאַ סוז האָט זיך נאַ־טירלעך געטיילט מיטן סוד מיטן פּאַפּאַ רענאַרד, ביז איין מאָל, שפּעט אין אָוונט, האָט זי זיך דערנענטערט צום פּאַפּאַ, וואָס איז געזעסן פאַרטאָן אין אַ צייטונג, זי האָט אים אַרומגענומען, זיך צוגעטוליעט צו אים, ווי זי פלעגט עס טאָן קינדווייז, און שטאַמ־לענדיק, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, דערציילט דאָס, וואָס ער האָט שוין געוווּסט פון דער מאַמאַ סוז. רענאַרד האָט אַוועקגעלייגט די צייטונג, געגלעט אירע באַשמעקטע האָר און געענטפערט, אַז ער ווייסט, ער זעט דאָך ווי זי שרייבט בריוו האַלבע נעכט. צו וועמען שרייבט אַ מיידל אַזוי פיל אויב נישט צו אַ בחור, וועמען זי האָט ליב.

ווען ניסאַן האָט באַזוכט פּאַריז האָט זיך רעזשין באַפרייט פון דער אַרבעט אויף צוויי טעג. זי האָט אים אָפּגעוואַרט אויפן „נאָרד"־וואָקזאַל. ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט איז דער פּעראָן פול געוואָרן מיט מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען פון דער פּראָווינצ און מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט צו די וואַגאָנען צו פאָרן ווייטער מיטן זעלבן צוג. ניסאַן האָט זיך אויסגעטיילט פון עולם מיט זיין ווייסער אָפיצערן־קליידונג, זי האָט אים באַלד גע־פונען, זיי האָבן זיך אַרומגענומען און זענען געשטאַנען צוגעדריקט איינער צום צווייטן בעת אַ טרעגער האָט זיי גאַרנישט געפרעגט און גענומען זיין וואַליזקע אויפן אַקסל, זיי האָבן זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג און אַוועקגעפאָרן צו אירע עלטערן. זיי זענען אָנגעקומען

אין די מיטאָג־שעהען ווען מאַמאַ סוז האָט שוין פריִער אַלץ צו־געגרייט אויפצונעמען דעם גאַסט. רעזשין, אַ פאַררויטלטע, מיט צעשטראַלטע אויגן, האָט פאַרגעשטעלט ניסאַנען פאַר דער מוטער, וואָס האָט אים פריינדלעך מקבל־פנים געווען, זי האָט אים באַגריסט, אויסגעשטרעקט אַ האַנט, ווי עס פירט זיך אין אַזעלכע פאַלן. ניסאַן האָט מיט פאַרלעגנהייט איר אַ קוש געטאָן אין האַנט, זיך פאַרנויגט אַ ביסל צעטומלט ווי אַ בחור, וואָס קושט די האַנט אַ מיטליאָריקע פרוי צום ערשטן מאָל אין לעבן. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און פּאַפּאַ רענאַרד איז געקומען פון ביוראָ אַ היים און זיך געווענדעט צום גאַסט: — „אַליאַ, באָנזשור מעסיע קאַפּיטען"! ביידע האָבן זיך מענעריש געדריקט די הענט ווי גאָר אַלטע באַקאַנטע. פּאַפּאַ רענאַרד האָט צו אים גערעדט אַ צעשמייכלטער, ניסאַן האָט ווייניק פאַרשטאַנען זיינע רייד, נאָר רעזשין, אַן עמאַנציאָנירטע, האָט שוין ביידן אַרומגענומען און געקושט דעם פּאַפּאַ אין די באַקן, בעת דער פּאַפּאַ רענאַרד האָט זיך דערמאַנט, אַז רעזשין האָט אים דערציילט, אַז ביידע רעדן צווישן זיך ענגליש, ווייל דער גאַסט פאַרשטייט ווייניק פונעם פראַנצויזישן לשון.

— אַליאַ, אַליאַ — און ער האָט צוגעגעבן די פּאָר ענגלישע ווערטער, וואָס זענען אים געקומען אויפן צונג, — „וועלקאַם, וועלקאַם, מעסיע קאַפּיטען"!

ביים טיש האָבן רעזשינס עלטערן לעבהאַפט גערעדט צו אים, רעזשין האָט איבערזעצט זייערע רייד, ניסאַן האָט קורץ געענטפערט און דאָ איז געקומען צום אויסדרוק דאָס, וואָס זיי האָבן אַם ווייניקסטן דערוואַרט, זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ ייד. לכתחילה האָבן ביידע אינסטינקטיוו געוואָרפן זייערע בליקן אויף דער טאָכטער מיט אַ שמץ פאַרדרוס, הלמאַי זי האָט זיי אַלץ דערציילט וועגן ניסאַנען און נישט דערמאָנט זיין אָפּשטאַם, דערנאָך האָבן ביידע צוזאַמען געגומען פאַרגנבנען זייערע בליקן אויפן גאַסט, וואָס איז געזעסן אויפגעלייגט נאָך אַ פּאָר גלעזלעך וויין.

רעזשינס עלטערן וואָלטן בכלל אויסגעלאָזן פון זייערע מחשבות

ניסאַנס אָפּשטאַם, ווען ער וואָלט בײַ זיי געווען סתם אַ גאַסט, ס׳וואָלט זיין אַ פאַרגעניגן אים אויפצונעמען אין זייער מחיצה, אַזאַ שלאַנקן, שיינעם בחור מיט טיפע, אויסדרוקספולע, ברוינע אויגן, אַ שווייגער, אַן איידעלער מיט אַ געלאַסענער אויפפירונג און מאַ־ניערן גאַרנישט ווי רעזשינס חברים, וואָס פלעגן זיי באַזוכן. אַקעגן זיי איז ניסאַן, אין זייערע אויגן, געווען אַן אַריסטאָקראַט, — יענע זענען געווען צאַפּלדיקע, טומלדיקע יונגע לייט, הויכרעדער, וואָס נעמען פשוט מיט די הענט שטיקער קוכן מיט קרעם און לעקן נאָך דעם די פינגער, ווי קליינע קינדער. זיי פלעגן זיך איבעררופן איינער מיטן צווייטן בקולי־קולות, אָן דעם מינדעסטן דרך־ארץ כלפּי זיי, די גאַסטגעבער. ניסאַן איז נישט סתם אַ גאַסט ווי די יונגע חברותא, וואָס באַזוכן רעזשינען אָן די מינדעסטע כוונות, ווי יינגלעך מיט מיידלעך, זיי ווייסן, אַז רעזשין איז פאַרליבט אין גאַסט בלב ונפש, דער גאַסט ווייזט דאָס זעלבע אַרויס כלפּי איר, אַ נישט וואָלט ער דאָ נישט געזעסן נאָכן מאַלצייט אַזוי שטיל, ערנסט מיט פאַרחלומטע אויגן, וואָס טוען זיך נישט אָפּ פון איר, דאָס נעמלעכע רעזשינס אויגן, ווען זי רעדט צו זיי אָט דאָ ביים טיש.

דער מאָלצייט האָט זיך אַ ביסל פאַרצויגן, דער ווין אין די סערווירטע פלעשער איז ווייניקער געוואָרן, פּאַפּאַ רענאַרדס אויגן זענען פאַרנעפּלט געוואָרן, ער איז געווען מיד נאָך דער אַרבעט, מאַמאַ סוז האָט אויך געפילט אַ שווערקייט אין אירע גלידער. ניסאַן האָט נישט געוואָלט גיין זיך אָפּרוען אינעם צוגעגרייטן צימערל, ווו רענאַרד פלעגט זיך אָפּרוען יעדן טאָג נאָך מיטאָג מיט אַ ציי־טונג אָדער זשורנאַל אין האַנט, ביז ער פלעגט איינדרעמלען, בעת די מאַמאַ סוז פלעגט ברענגען אין אָרדנונג די קיך נאָך די מאָל־צייטן. רעזשין האָט געוואָלט אויסנוצן די קנאַפּע צייט פון ניסאַנס באַזוך אין „איר פּאַריז״, ווי זי האָט אים צוגעזאָגט אין אירע בריוו. זענען זיי ביידע אַוועק שפּאַצירן, צוגעזאָגט די עלטערן באַצייטנס זיך צוריקקערן אַ היים אין אָוונט, צו בלייבן מיט זיי ביז חצות, ווען ניסאַן וועט גיין נעכטיקן אינעם האָטעל, וואָס פלעגט דינען

די מענטשן פון זיין שיפס־געזעלשאַפט, ווען זיי פלעגן דינסטלעך פאַרברענגען אין דער גרויסער, פראַנצויזישער וועלטשטאָט פון ליכט, טוריזם, נאַכטלעבן און פאַרווײַלונגען, וואָרום פון ניסאַנס צוויי פרייע טעג איז שוין איין טאָג גיך אַוועק און מאָרגן אָוונט מוז ער זיך צוריקקערן צו זיין שיף אין פּאָרט פון מאַרסעל.

בילע מיט זשאַקן האָבן אַ וואָך פריִער געוווּסט אַז די בורזשעס וואַרטן אויף דעם גאַסט, וואָס רעזשין האָט פאַרבעטן נאָך איר אויס־פלוג אין אויסלאַנד, אַריינגערעכנט מדינת־ישראל, דאָס יידישע לאַנד, ווו זייער טאָכטער מינע איז געפאָרן צו גאַסט צו בילעס ברודער קיין חיפה. אַנשטאָט דאָרטן צו פאַרווײַלן אַ פּאָר וואָכן סוכות־צייט, ווי זי האָט צוגעזאָגט, געפינט זי זיך דאָרטן שוין פינף חדשים, אָט גרייט מען זיך צו פורים און ווער ווייסט צי זי וועט זיך צוריקקערן אויף פסח אַ היים. פון אירע בריוו האָבן זיי געוווּסט, אַז זי פילט זיך דאָרטן גוט. לכתחילה האָט זשאַק געהאַט ביטערע טענות צו בילען הלמאַי זי האָט אים באַווירקט ער זאָל זי לאָזן פאָרן, נאָר שפּעטער, נאָך אַ פּאָר בריוו פון איר און פון איר ברודער, האָבן זיי זיך באַרויִקט, ראשית זענען זיי געוואָר געוואָרן אַז איר ברודער יוסף בנימיני איז גאָרנישט אַזאַ נעבעכל, אַזאַ „פּענטאַק", ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט, והשנית פון אַ בריוו פון איר ברודער האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז „עפּעס" וועבט זיך דאָרטן צווישן דער טאָכטער מיט אַ סטודענט פון אַ פיינער היים, וואָס דאַרף ווערן אַן אינזשיניער. „אויב דערפון וועט זיך עפּעס אויסלאָזן", — האָט געשריבן דער ברודער, — „וועט עס זיין אַ גליקלעכער שידוך, פון וואָס איר קענט אַפילו נישט חלומען אין פּאַריז. זאָרגט נישט פאַר איר, איך זאָרג שוין פאַר אַלץ, אַפילו אייך צו ברענגען קיין ישראל אויף איר חתונה, אין אַ מזלדיקער שעה".

רעזשין האָט זיי דערציילט וועגן איר וווּנדערבאַרן אויספלוג, נאָר זי האָט פאַרשוויגן איר באַקאַנטשאַפט מיט ניסאַנען, וואָס מאַמאַ סוז האָט איר שפּעטער דערציילט, באשר אין דעם פאַל „וועבט

זיך עפּעס אויך״, דער בחור, רעזשינס באַקאַנטער, דאַרף זיי בקרוב באַזוכן און זיי וועלן האָבן די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אים און שיקן לעבעדיקע גרוסן צו זייער טאָכטער, וואָרום דער בחור וווינט אין דער זעלבער שטאָט, ווו מינאַ געפינט זיך.

— עפּעס איז דאָ נישט גלאַט — האָט בילע געזאָגט, — חוץ יידן וווינען אין יענער שטאָט אויך אַראַבער. ווי קומט רעזשין צו אַ יידישן בחור?

האָט איר זשאַק באַרויִקט אויף זיין לצנותדיקן שטייגער:

— דאָס זאָל זיין דיין דאגה? יידן עסן נישט און היטן זיך אָפּ פון טריפה, קריסטן שרעקן זיך נישט און עסן כשר׳ס... אפשר איז דער בחור אַ ישמעאלי? אמת ס׳זענען פאַראַנען ישמעאלים־קריסטן. אין בעסטן פאַל, אויב ער איז אַן אַראַבער איז ער דאָך אונדזערס אַ שוועסטערקינד מזרע אברהם אָבינו, וואָס פלעגט באַשלאָפן זיך נישט יידישע שפחה מאַדמואַזעל הגר, ווייל שרה אמנו איז געווען אַן עקרה ביז איר 90טן לעבנסיאָר, ווען די דריי מלאכים האָבן זיי באַזוכט.

ווי גוטע שכנים האָט בילע געהאָלפן סוזן מאַכן אירע הכנות אויפצונעמען רעזשינס גאַסט, און זי מיט זשאַקן זענען געווען פאַר־בעטן יענעם אָוונט ביי די בורזשעס „אויף גוטע זאַכן״.

ווען זשאַק מיט בילען האָבן אַריבערגעטרעטן די שוועל פון די בורזשעס איז דער גאַסטצימער געווען פאַרפלייצט מיט ליכט, דער טיש איז געווען באַדעקט מיט „גוטע זאַכן״, מיט קאַראַפינען ווייַן און קאָניאַק, מיט גלעזער, וואָס האָבן געפינקלט אין ליכט. זיי האָבן נישט באַוויזן באַגריסן די שכנים ווי די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט און אין צימער זענען אַריין רעזשין מיט ניסאַנען, פאַררויטלטע פון דער פרישער אָוונטלופט אין דרויסן. רעזשין האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט בילען, זיי האָבן זיך געקושט ווי מיודע ווי לאַנג זיי האָבן זיך נישט געזען, דערנאָך האָט זי אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו זשאַקן. ניסאַן איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער אין פאַרלעגנהייט, אַרומגערינגלט פון פּאַפּאַ, מאַמאַ און די שכנים.

זשאַק מיט בילען האָבן צוגעשמידט זייערע אויגן צום בחור אין ווייסן אוניפאָרם. זשאַק האָט נישט געקענט אָפרייסן זיינע בליקן פון גיסאַנס שטייף הימל מיטן אָפיצערן־צייכן אין פראָנט, ווו אין אַ קיילעכדיק רעמל איז געווען אויסגעשטיקט מיט גאָלדענע פעדים, אין אַ קרענצל, אַן אַנקער מיט אַ מגן־דוד. ס׳האָט זשאַקן אַ ברי געטאָן, עס האָט זיך אים געוואָלט מאַכן אַ „שהחיינו״. ער זעט צום ערשטן מאָל אַ לעבעדיקן יידישן אָפיצער פון אַ יידישער שיף מיטן אַלטן יידישן צייכן, דעם מגן־דוד, וואָס האָט פאַר אים אויסגעדריקט מלכות־ישראל — מדינת־ישראל. בילע האָט פאַרזיכטיק אָפגעווישט אַ טרער: „אַ יידישער אָפיצער פון יידישן לאַנד ישראל״. זי מיט זשאַקן האָבן זיך דערמאָנט, ווי באַלד נאָך דער מלחמה האָבן זיי געטראָפן אין פאַריז שפּאַצירן יידישע זעלנער פון דער יידישער בריגאַדע, מיט יידישע אָפצייכענונגען אויף די אַרבל פון זייערע מונדירן, דאָס זענען געווען זעלנער פון דער יידישער בריגאדע אין דער ענגלישער אַרמיי, וואָס האָבן יעמאָלט אַ סך געהאָלפן לעבן־געבליבענע יידן געפינען נייע אָדער אַלטע היימען, אָבער אָט זעען זיי פאַר די אויגן אַ יידישן אָפיצער פון מדינת־ישראל! — — —

די ערשטע מחשבה פוןביידן איז געווען ווי קומט ער צו רעזשינען, צו דעם קריסטלעכן מיידל? אמת, רעזשין איז אַ טייער קינד, וואָס האָט איר, בילען, דערהאַלטן ביים לעבן אין די פינצטערע מלחמה־יאָרן, אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, זי פלעגט איר ברענגען אין געהיים שפּייז, אָפּגעריסן פון איר מויל, געמונטערט, געטרייסט, אָבער — — — אָבער? — — — —

רעזשין האָט זיך געטומלט און גיך, גיך דערציילט ווי זיי ביידע האָבן די נאָכמיטאָג־שעהען פאַרבראַכט אין פאַריז, ביז די מאַמאַ סוז האָט אַלעמען פאַרבעטן צום טיש. בילע מיט זשאַקן זענען געזעסן מיט אינערלעכער שפּאַנונג, זיי האָבן געוואָלט הערן ווי גיסאַן רעדט, זיי האָבן געוואָלט הערן דעם קלאַנג פון זיין שטים, אויפכאַפּן אַ פאַרבלאָנדזשעט יידיש וואָרט, עפּעס זיך דערוויסן פונעם לעבן אין דער שטאָט, ווו ער וווינט. אפשר קען ער דעם בחור, די משפחה

פון בילעס ברודער, אפשר האָט ער מעשה־נס צופעליק געטראָפן זייער טאָכטער, זיי האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז חיפה שפּרייט זיך אויף מרחקים, צעטיילט אויף דער אונטערשטער שטאָט מיט אירע אַלטע און נייע קוואַרטאַלן, וואָס גרענעצן זיך מיטן ים, דאָס געמלעכע מיטן אינדוסטריע־צענטער און מיט די וווין־קוואַרטאַלן פונעם עמק זבולון, דערנאָך דער הדר הכרמל, וואָס ליגט ווי אויפן קאַרק פון דער אַלטער שטאָט און שטייגט מיט גאַסן ווי לאַנגע טרעפּ, איין גאַס איבער דער צווייטער ביזן הויכן, וואַלדיקן פּלאַטאָ פונעם כרמל, וואָס טיילט זיך ווידער אין גאַסן און קוואַרטאַלן, צעשניטן אין דער לענג און ברייט. היינט גיי און געפין אין אַזאַ לאַבירינט אַ מענטשן, אַ יחיד, ווי אַ פיש אין וואַסער. אין זייער דמיון איז דער כרמל נישט געווען אַ באַרגקייט פון צענדליקער קילאָמעטערס, וואָס ציט זיך פון עמק יזרעאל ביזן שומרון, פאַר זיי איז דער כרמל געווען אַ הויכער, קיילעכדיקער באַרג, ווי אַן אַמאָליקער קאָפּ צוקער פאַרענדיקט מיט אַ שפּיץ, פון וואַנען אליהו הנביא איז געפלויגן אין הימל אין אַ פייערדיקער קאַראָט — — — גיי און געפין דאָרטן די משפחה פון בילעס ברודער מיט זייער טאָכטער מינע, וואָס האַלט זיך אויף ביי זיי.

ניסאַן איז נישט געווען פון די באַרעדעוודיקע מענטשן, ער איז מער געווען אַ שווייגער, וואָס הערט אַלץ אויס און רעדט ווייניק, אַפילו נאָכן אויסליידיקן אַ שיינע פּאָר גלעזלעך משקה, האָט ער זיך געהאַלטן מונטער, האָט ער געענטפערט קורץ, ווי מיט אָפּגעקליבענע ווערטער. דערפאַר האָט רעזשין נישט גערוט, זי האָט געפּיבערט און גערעדט פאַר אַלעמען, ווי אַ צאַפּלדיקע, יונגע פאַריזעריך, זי איז געווען איבערלאָדן מיט עמאָציעס און איינדרוקן, וואָס זי האָט געמוזט אַרויסברענגען נאָכן ווייטן אויספלוג צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, זי האָט בעת מעשה נישט געטראַכט וועגן דער אומבאַקוועמלעכקייט פון איר גאַסט, וואָס האָט זיך גע־פונען די גאַנצע צייט, אָן איבעררייס, אונטער די נייגעריקע בליקן פון די מענטשן אַרום טיש.

יענע נאַכט האָבן מאַמאַ סוז מיט פּאַפּאַ רענאַרד נישט געקענט איינשלאָפן, כאָטש זיי זענען געווען מיד פונעם טומלדיקן טאָג מיטן אָוונט, מיטן באַדערן אַרום גאַסט. ביידע זענען געלעגן צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, זיי האָבן געשמועסט בלחש וועגן ניסאַנען, וואָס איז זיי אויסערלעך זייער געפעלן געוואָרן, נאָר זיין יידישער אָפּשטאַם האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין זייערע מחשבות און אָפּ־גענומען די רו. ס'האָט זיך זיי קיין מאָל נישט געחלומט, אַז זייער שיינע, געראָטענע טאָכטער רעזשין וועט זיך פאַרליבן אין אַ יידישן בחור; נאָך אַלעמען זענען זיי קריסטן, פראַנצויזן, מיט זייער איי־גענעם געוויסן און מענטאַליטעט, וואָס האָט זיך מיט אַ מאָל צו־זאַמענגעשטויסן מיט אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזן פּראָבלעם — אַ קאָנ־פליקט. אין זייער לעבן איז פאַר זיי קיין מאָל נישט געשטאַנען אַזאַ הארב פּראָבלעם. זיי האָבן זיך אַלע יאָרן גוט פאַרטראָגן מיט זייערע יידישע שכנים און באַקאַנטע, זיך איינגעשטעלט פאַר זיי, זיי געהאָלפן, באַשיצט און געשטיצט אין די פינצטערע מלחמה־יאָרן, ווען דאָס וואָרט „זשוויף"־ייד פלעגט אָנוואַרפן אימה אויף זייער קריסטלעכער, מיטלבירגערלעכער אומגעבונג אין פּאַריז. — פּאַריז, די וויג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס איר גייסט טליעט אין דער טיף און לעשט נישט אויס אין גאַנצן ביי מאָסן בירגער.

וואָס וועלן זאָגן די קריסטלעכע שכנים? וואָס וועט זאָגן די משפחה אין וויטן פּראָוואַנס, וואָס וועלן זאָגן די מענטשן מיט וועלכע זיי טרעפן זיך און אַרבעטן צוזאַמען? זיי האָבן אַ סך גע־טראַכט און געגריבלט אין זייערע מחשבות, ביז פּאַפּאַ רענאַרד האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ שטרוי, ער האָט זיך דערמאָנט פון עטלעכע ענלעכע פאַלן פון באַקאַנטע, געמישטע משפחות יידן מיט פראַנ־צויזן, וואָס האָבן זיך גוט אויסגעלעבט אַפילו ווען איינער האָט זיך נישט באַקערט צום גלויבן פון צווייטן. ביז יענער נאַכט איז זיי אַזוינס נישט אָנגעגאַנגען, זאָל יעדער זיך אויסלעבן ווי ער וויל, אָבער אַז אַזוינס האָט זיך מיט אַ מאָל, אומדערוואַרט, אַריינגעמישט

אינטים, נאָענט אין זייער שטילער היים, האָט עס געמוזט זיי אַרויס־ברענגען פון גלייכגעוויכט, באַאומרויִקן און עגבערן אין דער טיף פונעם באַוווסטזיין, אַ טרייסל טאָן. די מעשה האָט באַזונדערס שווער געטראָפן די מאַמאַ סוז, וואָס איז אינערלעך געווען גלויביקער, מער איינגעוואָרצלטער אין איר אמונה, ווי רענאַרד, וואָס האָט קיין מאָל נישט פאַרטראָגן קיין גלחים, ווי ווייט ער האָט געקענט פלעגט ער אויסמיידן דעם קלויסטער. מאַמאַ סוז האָט מורא געהאַט, אַז רעזשין זאָל זיך נישט יידישן, זי זאָל עפּעס נישט צערייסן אָדער אָפּרייסן פון דער פראַנצויזישער משפחה־טראַדיציע מדורי דורות, זי זאָל נישט פּוגע זיין די אונטערבאַוווסטזיניקע קדושה פון געקרייציקטן און פון דער הייליקער מוטער, וואָס זייערע אָפּ־בילדונגען הענגען אין באַגילדעטע רעמלעך אין אַ ווינקל פון זייער שלאָפצימער, איבער אַ לאַמפּאַדע אויף קייטלעך, וואָס זיי צינדן אָן אין זונטיקן און חגאות. איצט האָט זיך מאַמאַ סוז שטאַרקער גע־טוליעט צו רענאַרדס ברוסט, זי האָט זיך געשראָקן פאַר די הייליקע בילדער, וואָס קוקן אַרויס אויף איר פון דער פּינצטער, זי האָט געוואָלט אַ שמועס טאָן מיט רעזשינען, אָבער זי האָט גוט געקענט איר טאָכטער און געוווסט, אַז רייד וועלן נישט העלפן, אפשר וועט די ערשטע נאַיִווע, יונגע ליבע פאַרבייגיין, ווער ווייסט? ערשט פאַר טאָג זענעןביידע איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן איז ניסאָן צוריקגעפאָרן קיין מאַרסעל, ווו ער האָט געדאַרפט איינשטייגן אין זיין שיף, צוריק צו דער אַרבעט, ער האָט איבערגעלאָזן אַ פאַרבאָרגענעם אומרו אין דער פריינד־לעכער היים פון די בורזשעס. רעזשין האָט אים אומעטיק באַגלייט צו דער באַן. כאָטש ער איז נאָך געשטאַנען פאַר אירע אויגן און זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַ האַנט, האָט זי שוין געבענקט נאָך אים.

זייט ניסאָנס באַזוך ביי רעזשינס עלטערן זענען פאַרביי לאַנגע חדשים פאַר ביידן, זיי האָבן זייער בענקען געמילדערט מיט צערט־

לעכע בריוו, יעדערער פון זיי האָט געשריבן פון זיין לעבנסגאַנג און האַפּענונגען, וואָס גיכער זיך ווידער טרעפן און פאַרברענגען צוזאַמען, דערוויל אָן מסקנות וועגן דער נאָענטער צוקונפט.

בעת זיי האָבן זיך איבערגעשריבן זענען געווען די האַניק־חדשים פון דער פראַנקרייך־ישראל־פריינדשאַפט, וואָס איז כסדר אָפּירגעבראַכט געוואָרן אויף אַלע טריבונעס, ראַדיאָ און פרעסע אין ישראל, דאָס נעמלעכע אין פראַנקרייך, ווו ס'האָט אויך געווירקט די טעלעוויזיע.

בילע מיט זשאַקן פלעגן ווי שטענדיק באַזוכן די בורזשעס. רענאַרד האָט מיט אייפער, מיט גרויס אינטערעס, פאַרשלונגען אַלץ, וואָס איז געווען געדרוקט אין זיין צייטונג און אין די זשורנאַלן, וואָס רעזשין פלעגט ברענגען אַ היים. די פריערדיקע גלייכגילטיקע הגם פּאָזיטיווע באַציִונג צו ישראל מצד דעם פאָלקסמענטש רענאַרד איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סוביעקטיווער פריינדשאַפט צום יידישן לאַנד, וואָס האָט שוין נוגע געווען אים פערזענלעך, מחמת דער פאַרבינדונג פון רעזשינען מיט ניסאַנען. ניסאַן איז פאַר אים געוואָרן אַן אויסדרוק פון דעם לעבעדיקן ישראל, ער האָט משלים געווען מיטן געדאַנק, אַז רעזשין קען חתונה האָבן מיט אים, קיינער נויט איר נישט זיך צו „יידישן". ער האָט זיך דערוווסט, אַז זיי קענען מאַכן אַ ציווילע חתונה, וואָס איז געזעצלעך און צווינגט נישט קיין צד בייטן זיין גלויבן. רעזשין האָט אים לעצטנס דערציילט, אַז ניסאַן האָט איר געשריבן דאָס נעמלעכע, כאָטש זיין מוטער מיידט אויס צו רעדן וועגן דעם, ווי מאַמאַ סוז מיידט אויס רעדן מיט איר.ביידע מוטערס, פאַר זיך, האָבן נישט משלים געווען מיט אַזאַ פאַרבינדונג, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ביידע קינדער זענען שוין אַריבער צוואַנציק. ניסאַן איז מיט 5 יאָר עלטער פון רעזשינען, לאָזן זיי טאָן ווי זייער שכל, געפילן און הערצער דיקטירן, די מוטערס ווילן נישט שטערן זייער גליק און וועלן זיך נישט אַריינמישן אין זייער אינטימען לעבן. מאַמאַ סוז מיט דער אמא פרידאַ זענען געקומען

צום זעלבן אויספיר, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך דערוווּסט פון געמישטע פאַרלעך אין זייער אומגעבונג, וואָס לעבן צווישן זיך האַרמאָניש און האָדעווען קינדער. נאָך אַלעמען איז די איצטיקע יוגנט ווייט פון אמונה, זאָל די צייט טאָן אירס, די צייט וועט במילא באַשטימען זייער גורל, מעגלעך, אַז שפּעטער וועלן זיי זיך אויס־גלייכן. מאַמאַ סוז האָט שטיל געהאָפט, אַז ניסאַן וועט מיט דער צייט זיך באַקערן צו רעזשינס גלויבן, בעת די אמא פרידאַ האָט נישט אויפגעגעבן די האָפנונג, אַז רעזשין וועט טאָן דאָס אומגע־קערטע. ווידער פּאַפּאַ רענאַרד האָט אָפּגעשפּאָט פון ביידע ווייבער, ער האָט געטענהעט, אַז די קינדער טראַכטן אַם וויניקסטן וועגן אַ גלויבן אין וועלכן זיי לעבן זיך נישט אויס, אין זייערע אָדערן פליסט דאָס בלוט פון זייערע עלטערן און נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם, וואָס לויט זיינע השגות האָט אין די איצטיקע צייטן וויניק צו טאָן מיט אמונה. אַ רב וועט נישט מאַכן רעזשינען אויס פראַנצויזין, ווי אַ גלח וועט נישט מאַכן ניסאַנען אויס ייד. וועגן זייער נאָכוווּקס, די קינדער, וואָס וועלן קומען, האָבן זיי גענוג צייט צו טראַכטן. ער, רענאַרד, מיינט, אַז די שול, וואָס וועט זיי דערציִען, וועט משפּיע זיין מער ווי ער, ווי סוז, ווי פרידאַ. די קינדער וועלן אויס־וואַקסן און מיט זייער אייגענעם שכל באַשטימען, וואָס זיי ווילן. אויף דער איבערגעחזרטער טענה פון מאַמאַ סוז, אַז די משפּחה מיט די באַקאַנטע וועלן שווער געדייען אַ ייד אין זייער מיט, האָט רענאַרד נישט אָן רוגזה געענטפערט: — „סי, סי מאַמאַ, זיכער וועלן זיי פריִער רעדן און באַריידן, דערנאָך וועלן זיי זיך צוגע־וויגען און אויפהערן".

די אמא פרידאַ האָט לעת־עתה נישט געטראַכט וועגן רעזשינס אינטעגראַציע אין איר יידישער סביבה און קרובים, זי האָט גע־האָפט, אַז אויב רעזשין וועט יאָ חתונה האָבן מיט ניסאַנען וועט זי דאָך מיט דער צייט זיך באַקערן צו יידישקייט, זי איז דאָך אַזאַ פריינדלעכע, אַ צוגעלאָזטע און פאַרשטענדלעכע, נאָך אַלעמען האָט זי נאָך נישט געקענט אין גאַנצן באַגרייפן, אַז ניסאַן וועט בקרוב

חתונה האָבן, וואָרום פאַר איר איז ניסאָן נאָך געווען ווי אַ דער־וואַקסן קינד, נישט מער.

פרידאַ האָט געהאַט אַ קנאַפּע השגה וועגן ציווילע חתונות, וואָס ניסאָן האָט איר לעצטנס אָפּט אָנגעדייט. פאַר איר האָט אַ ציווילע חתונה גאָרנישט געזאָגט. דאָס איז געווען עפּעס אַ פאַר־מעלע שפּיל אָן מינדעסטן האַפט; אָן אמתע חתונה מאַכט מען מיט חופּה־וקדושין, מיט אַ רב, מיט אַ כתובה און נישט מיט אַ פּאַפּירל, וואָס אַ ציווילער באַאַמטער גיט אַרויס ערגעץ אין אַ וואָכעדיקן שטאָנדאָמט, ווי אַ דערלויבניש אויף אַ קיאָסק צו פאַרקויפן מאַסטיק מיט ציגאַרעטן. די מעשה איז נאָר געווען די, וואָס די אמא פרידאַ האָט געמאַכט חשבונות אָן ניסאַנען, בעת ניסאָן האָט שוין געהאַט אַלץ איבערגעטראַכט, באַשלאָסן און געשריבן רעזשינען אַלע פּרטים.

רעזשינס ברודער, פּיער, האָט שוין געהאַט זיין דאָקטאָר־דיפּלאָם, ער האָט פּראַקטיצירט אין אַ שפּיטאָל אין מאַרסעל און איז געווען אָפּגעריסן פון זיינע היימישע ענינים. פּיער פלעגט אַ פּאָר מאָל אין חודש שרייבן צו די עלטערן אין פּאַריז, זיי פלעגן אים ענטפערן. אין איינעם אַזאַ משפּחה־בריוו האָט אים פּאַפּאַ רענאַרד אויסדער־ציילט, וואָס אין דער היים איז זיך פאַרלאָפן. פּיער איז געווען אַ ביסל איבערראַשט פונעם בייגעלייגטן בריוו, וואָס רעזשין האָט געשריבן מיט אַלע פּרטים וועגן איר „קאַפּיטען", פון וואָס זיין פאָטער האָט פריִער דערמאָנט. אַזאַ „ענפאַן" — אַזאַ מיידעלע, שרייבט ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, זי בעט איר ליבן „פרער" — דעם ברודער דאָקטאָר פּיער, דערגיין די איינצלהייטן ווי מען פירט דורך אַ ציווילע חתונה, וואָרום איר „קאַפּיטען" איז אַ „זשוויף", אַ ייִד. לכתחילה האָט עפּעס פּיערן אַ ברי געטאָן, אָבער ער האָט זיך באַלד גוטמוטיק צעלאַכט, היתכן? דאָס מיידעלע רעזשין קלייבט זיך חתונה האָבן? — אַ ציווילע חתונה איז אים געווען צום האַרצן, ער איז בכלל געווען ווייט פון קלויסטער און אמונה. דעם טראָפּן גלויבן, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט, איז אים אין גאַנצן אויסגע־רונען בעת דער וועלט־מלחמה, ווען ער האָט געהערט צו די מאַקי

און זיך געוואָלגערט טעג און נעכט אין וועלדער, אין שייערס, אין גראָבנס און דאָרפישע בוידימער. פריִער אין מאַקי, שפּעטער אין אוניווערסיטעט, זענען צווישן זיינע חברים אויך געווען יידישע בחורים, מיט וועלכע ער האָט זיך צוזאַמענגעלעבט, און קיין מאָל נישט געטראַכט וועגן זייער אָפּשטאַם און גלויבן. זיי זענען געווען זיינע קאַמפּס־ברידער און האָבן מיטגעמאַכט אַלע זיינע אומלעגאַלע וואַנדערונגען מלחמה־צייט. פון זיי האָט ער זיך דערוווּסט פון די נאַצישע גרויל־מעשׂים און רשעות כּלפּי יידן. די ערשטע נאָך־מלחמה־חדשים איז אים אויסגעקומען צו זיין אין אַ פּאָר קאַצעטן, וואָס האָבן אים טיף דערשיטערט. יענעם רושם טראָגט ער אין זיך ביז היינט, אַזוי אַז רעזשינס „קאַפּיטען", דער זשוויף, האָט אים נישט איבעריק באַווירקט, אומגעקערט, ער האָט באַגיטיקט רע־זשינס אויסוואַל און זיין מיינונג געשריבן דעם פּאַפּאַ רענאַרד. רעזשינען האָט ער צוגעזאָגט דערליידיקן אַלדאָס נויטיקע איינ־צואָרדנען די ציווילע חתונה אין מאַרסעל, ער האָט צוגעגעבן, אַז „שאַמפּאַן" וועט זיין אויף זיין חשבון, ער האָט געשריבן רעזשינען זי זאָל בעטן איר „קאַפּיטען" ער זאָל אים באַזוכן, בעת זיין שיף וועט אַנקערן אין מאַרסעל, ער וועט זיך פרייען צו באַקענען זיך מיט זיין צוקונפטיקן שוואָגער, — „אַליאַ, רעזשין! מיר'ן מאַכן אַ לעבן, ער וועט מיר ווייזן זיין איסראַעל־שיף, איך וועל אים באַקענען מיט יידישע קאָלעגן, אַליאַ"!

עס פירט זיך אויף די קאָמערציעלע ישׂראל־שיפן, אַז ים־לייט פונעם באַשטענדיקן דינסט־פּערסאָנאַל, בעת זייערע יערלעכע וואַ־קאַציעס, מעגן מיטנעמען אויף אַ שפּאַציר קיין אויסלאַנד זייערן אַ נאָענטן קרוב אָן געצאָלט, באַזונדער אויף פּאַסאַזשיר־שיפן, ווען נאָך די סעזאָן־רייזעס פעלן קיין מאָל נישט קיין ליידיקע פּלעצער. סוף זומער האָט ניסאָן אויסגענוצט אַזאַ געלעגנהייט און מיטגענומען מיט זיך זיין אמא פרידאַ קיין מאַרסעל מיט דער כּוונה, זי ביידע

זאַלן באַזוכן רעזשינס עלטערן אין פּאַריז, זי וועט זיך באַקענען מיט זיי, זיי וועלן אויסנוצן דעם באַזוך צוזאַמען צו באַשטימען דעם דאַטום פון דער חתונה. ניסאַן האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח און אָנפּאַרטרויט זיין סוד דעם קאַפּיטאַן פון דער שיף, דער קאַפּיטאַן האָט אים גוטמוטיק געדריקט די האַנט און אָפּגעגעבן „מזל טוב", „אין אַ גוטער שעה". דער קאַפּיטאַן, אַ פּאָטער פון צוויי דערוואַקסענע קינדער, האָט געהאַט געגנוג פאַרשטענדניש פאַר זיין שעמעוודיקן אָפּיצער, וועמען מען האָט אויף דער שיף גערופן „שתקן", שווייגער. וואָס איז שייך די נסיעה פון דער אמא פרידאַ, האָט ער אָן איבעריקע ווערטער צוגעזאָגט ניסאַנען זאָרגן פאַר איר זי זאָל געניסן פון אַ באַקוועמער קאַבינע, ער האָט נאָר צוגעגעבן אַ תנאי, דעם פּרייטיק צו נאַכט אויף דער שיף מוז ער מיט דער אמא זיין געסט ביי זיין טיש, די אמא וועט בענטשן ליכט און זיי וועלן צוזאַמען מאַכן „לחיים" — אַן אַדערויף אויף דער שמחה. ניסאַנען האָט דאָס בלוט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים, ער האָט זיך צונויפגענומען און קוים געפונען פּאַסיקע ווערטער, עמאָציאָנירט, צו דאַנקען זיין שעף, וואָס האָט אים מיט שמייכלדיקע אויגן באַגלייט צום אַרויסגאַנג פון זיין קאַבינע. דעם קאַפּיטאַן איז דעמאָלט נישט איינגעפאַלן, אַז דער שטילער יידישער בחור קלייבט זיך חתונה האָבן מיט אַ פראַנצויזין.

די בורזשעס האָבן אויפגענומען די אמא פרידאַ מיט אַ סך פריינדשאַפט, נאָר צווישן זיי איז געשטאַנען ווי אַ וואַנט די שפּראַך. פרידאַ האָט פאַרשטאַנען ווייניק ווערטער פון זייערע רייד, בעת זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט פון אירע ווייניקע ווערטער, דאָ איז געקומען ווי אַ מלאך־המושיע בילע, וואָס איז מחמת נייגעריקייט אַריינגעפאַלן צו די בורזשעס און מיט איר יידיש לשון מקבל־פּנים געווען דעם גאַסט פון אירע שכנים. בילע האָט פלינק איבערזעצט די רייד פוןביידע צדדים, וואָס האָט אָפּגעווישט די פרעמדקייט.

זי האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיי אָפטער באַזוכן כל־זמן די געסט וועלן בלייבן ביי אירע גוטע שכנים, ווער רעדט נאָך אַז בילע האָט פון פריער געוווסט, אַז פרידאַ קומט פון דער שטאָט, וווּ איר ברודער לעבט, וווּ איר טאָכטער געפינט זיך איצט. זי האָט נישט אויפגעגעבן איר האָפענונג, אפשר קען פרידאַ איר ברודער מיט זיין הויזגעזינט, לאַנג־יאָריקע תושבים פון דער כרמל־שטאָט. זי האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז יענע שטאָט ציילט אַ קנאַפּן פערטל מיליאָן יידישע תושבים, וואָס האָבן נאָר צוזאַמען דעם זעלבן הימל איבערן קאָפּ און די זעלבע בלויע רחבות פון ים פאַר זייערע אויגן. פרידאַ און איר ברודער לעבן אין פאַרשידענע „וועלטן" און ס'קומט זיי נישט אויס זיך צו באַגעגענען.

זשאַק איז געקומען באַזוכן די שכנים אין אָוונט אויך זיך צו פרייען מיטן גאַסט פון ישראל, אין דעם פאַל האָט ער געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצולייגן לשון־קודשדיקע ווערטער און אויסדרוקן, וואָס האָבן זיך געגעסטיקט אין זיין זכרון פון די אַמאָליקע חדר־יאָרן, פון סידור, פון חומש, פון דאַוונען שבתים און ימים־טובים אין אַ שול און פון באַגעגענישן מיט נאָענטע און ווייטע יידן אין זיין לעבנסגאַנג אין פּאַריז. נאָר זיין אשכנזישע אויסשפּראַך האָט פאַר פרידען געקלונגען ווי טערקיש, ווייל זי האָט דערוואָרבן העברעיש אין ארץ־ישראל אין ספרדישן נוסח. פרידאַ האָט גוט־מוטיק געבעטן זשאַקן רעדן פשוט יידיש, וואָס זי קען פון דער היים, דאָ ווידער איז שוין פרידאַ געוואָרן די איבערזעצערין צווישן זיי און איר זון, וואָס האָט זיך אין גאַנצן אויסגעלעבט אין עברית.

פּאַפּאַ רענאַרד איז אין גאַנצן געוואָרן צעטומלט, צום ערשטן מאָל הערט ער אין זיין היים אַזאַ געמיש פון שפּראַכן: — די עיקר־שפּראַך איז פראַנצויזיש, וואָס אַלע רעדן חוץ די געסט פון ישראל; רעזשין שמועסט מיט ניסאַנען אין ענגליש; ניסאַן רעדט מיט דער אמא פרידאַ עברית; בעת זי רעדט מיט זשאַקן און בילען יידיש. יעדע ניי אויפגעקאָרקעוועטע פלאַש ווייִן האָט צונישט געמאַכט אַלע מחיצות, געהויבן די שטימונג און פאַרשפּרייט אינערלעכע געמיט־

לעכקייט און פריינדשאַפט, וואָס האָט געשטראָמט פון איינעם צום צווייטן. אַרום טיש זענען זיי געזעסן פּאָרווייז: פּאַפּאַ רענאַרד מיט מאַמאַ סוז, רעזשין מיט ניסאַנען, בילע מיט זשאַקן, אויבן אָן — דער גאַסט פרידאַ. ניסאַן האָט אונטערן טישטוך געהאַלטן רעזשינען פאַר אַ האַנט, ביידע האָבן געזען נאָר איינער דעם צווייטן, זיי האָבן געשטראַלט און פאַרגעסן אַלץ מיט אַלעמען אַרום זיי. פרידאַ האָט נישט אַראָפּגענומען פון זיי די אויגן, אינערלעך געווען אייפערזיכטיק אויף רעזשינען. בילע האָט צו איר גערעדט, פון אירע רייד האָט זי ווייניק אויפגענומען. פּאַפּאַ רענאַרד איז שוין געווען בגילופנדיק, שטאַרק אויפגעלייגט, בעת מאַמאַ סוז האָט געזאָרגט, אַז די טעלערס און גלעזלעך זאָלן נישט בלייבן ליידיק. זשאַק ווידער, מיד פון אַ גאַנצן טאָג לויפן, האָט זיך שווער געראַנגלט מיט זיינע לעפלעך זיי זאָלן זיך נישט צוקלעפּן. ער איז געווען זאַט און באַרוישט פונעם וויין, ער האָט נישט געהאַלטן „יין נסך" פאַר אַן עבירה. ער האָט געוווּסט, אַז אַ פּאָר טעג פאַר פרידעס קומען, האָט בילע מיט מאַמאַ סוז צוזאַמען צונויפגעשטעלט אַ שפּייזקאַרטע צום פייער־לעכן מאָלצייט לכבוד די געסט. זי האָט נישט געוווּסט צי אמא פרידאַ היט שטרענג אָפּ כשרות ביי זיך אין דער היים ווי זי, בילע, פירט זיך אין אַ געוויסער מאָס, איר זשאַק עסט נאָר טראַדיציאָנעלע יידישע מאכלים, און איז נישט מקפּיד אויף אַלע דינים. בילע האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אין ישראל היטן אַלע אָפּ כשרות. ס'איז דאָך אַ יידיש לאַנד! אַזוי אַז ביי יענעם מאָלצייט האָט מען נישט סער־ווירט קיין פליישיקס. ס'האָבן נישט געפעלט אַנדערע מאכלים, וואָס זענען נישט פּוגע די יידישע זיטלעכקייט. פרידען איז נישט איינ־געפאַלן, ווי ווייט אין דעם פּרט, האָבן די גאַסטגעבער געוואָלט זיך רעכענען מיט איר, זי זאָל זיך פילן גוט ווי ביי זיך אין דער היים. זי האָט זיך פון דעם דערוווּסט ערשט צו מאָרגנס, ווען בילע האָט זי מיט די בורזשעס, מיטן יונגן פּאָרל, פאַרבעטן צו זיך אויף אַ יידישן מיטאָג.

אַזוי האָבן אַלע גוט פאַרבראַכט ביז האַלבע נאַכט, ווי אַ משפחה

קרובים און מחותנים, אויסערלעך נישט געפילט די מינדעסטע פרעמדקייט, נישט דעם מינדעסטן ניואַנס פון זייער אָפּשטאַמיקייט. אָבער ביי נאַכט, אויף די געלעגערס, האָבן ביידע מוטערס זיך באַמיט פאַרטרייבן די נאָגעניש, וואָס האָט זיי געפּייניקט אין דער טיף, געטראַכט ווי גרויס זייער גליק וואָלט געווען, ווען צווישן זיי וואָלט דער גלויבן נישט געשטאַנען ווי אַ נישט געזעענע מחיצה. רעזשין גייט פאַרבינדן איר לעבן מיט אַ ייד און ניסאַן מיט אַ קריסטין. די תּרפים איבער דער לאַמפּאַדע, וואָס פרידאַ האָט געזען ביי די בורזשעס אויפן וואַנט, האָבן אָפּגענומען איר רו און געגאָגט ווי אַ וואָרעם. פרידאַ, די טאָכטער פון אַ חסידישער משפּחה, וואָלט גע־וואָלט ווירקן אויף איר איינציקן זון פאַר ווען זי לעבט, ער זאָל נישט איבעררייסן די דורות־לאַנגע משפּחה־קייט. זי האָט געציטערט ער זאָל חלילה נישט אַריבערשפּרייזן די גרענעץ. זי האָט געוווּסט אַז ער בלייבט אַ ייד, כאָטש ער איז עובר אַ גרינטלעכן לאַו פון זיין אמונה. זי האָט גענומען זיך אַליין באַשולדיקן הלמאי זי האָט פריער נישט געטראַכט פון ניסאַנס גייסטיקער דערציִונג אין דער היים פון קינדוייז אָן. זי האָט זיך אַליין באַשולדיקט און געפרעגט, פאַר וואָס קומט איר אַזאַ שטראָף, וואָס איז ביז נישט לאַנג געווען אויסער אירע השגות.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער, ווען ניסאַן איז ווידער געקומען דינסטלעך קיין מאַרסעל און די שיף האָט געמוזט פאַרבלייבן אין פּאָרט עטלעכע טעג אָפּצוּוואַרטן טוריסטן קיין ישראל, האָט ניסאַן, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט, חתונה געהאַט מיט רעזשינען לויט אַ ציווילן שטייגער אינעם שטאַנדאַמט פון מאַרסעל.

ביים אַראָפּשטייגן פון שיף האָבן אים מקבל־פּנים געווען מיט בלומען, רעזשין, איר ברודער פּיער מיט די עלטערן, אַלע אין יום־טובדיקע מלבושים, גוט אויפגעלייגטע. פונעם פּאָרט זענען זיי גלייך פאַרפאָרן אין שטאַנדאַמט, ווו פּיער האָט פון פריער געזאָרגט, אַז

אַלע פֿאַרמאַליטעטן זאָלן זיין גרייט. די חתונה־פּראָצעדור האָט געדויערט ווייניקער ווי אַ האַלבע שעה. אַ פּקיד האָט מיט געמאַכ־טער פייערלעכקייט דעקלאַמאַטאָריש פֿאַרגעלייענט די „כתובה״, רעזשין מיט ניסאַנען האָבן אָנגעטאָן רינגען איינער דעם צווייטן, געחתמעט די פּאַפּירן, זיך צעקושט אַליין, דערנאָך מיט די עלטערן, בעת פיער, ווי ער האָט בשעתו צוגעזאָגט, האָט אויפגעמאַכט אַ פלאַש שאַמפּאַניער, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך. נאָך די טאָסטן און ברכות זענען זיי אַוועקגעפאָרן אין אַ רעסטאָראַן אויף אַ משפחה־מיטאָג.

אין דער זעלבער צייט, אַ פּאָר טויזנט קילאָמעטער פון יענער זייט ים, איז די אמא פרידאַ געזעסן אַ פאַראומערטע אין אַ ווינקל קאַנאַפּע, זי האָט פאַרגאָסן שטילע טרערן. זי האָט געוווסט די צייט פון דער חתונה פון איר איינציקן זון, וואָס האָט איר פריִער צו וויסן געגעבן און אָנגעגעבן דעם אַדרעס פון רעזשינס ברודער אין מאַרסעל. נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, אַ פאַרווייטאָגטע, מיט אַ שווער געמיט, איז זי גאַנץ פרי געשטאַנען פאַר די נאָך געשלאָ־סענע טירן פון פּאָסט, אין אירע הענט האָט געציטערט אַ טעלע־גראַמע מיט אירע מוטערלעכע ברכות און ווונטשן די קינדער צו זייער גליקלעכן טאָג. די פיס האָבן זיך איר געבראָכן, זי האָט געפילט ווי אָט רייסט זיך עפּעס אָפּ פון איר איינזאַמען אלמנה־לעבן, וואָס ווערט פון היינט אָן ליידיקער ווי פריער.

אין דער זעלבער צייט, אין ווייטן מאַרסעל, האָבן איר זון, די שנור, איר ברודער און עלטערן געטרונקען שאַמפּאַניער אין אַ ווינקל פון אַ רעסטאָראַן אַרום אַ געדעקטן טיש און באַרוישטע געזונגען.

אַ יאָר איז אַוועק ווי מינע, די טאָכטער פון די בער׳ס, האָלט זיך אויף ביי איר גוטסיטויִרטן אָנקל אין חיפה. מינע האָט אויפ־געהערט טראַכטן פון זיך צוריקקערן אַ היים קיין פּאַריז. ס׳האָבן

נישט געהאַלפן איר מוטערס תחנונים־בריוו מיט האַרבע צושריפטן פון פאָטער זי זאָל זיך צוריקקערן אין דער לײדיקער היים. „פאַר װעמען פאַרלייגן מיר מיטן קאָפּ, אויב נישט פאַר דיר, מיין טאָכ־טער? פאַר װעמען שלעפּט זיך אַרום דיין פאָטער גאַנצע װאָכן אויף די מאַרשעס װי אַ ציגײנער אין זיין דרינגדע, אויב נישט פאַר דיר, מיין איינציקע טאָכטער — אונדזער איינציק קינד?״

בילע האָט זיך אַ פּאָר מאָל געװענדט צו איר ברודער אין ישראל ביי װעמען מינע האַלט זיך אויף. דער ברודער האָט זיך גענומען בייזערן און איר געענטפערט: „װי איך זע, מאַדאַם ביילקע, איז ביי דיר און ביי מיין שװאָגער, מסיע זשאַק־יענקעלע, אויסגע־רונען דער שכל, טויזנטער יידישע זין און טעכטער פון רייכערע היימען װי דיינע, שטראָמען קיין מדינת־ישראל. ביז זיי אַקלימאַטי־זירן זיך, ביז זיי לערנען זיך אויס די שפּראַך פון אונדזער מדינה, ביז זיי אָרדנען זיך איין מיט אַרבעט, גייען זיי אַרויס די אויגן פון קאָפּ, אָבער זייער שעה קומט, זיי לעבן גליקלעך יעדערער אויף זיין שטייגער, אַפילו װי „פּענטאַקעס״ אין קיבוצים, װאָס זענען איצט אַנדערש װי אַמאָל, זיי װוינען אין שיינע הייזער, געניסן פון אַלדאָס גוטס, די קינדער לעבן ביי זיי װי מאַנאַרכעס, זיי האַלטן אויס אַלטע עלטערן, װאָס לעבן אין שיינע דירהלעך, זיי עסן אין געראַמע שפּייז־זאַלן, זיי האָבן שװימבאַסיינען, ספּאָרטפּלעצער און געניסן פון טע־אַטער, קינאָ און קאָנצערטן, פון לעזזאַלן,ביבליאָטעקן, ראַדיאָ, קלובן מיט טעלעװיזיע וכדומה. װעגן דעם לעבן אין די שטעט און קאָ־לאָניעס איז שוין אָפּגערעדט. מען רייסט פּאַכלייט פון די הענט. װען איך נויטיק זיך אין אַן אַרבעטער — אַ פּאַכמאַן, צאָל איך אים צו אין דער שטיל, זיין פאַראיין זאָל נישט װיסן. — — — מינעלען פעלט גאָרנישט, זי לעבט װי אונדזערס אַן אייגן קינד. באַרכעשעם, זי איז שוין אויף אַ דרך. אָט, אָט האַלט ביים „ברעכן טעלערס״. װאָס װערט איר משוגע און מאַכט איר משוגע זי זאָל צוריקפאָרן. װאָס? — איר האָט עס צוגעגרייט פאַר איר אַ נדן? אפשר מיינט

איר, אַז ס׳פעלט איר שמאַטעס? איר אויסשטייער איז אויף מיין השבון״.

איין אַ ווייטערדיקן בריוו צו זשאַקן האָט ער געשריבן:

„יענקעלע, מיין ליבער שוואָגער, גרויסער צעלייגער! האָסט מורא פאַר די ישמעאלים, פאַר זייער בילן, האָסט מורא פאַר מלחמות? פאַרלאָז זיך אויף די בני־ישראל אין מדינת־ישראל. פאַרלאָז זיך אויף אונדזער ממשלה, אויף אונדזערע חיילים און אלופים — די גענערעלער. וואָס איז ביי דיר משה דיין אַ מלופים־קינד, וואָס? שלאָג זיך אַלץ אַרויס פון קאָפּ, שלאָג זיך אַרויס דעם געדאַנק, אַז מינעלע לויפט שוין צוריק קיין פאַריז „הענדום פענדום״. מירצעשעם, איך וועל אייך בקרוב ברענגען קיין ארץ־ישראל אויף מיינע שפּענדן אויף מינעלעס חתונה. זי האָט אַ בחור אַ גאָלד, ער ענדיקט באַלד אינזשיניער. ביז ער וועט אַריין אין די פּעדערן וועט ער אַרבעטן ביי מיר אַזוי לאַנג ווי אים וועט לוינען. זיין יחוס איז פאַר אונדז אַ כבוד. יענקעלע! — טו מיר אַ טובה, נודע נישט און לאָז צורו מינעלען״.

ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט בילע מיט זשאַקן איין מאָל און צען מאָל איבערלייענען די בריוו פון ישראל. מיטן שכל האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז בילעס ברודער איז גערעכט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז מינע איז פאַרליבט און זיכער בענקט זי אויך נאָך זיי, אָבער זייערע געפילן און בענקען זענען געווען ווייט פון קאַלטן שכל. וואָס ווייטער האָבן זיי מער געבענקט נאָך זייער איינציק קינד. ווען זיי וואָלטן געווען יינגער, און זייער געזונט וואָלט נישט געווען אונטערגעגראָבן פון אַלע ליידן אין דער פינצטערער היטלער־צייט (ימח שמו), וואָלטן זיי געוואָגט פאַרלאָזן פאַריז און עולה זיין קיין ישראל, וואָס איז זיי איצט הונדערט מאָל נאָענטער געוואָרן צו די הערצער, נאָך דעם ווי זייער מינעלע געפינט זיך דאָרטן.

צום סוף האָבן דעם ברודערס בריוו גענומען באַווירקן בילען, וואָס האָט גענומען טענהען צו זשאַקן:

„זע, יענקעלע, ווי גויים אויף די מאַרשעס דערקוטשען דיר

וואָס ווייטער אַלץ מער. אַ כפּרה די מאַרשעס פאַר אונדזער יידיש לאַנד. עס לעבן דאָרטן אַ פּאָר מיליאָן יידן, וועלן מיר אויך לעבן. באמת, הער אויף נודען און זיך פרעסן. איך זאָרג פאַר מינעלען נישט ווייניקער ווי דו. לאָמיר טראַכטן ווי צו פאַרלאָזן פּאַריז און עולה זיין קיין ישראל. מירצעשעם מיר וועלן נישט פאַרלוירן גיין. מיר׳ן שעפּן נחת פון אייניקלעך״.

מער ווי אַ יאָר איז אַוועק נאָך דער חתונה פון רעזשין מיט ניסאַנען. רעזשין האָט פאַרלאָזן איר היים און געבויט איר נעסט אין חיפה. די אמא פרידאַ האָט געדונגען אַ קליין דירהלע פאַרן יונגן פּאָרפאָלק אויפן כרמל. זי האָט זיך פאַרשולדיקט, געשאַפן הלוואות און צוזאַמען מיט ניסאַנס אָפּשפּאָרונגען, מיט אַן אַדערויף אויף זיין געהאַלט פון דער שיפס־געזעלשאַפט, צוזאַמען מיט אַ ביסל פראַנקן, וואָס די בורזשעס האָבן צונויפגעבראַכט מיטצוגעבן רעזשי־גען נדן, איז זיי געלונגען באַצאָלן דאָס שליסלגעלט פאַר דער דירה און איינשאַפן די נויטיקסטע מעבלשטיק. פיער האָט בייגעטראָגן זיין חלק: אַ פרידזשידער מיט אַן עלעקטרישער קאָכפּלאַטע. כלים וכדומה האָבן נישט געפעלט אין די שופלאָדן און אַלמערס פון דער אמא פרידאַ. פאַר וועמען האָט זי עס געהאַלטן? פאַר וועמען דאַרף זי איצט די מיטגעבראַכטע סערוויזן פון פוילן, אויב נישט פאַר ניסאַנען? אין פרידעס אַלמערס האָבן זיך געפונען גענוג טיש־טעכער, האַנטעכער, אַפילו גאַרדינען זיך צו טיילן מיטן יונגן פּאָר־פאָלק. ויכולו — די נעסט אויפן כרמל איז געווען פאַרטיק. אמת, צניעותדיק אָבער געמיטלעך און וואַרעם. ניסאָן מיט רעזשינען האָבן געלעבט גליקלעך און צופרידן, כאָטש די אמא פרידאַ האָט זיי אַ ביסל געשטערט מיט אירע טאָג־טעגלעכע באַזוכן, באַזונדערס, ווען ניסאָן פלעגט קומען אויף געציילטע טעג צווישן איין ים־נסיעה און דער צווייטער, וועןביידע האָבן געוואָלט בלייבן אַליין מיט זייער גליק, נישט צו זיין באַלעסטיקט פון קיינעם. פרידאַ האָט עס גענו־

מען פילן, וואָרום יענע טעג און אָוונטן פלעגט זי זיך איבערוועלטיקן און בלייבן אַליין אין איר דירה, וואָס איז איר געוואָרן צו גרויס. זי האָט זיך גענומען שעמען מיט דער דערשטיקטער אייפערזוכט צו דער יונגער שנור, וואָס דערווייטערט פון איר ניסאַנען. וואָס רעזשין האָט נישט געוואָגט, האָט ניסאַן יאָ געוואָגט. ער האָט אָנ־געדייט דער אמא, זי זאָל זיי לאָזן אַליין, בעת זייגע קורצע באַזוכן אין זיין היים. ער איז אויסן געווען זי פאַרגיטיקן מיט מתנות, וואָס ער פלעגט איר ברענגען נאָך יעדער ים־נסיעה, אָבער ער האָט גע־פילט, אַז ס'איז ווייט פון פאַרגעבונג. ער האָט עס געלערנט פונעם פאַרוואָלקנטן, פאַראומערטן פנים פון זיין מוטער. איין מאָל, נאָך אַ צוזאַמענטרעף מיט דער אמא אויג אויף אויג, האָט ער זיך נישט באַהערשט און איר געזאָגט:

— אמא, דערמאָן זיך ווי דו האָסט זיך געפילט די ערשטע צייט נאָך דיין חתונה מיטן אבא, ווען ער פלעגט קומען נאָך אַ טאָג אַרבעט אין דרויסן? איך ווייס, אפשר איז דאָס גרויזאָם כלפי דיר אין דיין איינזאַמקייט, אָבער איך קען זיך נישט העלפן; נאָכן זיצן פאַרשפאַרט טעג און נעכט אין מיין ראַדיאָ־קאַבינע אויף דער שיף, אויפן שטור־מישן ים, ביז איך דערלעב זיך טרעפן מיט רעזשינען, וואָס בלייבט אויך אַליין אָן קיינעם, — גייט מיר אויס די נשמה. איך קען נישט אַנדערש.

פאַר דער חתונה האָבן רעזשין מיט ניסאַנען קיין מאָל נישט געטראַכט פון איינזאַמקייט, נישט פון שטאַרקן בענקען נאָך די על־טערן. רעזשין האָט ערשט איצט געפילט ווי ס'פעלט איר איר סביבה אין פאַריז, באַזונדערס די מאַמאַ, פאַר וועמען זיך צו פאַרטרויען, אַלץ דערציילן, און נישט איין מאָל האָט זי אין די נעכט נאָס גע־מאַכט דאָס קישן צוקאָפּנס, נאָר אַלץ פלעגט גיך פאַרשווינדן בעת זי פלעגט דערהערן ניסאַנס קלונג אין טיר און זי פלעגט אים אויפ־נעמען אין אירע אָרעמס, אַרומנעמען, דריקן איר פנים צו זיין ברוסט, אַריינאָטעמען זיין מענלעכע דופט אויסגעמישט מיט די ריחות פון מרחקים מיט ים.

רעזשין האָט זיך שווער איינגעלעבט אין איר נייער היים און סביבה. די שכנים זענען גראָד געווען פריינדלעכע, צוגעלאָזטע, וואָס האָבן זי מקרב געווען. נאָר די שפּראַך־מחיצה האָט געשטערט. ניסאַן האָט איר איינגעשאַפן לייכטע ביכלעך צו לערנען העברעיש. זי האָט עס געטאָן מיט פלייס. מיט אייזערנעם ווילן האָט זי יעדן טאָג סיסטעמאַטיש געלערנט אויף אויסנווייניק 15—20 נויטיקע ווערטער. אַ חודש שפּעטער האָט זי גענומען באַזוכן אָונטקורסן, ווו זי האָט זיך באַפריינדעט מיט יוגנטלעכע אין איר עלטער. ס׳רוב פון זיי עולים פון לעוואַנט. כאָטש זיי האָבן גערעדט פראַנצויזיש זענען זיי געווען ווייט פון דער פּאַריזער קולטור און מענטאַליטעט. נאָר אַ גליק איז איר געשען, ווען אין אַ שיינעם טאָג איז צו איר אַריינגעפאַלן אַ צעפּלאָמטע מינע, די טאָכטער פון די בערס, אירע שכנים אין פּאַריז, וועמען זי האָט גוט געקענט, כאָטש ביידע האָבן זיך אויסגעלעבט אין באַזונדערע וועלטן. דאָ אויפן כרמל איז ביי זיי די שמחה געווען גרויס.

— אָליאַ, אָליאַ, רעזשין, דיין מאַמאַ האָט געגעבן מיין מאַמאַ דיין אַדרעס, אָליאַ!

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ביידע האָבן זיך גענומען אָפּט טרעפן. זיי זענען געוואָרן נאָענט, אינטים. זיי האָבן זיך נישט געקענט זיך זעטיקן מיטן פליסיקן שטראָם פון זייער מוטערשפּראַך אין פּאַריז, זיי האָבן איבערגעשלאָגן איינע דער צווייטער זיך צו טיילן מיט איינדרוקן, איבערלעבונגען און מיטן אינהאַלט פון די באַקומענע היימישע בריוו מיט די פּרטי־פּרטים פון אַלע פּערזענלעכע נייעסן פון דאָרטן און פון דאַנען. ערשט נאָכן ערשטן זיך אויסלאָדן, האָט מינע זיך אַרומגעקוקט און געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן רעזשינס קליין דירהלע מיט דער רייכער ווילע פון איר אָנקל, ווו זי האַלט זיך אויף אויפן כרמל אין אַ ווייטלעכן קוואַרטאַל פון כולו ווילעס צווישן בוימער און גוט־געציכטיקטע בלומען־קוס־טעס, אַרומגעצוימטע מיט לעבעדיקע, שטענדיק גרינע צוימען, מיט

אַ גאַראַזש אין פראַנט ביי יעדן טויער. דער אויסבליק פון דער אומגעבונג אַרום האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם מיט די אויגן: — בערג־פּלאַטאָען מיט טאָלן און וואַדיס באַדעקטע מיט וואַלד, אָדער פעלזן מיט ווילדע קוסטעס צווישן זיי ביז אַראָפּצו אין מערב־זייט, ווו די בלויע הימלען באָדן זיך אינעם רחבות פון ים, וואָס גרענעצט זיך מיט אַ ווייטער אָנסופיקייט. פון מזרח־זייט — די נייע בנינים און גרינע פלעצער פון אוניווערסיטעט. די פּאַנאָראַמע דערמאָנט די באַרגיקע שיינקייט פון שווייץ. די סביבה שניידט דורך אַ גע־שלענגלטער, אַספאַלטירטער כביש ווי אַ שוואַרצע, גלאַנציקע סטענגע, וואָס שפּיגלט זיך אין דער זון. ווינטער און פרילינג איז אַלץ באַ־צירט מיט אַ פילפאַרביקער בלומיקייט. פון ווייטן, אין צפון, זעען זיך די פאַרנעפּלטע בערג פון גליל. בעת די לופט איז דורכזיכטיק זעט מען דעם פאַרשנייטן קאָפּ פון חרמון. אויב אליהו־הנביא האָט דאָרטן אַ מאָל געוואַנדערט איז צו פאַרשטיין זיין השראה, זיין געטלעכן נבואה־גייסט. מינע לעבט שוין דאָרטן מער ווי אַ יאָר צייט, און שטענדיק ווען זי געפינט זיך אין דרויסן בלייבט זי אַ ווײַלע שטיין אַ פאַרגאַפטע, אָטעמט איין טיף די פרישע באַרג־און ים־לופט.

פאַרן געזעגענען זיך מיט רעזשינען, האָט זי איר צוגעזאָגט, אַז די טעג וועט זי מיט איר בחור קומען נעמען זי צום אָנקל אויף אַ מיטאָג. זי וועט דאָרטן עפּעס זען פונעם ישראל־פּייזאַזש.

— סי, סי, רעזשין, אַוודאי ווייסטו שוין פון דיין מאַמעס בריוו, אַז איך האָב ליב אַ ווײַלן בחור. מיר קלייבן זיך בקרוב חתונה האָבן. וועסט זיך באַקענען מיט אים.

אין טראַנס פון ליבע האָבן רעזשין מיט ניסאַנען נישט גע־טראַכט נישט פון מאָרגן, נישט פון דער גרויער טאָג־טעגלעכקייט, וואָס באַווירקט און קילט אָפּ געפילן. ביידע האָבן לכתחילה נישט געטראַכט, אַז שוין דאָס ערשטע יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן פאַר־

ברענגעןביידע צוזאַמען זייער ווייניק צייט. יעדן חודש מאַכט ניסאָן צוויי ים־רייזעס, וואָס דויערן הין און צוריק 20—22 טעג. ניסאָן איז צוגעשמידט צו זיין רוטין־אַרבעט אויפן ים און האָט ווייניק צייט צו טראַכטן, אָבער ער איז געווען דורכגענומען מיט בענקשאַפט נאָך רעזשינען. ער האָט געחלומט צו זיין מיט איר אין זייער קליינער היימישער נעסט אויפן כרמל. אויפן ים האָט ער געהאַט ווייניק געלעגנהייטן אויסצולאָדן אין בריוו זיינע געפילן און בענקען. ווידער זי האָט אויך נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו טאָן דאָס זעלבע. זי האָט נישט געהאַט זיין אַדרעס. ביידע האָבן אומגעדולדיק געציילט די טעג, ווען זיי וועלן זיך צוזאַמענטרעפן די 2—3 מאָל אַ חודש, ווען די שיף שווימט אַריין אין היימישן האַפן. רעזשין האָט גענומען זיך לאַנגווײלן. זי האָט געהאַט ווייניק צו טאָן אין דער היים, דאָס לערנען עברית מיט לאַנדקענטעניש האָט זי מער נישט אַזוי אינטערעסירט ווי די ערשטע צייט נאָך איר עליה. קיין נאָענטע סביבה, וווּ זיך אויסצולעבן, האָט זי נאָך אויך נישט געהאַט מחמת דער שפּראַך־מחיצה, וואָס האָט איר אויך באַשווערט די באַזוכן ביי דער אמא פרידאַ, ווי פרידעס באַזוכן ביי איר. ביידע פּרויען האָבן זיך נישט אַזוי גוט פאַרטראָגן. ביידע האָבן זיך אויסגעלעבט אין באַזונדערע וועלטן. ביידע האָבן געליטן פון פאַרבאָרגענער אייפערזוכט: פרידאַ האָט געלעכצט צו זיין וואָס מער צוזאַמען מיט איר זון בעת זיינע קורצע באַזוכן אין דער היים, דאָס נעמלעכע רעזשין, וואָס האָט געוואָלט ער זאָל יעדע פרייע שעה פאַרברענגען נאָר מיט איר אַליין.

אין ניסאַנס אָפּוועזנהייט פלעגט רעזשין פרייטיק צו נאַכט און שבת מיטאָגצייט פאַרברענגען ביי פרידען. ביי יעדן צוזאַמענטרעף פלעגן ביידע זיך אַרומנעמען און קושן, נאָר וואָס ווייטער זענען די קושן געוואָרן אָפּגעקילט, לופטיקער, נאָר לייכט צו באַרירן איינע דער צווייטערס ליפּן.

דאָס איינציקע, וואָס פרידאַ האָט נישט איבערגעריסן אין איר אלמנה־לעבן, איז דאָס אָפּהיטן יום־טוב און פרייטיק צו נאַכטן,

דאָס בענטשן ליכט און עסן די מאָלצייטן ביי אַ געדעקטן טיש, מיט צוויי קליינע חלות איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטעכל. זי האָט געצונדן די ליכט נישט אַזוי לכבוד שבת־קודש און יום־טוב, ווי לזכר די נשמות פון געשטאָרבענעם מאַן און געפאַלענעם זון. די ליכט אויפן שבתדיקן טיש פלעגן איר דערמאָנען די פאַר־ברענטע היים, ווו איר מוטער פלעגט צינדן אַ שבת־ליכט לכבוד יעדן קינד באַזונדער. אַזוי האָט זיך די אמא פרידאַ אויך גענומען פירן נאָך ניסאַנס חתונה, וואָס איז נישט געווען צום האַרצן, — נאָך אַ פּאָר ליכט אין נאָך צוויי לייכטער פאַר איר זון און שנור.

די ערשטע פרייטיק צו נאַכטן האָבן אימפּאָנירט רעזשינען, מחמת דער שבתדיקער פייערלעכקייט. שפּעטער האָט עס נאָכגע־לאָזן. דאָס יידיש־עסן איז נישט געווען לויט איר געשמאַק. זי איז געווען געוווינט צו עסן געבראָטנס, נישט קיין געקאָכט פליש, ווי ביי דער אמא פרידאַ. ס'האָט געפעלט דער קאַראַפין לייכטער ווין, צו וואָס זי איז געווען געוווינט פון דער פריסטער יוגנט. פרידאַ האָט דערפון נישט געוווסט. זי פלעגט סערווירן ווין נאָר לכבוד געסט, ווייל זי אַליין האָט אַזאַ משקה נישט געברויכט. זי האָט פאַרשטאַנען נישט צו בעטן רעזשינען צינדן ליכט וויסנדיק, אַז זי איז נישט קיין יידיש קינד. ווען די פייערלעכקייט האָט זיך אָפּגעטאָן, די געצונדענע ליכט האָבן אויפגעהערט אימפּאָנירן, האָט רעזשין גענומען פילן אַ ליידיקייט. ווער רעדט נאָך, אַז ניסאַן האָט איר געפעלט. רעזשין האָט לעצטנס דערפילט אַז עס פעלט איר אמונה. זי פילט נישט די יידישקייט, וואָס פרידאַ פילט און לעבט מיט דעם. זי האָט פאַרלוירן די קריסטלעכע אַטמאָספער אין וועל־כער זי האָט געלעבט ביז איר חתונה. כל זמן אַלע אירע מחשבות זענען געווען איבערלאָדן מיט אַנגעגליטע געפילן צו ניסאַנען, האָט זי קיין מאָל נישט געטראַכט פון אמונה.

אַנגעהויבן האָט זיך עס ביי אַ סדר־נאַכט אינעם ערשטן יאָר פון איר לעבן אין ישראל אין אַ דורכויס יידישער סביבה.

יענעם ערב־פסח אין דער פרי איז ניסאַנס שיף אַריינגעשווומען

אין האַפן, די סירענע האָט געברומט און געררויכערט ווייסן קטורת אַרויפצו, צום הימל, צו דער פלאַטערנדיקער פאָן פון ישראל אויפן העכסטן מאַסט. דער אַנקער איז געפאַלן מיט האַרמידער און גע־בראַזג ווי שטיינער, וואָס שיטן זיך אויף אַ ברוק. נאָך דעם האָבן די וואַך־און בוקסיר־שיפלעך זיך אָפּגעקערט פון דער שיף. מאַטראָסן האָבן אַ שליידער געטאָן פונעם דעק אַראָפּ קנוילן גראָבע שטריק צו דער ראַמפּע, וואָס יבשה־אַרבעטער האָבן פלינק אויפגעכאַפּט און גענומען וויקלען אַרום ביקעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ריזיקע, אייזערנע שוואָמען. ביסלעכווייז האָט זיך די שיף לאַנגזאַם אויס־געקערעוועט און צוגעקלעפּט צו דער ראַמפּע אין איר גאַנצער לענג. שנעל איז פון שיף אַראָפּגעפאַלן אַ הענגטרעפּ צו דער יבשה. אַרום טרעפּ האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פון עולים ויורדים: — פּאָליציאַנטן מיט מענטשן פון צאָלאַמט זענען אַרויפגעשטיגן מיט די טרעפּ, בעת שיפס־אָפיצערן זענען אַראָפּגעשטיגן מיט טעקעס און פּאַפּירן אין די הענט.

די שיף האָט געבראַכט עולים, צוריקגעקומענע בירגער פון ישראל, מיט טוריסטן אויף יום־טוב. אַ טייל פון זיי זענען געשטאַנען אויף די דעקן ביי די פּאַרענטשן, געפאָכעט מיט היט און טיכלעך, אויסגערופן נעמען און געשיקט לופטקושן. יוגנט האָט געטומלט און געזונגען, און פון דער יבשה האָבן קרובים צוריקגעענטפערט מיט געשרייען, געוואָרפן בלומען מיט מאַראַנצן אין דער הויך אויף דער שיף.

די זון האָט מילד געוואַרעמט, די וואַסערן האָבן מורמלדיק זיך אָנגעשלאָגן אָן די ווענט פון דער ראַמפּע, סטייעס מעוועס, ווייסע ווי שניי, מיט שוואַרצער באַזוימונג אויף זייערע שפּיץ־פליגלען האָבן געקרייזט אַרום דער שיף, אַרויסגעפּישט פונעם מוטנעם וואַסער אַרויסגעוואָרפענע פסולת פון דער שיפסקיך. נישט ווייט פונעם הענגטרעפּ אויף דער זייט פון דער שיף האָט זיך אויפגעמאַכט אַ טיר פון וואַנען עס האָט זיך גענומען רעדלען אַ לויפנדיקע באַנד באַלאָדן מיט וואַליזעס, פּעק און קוישן און עס דערלאַנגט אויף

אַ לאַנגן טיש פון צאַלאַמט, ווו ס׳האָבן זיך געטומלט די ערשטע אַראָפּגעשטיגענע רייזנדער, וואָס האָבן אויסגעקוקט זייער באַגאַזש. יונגנטלעכע מיט רוקנזעקלעך, מיט טראַנזיסטערס און פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן אויף ברוסט און שולטער האָבן זיך געלאָזט צו די טישלעך כּרוכט, לייכטע געטראַנקען, פרישע זעמל מיט ביסקוויטן, וואָס „גוטע טאַנטעס" פון דער „אַרבעטנדיקע מוטערס"־אָרגאַניזאַציע האָבן פריי־לעך סערווירט. עלטערע טוריסטן, נייע עולים, מיט פייכטע אויגן, האָבן נישט געקענט אָפּטאָן זייערע בליקן פון די אוניפאָרמירטע יידישע חיילים, וואָס זענען געקומען אָפּוואַרטן קרובים. נישט איין עלטערער טוריסט האָט בלחש געמאַכט „שהחיינו".

בעת דער טומל האָט זיך איינגעשטילט און דער זאַל פון צאָל־אַמט האָט זיך געגומען אויסליידיקן, האָט גענומען אַראָפּשטייגן דאָס שיפס־פּערסאָנאַל: — מאַטראָסן, אָפיצערן אין ווייס געפּרעסטע אוניפאָרמען, מענער און פרויען פון דער באַדינונג, אַלע אויפגע־לייגטע, פריילעכע — אויף פּסח אַ היים. אויף דער שיף זענען נאָר געבליבן די שמירה־וואַכלייט, די אומגליקלעכסטע אין יענעם טאָג, וואָס מוזן בלייבן ביז אַ צווייטע שיכט וועט קומען זיי פאַרבייטן נאָך אַ האַלבער נאַכט, שוין נאָכן סדר אין זייערע היימען.

ניסאָן איז אַראָפּגעשטיגן מיט די לעצטע פון שיף און איז אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון דער אמא פרידאַ און פון רעזשינען, וואָס האָבן אים אָפּגעוואַרט. ער איז נישט געווען דער איינציקער, וועמען מוטערס, פרויען און קינדער האָבן מקבל־פּנים געווען מיט פרייד און קושן.

פונעם האַפן זענען זיי פאַרפאָרן צו דער אמא פרידאַ. רעזשין האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן ניסאָנען פאַר אַ האַנט, נישט אָפּ־געטרעטן פון אים אויף אַ רגע, בעת פרידאַ האָט זיך קוים באַ־הערשט צו בלייבן רויק, נישט אַרויסצוווייזן איר איפּערזוכט. ביז דער חתונה האָט ניסאָן אין גאַנצן געהערט נאָר איר אַליין. ווען ער פלעגט צוריקקומען פון אַ ים־נסיעה פלעגט ער קוקן נאָר אויף איר, רעדן נאָר צו איר, ברענגען מתנות נאָר פאַר איר. איצט האָט

ער אַלץ געטיילט אין צווייען, גערעדט מער צו רעזשיגנען ווי צו איר, נישט אָפּגעטאָן פון איר די אויגן, נישט געפילט דער מוטערס געמיט.

פרידאַ האָט געוווינט אין אַ שותפותדיק הויז פון וואָסערע 12 דירות אין איין בלאָק, אין אַ הויף פאַרפלאַנצט מיט ציטרונגס־בוימער, מיט אַ שטענדיק גרינעם גראָזטעפּיך פאַר קינדער זיך צו שפּילן. דאָס איז געווען איינע פון די „שיכון"־הייזער, וואָס די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, די „הסתדרות", האָט געבויט באַלד נאָכן באַפרייונגס־קריג פאַר נייע עולים און אַרבעטנדיקע משפחות, וואָס האָבן זיך געגויטיקט אין דירות.

אַנהויב די 50־קער יאָרן זענען אַזעלכע דירות נישט געווען טייער. דער באַטריבסראַט פון דער אונטערנעמונג, ווו פרידעס מאַן האָט געאַרבעט, האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ גרופּע פון 12 משפחות זיי זאָלן זיך באַזעצן אין אַזאַ הויז. יעדע משפחה האָט באַקומען אַ דירה פאַר אַ צוגענגלעכן פּרייז. לכתחילה האָבן זיי אינוועסטירט זייערע אָפּשפּאָרונגען מיטן אָפּטרעטגעלט פון די אַלטע דירות, בעת דער „שיכון" האָט יעדערן פון זיי באַזאָרגט מיט אַ היפּאָטעק־הלוואה פאַר ביליקע פּראָצענטן אויסצוצאָלן במשך פון 15 יאָר. נאָכן אויסצאָלן די הלוואות באַקומט יעדער שכן די דירה ווי זיין פּריוואַט־אייגנטום. שלום, פרידעס מאַן, האָט נאָך פאַרן לעבן באַוויזן איינשאַפן אַזאַ דירה, וואָס איז נאָך זיין טויט אַריבער צו איר. די דירה איז געוואָרן איר גאַנץ פאַרמעגן, געהאָלפן איר באַשיידענעם אויסקום, איר געגעבן דאָס געפיל, אַז זי האָט אַ פּיצל באָדן אונטער די פיס מיט אַ פאַרזיכערטן דאַך איבערן קאָפּ אויף די עלטערע יאָרן.

אין איר איינזאַמקייט האָט פרידאַ אַ סך געלייענט. זי האָט נישט פאַרגעסן דעם ענגלישן שפּרוך: „מיין היים איז מיין פעסטונג". „יאָ", פלעגט זי זאָגן זיך אַליין, „מיין דירה איז טאַקע מיין פעסטונג, זי דינט מיר ווי אַ שעלטער, זי איז מיר נאָענט ווי אַ בגד אויפן לייב, אירע ווענט זאַפּן איין מיין אומעט, מיין איינזאַמ־

קייט״. פרידאַ האָט געוווסט ווי צו האַלטן איר נעסט. אָפּגעהיט קפּדנותדיק די ריינקייט פון יעדן ווינקל, פון יעדן בילד אויף דער וואַנט, פון יעדן מעבלשטיק, פון יעדער גאַרדין, אַפילו פון די אַלטע טעפּיכער אויפן דיל. אויף דער טעראַסע ביי די ווענט זענען געשטאַנען וואַזאָנעס, צו די ווענט האָבן זיך געקלעפּט גרינע קלעטערפלאַנצן, מיט וואָס ניסאַן פלעגט זיך אָפּגעבן איידער ער איז אַוועק פון דער היים. אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן די אינטימקייט מיט געמיטלעכקייט. שכנטעס פלעגן זי מקנא זיין און באַוווּנדערן איר געדולד און פלייס אַריינצולייגן אַזוי פיל פּראַצע אין אירע ד׳ אמות.

נאָך יאָרן צוזאַמענלעבן אונטער איין דאַך האָבן זיך די שכנים דערנענטערט, געוווּסט וואָס עס טוט זיך איינער ביים צווייטן. זיי האָבן זיך אויסגעהאָלפן אין נויטפאַלן מיט קלענערע הלוואות ביזן „ערשטן״, ווען מען באַקומט דאָס געהאַלט. זיי פלעגן אָפּהיטן איינער ביים צווייטן קינדער, ווען זיי פלעגן אָן אָוונט אַרויסגיין אויף באַזוכן אָדער אַ פאַרוויילונג. זיי האָבן זיך צוגעוווינט לייזן קליינע קאָנפליקטן און פאַרמיידן צווישן זיך מחלוקתן. די מענטשן אין הויז האָבן זיך איינגעלעבט ווי אַ גרויסע משפּחה. שכנטעס פלעגן טועם זיין איינע ביי דער צווייטער געריכטן און זיך אויסהעלפן מיט „רעצעפּטן״ צו באַקן כלערליי מינים קוכן. אָבער די קרוין פון דער פריינדשאַפט אין יענעם הויז איז געווען די בשותפותדיקע פּסח־סדרים אויף יעדן שטאָק באַזונדער.

יענעם פּסח זענען פרידאַ מיט איר זון און שנור געווען פאַרבעטן צום סדר ביי די שכנים פונעם שטאָק, וווּ זי האָט געוווינט. ווי עס פירט זיך, ברענגט יעדער שכן מיט זיין חלק מאכלים און משקה, די הוצאות זאָלן נישט באַלעסטיקן די גאַסטגעבער, וואָס געהערן נישט צום רייכן שטאַנד. — אַלע זענען אַרבעטסמענטשן און באַאַמטע.

נאָכן קומען אַ היים פון שיף האָבן ניסאַן מיט רעזשינען זיך לאַנג נישט אויפגעהאַלטן ביי דער אמא פרידאַ. זיי האָבן נישט

געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן ביז די אמא וועט צוגרייטן אַ לייכטן צוביים. ניסאַן האָט איבערגעגעבן די אמא מתנות, וואָס ער האָט איר געבראַכט. בעת זי האָט זיך געפּאָרעט אין קיך ביים קאָווע־קריגל, זענען ביידע אַריין צו איר מיט אַ „שלום" זיך דערוויסן ווען דער סדר הויבט זיך אָן. ביידע זענען באַלד פאַרשוווּנדן און זי איבערגעלאָזט אַליין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, מיט פולע אויגן, שטאַמלענדיק צו זיך: — „שוין אַנטלויפט איר, שוין ?" זי האָט נאָך באַוויזן הערן ווי רעזשין זאָגט:

— סי, סי אמא, מיר׳ן זיך טרעפן ביים סעדער. סי, סי, שאַליאָם אמא.

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ מילדער פרילינגס־טאָג. פויגל האָבן זיך איבערגעפרעגט פון צווישן די געדיכטע בלעטער פון בוימער. די זון האָט געשיינט און באַשטראַלט דעם הויף. קינדער האָבן זיך געשפּילט און געקוילערט שטיפעריש אויפן גרינעם גראָז. בשמים פון בליונג, פון פרילינג, האָבן זיך אויסגעמישט מיט די ריחות פון געקאָכטע פּסחדיקע מאכלים. די פענצטער זענען אָר־מעטום געווען אָפן אַריינצולאָזן די פרישע לופט פון דרויסן. פון די קיכן האָבן זיך געהערט שמועסן מיט געלעכטער פון די שכנטעס. אמא פרידאַ האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן. ביי איר איז שוין אַלץ געווען גרייט פון נעכטן אינעם איבערגעפולטן אייזקאַסטן. זי האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל קאַנאַפּע און אַ פאַראומערטע מיט פאַר־מאַכטע אויגן אַוועקגעשווומען אין אירע זכרונות פון די אַמאָליקע ערב־פסח־טעג אין איר היים, בעת איר שלום האָט נאָך געלעבט. איר געהאָלפן זיך פאַרען אין קיך, רייבן עפּל מיט ניס אויף חרוסת, שיילן האַרטע אייער צום זאַלצוואַסער און נישט אויפהערן דערציילן, וואָס ער האָט היינט געלייענט אין צייטונג, בעת ער איז נאָך דער אַרבעט געזעסן אין אויטאָבוס אונטערוועגס אַ היים. אין אירע אויערן האָבן שטיל געקלונגען די שטימען פון ביידע זין, וואָס האָבן זיך געאַמפּערט ביים לייזן אַ רעבוס אין אַ וואָכן־זשורנאַל. די שטוב איז פול געווען מיט יום־טוב. ס׳האָט געשמעקט פון יעדן ווינקל.

די מידקייט האָט זי באַהערשט נאָך אַ שלעכט געשלאָפענער נאַכט און נאָך דער שפּאַנונג אין האַפן ביז זי האָט דערזען ניסאַנען אַ צעשמייכלטן מיט פּעקלעך אין די הענט. זי איז אומרויִק איינגעשלאָפן אַ צונויפגעקנוילטע אין ווינקל קאַנאַפּע, ווו זי איז געזעסן.

אַ שאַרפער קלונג אין קאָרידאָר האָט זי אויפגעריסן פון שלאָף. זי איז אויפגעשפּרונגען, אָן ווילן אויפגעמאַכט די אויגן און אַנטרונען פון די חלומות. אָבער דאָס גלעקל איבערן טיר האָט נישט אויפגעהערט קלינגען ביז זי איז געקומען צו זיך און אַריינגעלאָזן אַן אומרויִקע שכנה, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען הלמאי מען האָט באַלד נישט אויפגעמאַכט די טיר. פרידאַ האָט זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז אָט פאַלט צו די נאַכט, אָט גרייט מען דעם סדר־טיש און זי איז נאָך נישט געקומען העלפן.

— וואָס איז געשען פרידאַ? ווו זענען די קינדער? יאָ, יאָ, ליב אייך אייערע געסט, ווו זענען זיי?

אַ ביסל פאַרשעמט, ברענגענדיק אין אָרדנונג אירע האָר און קליידונג האָט זיך פרידאַ פאַרענטפערט, באשר זי איז איינגעשלאָפן מחמת מידקייט. די קינדער זענען אַרויפגעפאָרן אויפן כרמל צו זיך אין דער היים זיך אָפּרוען. זיי דאַרפן יעדע רגע קומען. פרידאַ האָט גערעדט שטיל, אויסצומיידן צו דערציילן, אַז ניסאַן מיט רעזשינען האָבן זי געלאָזט אַליין. נאָר בעת די שכנטע האָט דערזען אירע פייכטע, פאַרנעפּלטע אויגן, האָט זי זי אַרומגענומען, געגלעט דאָס פּנים און געשטאַמלט:

— יאָ, יאָ, ליבע פרידאַ. איך פאַרשטיי, אַזוי זענען די איצטיקע קינדער. נו, זאָלן זיי זיין געזונט. מיר'ן זיך באַלד זען.

איבער דער שטאָט האָט זיך שוין געשפּרייט אַן אויסגעשטערנטער, סאַמעטענער הימל מיט אַ פולער לבנה, וואָס האָט זיך אויסגעשיילט פון אַ צונטער רויט ווינקל פון די בערג אַרויס, פון יענער זייט עמק זבולון. די לבנה איז אַרויסגעשוואומען ווי אַ גרויס פייערדיק ראָד. וואָס העכער זי איז געשטיגן, אַלץ קלענער און בלאַסער איז זי געוואָרן ביז זי האָט באַקומען איר געוויינלעך פּנים ווי אַ קיילעך

אַרויסגעשניטן פונעם ליכטיקן טאָג. פון ווייטן, פון צווישן וואַלד־קוימענס אין שטח פון די נעפט־ראַפינעריעס, מזרחדיק פון דאַמפּנ־דיקע, הויכע, קילטורעמס, האָבן געפלאַקערט עטלעכע פלאַמען ווי ריזיקע הבדלה־ליכט, וואָס האָבן מיט זייער שיין אין דער הויך געררויטלט שטיקלעך וואָלקנס, דאַמף און רויך, צוצוגעבן אַלץ אַרום אַן אויסזען פון לא יום ולא לילה. פון דרום־זייט האָט זיך געשלענגלט די זילבערנע סטענגע פון קישון. לענג אויס דער אויטאָסטראַדע אין עמק זבולון צו די פאָרשטעט, האָבן זיך געצויגן צוויי נישט איבערגעריסענע שורות אויטאָס מיט העלע ליכט פון פאָרנט און מיט רויטע לעמפּלעך פון הינטן. זיי האָבן זיך באַוועגט איין שורה פאַרויס פון דרום צו צפון, אַ צווייטע שורה צוריק.

די גאַסן זענען פול געוואָרן מיט יום־טובדיקע יידן, מיט מחזורים אין די הענט, באַגלייט מיט קינדער. מען איז געגאַנגען פון שולן און בתי־מדרשים אַ היים צום סדר. פון אָפענע פענצטער האָבן זיך געזען געדעקטע טישן מיט אָנגעצונדענע ליכט און בלאַנקענדיק־געפּוצטע לייכטער, טישן באַלאָדענע מכל־טוב, מיט פלעשער און קאַראַפינען וויין. די אמא פרידאַ האָט דאָס מאָל געבענטשט ליכט אויפן ליידיקן שרייבטיש פון איר מאַן, ווו ס׳האָבן זיך געפונען נאָר די בילדער פון אים און פונעם געפאַלענעם זון.

אמא פרידאַ איז געווען אַליין. מיט געשפּאַנטע נערוון האָט זי געשפּרייזט הין און צוריק איבערן צימער. די פלעמלעך פון די ליכט האָבן געציטערט און געוואָרפן שפּרינגענדיקע שאָטנס אויף די ווענט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיקע באַשעפענישן. פון דרויסן האָט זיך געטראָגן אַ גערעדעריי, אַ קלאַפּן פון טירן, פרייד־דיקע קינדערשטימען מיט „חג־שמח׳ן". ניסאַן מיט רעזשינען זענען נאָך נישט געקומען. פרידאַ האָט זיך געשעמט. זי האָט געבראָכן די פינגער, ווי וועט זי ווייזן איר פנים פאַר די שכנים, וואָס זיצן מיט די קינדער אַרום סדר־טיש און וואַרטן אויף זיי אומגעדולדיק? זי האָט זיך נישט געקענט העלפן. אפשר זאָל זי בעטן די שכנים

זיי זאָלן מער נישט וואַרטן און אָנהויבן דעם סדר אָן זיי? מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי שעהען. אָט, אַ שאַרפער קלונג, די טיר איז נישט געווען פאַרשלאָסן, ניסאָן מיט רעזשינען זענען אַריין אין שטוב.

ניסאָן האָט זיך נישט געפילט באַקוועם, אין צימער איז געווען האַלב טונקל, ס׳האָבן נאָר געברענט די ליכט, וואָס האָבן בולט געמאַכט דעם קאָנטראַסט פון דער אַטמאָספער אין דער היים, היינט, כּלפּי פּסח פאַרן סדר אין די פריערדיקע יאָרן. ניסאָן האָט אַ ציטער געטאָן, עס האָט זיך אים געדוכט, אַז די אויגן פון פאָטער און ברודער קוקן אויף אים אַרויס פון די בילדער מיט פאַרוואורף. ער האָט נישט געוואַגט קוקן דער אמא גלייך אין די אויגן. ער האָט זיך געפילט שולדיק הלמאי ער האָט זי געלאָזט וואַרטן איינע אַליין און ער מיט רעזשינען האָבן פאַרשפּעטיקט מער ווי אַ שעה ווי ס׳איז געווען אָפּגערעדט.

רעזשין איז געווען גלייכגילטיק. זי האָט נישט געפילט דעם יום־טוב, נישט פאַרשטאַנען הלמאי די אמא פרידאַ איז דענערווירט און עס ציטערן איר די הענט. זי האָט נישט אין מאָל פאַרשפּעטיקט די אָפּגערעדטע שעה זיך צו טרעפן מיט דער אמא, זי האָט אַ ריין געוויסן און איז געווען רויִק. ביי זיך אין דער היים האָט זי בכלל נישט געטראַכט וועגן דער איינזאַמקייט און מצב־רוח פון דער אמא פרידאַ אין יענעם פאַרנאַכט, וואָס איז נישט געווען צו פאַרגלייכן מיט אַ געוויינלעכן פרייטיק־צו־נאַכט. אין דער אָפּגערעדטער שעה, ווען זיי האָבן געדאַרפט גיין צו דער אמא, איז ניסאָן געשלאָפן. זי איז געזעסן אויפן ראַנד בעט, ער האָט געהאַלטן זיין קאָפּ אין איר שויס. ווי זאָל זי אים אויפוועקן? זי האָט זיך באַמיט נישט רירן פון אָרט, אים נישט שטערן. זי האָט נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון זיין פּנים, געווען איבערגעלאָדן מיט זייער בשותּפות־דיקן גליק. נאָכן בענקען אַ פּאָר וואָכן האָט רעזשין איצט נישט געקענט מוותּר זיין אויף אים נישט אַ רגע, זי האָט זיך פאַרענט־פערט פאַר איר אייגענעם געוויסן, אַז די אמא פאַרשטייט ווי זי,

אַז מען דאַרף אים נישט אויפוועקן. לאָז ער שלאָפן נאָך אַ ווײַלע באשר די פריערדיקע נאַכט, אויף דער שיף, איז ער געווען וואַך נישט צוצוטאָן אַן אויג. ער האָט געמאַכט נאַכטדינסט אין דער ראַדיאָ־קאַבינע אויפצונעמען און צוריקשיקן קאָדירטע ידיעות מיט אַ מאָרס־אַפּאַראַט, וואָס האָט ריטמיש שטיל געקלאַפּט.

בעת פרידאַ האָט ביידן דערזען איז איר לײַכטער געוואָרן אויפן געמיט. זי האָט זיך באַרויִקט, אָנגעטאָן אַ כּח, גאָרנישט געפרעגט, גאָרנישט געזאָגט, זי האָט גענומען די בלומען, וואָס זיי האָבן מיט־געבראַכט לכבוד יום־טוב, געענטפערט: „שלום — חג שמח״, אָפּ־צווישן פון זיי אירע פייכטע אויגן.

מיט אַ געמאַכטער פריילעכקייט זענען אַלע דריי אַרײַן צו די שכנים אינעם יום־טובדיקן, מיט ליכט פאַרפלייצטן צימער און פאַר־נומען די ליידיקע פּלעצער ביים געדעקטן טיש, ווו ס׳האָבן אויף זיי געוואַרט מיט פאַרבאָרגענעם פאַרוואָרף די אומגעדולדיקע שכנים. דער טיש איז געווען באַלאָדן מכּל־טוב, קאַראַפינען ווײַן מיט אַנדערע משקאות האָבן געפינקלט אין ליכט, ביי יעדן ראש־משפחה זענען געלעגן מצות איבערגעדעקטע מיט אויסגענייטע טישטעכלעך. לענג אויס דעם טיש, אין מיטן, זענען געשטאַנען קערות מיט כרפס, חרוסת, מרור, צוגעברענטע פליגלען פון הינער, טעלערס מיט אָפּ־געשיילטע האַרטע אייער, פּאַלומעסאָקן פיש מיט אַנדערע טראַדיציאָ־נעלע סדר־מאכלים, לעבן יעדער באַשטעק זענען געלעגן הגדות. מיטן סדר האָט אָנגעפירט אַ זיידע, — אַ פאָטער פון איינעם פון די שכנים, אַ שלאַנקער ייד מיט אַ ווייסער באָרד. דער זיידע האָט זיך נוהג געווען אָנטאָן צום סדר אַ שניי־ווייסן קיטל מיט אַ ווייסער יאַרמולקע. זיין פאַטריאַרכאַלער אויסזען האָט צוגעגעבן דעם סדר כבוד מיט פייערלעכקייט. ער האָט דערמאָנט אַ בילד פון אַ כהן־גדול, וואָס מיר פלעגן זען אַמאָליקע צייטן אין די פאַרברענטע יידישע היימען אין די שטעטלעך פון ליטע און פוילן. אַ ווײַלע איז געוואָרן שטיל, דער זיידע האָט געבעטן אָנפילן אַלע כוסות מיט ווײַן צוזאַמען מיט אַ זילבערנעם „רביעית״ — דער כוס פאַר

אליהו־הנביא. נאָך דעם האָבן זיך אַלע געשטעלט אויף די פיס, אויסגעהערט דעם קידוש, וואָס אַלע צוזאַמען האָבן פאַרענדיקט אין כאָר: „שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה", און מקיים געווען דעם ערשטן כוס — „בורא פרי הגפן".

אַן אייניקל האָט צוגעטראָגן דעם זיידן אַ קרוג וואַסער, אַ שיסל מיט אַ האַנטוך צו וואַשן די הענט. נאָכן וואַשן די הענט האָט ער געבעטן אַלעמען נעמען צו שטיקל כרפס, איינטונקען אין זאַלץ־וואַסער און מאַכן די נויטיקע ברכה. נאָכן כרפס האָט דער זיידע אַרויסגעצויגן פון הינטערן מצה־טישטעכל אַ מצה, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער, פון אונטערן טיש־טוך, עמעצן דערלאַנגט צו באַהאַלטן ווי דעם אַפּיקומן. בעת מעשה האָבן אַלע קינדער געגישטערט מיט די אויגן ווו מען באַהאַלט עס, — גאַרנישט צו דערגיין. אַלע האָבן גענומען די הגדות. דער זיידע האָט אָפּגעדעקט די מצות, וואָס זענען געלעגן פאַר אים, זיי אויפגעהויבן און פייערלעך געזאָגט: — „הא לחמא עניא" צו פאַר־בעטן „כל דיכפין" — אַלע וואָס ווילן, אַלע נויטבאַדערפטיקע, זאָלן קומען עסן און פייערן דעם פסח. ער האָט פאַרענדיקט מיטן ווונטש, „איבער אַ יאָר זאָלן אַלע יידן זוכה זיין בני־חורין, פרייע מענטשן".

מען האָט אָנגעפילט דעם צווייטן כוס און די קינדער האָבן נישט אָן קנאה זיך צוגעהערט ווי דעם זיידנס אַן אייניקל געמט פרעגן די ערשטע „קשיה". דער זיידע האָט זיי פאַרשטאַנען און געבעטן פרעגן די לעצטע דריי קשיות אַלע קינדער צוזאַמען אין כאָר. עס האָט זיך באַקומען אַ האַרציקער געזאַנג, וואָס האָט פול געמאַכט דאָס ליכטיקע צימער. די ליכט אויפן טיש זענען געווען האַלב אויסגעברענט, זייערע פלאַמלעך האָבן געפינקלט צוזאַמען מיט די פלאַמלעך פון אַלעמענס אויגן. נאָך די קשיות האָט דער זיידע דער ערשטער אָנגעהויבן זאָגן די הגדה. נאָך די ערשטע פסוקים האָט ער געהייסן, אַז יעדערער פון די מסובין זאָל לויט דער רייע זאָגן אַ פּאָר פּסוקים ווייטער. דער זיידע האָט נישט געוווסט ווער

רעזשין איז, ער האָט אויך נישט געוווסט, אַז זי געפינט זיך ביי אַ סדר־טיש צום ערשטן מאָל אין איר לעבן. ס'איז אים נישט איינ־געפאַלן, אַז די שיינע יונגע פרוי איז נישט מזרע אברהם, יצחק ויעקב, ווי ס'איז קיין מאָל קיינעם פון די שכנים נישט איינגעפאַלן זיך צו אינטערעסירן ווער זי איז. זיי האָבן נאָר געוווסט, אַז ניסאַן, פרידעס זון, דער אָפיצער אויף אַ יידישער שיף, האָט זי געבראַכט אַ היים פון פראַנקרייך, ווו ער האָט מיט איר חתונה געהאַט. די שכנים פלעגן זי טרעפן ביי דער אמא פרידאַ. צווישן זיך פלעגן זיי באַוווּנדערן איר שיינקייט, איר עלעגאַנץ, מיט אירע גרויס־שטעטישע מאַניערן, זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז זי איז אַוודאי אַ טאָכטער פון אַן אַלט יידיש־אַסימילירטער משפחה אין פראַנק־רייך, וואָס האָט זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט מיט ניסאַנען, וואָס האָט שטענדיק געגלאַנצט אין זיין אָפיצערן־קליידונג.

די שכנים האָבן זיך געטראָפן מיט גענוג זין פון ישראל, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט מיידלעך אין אויסלאַנד, באַזונדערס סטו־דענטן פון די הויכשולן פון דער כרמל־שטאָט, דאָס נעמלעכע אומ־געקערט : מיידלעך פון ישראל, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט בחורים פון אויסלאַנד. אינעם לאַנד פון עליה און טוריזם איז אַזוינס נישט געווען קיין חידוש, ס'איז געווען פשוט און נאַטירלעך, מחוץ פאַלן פון געמישטע פאָרלעך, וואָס פלעגן דערמאָנט ווערן אין די צייטונ־גען מחמת צרות, וואָס זיי האָבן געהאַט פון די רבנים, ווען זיי פלעגן וועלן זיך מגייר זיין, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פאַר־שלעפּטער פּראָצעדור, וואָס פלעגט אָפט דויערן אַ יאָר, אַפילו צוויי יאָר צייט און מער. די קנאותדיקע רבנים היטן שטרענג אָפּ די אַמאָליקע אַלטע דינים פון דער „הלכה", באַשווערן די צוקונפטיקע גרים מיט אָנגסופיקע חקירות ודרישות, מיט צווינגען זיי לערנען און קענען מער יידישע דינים מיט מנהגים ווי געבוירענע יידישע קינדער קענען. דאָס שווערסטע פון דער פּראָצעדור איז נישט אַזוי געווען די ברית־מילה פאַר מענער, וואָס ווערט געמאַכט אינטים פון אַ דאָקטאָר אין אַ קליניק אָן פרעמדע אויגן, ווי די טבילה פון

פרויען אין אַ מקוה. די פרוי פילט זיך באַליידיקט און שאָקירט נאָכן אָנטאָן אַזאַ העמד און זיך טובל זיין פאַר די אויגן פון פרומע עדות, מחוץ די טוקערינס, וואָס באַזיצן נישט קיין איבעריקע מאָס טאַקט אין אַזעלכע פאַלן.

אַ יאָר נאָך דער חתונה מיט ניסאַנען אין פראַנקרייך, האָט זיך רעזשין דערוווסט, אַז איר חתונה איז נישט תופס, איז נישט געזעצלעך כלפּי דעם רבנישן שטאַנדאַמט אין ישראל. איר איינציקע אינטימע, יידישע חברטע אין חיפה, מינע, מיט וועמען זי פלעגט זיך אָפט טרעפן די לעצטע צייט, האָט איר איין מאָל תמימותדיק דערציילט וועגן אירן אַ באַקאַנטן סטודענט, אַ חבר פון איר חתן, וואָס האָט זיך געקליבן חתונה האָבן מיט אַ טוריסטקע, אַ קריסטלעך מיידל פון אַמעריקע.ביידע האָבן זיך פאַרליבט, ווי זי מיט ניסאַנען. די טוריסטקע איז פאַרבליבן אין ישראל און גע־לעבט צוזאַמען מיט אים אַזוי לאַנג, ביז זי האָט אַ גליקזעליקע דערפילט, אַז זי מוז שוין חתונה האָבן, כדי צו געבוירן אַ געזעצלעך קינד. זי האָט וועגן דעם נישט צו וויסן געגעבן אירע עלטערן אין האַרדפאָרד־קענטאַקי, ווייל זי האָט נישט געהאַט גענוג מוט אַזוינס צו טאָן. דאָס מיידל האָט באַשלאָסן, אַז זי וועט שרייבן די עלטערן לאחר המעשה, זיי שטעלן פאַר אַ פאַקט. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז בלית־ברירה, וועלן זיי מיט דעם משלים זיין, ווי זיי האָבן משלים געווען מיט איר בלייבן לאַנגע חדשים אין „איזראַעל" קעגן זייער ווילן. נאָך אַלעמען איז זי שוין אַלט 23 יאָר און איז זעלבסטשטענ־דיק, פולבאַרעכטיקט זיך אויפצופירן ווי זי פאַרשטייט. איר בחור, דעם סטודענט, האָט אויך נישט געפעלט קיין צרות מיטן שידוך. זיינע עלטערן, לאַנג־יאָריקע, טראַדיציאָנעל געשטימטע בירגער פון תל־אביב, האָבן זיך לכתחילה אָפּגעטרייסלט פון זונס ווילן. זיי האָבן אים פּרובירט איבערצייגן, אַז ער וועט לאַנג נישט אויסהאַלטן מיט אַ קריסטלעך מיידל, וואָס האָט געלעבט און זיך אויפגעהאָדעוועט אין גאָר אַן אַנדער וועלט. זיי האָבן אים געמוסרט, געדראָט אויפ־הערן אים אויסהאַלטן, באשר „ליבע לעשט זיך אויס, ליבע ברענט

איבער, לאָז ער רחמנות האָבן און נישט צעשטערן די שלימות פון דער משפחה". די מוטער האָט געוויינט, דער פאָטער האָט נישט אויפגעהערט איינטענהען מיט גוטן און מיט בייזן, ביז גוטע פריינד האָבן זיך אַריינגעמישט צו מאַכן שלום, באשר דאָס מיידל וועט זיך מגייר זיין און לעבן ווי אַ יידישע טאָכטער כדת משה וישראל. אַלס ביישפּיל האָבן זיי געבראַכט דעם אַלטן,פאַנאַטישן רב און מנהיג פון די נטורי־קרתא אין ירושלים, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין, נאָך דעם ווי זי האָט זיך מגייר געווען. צוריק גע־רעדט: — פרומע יידן טענהען גאָר, אַז עס איז אַ מצווה חתונה צו האָבן מיט אַ גיורת. זיי דערמאָנען רותן פון מואב, וואָס האָט זיך באַקערט צום יידישן פאָלק, חתונה געהאַט מיט אַ מאַן פון יהודה, בועז, געבוירן אים עובדן דעם פאָטער פון ישי, וואָס האָט געבוירן דוד המלך — — — נו?

נישט קיין סך צו טראַכטן האָט דאָס אַמעריקאַנער מיידל מסכים געווען זיך מגייר זיין, כדי וואָס גיכער חתונה האָבן און געבוירן דאָס קינד געזעצלעך, וואָרום דאָס קינד אין איר טראַכט האָט שוין באַוויזן סימנים פון לעבן, ווער רעדט נאָך, אַז מען האָט איר דער־ציילט, וואָס ביי יידן מיינט אַ ממזר מיט אַלע פאָלגן אין זיין שפּע־טערדיקן לעבן, די צרות פון אַזאַ קינד הויבן זיך אָן אין זיינע פריסטע יאָרן אין דער שול, און אין גאַס ווען אַנדערע קינדער וועלן זיך דערוויסן זיין „יחוס". דאָס מיידל האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח און גענומען פלייסיק לערנען די יידישע דינים, וואָס אַ רב האָט איר נישט איין מאָל פאַרהערט. זי האָט מצליח געווען, גע־ענטפערט אויף אַלע פראַגן און מיט אינערלעכן ווידערווילן אַוועק זיך טובלען אין אַ מקוה, נאָר דאָרטן איז עפּעס געשען: ווען זי האָט זיך אויסגעטאָן, אָנגעטאָן דאָס טבילה־העמד, אַריין אינעם צי־מער, ווו די מקוה האָט זיך געפונען, באַגלייט פון אַ טוקערין, וואָס האָט מיט בייזע אויגן געעגבערט איר געשטאַלט פון קאָפּ ביז די נאַקעטע פיס, — האָט זי זיך טיף באַליידיקט, זי איז געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, נישט געקוקט אין די זייטן. ווען זי האָט דער־

גרייכט די מקוה און אויפגעהויבן די אויגן האָט זי געזען אין אַן אָפענער טיר דריי יידן מיט בערד, ווי זיי שטייען פון ווייטן און גלאָצן אויף איר מיט די אויגן. זי האָט אַ ציטער געטאָן, פאַרגעסן דאָס העמד אויפן לייב און זיך דערפילט ווי זי זאָל זיין אדם נאַקעט — — — — זי האָט היסטעריש אַ געשריי געטאָן, אַרויסגעלאָפן פון מקוה, זיך שנעל אָנגעטאָן און אַנטלאָפן. איר בחור האָט נישט געפונען קיין ווערטער זי צו באַרויִקן, זי איז געזעסן אַ פאַרצווייפלטע, צוגעטוליעט צו אים, און ספּאַזמירט. דאָס קינד האָט זיך אַ ריר געטאָן אין איר טראַכט.

אַ ידיד, אַ יונגער אַדוואָקאַט, האָט זיי געגעבן אַן עצה, אַרויספאָרן אויף אַ שפּאַציר קיין ציפערן און דאָרטן מאַכן אַ ציווילע חתונה. נאָכן געבורט ווען זיי וועלן באַזוכן אַמעריקע, וועט זי קענען זיך מגייר זיין ביי אַ רעפאָרמיסטישן רב, וואָס וועט נישט פאָדערן קיין מקוה־באַשטעטיקונג און אַלץ וועט ווערן גוט. דעם בחורס עלטערן האָבן נישט משלים געווען מיט אַזאַ אויסוועג. זיי האָבן זיך נישט געקענט באַרויִקן און אויסגעמיטן זיך טרעפן מיט זיי. אמת, דער בחור האָט ווייטער באַקומען יעדן חודש דעם פאָטערס טשעק, זייער ליבע איז נישט געמינערט געוואָרן, דעם בחורס צערטלעכקייט האָט פאַרגיטיקט איר עגמת־נפש, אָבער אַ נישט געזעענער שאָטן האָט פאַרטונקלט ביידנס פרייד.

לכתחילה האָט רעזשין גלייכגילטיק אויפגענומען מינעס דערציילונג, אָבער ביסלעכווייז האָט זי גענומען זיך גריבלען אין אירע מחשבות און געטראַכט, אַז נאָך אַלעמען איז איר גורל ענלעך צום גורל פון דעם אַמעריקאַנער מיידל. וואָס ווייטער האָט זי באַהערשט אַן אינערלעכער אומרו: וואָס וועט זיין בעת זי וועט דערפילן ווי אַ לעבן גייט אין איר טראַכט? מיט ווענמען זאָל זי רעדן וועגן דעם? רעזשין מיידט בכלל אויס צו דערמאָנען איר אָפּשטאַם, זי האָט אויך נישט קיין מוט אַזוינס צו שרייבן אירע עלטערן. זי שרייבט זיי אַלץ פון איר לעבן אין ישראל, זי מיידט נאָר אויס מרמז זיין וועגן דער אינערלעכער קאַלטקייט, וואָס קוועלט אָן צווישן איר מיט

דער אמא פרידאַ.ביידע האָבן מיט זייערע פרויען־אינסטינקטן גע־נומען שאַרפער פילן די פאַרבאָרגענע אייפערזוכט, וואָס פאַרדאַרבט זיי די שטימונג — בעת ניסאַן קומט אַ היים אויף זיינע קורצע באַזוכן. רעזשין דערציילט אים אַלץ פון איר לעבן אין זיין אָפּ־וועזנהייט, זי דערציילט אים פון אירע באַזוכן ביי מינען און פון מינעס באַזוכן און שמועסן ביי איר. די פאַסירונג מיט דעם אַמע־ריקאַנער מיידל האָט זי פאַרשוויגן. זי איז גליקלעך צו זיין צוזאַמען מיט ניסאַנען, הלמאי פאַרדאַרבן דאָס גליק פון יעדער מינוט ? הלמאי אים באַאומרויִקן ?

רעזשין האָט נישט געוווּסט, אַז ניסאַן איז נישט ווייניקער אומרויִק ווי זי. די אמא פרידאַ לאָדט אויס איר אייפערזוכט בעת ביידע בלייבן אַליין, זי פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל ערנסט טראַכטן פון מצב, וואָס וועט זיך שאַפן ווען רעזשין וועט געבוירן אַ קינד. זי איז דאָך אַ מאַמע און וויל אויסמיידן צרות, באַזונדערס אויב איר וועט געבוירן ווערן אַן אייניקל — אַ יינגל, זאָל ער ווירקן אויף רעזשינען זי זאָל זיך מגייר זיין. ניסאַן פלעגט זי אָנקוקן, נישט ענטפערן אַ וואָרט, ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל געהערט פון רעזשינען, אַז איר קריסטלעכער גלויבן שטערט נישט קיינעם, זי וויל בלייבן ווי זי איז, זיי ווייזט קיין מאָל נישט קיינעם אַרויס איר גלויבן, נישט אים, נישט די אמא פרידאַ, נישט די שכנים. זי פירט זיך אויף ווי זי וואָלט זיין אַ יידישע. וואָס ברענט עס ? — וועגן אַ קינד, וואָס קען קומען, האָט זי ביזן לעצטן געשפּרעך מיט מינען נישט געטראַכט, ווי זי האָט נישט געטראַכט פון גיור.

אָט זיצן אַלע ביים סדר, די שטוב איז פול מיט פרייד און מיט הגדה, מען האַלט שוין ביי הלל: הללויה, הללויה, די קלוגע אמא פרידאַ האָט געוווּסט ווי צו באַפרייען רעזשינען פון זאָגן אירע פסוקים פון דער הגדה ווי אַלע זאָגן לויט דער רייע. זי איז אַ נייע עולה, נישט באַוויזן זיך אויסלערנען געגנוג עברית. די מסובין האָבן עס פאַרשטאַנען וואָרום פרידאַ אַליין האָט זיך געבראָכן די

ציין ביים זאָגן אירע פּסוקים. דער עולם האָט גוטמוטיק פאַרריכט איר האַרבע עברי.

פרידאַ האָט נישט דורכגעלאָזט די מינדעסטע געלעגנהייט צו האַלטן אירע בליקן אויף איר זון און שנור, וואָס איז געזעסן מיט אים שטול ביי שטול. רעזשין האָט געהאַלטן אונטערן סערוועט איר האַנט אין זיינע, ווי צוויי קינדער. זי האָט אים געפילט ווי ער האָט זי געפילט, אָבער נישט ער, נישט די אמא פרידאַ האָבן געמערקט ווי אירע אויגן בלאַנדזשען אין דער לופט, ווי אירע געדאַנקען זענען ווייט פון סדר־טיש. אין אַנבליק פון זיידן אין ווייסן קיטל מיט דער רונדער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, מיט זיין ווייסער באָרד, האָבן אירע מחשבות גענומען שפּרינגען אַרום רבנים, וואָס פאַר־נעמען זיך מיט מגייר זיין פרויען ווי זי. אין איר דמיון זענען אַפּירגעשפּרינגען די דריי יידן מיט די בערד ביי דער מקוה — — —

זי האָט אַ ציטער געטאָן, שטאַרקער פאַרקלעמט ניסאַנס וואַרעמע האַנט, צוריקגעקערט אירע אויגן צום סדר־טיש, צו די פריילעכע מענטשן אַרום, באַגעגנט אויף איין אויגנפּינטל די אויגן פון דער אמא פרידאַ, וואָס זענען איר געווען פרעמד, קאַלט ווי שטאָל, ווי איר איז מיט אַ מאָל פרעמד געוואָרן דער סדר, וואָס האָט איר גאַרגישט געזאָגט, ווען זי קען וואָלט זי זיך אָט שוין אויפגעהויבן, גענומען ניסאַנען פאַרן האַנט און גיך אַוועק אין איר נעסט, אין איר דירהלע אויפן כרמל צו בלייבן נאָר מיט אים אַליין, — דעם איינציקן מענטשן, וואָס איז איינגעוועבט אין איר באַוווּסטזיין, אין איר גאַנצן לייב און לעבן. זי דאַרף איצט קיינעם נישט, נאָר אים אַליין, מער קיינעם נישט.

רעזשין האָט זיך אויסגעניכטערט פון אירע מחשבות, ווען ניסאַן האָט אַרויסגענומען זיין האַנט פון אירער אויפצוהויבן און טרינקען דעם צווייטן כוס, דערנאָך האָט מען פון יעדער זייטן טיש צוגעטראָגן די מסובין קריג וואַסער מיט שיסלען אויף נטילת־ידיים, דער זיידע האָט געמאַכט אַ ברכה אויף די מצות, דערלאַנגט יעדערן אַ שטיקל, דערנאָך האָט מען פאַרביסן מיט מרור און „כורך" צו

דערמאָנען הללן, וואָס האָט אַזוי געטאָן אין דער צייט פון בית־המקדש. ער פלעגט צונויפלייגן מצה מיט מרור, עס עסן צוזאַמען מקיים צו זיין דאָס געזאָגטע: „על מצות ומרורים יאכלוהו״. נאָך דעם האָט זיך דער עולם גענומען צום גשמיותדיקן טייל פון סדר, צו דער פסחדיקער סעודה.

רעזשין האָט אַלץ מעכאַניש מיטגעמאַכט, ווייניק געגעסן. גראָד איצט, האָט זי זיך דערמאָנט אָן אַ בריוו, וואָס זי האָט באַקומען פון אירע עלטערן אַ וואָך פאַר פסח. ווי שטענדיק האָבן זיי איר געשריבן פון אַלע היימישע ענינים ווי זיי בענקען נאָך איר אין דער ליידיק געוואָרענער שטוב, ווו ווען נישט ווען כאַפּן זיך אַריין אירע חברטעס אָפּגעמען גרוסן. דאָס מאָל האָבן זיי אויך געשריבן, אַז די שכנים, בילע מיט זשאַקן, האָבן זיי פאַרבעטן צו זיך צו דער „סעלעברע״ פון „סעדער״, צום „פעט״ פון די „מאַצעס״, וואָס די „זשוויפס״ פייערן. בילע האָט זיי צוגעזאָגט, אַז ס׳וועט זיין געמיטלעך, היימיש, מחמתביידע משפחות האָבן איצט זייערע טעכטער אין איזראַעל אין דער זעלבער כרמל־שטאָט, זיי דאַרפן זיך פילן ווי מחותנים און טרינקען פאַרן געזונט פון די קינדער. בילעס טאָכטער שיקט זיי גרוסן אין יעדער בריוו, — „אַוודאי טרעפסטו זיך מיט איר און דו ווייסט, אַז זי קלייבט זיך חתונה האָבן. בילע מיט זשאַקן וועלן פאָרן אויף דער חתונה, מיר וועלן מיט זיי מיטשיקן גוטע זאַכן. ביי דער געלעגנהייט גיב איבער אונדזערע גרוסן און יום־טובדיקע ווונטשן די מאַמאַ פרידאַ״.

רעזשין האָט געוווסט, אַז אירע עלטערן האָבן נישט איין מאָל בייגעוווען ביי זייערע יידישע שכנים דעם „סעדער־סעלעברע״. זי אַליין פלעגט זיי אָפּשטאַטן אַ יום־טוב־באַזוך אויף מאָרגן נאָכן סדר, ווייל אין אָוונט איז זי פאַרנומען מיט איר יוגנטלעכער געזעלשאַפט. דער סדר דויערט לאַנג, וואָס קען זי דאָרטן טאָן במשך פון אַ גאַנצן פרילינגס־אָוונט?

ווי שטענדיק פלעגט רעזשין אָפּגעבן דער אמא פרידאַ די גרוסן, דאָס מאָל האָט זי איר דערציילט, אַז איר פאָפּאַ און מאַמאַ וועלן

דעם סדר־אָוונט זיין געסט ביי זייערע יידישע שכנים. די אמא פרידאַ האָט איר גלייכגילטיק געענטפערט „מערסי״, נישט צוגעגעבן קיין וואָרט.

אַזוי האָט רעזשין מיטגעמאַכט איר ערשטן סדר אין ישׂראל אָן יום־טוב אין האָרצן. איר יום־טוב האָט זיך ערשט אָנגעהויבן נאָך האַלבער נאַכט, ווען זי מיט ניסאַנען האָבן זיך צוריקגעקערט אין זייער נעסט און געבליבן מיט זיך אַליין. ניסאַן האָט אויפגעמאַכט די פענצטער, אַ צעשמייכלטע לבנה האָט פול געמאַכט דאָס צימער מיט מילדער, בלווילעכער ליכט, מיט פרילינג, מיט דופטן פון סאָס־נעס, פעלדבלומען און צעבליטע קוסטעס, וואָס האָבן באַדעקט יענע געגנט אויפן כרמל, ווו זיי האָבן געוווינט.

רעזשין האָט איינגעדרעמלט אין ניסאַנס אָרעמס. זי האָט נישט געהערט דאָס קלינגען פון אַ גלאָק אינעם קלויסטער פון די נזירים „די באָרוועסע כּרמליטן״, אין דער נאָענט פון אליהו־הנביא׳ס הייל. אין שכנות מיטן קלויסטער האָט אַ לייכטטורעם געבעזימט דעם ים מיט סנאָפּעס ליכט. די באָרוועסע נזירים זענען געשטאַנען אויף די קני מיט געבויגענע קעפּ, מיט שניר קרעלן אין די הענט און גע־מורמלט תּפילות פון חצות.

די יום־טובדיקע טעג זענען גיך אַוועק. ניסאַן האָט זיך צוריק־געקערט אויף דער שיף. רעזשין איז ווידער געבליבן אַליין. ווי שטענדיק האָט זי זיך געטראָפן מיט דער אמא פרידאַ אין די שבתים אויף מיטאָג, ווו זי פלעגט בלייבן מיט איר אַ פּאָר שעה, מיט צרות פאַרקניפּט מיט איר אַ שמועס וועגן דאָס און יענץ. זי פלעגט איר איבערגעבן גרוסן פון אירע עלטערן מיט קורצע בריוועלעך פון ניסאַנען, וואָס ער פלעגט ביילייגן צו אירע בריוו. די אמא פרידאַ האָט זייער אינהאַלט געוווסט פריער, איידער זי פלעגט זיי לייענען. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז צו רעזשינען שרייבט ער באַריכות, מיט מער וואַרעמקייט און מיט מער פּרטים ווי ער שרייבט צו איר.

זי פלעגט פיבערן, מיט די אויגן דורכלויפן די שורות און זיך אָנצינדן. פאַר דער חתונה פלעגט ער אין זיינע בריוו צו איר באַשרייבן די מקומות, וואָס ער פלעגט באַזוכן, די מענטשן, וואָס ער פלעגט טרעפן, מיט פרטים פון זיין לעבן אויף דער שיף. אָפט מאָל פלעגט ער אויסדרוקן זיין בענקען נאָך דער היים און פאַר־ענדיקן מיט „האַרציקע גרוסן און קושן". אמת, מיט די זעלבע ווערטער פלעגט ער איצט אויך פאַרענדיקן זיין שרייבן, נאָר די אמא פרידאַ האָט זיך געדוכט, אַז איצט זענען עס סתם ווערטער אָן האַרץ, ווייל אַלץ, אַלץ האָט פון איר צוגענומען רעזשין. איר אייפערזוכט פלעגט אָנקוועלן צוזאַמען מיט איר גיריקייט צו וויסן, וואָס ער שרייבט צו איר, צו רעזשינען — — — ווען זייערע באַציִונגען וואָלטן געווען נאָענטער, אינטימער, וואָלט איר רעזשין געגעבן לייענען ניסאַנס בריוו, אין וועלכע ער פלעגט אויסדריקן זיין בענקען און ליבע, וואָס איז נישט קיין סוד פאַר אַ מוטער. ער פלעגט איר שרייבן ענגליש. זי וואָלט מיט פאַרגעניגן איבער־געזעצט יעדעס וואָרט, נאָר די אייז־קאַלטע אויגן מיט די בייזע בליקן פון דער אמא פרידאַ האָבן געליימט איר ווילן אַזוינס צו טאָן. מיט איר פרויען־אינסטינקט האָט רעזשין געפילט איר אייפער־זוכט, וואָס איז, לויט אירע השגות, געווען אומזיניק. וואָס טראַכט די אמא פרידאַ? — אויב זי בענקט נאָך איר זון, פאַר וואָס זאָל זי איר מיט ניסאַנען נישט פאַרגינען זייער גליק, וואָס גיט איר כח צו לעבן איינזאַם אין אַן אַטמאָספער פון פרעמדקייט, נישט צו הערן אַ גוט צערטלעך, מוטערלעך וואָרט, צו וואַרטן מיט פיבער און אומגעדולד די קורצע צוזאַמענטרעפן מיט ניסאַנען 2—3 מאָל אַ חודש בסך הכל? — צי האָט זי נישט פאַרלאָזן אירע עלטערן, משפחה, פריינד און נאָענטע כדי צו פאַרבינדן איר לעבן מיט ניסאַנען, ווען זי האָט ליב מיט לייב און לעבן? — צי האָט זי נישט אויסגעביטן איר פּאַריז מיט אַלדאָס גוטס און שיינס אויף אַ נײַ לאַנד, וואָס איז ווי ניסאַן האָט איר געזאָגט — אַ טייל פון זיין לעבן?

אַ יידיש מיידל, וואָס רעדט פראַנצויזיש, מיט וועמען רעזשין האָט זיך באַפריינדעט אויף די אָוונטקורסן, ווו זי לערנט עברית, האָט מיטגעפילט איר איינזאַמקייט. דאָס מיידל האָט פון די שמועסן מיט איר זיך דערוווּסט, אַז כאָטש זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ „סאַברע", האָט זי זיך ביז איצט נישט באַקערט צו דת משה וישראל. דאָס מיידל האָט איר איין מאָל פאַרגעלייגט באַגלייטן אין אַזאַ מיסיאָנערישן געבעטהויז פון יידן־קריסטן, וואָס יידן פלעגן אויס־מיידן באַטרעטן די שוועל. רעזשין האָט דאָרטן גאָרנישט געפונען, וואָס זאָל איר דערמאָנען איר אָפּשטאַם; — נישט קיין הייליקע בילדער, נישט קיין צלמים, נישט קיין אָרגל, נישט קיין הענג־שיסעלעך קטורת, נישט אַ שמץ פון יענער רעליגיעזער אַטמאָספער, וואָס זי פלעגט אַמאָל געפינען, בעת אירע ווייניקע באַזוכן, צוזאַמען מיט דער מאַמאַ, אין חגא־טעג אין אַ פאַריזער קלויסטער. רעזשין האָט זיך דערוווּסט, אַז מען לערנט דאָרטן עברית באַגלייט מיט פּסוקים פונעם נייעם טעסטאַמענט. נאָך יעדער לעקציע זינגט מען קריסטלעכע לידער אין העברעיִש לשון. אַ יונגער מיסיאָנער האָט זי דאָרטן באַמערקט, ער האָט זי אָנגענומען אַלס אַ פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע. ווי אַ התחלה זי צו באַקערן צום גלויבן פונעם געקריי־ציקטן האָט ער איר געשאָנקען אַ תנ״ך איינגעבונדן אין איין באַנד צוזאַמען מיט אַן עוואַנגעליע אין העברעיִש. דער מיסיאָנער האָט מיט זיין גלאַטער צונג פאַרקניפּט מיט איר אַ שמועס און דער־ציילט, אַז ער איז אַ ייד, נאָר ער גלויבט אויך אין דער תורה פון דעם מאַן פון נצרת. ער האָט זייער ליב ארץ־ישראל, וואָס איז פאַר אים אַ „טעראַ־סאַנטאַ" נישט ווייניקער ווי פאַרן פרומסטן יידן, ווייל אברהם, יצחק יעקב מיט אַלע נביאים, וואָס ווערן גע־בראַכט אין תנ״ך, זענען פאַר אים הייליק ווי דער געקרייציקטער מיט אַלע אַפּאָסטאָלן, וואָס זענען אויך נביאים...

— אפשר, גברת, נויטיקט איר זיך אין אַ געוויסער הילף, לאָמיר זאָגן אַרבעט, בין איך גרייט אייך אַקעגנקומען, ווייל מיר

האָבן גוטע פאַרבינדונגען מיט ווירקזאַמע פערזענלעכקייטן און האַנדלס־געזעלשאַפטן פון אויסלאַנד...

רעזשין האָט אויפגעהערט זיך צוהערן צו זיינע גלאַטע רייד, נאָר מחמת העפלעכקייט אים נישט איבערגעריסן, זי האָט אים נישט דערציילט ווער זי איז און נישט געזאָגט, אַז נישט די נביאים, נישט די אַפּאָסטאָלן האָבן זי צוגעבונדן צום שיינעם, ביבלישן לאַנד, נאָר ניסאַן, אַ יידישער בחור, ווייל זי האָט אים שטאַרק ליב, זי האָט פאַרבונדן איר לעבן און צוקונפט מיט אים, מיט זיין היים ישראל, ווו זי האָט זיך באַזעצט צו בויען אַ משפחה און געבוירן קינדער.

די רייד פון מיסיאָנער האָבן אין אירע אויערן געקלונגען ווי פון אַ פּוסטער פּאַס אַרויס, אָן אַ פונק אויפריכטיקייט. זיינע רייד האָבן אויף איר געהאַט אַ פאַרקערטע השפעה. זי האָט אין זיין פערזאָן געזען אַ קאַריקאַטור פון אַ קריסט. רעזשין האָט אים גאָרנישט געפרעגט, געזאָגט „באָן זשור, מסיע״, און איז אַוועק מיט אַ געפיל ווי זי וואָלט זיך אָפּגעטרייסלט פון עפּעס אַ קלעפּיקייט. דעם מיידל, וואָס האָט זי דאָרטן געבראַכט מיט דער גוטער כוונה צו פאַרשאַפן אַ ביסל נחת־רוח מיטן בייזיין אַ קריסטלעך־רעליגיעזע צערעמאָניע, האָט איצט די גאַנצע מעשה פאַרדראָסן, זי האָט דער־פילט די פאַרקערטע ווירקונג אויף רעזשינען ווי זי האָט זיך פריער פאַרגעשטעלט. צו פאַרגיטיקן איר האַנדלונג האָט זי גענומען רעזשי־נען אונטערן אָרעם, זיך געטוליעט צו איר און שווייגנדיק באַגלייט אַ היים, אָבער ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט פון יענעם אָרט, זענען זיי שטיין געבליבן און זיך אָנגעקוקט, ביי יעדער האָבן די אויגן גע־נומען לאַכן, זיי האָבן זיך נישט איינגעהאַלטן און שטיפעריש, הילכיק זיך צעלאַכט. רעזשין האָט אָפּגעשפּאָט פון מיסיאָנער, דעם „מענטשן־קענער״, וואָס האָט זי אָנגענומען פאַר אַ יידיש מיידל, וואָס זוכט עפּעס „פאַר דער רעטונג פון דער נשמה״. איר באַגלייטערין האָט געלאַכט, ווייל רעזשין האָט געלאַכט, וואָס האָט איר געלאָזט פאַר־שטיין, אַז זי האָט זיך בכלל נישט איבערגענומען מיטן גאַנצן ענין,

וואָס איז פאַר איר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּיל, נישט מער. פאַרבייגייער האָבןביידן אָנגעקוקט נישט צו קענען תופס זיין זייער מונטערקייט אין מיטן גאַס. אַן עלטערע פרוי מיט אַ פולן קויש אין האַנט, האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט אָפּרוען, זי האָט זיי גוטמוטיק אָנגעקוקט און געזאָגט אין יידיש לשון: „העי, אַ שמחה אויף אייך, צוויי קאָזעס מיט ליידיקע קעפּ, אָן דאגות".

ביים שוועל פון איר דירה האָט רעזשין פאַרבעטן די חברטע אויף אַ קאַווע, אָבער זי האָט איר געדאַנקט, אַרומגענומען און גע־זאָגט, אַז ס'איז שפּעטלעך, זי מוז גיין אַ היים העלפן איר מוטער. אין דער שטיל האָט זי צוגעגעבן:

— פאַרגיב מיר, ליבע רעזשין, נעם נישט פאַר אומגוט מיין ספּאָנטאַנעם איינפאַל, סליחה, — שלום!

אין דרויסן איז געשטאַנען דער פרילינג אין זיין גאַנצער פּראַכט. ס'איז געווען טוריסטן־סעזאָן ווען פולע שיפן מיט אַעראָפּלאַנען ברענגען קיין ישראל געסט. די גרעסטע צאָל פון זיי יידן פון אַלע פרייע תפוצות. זיי קומען באַצייטנס פראַווען פורים און פסח אין יידישן לאַנד, זיך זעטיקן און מיטפרייען אויך מיט די פייערונגען פונעם יום־העצמאות און זיך צוריקקערן עמאָציאָנירטע, באַלאָדענע מיט איינדרוקן פון דעם געזעענעם און איבערגעלעבטן.

די שיף, ווו ניסאַן האָט זיך געפונען, האָט געמוזט פאַרקירצן איר וואַרט־צייט אין חיפהער פּאָרט, נאָכצוקומען די סעזאָן־רייזנ־דער, אַזוי אַז ניסאַן האָט אָנשטאָט צו פאָר אָפּרוטעג, פאַרבראַכט אין דער היים געציילטע שעהען. די אמא פרידאַ איז געווען שלעכט געשטימט, איבערגעלאָדן מיט פאַרדרוס מחמת דער קנאַפער צייט, וואָס זי האָט געקענט פאַרברענגען מיטן זון. ווידער רעזשין איז לכתחילה געווען צופרידן אַפילו מיט די ווייניקע שעהען, וואָס זי האָט פאַרבראַכט מיט ניסאַנען. איר פאַרדרוס האָט גענומען אָנ־קוועלן ערשט ווען ער האָט געמוזט איילנדיק זיך צוריקקערן. ווי

שטענדיק פלעגט זי אים באַגלייטן אין פּאָרט איבערצוואָרטן ביז די שיף פלעגט אַרויסשווימען אין ים, ווו זי האָט גענומען לאָזן קנוילן רויך אויסגעמישט מיט ווייסן דאַמף, אין דער הויך, צום בלויען הימל, באַגלייט מיט אַ תפילת־הדרך־געזאַנג פון דער סירענע, וואָס האָט געדויערט ביזן פאַרלאָזן די וואַסערן פונעם פּאָרט.

עס האָט זיך דערנעענטערט ל״ג בעומר אין יידישן לאַנד. די גאָטס־פּאָרכטיקע צפת האָט גענומען רייניקן, קאַלכן און צוגרייטן צימערן אויפצונעמען היגע און אויסלענדישע געסט, וואָס לאָזן זיך דאָרטן אַלע יאָר אַכצן טעג אין חודש אייר, אין די צענדליקער טויזנטער, אויף דער ל״ג־בעומר הילולה אַרום דער קרקע, ווו עס זענען איינגעזאַמלט די ביינער פונעם תנא רבי שמעון בר יוחאי און פון זיין זון רבי אליעזר, — אויפן באַרג אין דער נאָענטער, אַלטער מירון.

אין הונדערטער היימען אין ישראל וואַרט מען מיט אומגעדולד אויף ל״ג־בעומר, ווען מען איז מתיר זיך שערן און פראַווען חתונות, וואָס מען טאָר נישט אין די ערשטע 32 אבילותדיקע ספירה־טעג. דער היתר זאָל זיין אין זכות פון דער אָפּגעשטעלטער מגיפה צווישן די תלמידים פון רבי עקיבא אינעם 33טן טאָג פון ספירת־העומר. באַזונדערס גרויס איז דער טאָג פון ל״ג־בעומר ביי די מקובלים, ווייל עס פאַלט אויס אינעם טאָג פון דער פּטירה פון רבי שמעון בר יוחאי, וואָס האָט פאַרן אָפּגעבן די נשמה זיין קונה, באַוויזן אַנטפּלעקן זיינע תלמידים די סודות פון זוהר הקדוש.

ביים קבלן אדון יוסף בנימיני, בילעס ברודער, האָט זיך גע־קערט וועלטן שוין אַ וואָך פאַר ל״ג־בעומר, מען האָט זיך געגרייט פראַווען אַ גאַלאַ־שמחה פאַר הונדערטער געסט לכבוד דעם באַזוך פון זיין שוועסטער און שוואָגער, די בערס, פון פּאַריז, וואָס זענען געקומען צו דער חתונה פון דער טאָכטער מינע, באַשטימט אין טאָג פון ל״ג־בעומר און לכבוד דעם 30טן יאָר־טאָג פון דער חתונה פון קבלן בנימיני מיט דער גברת שושנה, וואָס פאַלט אויך אויס דעם זעלבן טאָג. אדון בנימיני האָט זיך געקליבן ווייזן די געסט זיין

גדולה און ברייטע האַנט, ער האָט געוואָלט, אַז זיינע געסט זאָלן האָבן וואָס צו דערציילן פון דער שמחה.

די רחבותדיקע קיך פון זיין ווילע אויפן כרמל האָט זיך געטומלט אין יענע טעג. מען האָט געדונגען אַ קאָנדיטאָר צוצוגרייטן די טאָרטן מיטן געבעקס. מען האָט צוגענומען אַ געניטע קעכין צו שמאָרן, בראָטן דאָס פליישיקס און קאָכן פיש. מען האָט אָנגעדונגען נאָך צוויי פרויען צו הילף דער קעכין און קאָנדיטאָר. געווען די שטענדיקע הויזפרוי, וואָס באַדינט דאָס הויז אַ גאַנץ יאָר, בעת די גברת שושנה דיריגירט אַלע הכנות צו דער שמחה. בנימינס שוועסטער בילע האָט אויך נישט געהאַלטן די הענט אונטערן פאַרטוך, אַפילו מסיע זשאַק, דער מחותן, האָט זיך פאַרנומען מיט די זאָרגן פאַר די געטראַנקען, באשר זיין שוואָגער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מומחה אין דעם פרט ווי אַ שטענדיקן, לאַנגיאָריקן תושב פון פאַריז. ער האָט זיך משמעות נישט פאַרגעשטעלט, אַז זשאַק געברויכט אַלע יאָרן אַ פלאַש רויטן, אָדער ביליקן ווייסן ווייַן מיט אַ גלעזל קאָניאַק נאָר אויף קידוש־שבת און יום־טוב. יאָ, מחמת דער שמחה פון שאַפן די יידישע מדינה, פלעגט ער יעדעס יאָר אָפּהיטן דעם יום־העצמאות, פאַרבעטן צו זיך די שכנים, די בורזשעס, און צוזאַמען מיט זיי אויסליידיקן אַ פלאַש שאַמפּאַניער, נישט פון ערשטן סאָרט, וואָרום בעסערס האָט ער זיך נישט געקענט פאַרגינען פון זיינע פאַרדינסטן אויף די „מאַרשעס״.

יענע טעג האָט די ווילע געווימלט ווי אַ בינשטאָק, אַלע זענען געווען פאַרנומען, פאַריאָגט חוץ דעם אדון בנימיני, וואָס האָט נאָר געקענט שרייבן טשעקן. ער איז געווען צופיל פאַרנומען מיט זיינע עסקים. די כלה מינע איז יענע טעג געווען פאַרטאָן מיט די שניידערקעס, וואָס האָבן געניייט און געמאָסטן קליידער. דעם חתן האָט מען בכלל נישט געזען, ער איז געזעסן טעג און נעכט על התורה ועל העבודה זיך צו גרייטן צו די לעצטע עקזאַמענס אין טעכניקום צו באַקומען דעם ערשטן אַקאַדעמישן טיטל.

דער באַזוך פון די בערס אין חיפה האָט צעחושט רעזשינען.

ביים ערשטן צוזאַמענטרעף מיט די בערס, האָט זיי געפעלט ווערטער אויסצודריקן זייערע געפילן. מען האָט זיך געהאַלדזט און געקושט בעת די בנימיניס זענען געשטאַנען אָן אַ זייט מיט פייכטע אויגן. אַפילו זשאַק האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח, אַרומגענומען רעזשינען, צו־געדריקט צו זיך און מכבד געווען מיט אַ קוש. בילע האָט זיך נישט באַהערשט און מיט טרערן אין די אויגן דערציילט איר משפחה, וואָס דאָס „קינד", די שיינע, גוטע רעזשין, די טאָכטער פון אירע פראַנצויזישע שכנים, האָט געטאָן פאַר איר אין די פינצטערע מלחמה־יאָרן, ווי זי פלעגט זיי ברענגען בסתר עסן אין איר באַהעל־טעניש, איינשטעלן דאָס לעבן, נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ, וואָס וואָלט זי פאַרפייניקט צום טויט אַרויסצו־באַקומען דעם סוד פאַר וועמען זי טראָגט די פעקלעך שפּייז. רעזשין איז צו זיך געקומען, זיך געטוליעט צו בילען און איינגעזאַפּט דעם ריח פון דער היים אין פאַריז, וואָס בילע האָט מיטגעבראַכט צוזאַמען מיט פעקלעך גוטע זאַכן, וואָס מאַמאַ סוז האָט איר געשיקט און נישט פאַרגעסן צוצוגעבן מתנות פאַר דער אמא פרידאַ און פאַרן איידעם ניסאַן.

אין יענע טעג האָט רעזשין אויפגעלעבט. זי פלעגט יעדן טאָג באַזוכן די בערס מיט זייער טאָכטער מינע — אָליאַ! מען רעדט פראַנצויזיש, מען הערט נישט אויף לאַכן און זיך פרייען. די בנימיניס מיט זייער גאַנצער פאַרנומענקייט זענען געווען זייער פריינדלעך און העפלעך, נאָר די גברת שושנה בנימיני האָט אַ ביסל פאַר־דראָסן הלמאי זי פאַרשטייט נישט און קען נישט רעדן פראַנצויזיש, וואָס וואָלט איר צוגעגעבן מער חשיבות און אינטעליגענץ אין די אויגן פון זייערע באַזוכער, פון דער „בעסערער געזעלשאַפט". בילע מיט איר טאָכטער האָבן געזאָרגט, אַז די דודה שושנה זאָל אַלץ פאַרשטיין, דאָס נעמלעכע רעזשין, וואָס פלעגט זיך באַמיען אַריינ־וועבן העברעיִשע אויסדרוקן אין אירע שמועסן. אָליאַ! ווי גוט ס׳וואָלט געווען, ווען ניסאַן איז אויך דאָ. ליידער, ליידער איז ער געווען אויף דער שיף ווייט פון ישראל, ווייט פון די וואַסערן, וואָס

האָבן געשווענקט די ברעגעס פון דער כרמל־שטאָט. צו זיין מזל האָט די שיף יענע וואָכן געמאַכט אַ „קרוז״ מיט טוריסטן אויסער איר נאָרמאַלן קורס אין ים־התיכון. דעם לעצטן בריוו, וואָס רעזשין האָט פון אים באַקומען האָט געטראָגן דעם פּאָסט־שטעמפּל ליסבאָן־פּאָרטוגאַל. מיגע, די כלה, האָט געוווסט פון ניסאַנס מוטער פרידאַ, זי האָט געוווסט פון די אַנגעצויגענע באַציִונגען צווישן איר מיט רעזשינען, פון דעסטוועגן האָט זי זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און דעם לעצטן שבת, פאַר דער חתונה, זי פאַרבעטן צו גאַסט, זאָל די אמא פרידאַ קומען צוזאַמען מיט רעזשינען פרייטיק־צו־נאַכט זיך טרעפן מיט אירע עלטערן, די בערס, מיט וועמען זי האָט זיך באַקענט בעת איר באַזוך אין פּאַריז. די בערס האָבן זייער געוואָלט זיך טרעפן מיט איר.

מיגע מיט איר בחור זענען פריער געפאָרן נעמען רעזשינען און פון דאָרטן זיך געלאָזט נעמען די אמא פרידאַ, וואָס איז געווען זייער נייגעריק באַזוכן אַזאַ רייכע ווילע, ווי די פון די בנימיניס, וועגן וואָס רעזשין האָט איר דערציילט ניסים ונפלאות נאָכן ערשטן באַזוך.

— אָליאַ! מאַדאַם פרידאַ! — האָט איר בילע מקבל־פּנים גע־ווען מיט אָפענע אָרעמס און אַוועקגעזעצט נעבן זיך ביים געדעקטן טיש באַלאָדן מיט אַ שפע, וואָס פרידאַ האָט קיין מאָל נישט געזען אין אַ פּריוואַטער וווינונג. אויפן טיש האָבן געברענט שבת־ליכט אין געפּוצטע, שווערע זילבערנע לייכטער, איבערן טיש האָט אַראָפּ־געלויכטן אַ קריסטאַלענע קאַנדעליאַברע מיט אַ צענדליק לאָמפּן. פרידאַ איז געווען פאַרכאַפּט מיט דער עשירותדיקער אויסשטאַטונג פונעם רחבותדיקן שפּייזצימער: בילדער אויף די ווענט, שווערע געפאַלדעוועטע פאָרטיערן איבער די פענצטער און טירן, פון סופיט אַראָפּ ביז צום דיל, וואָס איז אין גאַנצן געווען באַדעקט מיט אַ טעפּיך. פון אונטער די קאַרניזן האָבן געלויכטן נעאָן־לאָמפּן, אַ לאַנגער בופעט מיט געגלאָזטע פּאָליצעס פון אויבן אויסגעשטעלט מיט קריסטאַלן, מיט כלערליי סטאַטועטקעס, איינגעראַמטע משפחה־

בילדער, בשמים־שקעטעלעך וכדומה. אין יעדן ווינקל זענען גע־שטאַנען טישלעך מיט פולע וואַזעס בלומען, געבעטע שטולן, טאַ־בורעטלעך מיט פאַטעלן, כלערליי אַנטיקן ווי אַ טולער סאַמאָוואַר, דמשקער טאַצן, חנוכה־לאָמפּן, אַלטע לייכטער, — אַ גאַנצער מוזעום. ס'האָט נישט געפעלט אַ שראַנק פול מיט ביכער אין רייכע איינ־בונדן מיט גאָלד געריישטע טיטלען אויף די רוקנס.

— סי, סי מאַדאַם פרידאַ — האָט איר בילע אַריינגערוימט אין אויער — איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז מיין ברודער יאָסעלע, דער אינסטאַליאַטאָר, איז אַזוי אין די פעדערן, ערשט איצט זע איך מיט מיינע אייגענע אויגן, אַז מען קען מאַכן אַ לעבן אין ישראל. גאָט האָט באַגליקט מיין מינעלען מיט אַזאַ פעטער און מיט אַזאַ שידוך, איר ווייסט, מאַדאַם פרידאַ, אַז דעם איידעמס על־טערן, מיינע מחותנים אין תל־אביב, זענען ברוך־השם אויך — — — אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן. זיי בויען פאַר יונגן פאַרפאָלק אַ שיינע דירה, אָט זיץ איך מיט מיין זשאַקן, מיין יאַנ־קעלע, ווי אין אַ פאַרכישופטן פאַלאַץ... גאָט האָט אונדז פאַר־גיטיקט פאַר אַלע ליידן, כאָטש דאָס האַרץ וויינט אין דער שטיל אויף אונדזער חיימלען, עליו השלום, וואָס די נאַצישע חיות האָבן פאַרשלעפּט און אומגעבראַכט אין אַ טויטלאַגער, אונדזער חיימלען, אַ יינגל, אַ יאָר פאַר דער בר־מצוה... אונדזער מינעלע איז אַ גע־ראָטעוועט קינד, גוטע פראַנצויזן האָבן זי אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף, אַרויסגעריסן דעם מלאך־המוות פון די הענט, — זעט, מאַדאַם פרידאַ, ווי זי שיינט איצט, ווי די ליכטיקע זון.

די אַמאַ פרידאַ האָט געהערט, וואָס בילע דערציילט. זי איז נישט געווען געזעטיקט מיט אַלץ, וואָס זי זעט אַרום זיך, ביז אַ ווערימל פון אייפערזוכט האָט איר אַ ברי געטאָן, — „אָט מיין גערעטענער ניסאַן האָט געמעגט האָבן אַ בעסערן מזל, און געפינען אַזאַ מינע, אַ יידיש קינד, אַנשטאָט" — — — —

רעזשין איז דאָ געזעסן שטול ביי שטול מיט מינען און אַ צעפלאָמטע, נאָך אַ גלעזל גוטן וויין, פריילעך געשמועסט אין איר

פּראָגנאָזישער מוטערשפּראַך. מינעס בחור איז געזעסן פון דער צווייטער זייט פון איר שטול ביים טיש, בעת אַלע געסט האָבן ווייניק גערעדט און מער געגעסן פון דעם גוטס אויפן טיש און פּאַרזופּט מיט משקה. דער גאַסטגעבער, אדון יוסף בנימיני, האָט געקוואָלן און כסדר צוגערוקט זיינע געסט פולע טעלערלעך, זיי זאָלן גישט שטיין ליידיק. ער האָט אויך געזאָרגט, אַז די גלעזער זאָלן זיין פול. אַ סאַרוועריין אין וויסן, ווי אַ שוועסטער אין אַ שפּיטאָל, איז גישט מיד געוואָרן אַרומצופירן אין אַ וועגעלע אַרום די טישן פולע טאַצן מיט קליאַשן, טעלערס און פלעשער ביז דער עולם איז זאַט געוואָרן, זיך מער צו גאָרנישט צוגערירט און פאַר־צויגן אַ ניגון פון שבתדיקע זמירות פון דאָרטן, פון דער געווע־זענער היים, וואָס איז מער נישטאָ. באַנט צו חצות האָבן די געסט זאַטע, צופרידענע, באַרוישטע פון געטראַנקען, זיך גענומען רירן, פּאַרלאָזן די טישן, זיך געזעגענען איינער מיטן צווייטן, מיט די בנימיניס, מיטן יונגן פּאָרפּאָלק און זיך געלאָזט אַ היים. ביים גע־זעגענען זיך האָט זיך מינע געכאַפּט, אַז ביז איצט האָט זי נישט פּאַגעשטעלט איר חתן פאַר פרידען, האָט זי זיך געווענדעט צו איר קאָקעטיש, גענומען איר בחור פאַר אַ האַנט און געזאָגט: — „יאָ, גברת פרידאַ, דאָס איז מיין חתן מרדכי".

פרידאַ מיט אַ געמאַכטן שמייכל האָט זיך אויך געזעגנט מיט אַלעמען און מיט רעזשיבען אונטערן אָרעם זיך געלאָזט אַ היים, באַגלייט פון מינעס בחור אין זיין „פּריוועט". זי האָט געשוויגן דעם גאַנצן וועג און מיט ביטערניש פאַרגלייכט דעם אומטמאָלצייט ביי די בורזשעס אין פּאַריז פאַר ניסאַנס חתונה צו דער איצטיקער סעודה ביי די בנימיניס. דאָרטן איז אויך געווען אַ געדעקטער טיש מיט געוויינלעכע מאכלים אָן פליישיקס, וואָס זי האָט שווער אַראָפּ־געשלונגען, מחמת עס האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פון אירע אויגן אַ בילד פון דער פּאַרגלאָצטער „מאַטקאַ באָסקאַ", וואָס איז געהאַנ־גען אין אַ ווינקל פון יענעם ענגן שפּייזצימער, מיט אָן אויסגע־

לאַשענער לאַמפּאַדע פון אונטן אויף דריי קייטלעך, — — —
אַזוי איז איר געווען באַשערט.

ווי שטענדיק ביים געזעגענען האָט רעזשין אַ לייכטן קוש גע־טאָן די אמא פרידאַ און געזאָגט: — „שלום, אמא, ליל מנוחה״. ווי צו להכעיס האָבן זיך דערטראָגן צו אירע אויערן גלאָקן־קלאַנגען פונעם קלויסטער פון די „באָרוועסע כּרמליטן״ אויפן כּרמל, וואָס האָט גערופן די נזירים צו חצות־תּפילות. פרידאַ, וואָס לעבט אין דער כּרמל־שטאָט יאָרן לאַנג, האָט קיין מאָל נישט געלייגט קיין אַכט אויפן גלאָקן־קלאַנג. ערשט איצט האָט זי עס שאַרף דערהערט. די גלעקער האָבן איר געהאַמערט אין קאָפּ: — בום — בום — בום.

באַלד נאָך מינעס חתונה האָבן זיך די בערס צוריקגעקערט קיין פּאַריז. ביידע האָבן זיך געפילט ווי נאָך אַ פאַרגאַנגענעם חלום. עס איז זיי שווער געווען זיך צוריק איינשפּאַנען אינעם גרויען טאָג־טעגלעכן לעבן. זשאַק האָט זיך אָן חשק צוריקגעלאָזט מיט זיין „טראַנטע״ אין די שטעטלעך, אין דער געגנט פון פּאַריז צו די „מאַרשעס״. בילע — צו איר שטוביקער ווירטשאַפט. אויף מאָרגן נאָך זייער צוריקקער האָבן זיי אַ גאַנצן אָוונט פאַרבראַכט מיט די בורזשעס. בילע האָט זיי געבראַכט אַ פולן קאַרטאָן מתנות פון רעזשינען   פאַר דער מאַמאַ סוז און פּאַפּאַ רענאַרד, אויך נישט פאַרגעסן „סוווענירן״ פאַרן ברודער, דעם יונגן דאָקטאָר, און פאַר אַלעמען צוזאַמען אַ פלאַש גוטן קאָניאַק פון ישראל, — „ראשון־דע־לוקס 777 פון יאָר 1882״. די בערס האָבן נישט פאַרפעלט זייער חלק מתנות. בילעס ברודער האָט זיי איבערראַשט מיטן צוריקשיקן אַ היים מיטן אַוויאָן „אל־על״, וואָס קורסירט פון לוד קיין פּאַריז. — „שטעלט אייך פאָר, ליבע שכנים, אַז אין דער פרי האָט אונדז די משפּחה צוזאַמען מיט רעזשינען באַגלייט קיין לוד, אין אָוונט זענען מיר שוין געווען ביי זיך אין דער היים״.

ווייל די טעכטער פון ביידע משפּחות האָבן חתונה געהאַט און

לעבן אין ישראל, האָבן זיי זיך געפילט ווי קרובים. בילע האָט זיי דערציילט אַלע פּרטי־פּרטים פון רעזשינען, ווי זי לעבט, ווי זי קליידט זיך, ווי זי טרעפט זיך אָפט מיט מינען, אַפילו וועגן וווּנדער ווי רעזשין רעדט עברית. נאָר מיט איר מוטערלעכן חוש האָט בילע געפילט, אַז רעזשין איז נישט שווה־בשווה מיט דער אמא פרידאַ. זי האָט זיך באַמיט דערציילן וואָס ווייניקער פון איר חוץ וועגן זייער פאַרברענגען צוזאַמען אויף מינעס חתונה, וואָס איז געווען גראַנד, ממש אַ קעניגלעכע „סעלעברע״ פאַר אַ פּאָר הונדערט געסט. די טישן האָבן זיך געבראָכן פון דער שפע כיבוד, וויין האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. די שמחה האָט מען געפּראַוועט אין אַ גרויסן זאַל אויפן כרמל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ געדעקטער בלומען־גאָרטן, אַ קאַפּעלע מוזיק מיט אַרטיסטן האָבן פאַרווײַלט דעם עולם, די יוגנט האָט געטאַנצט ביז טאָג. רעזשין האָט געלויכטן, זי איז געזעסן מיט מינעס שושבינים אַרום איר כלה־פּאָטעל, און צוגלייך מיט אַלעמען באַגלייט דאָס פּאָרפאָלק צו דער חופה מיט געצונדענע ליכט אין די הענט.

— מינע? אָן אַ בייז אויג, ווי מען וואָלט זי אַרויסגענומען פון אַ פּאָרטרעט פון „לוווּר״, — — — — — אַ גליק איז איר געשען, ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל. מיר האָבן זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, אַז דער ברודער איז אַזוי אין די פעדערן, ער איז אַ גרויסער קאָנטראַקטאָר, אַ קבלן, ווי זיי רופן אים. די שוועגערין איז אַ ביסל אַ צוריקגעהאַלטענע גראַנד־דאַמע, אָבער בײדע האָבן געפונען אין מינען אַ טאָכטער, וואָרום צו אַלדאָס גוטס, וואָס זיי באַזיצן, האָט זיי גאָט פאַרמיטן דאָס גליק פון האָבן אַן אייגן קינד.

פאַר זייער צוריקקער קיין פּאַריז האָט זיי דער ברודער פאַר־שאַפט דעם פאַרגעניגן און דערמעגלעכט אַ שפּאַציר איבער ישראל צוזאַמען מיט אַ גרופּע טוריסטן באַגלייט פון אַ „גייד״. בילע האָט זיי דערציילט וועגן דער פּראַכט פון יידישן לאַנד, באַזונדערס אין דער נייער און אַלטער ירושלים. דער „גײַד״ האָט זיי „געוואָרנט״:

— מיינע דאַמען און הערן, פאָרזיכט! איר שפּאַנט איצט איבער

טויזנטער יאָרן געשיכטע, אַטענסיאָן! — אָט זעט איר די ביבל פאַר אייערע אויגן.

זיי האָבן באַזוכט דעם כותל־המערבי, די אַלטע שטיינערנע מויער, וואָס האָט איינגעזאַפּט טייכן יידישע טרערן. די יידישע טוריסטן האָבן געקושט די שטיינער, ווו זי האָט אַריינגעשטופּט אַ צעטעלע צו זיין ליכטיקן נאָמען, ער זאָל פאַרנעמען זייער געבעט, געבן ישראל רו, שלום מיט גליק. זי מיט זשאַקן האָבן מתפלל געווען פאַר די קינדער, פאַר רעזשינען און פאַר אייך, גוטע שכנים, וואָס האָבן אונדז אין די פינצטערע אימה־צייטן דערהאַלטן ביים לעבן.

די בורזשעס האָבן אַלץ נייגעריק אויסגעהערט, נאָר זיי האָט מער אינטערעסירט די פּרטים וועגן רעזשינס לעבן. זיי האָבן גע־לעכצט נאָך נאָענטע מער אינטימע גרוסן, וואָרום פון אירע לעצטע בריוו האָט געווייט אַ פאַרבאָרגענער אומעט. זיי האָבן געוואָלט וויסן ווי רעזשין האָט זיך צוזאַמענגעלעבט מיט ניסאַנען, וואָס האָט זיי באַאיינדרוקט ווי אַן איידעלער, גוטער בחור, אַ ביסל אַ שווייגער. ליידער האָבן די בערס נישט געטראָפן ביידן צוזאַמען, וואָרום אין יענע וואָכן איז ניסאַן געווען אויף אַ ים־רייזע, אָבער פון רעזשינס רייד און פון איר רויטלען זיך בעת דעם שמועס, דוכט זיך בילען, אַז „עפּעס מאַכט זיך", אַז מען קען „עפּעס" דערוואַרטן. גראַדע אָט די ווערטער האָבן עמאָציאָנירט די בורזשעס. זייערע פּנימער האָבן זיך באַדעקט מיט אַ לייטזעליקן שמייכל, מאַמאַ סוז מיטן פּאַפּאַ רענאַרד האָבן זיך אָנגעקוקט, זייערע אויגן האָבן גענומען פינטלען און זיך פאַרצויגן מיט גלאַנציקער פייכטקייט. פּאַפּאַ רענאַרד האָט זיך געלאָזט צו דער סערוואַנטקע ברענגען אַ פלאַש וויין לכבוד דעם צוריקקער מיט די גרוסן, וואָס די בערס האָבן געבראַכט.

בילע איז געווען גערעכט, נאָך פאַר מינעס חתונה האָט זיך רעזשין געפילט נישט מיט אַלעמען. זי האָט פאַרלוירן דעם חשק צו געוויסע מאכלים, זי האָט גענומען ליידן פון לייכטע קאָפּ־שווינד־לען. בעת דער „באַשטימטער טאָג" אין חודש איז פאַרשוונדן האָט

זי זיך געלאָזט אונטערזוכן פון אַ דאָקטאָר. אַ צעשמייכלטער האָט ער איר געזאָגט:

— גבירתי, אַלץ איז נאַטירלעך און אין אָרדנונג, די מיחושים וועלן פאַרשווינדן אַזוי גיך ווי זיי זענען געקומען, איר דאַרפט זיך גרייטן צום געדאַנק, אַז אם־ירצה־השם, אין קנאַפּע זיבן חדשים אַרום וועט איר ווערן אַ מוטער. אין אַ גוטער שעה, גבירתי!

כאָטש פון די סימפּטאָמען האָט רעזשין פאַרשטאַנען, אַז זי שטייט פאַר גרויסע שינויים אין איר אינטימען לעבן, האָבן די ווערטער פון דאָקטאָר זי אויפגערודערט. אין דער היים האָט זי זיך נישט באַהערשט, נישט געקענט פאַרמיידן אַ שטראָם טרערן, באַלד באַגומען, אַז דאָס זענען טרערן פון פרייד געמישט מיט פּלוצימדיקער הילפסלאָזיקייט און אומרו. זי, רעזשין, וועט ווערן אַ מוטער פון אַ קינד, וואָס וועט אויספילן איר לעבן, זי וועט אַרויס פון איר איינזאַמקייט, זי וועט זיך פאַרנעמען מיט אַ לעבעדיק באַשעפעניש פון איר אייגן בלוט און פלייש, וואָס וועט פול מאַכן איר נעסט מיט פרייד. אָבער זי האָט ביז איצט נישט געטראַכט, וואָס וועט זי טאָן אַליין ביז דאָס קינד וועט קומען? ווי וועט רעאַגירן ניסאַן? כל־זמן זי וועט קענען וועט זי עס פאַרבאָרגן פון דער אָנגעצויגענער אמא פרידאַ, נאָר זי מוז, וואָס גיכער, צוגרייטן די מאַמאַ סוז מיטן פּאַפּאַ צו אַזאַ געשעעניש. ס'האָט איר אויפגעבליצט אַ שטיקל האָפנונג: — אפשר וועט איר די מאַמאַ באַגליקן מיט אַ באַזוך אין די לעצטע, קריטישע חדשים פון איר נייעם צושטאַנד? דער באַגריף שוואַנגערשאַפט איז נאָך דערווייל געווען גאָר ווייט פון איר באַוווסטזיין — — — אפשר וועט זי גאָר פאָרן צו די עלטערן אין פּאַריז און דאָרטן דורכמאַכן דעם געבורט?

פאַרזונקען אין מחשבות איז זי געלעגן אויף דער קאַנאַפּע און פאַרגעסן, אַז זי האָט נאָך גאָרנישט געגעסן, אַפילו נישט געטרונקען אַ קאַווע. די געדאַנקען זענען איר געשפּרונגען אין מוח אָן אַ סדר, ביז זי איז געקומען צום אויספיר זיך לאָזן וואָס גיכער צו איר נאָענטער חברטע מינע, אויסגיסן פאַר איר ס'האַרץ, אפשר וועט

זי איר געבן אַ זאַכלעכע עצה, כאָטש זי, מינע, איז נאָך נישט געפּרווּווט געוואָרן מיט אַזאַ אינטימען צושטאַנד. וואָס האָט איר מינע געקענט זאָגן? זי האָט זי אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך, געגלעט און באַרויִקט. זי האָט דערפילט אַן אינערלעכן ציטער און גענומען טראַכטן, אַז זי וועט אויך פאַרשטיין אַזאַ צושטאַנד, וואָרום זי, ווי פריער רעזשין, האָט אַם ווייניקסטן געטראַכט וועגן מוטער־שאַפט. אין אירע אינטימע שמועסן מיט מרדכי'ן, איר צוקונפטיקן מאַן, האָט זי אַזוינס נישט געוואָגט דערמאָנען. דער באַגריף „מאַן" איז נאָך בכלל נישט געווען איינגענעסטיקט אין אירע מחשבות.

בעת רעזשין האָט זיך באַרויִקט, האָט זי שמייכלענדיק געזאָגט צו מינען:

— ווייסט, מינע, נישט איך, נישט מיינע עלטערן, נישט די אמא פרידאַ, האָבן קיין מאָל נישט דערמאָנט ניסאַנען ווי מיין מאַן, ערשט די לעצטע וואָכן איז מיר געקומען אויפן זינען אַזאַ באַגריף — מיט גדולה, מיט שמץ גאווה, האָט זי צוגעגעבן: — מיין מאַן ניסאַן, דער פאָטער פונעם קינד, וואָס איך דערוואַרט, ס'הייסט „מאַן־פאָטער" ווערט איצט פאַר מיר איינס און דאָס זעלבע, פון היינט אָן וועל איך ביי יעדער געלעגנהייט אָנרופן ניסאַנען „מיין מאַן", נאָכן געבורט וועל איך אים רופן — „פּאַפּאַ ניסאַן" ווי מיין מוטער רופט מיין פאָטער — „פּאַפּאַ רענאַרד"...

רעזשינס רייד האָבן אַרויסגערופן אַ מילדן שמייכל אויף מינעס פּנים. בעת זיי האָבן זיך געזעגנט האָט איר מינע שטיפעריש אַרויס־באַגלייט ביז דער גאַס און אַ זאָג געטאָן: — שלום, מאַמאַ רעזשין.

אַ דערמונטערטע, אַ צופרידענע האָט איר רעזשין לאַכנדיק געענטפערט, — "שלום, צוקונפטיקע מאַמאַ מינע".

עס האָט נישט גענומען קיין סך צייט און רעזשין האָט מער נישט געקענט פאַרבאַרגן איר סוד. איין מאָל האָט זיך ניסאַנס שיף פאַרשפּעטיקט אויפן ים, אַנשטאָט אָנצוקומען אין פּאָרט אַ נאָכ־מיטאָג, איז זי אַריינגעשוווּמען שפּעט ביי נאַכט. די מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט די שיף, האָט מען צעוויסן געגעבן דורך אַ לויט־

שפּרעכער — „זיי זאָלן נישט נעמען פאַר אומגוט און קומען מאָרגן אַכט אין דער פרי, באשר די שיף האָט זיך פאַרשפּעטיקט מחמת נישט פאַרויסגעזעענע סיבות. אַלע רייזנדער זענען אין בעסטן אָרדנונג, אַלע פילן זיך גוט און גריסן די קרובים אויפן ברעג, ואתכם הסליחה". ווי שטענדיק האָט רעזשין דאָס מאָל אויך אָפּ־געוואָרט ניסאַנען אין פּאָרט, אויף דער ראַמפּע. בלית־ברירה האָט זי זיך צוריקגעקערט אַ היים מיט פאַרדרוס און באַלד צו וויסן געגעבן די אמא פרידאַ, זי זאָל זיך נישט באַאומרויִקן.

די שיף איז אָנגעקומען שפּעט ביי נאַכט, ביז פאַר טאָג האָט מען באַוויזן אָפּלאָדן די פּראַכט מיטן באַגאַזש פון די רייזנדע, אַלץ סאָרטירן אויף די טישן פון צאָלאַמט, כדי די אָנגעקומענע פּאַסאַ־זשירן זאָלן קענען גיך, אָן מניעות פאַרלאָזן דעם פּאָרט. ניסאָן האָט מער נישט געהאַט וואָס צו טאָן אויף דער שיף, האָט ער אַ שפּראָץ אויפן טאָג זיך געלאָזט אַ היים.

ניסאָנס איצטיקע נסיעה האָט געדויערט אַ קנאַפּן חודש. ביידע, ער מיט רעזשינען, האָבן באַקומען איינער פון צווייטן גרויסן דורך פּאָסטקאַרטלעך. זיי זענען געווען אויסגעבענקט און געלעכצט זיך צו טרעפן, זיך אַלץ דערציילן פון די פאַרגאַנגענע וואָכן, ווען זיי האָבן זיך נישט געזען. רעזשין האָט אומגעדולדיק געפּיבערט מיט איר „סוד", וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר אים. אין דער פאַרטאָגיקער דעמערונג, ווען זי האָט אַ פאַרשלאָפענע אויפגעמאַכט די טיר פאַר ניסאַנען און זיי האָבן זיך אַרומגענומען האָט ער גאָרנישט געמערקט אויף איר אויסערלעכן אויסזען, נישט די פלעקן אויף איר אַ ביסל אויפגעלאָפענעם פּנים, נישט די רעדער אונטער אירע אויגן. ער האָט איינגעגראָבן זיין פּנים אין אירע באַשמעקטע האָר און אַריינ־געאָטעמט איר דופט. ער האָט זי גענומען אויף די הענט און ווי אַ קינד אַוועקגעטראָגן אויף דער סאָפע, זי איינגעהילט אין שלאָפ־ראָק און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד, דערביי פאַרגעסן אויס־צוטאָן זיין ראָק, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט די ריחות פון שיף און ים.

ווען רעזשין האָט זיך יענעם פרימאָרגן שפּעטלעך איבערגע־וועקט און אויפגעמאַכט די אויגן האָט זיך די זון שוין געהאַט פאַר־קליבן הויך איבערן הימל פון כרמל. די וואַרעמע ליכט איז איר געפאַלן אויפן פּנים, זי האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען ניסאַנען ליגן נעבן זיך נישט אויסגעטאָן, נאָר זיין ראָק איז געהאָנגען אויף אַ שטול און די שיך האָבן זיך געוואַלגערט אויפן דיל ביים גע־לעגער. ס׳איז איר געווען לייכט אויפן געמיט, די שפּאַנונג, וואָס האָט זי געדריקט די לעצטע וואָכן, האָט נאָכגעלאָזט. זי איז געלעגן מיטן פּנים צו ניסאַנען, זי האָט צוריק פאַרמאַכט די אויגן און איינגעדרעמלט, ווייזט אויס ווייטער צו שפּינען איר איבער־געריסענעם חלום, אַז זי געפינט זיך גאָר מיט ניסאַנען אויף דער שיף, ביידע האַלטן זיך פאַר די הענט, אָנגעלענט אָן פאַרענטש, מיט די פּנימער צום ים. די שיף שניידט די טונקל בלויע וואַסערן, וואָס שוימען ביי די זייטן פון שיף און שפּריצן אויף זייערע קליי־דער און געזיכטער — — — דער חלום פאַרשווינדט, די הייסע זון פאַרצערט אים, אירע געדאַנקען ווערן וואַך, זי האָט נישט קיין לוסט אויפצומאַכן די אויגן, זי דערמאָנט זיך ווי מיט אַ פּאָר שעה פריער האָט זי אַרומגענומען ניסאַנען, צוגעדריקט אירע ליפּן צו זיין רעכטן אויער און בלחש געזאָגט:

— ניסאָן, איך האָב אַ סעקרעט, אַ בשורה אָפּגעהיט פאַר דיר, — אין מיר גייט אויף אַ לעבן, מיר׳ן האָבן אַ קינד.

לכתחילה האָט ניסאָן נישט געענוג באַנומען אירע רייד, אָבער ער האָט זיך גיך באַזינט, אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער, זיך געשטעלט אויף די קני, אַרויפגעלייגט זיין קאָפּ אויף איר ברוסט, גענומען קושן און שטאַמלען:

— וועריטע, רעזשין? ס׳איז וואָר?

— אוי, אוי, שערי, ס׳איז וואָר, מיין ליבסטער.

ניסאָן איז געווען זייער מיד, צוויי מעת־לעת האָט ער נישט צוגעטאָן אַן אויג, ער האָט זיך צוריקגעלייגט און איינגעשלאָפן, איבערצולאָזן דעם המשך פון שמועס אויף שפּעטער. רעזשין איז

געזעסן לעבן אים אַ וואָכע, זי האָט נישט פאַרגינען אים אַ גלעט טאָן, ער זאָל זיך נישט איבערוועקן. פאַרזיכטיק איז זי אַוועק פונעם געלעגער, זיך אָנגעטאָן, פאַרשענערט דאָס פּנים, זיך געלאָזט גרייטן פרישטיק און איידער וואָס ווען אַריינגעגאַנגען צו אַ שכן טעלע־פאָנירן דער אמא פרידאַ, אַז ניסאָן איז פאַר טאָג געקומען אַ היים.

יענע נאַכט איז די אמא פרידאַ שלעכט געשלאָפן. די ידיעה, אַז די שיף האָט פאַרשפּעטיקט האָט אָפּגענומען איר רו, אַזוינס געדענקט זי נישט, זייט ניסאָן האָט געאַרבעט אויפן ים, זייט דעם באַפרייונגס־קריג. ווער ווייסט צי רעזשין האָט איר געזאָגט דעם אמת? אויב ס'איז טאַקע אַזוי ווי רעזשין האָט איר צו וויסן געגעבן, הלמאי האָט זי זי נישט באַזוכט, ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט פון פּאַרט? פרידאַ האָט נישט געוווּסט רעזשינס מצב די לעצטע וואָכן, זי פלעגט אויסמיידן איר קוקן גלייך אין פּנים. זי האָט נישט געטראַכט, אַז רעזשין זאָרגט און לעבט אינערלעך מיט ניסאָנען ווי זי, פרידאַ, לעבט. אָם ווייניקסטן האָט זי געטראַכט, אַז רעזשין איז ניסאָנס ווייב, זי האָט פאַרעקשנט נישט געוואָלט משלים זיין מיט דעם, זי האָט זיך געשפּילט מיטן געדאַנק, אַז אַ ציווילע חתונה איז נישט תופס. ווער רעדט נאָך, אַז רעזשין האָט זיך ביז איצט נישט מגייר געווען. וועגן דעם האָט זי עלעגאַנט אויסגעמיטן יעדן שמועס מיט איר. אמא פרידאַ איז נישט געווען גרייט צו פאַרשטיין, אַז רעזשין לעבט זיך דאָ אויס אין איר אינערלעך־אייגענער גייס־טיקער וועלט. כאָטש די פּראָצעדור פון גיור האָט זי אָפּגעשטויסן, האָט רעזשין דאָך נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן זיך באַקערן צום יידישן גלויבן, וואָס איז פאַר איר נישט געווען קיין פּשוטע פאַר־מאַליטעט, באַזונדערס נאָכן געבורט פון קינד, וואָרום זי האָט גע־מיינט, אַז אַזוינס וועט איבעררייסן יעדן קאָנטאַקט מיט איר פּאַריז, פאַרפרירן די באַציִונגען מיט דער אינטימער פאַרבינדונג מיט אירע עלטערן, מיטן ברודער, מיט אירע פריינד און קרובים אין פראַנק־רייך. ביז איצט האָט זי נישט געפונען דעם פאָדעם, וואָס זאָל זי גייסטיק פאַרבינדן מיטן יידישן גלויבן, כאָטש וואָס ווייטער ווערן

איר די יידן פאַרשטענדלעכער, אַפילו סימפּאַטישער. זי האָט אָפט געטראַכט ווי גוט זי האָט זיך געפילט ביי זייערע יידישע שכנים, די בערס, אין פּאַריז, ווי גוט זי ווערט אויפגענומען פון דער משפּחה פון קבלן בנימיני, ווי גוט זי פילט זיך און פאַרברענגט מיט מינען, ווי פריינדלעך עס באַציִען זיך צו איר די איצטיקע שכנים מיט וועמען זי לעבט אין דעם זעלבן הויז אויפן כרמל. דאָס נעמלעכע מיט די, וואָס זי האָט צוזאַמען געלערנט עברית אויף די אָוונטקורסן, ווי טיף גערירט זי איז געווען בעת אירס אַ באַקאַנט יידיש מיידל, וואָס האָט געוווסט איר „סוד", האָט איר געוואָלט שאַפן אַ ביסל נחת־רוח און איין מאָל זי אָוועקגעפירט אין בית־התפילה פון ענגלישע יידן־קריסטן, ווו זי האָט געפונען אַ גייסטיקע ליידיקייט, וואָס האָט איר אַנטוישט און פאַרשאַפט עגמת־נפש. דאָס נעמלעכע איר פריינדלעכע באַגלייטערין. אומעטום, ווו זי קומט און מיט וועמען זי טרעפט זיך אין ישראל, האָט איר אָפּשטאַם מיטן מינדעסטן שאָטן נישט פאַרטונקלט אָדער באַווירקט אירע באַציִונגען מיט יידן. זי האָט געטראַכט, אַז איר גלויבן איז דאָך איר פּריוואַטער ענין, וואָס שטערט קיינעם נישט. — אָט, האָט איר ניסאַן פאַר דער גאַנצער צייט פון זייער צוזאַמענלעבן נישט מיטן מינדעסטן רמז דערמאָנט איר גלויבן. זי איז זיכער, אַז ער וואָלט איר קיין מאָל נישט געשטערט זיך אַ מאָל אַריינכאַפּן אין אַ קלויסטער. אָבער דאָ אין יידישן לאַנד, ווו זי לעבט דורכויס מיט יידן, האָט זי נישט דעם מינדעסטן ווילן, אָדער אינערלעכן באַדאַרף אַזוינס צו טאָן, כאָטש גלאָקן־קלאַנגען, וואָס זי הערט באַזונדערס שאַרף נאָך האַלבער נאַכט, אָדער אין זונטיקן און חגא־טעג, רופן אַרויס זכרונות מיט נאָסטאַלגיע נאָך דער היים אין פּאַריז. זי האָט געשעצט מיט דאַנקבאַרקייט ניסאַנס באַזונדערע מתנות, וואָס ער פלעגט איר ברענגען דעם ניטל־אָוונט און ניי־יאָר.

זי ווידער, האָט איין מאָל גערן באַגלייט ניסאַנען אין אַ בית־הכנסת, ראש־השנה, תפילה טאָן לזכר זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער און ברודער. זי האָט נאָך קיין מאָל נישט באַזוכט אַ יידישן

„עגליס" — אַ שול. ניסאַן האָט אַזוינס נישט געוואָגט איר פאַרלייגן, עס זאָל איר נישט איינפאַלן, אַז מיט דעם איז ער אויסן איר „עפּעס" אָנדייטן. אָבער אַז זי האָט עס פאַרלאַנגט, איז ער געווען צופרידן און אונטערוועגס צו דער שול האָט ער איר דערציילט פּרטים ווי יידן זענען זיך נוהג ביים דאַווענען. ער האָט איר דערציילט וועגן ספרדים און אַשכנזים, וואָס דאַווענען לויט זייערע נוסחאות און ניגונים, וועגן אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמיסטן, וואָס האָבן איר דערמאָנט קאַטאָליקן און עוואַנגעליסטן. די רעפאָרמיסטן זענען נישט אַזוי מקפיד מיט די יידישע דינים און זיטלעכקייט ווי די אָרטאָדאָקסן. לויט זיין פאַמיליאַרער קייט געהערט ניסאַן צו די אָרטאָדאָקסן, כאָטש ער איז נישט קיין פרומער. בלויז ביי די רעפאָרמיסטן דאַווענען מענער און פרויען צוזאַמען, נישט באַזונדער אָפּגעטיילט ווי ביי די אָרטאָדאָקסן, אַזוי אַז זי וועט דאַרפן אַריינגיין אין דער פרויען־אָפּטיילונג פון דער שול, אַ האַלבן שטאָק העכער, בעת ער וועט זיך געפינען באַזונדער צוזאַמען מיט די מענער. רעזשין האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זיינע רייד, זי איז געוואָרן נייגעריק צו זען אַ יידישע שול פון אינעווייניק, צו זען און הערן ווי יידן דאַווענען.

אַזוי שמועסנדיק זענען זיי געקומען צו דער שול. ניסאַן האָט זי באַגלייט צו דער עזרת־נשים, וווּ זי איז געבליבן אין דרויסן, בעת ער אַליין איז אַריין אינעם אונטערשטן שטאָק. רעזשין האָט נישט באַוויזן זיך אַרומקוקן ווי צו איר איז צוגעגאַנגען אַן עלטערע פרוי, אַלטמאָדיש געקליידט, מיט גוטע מוטערלעכע אויגן, מיט אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ, מיט אַ דיקן מחזור איינגעוויקלט אין אַ זיידן טישטעכל. די פרוי האָט אַן צערעמאָניעס זי גענומען פאַר אַ האַנט און ליבלעך געזאָגט:

— אַ גוט יאָר, וואָס שטייט עטץ אין דרויסן? קימטס מיט מיר, מען זאָגט באַלד יזכור, קימט׳ס, טאָכטערשע לעבן.

פון אירע רייד האָט רעזשין נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט. זי האָט גערעדט יידיש צו זיין זיכער, אַז זי רעדט צו אַ יידיש ווייבל,

נאָר פון איר גוטמוטיקן אויסדרוק און פון האַלטן זי פאַר אַ האַנט, האָט רעזשין פאַרשטאַנען אין וואָס דאָ גייט, איז זי מיטגעגאַנגען מיט איר אין דער עזרת־נשים פון שול, וואָס איז געווען איבער־פולט. די אַלטע האָט קוים געפונען איר „שטאָט״, אַרויסגענומען דעם מחזור פון טישטעכל, אָנגעטאָן שפּאַקולן, צוגעטוליעט צו זיך רעזשינען, געפונען אינעם מחזור די תפילה און איר געזאָגט:

— אַצינדערט, טאָכטערשי, וועלן מיר זאָגן צוזאַמען.

רעזשין האָט נישט געוווסט, אַז ביי די אָרטאָדאָקסישע יידן איז דאָס דאַוונען נישט קיין כאָראַלער ווי ביי די רעפאָרמיסטן אָדער, להבדיל, ווי אין קלויסטער. יעדער ייד דאַוונט פאַר זיך און טענהעט זיך אויס מיטן רבונו־של־עולם ביחידות. לכתחילה האָט זיך איר געדוכט, אַז דאָ רוישט אַ ים — — — אַלץ איז פאַר איר געווען ניי און איינדרוקספול. פון הינטער די פאָרהענגלעך פון דער עזרת־נשים אַראָפּ, האָט זי געזען די מענער, ווער אין טליתים מיט ווייסע, אויסגענייטע קעפּעלעך, ווער מיט ווייסע קיטלען מיט די טליתים איבער זיי, איינגעהילטע ביז איבער די קעפּ. ס'האָט איר פאַרדראָסן הלמאי פון איר קוקווינקל זעט זי נאָר אַ טייל פון עולם מיטן אויבערשטן טייל פון אָרון־קודש, פאַרהאָנגען מיט אַ ווייסן, זיידע־נעם פּרוכת, געשטיקט מיט גאָלדענע אותיות און אַ מגן־דוד אין מיטן.

דער מענטשלעכער וואַלד האָט זיך באַוועגט הין און צוריק און געדאַוונט בקול אין אַן עקזאַלטירטער השתפכות־הנפש און דער־הויבנקייט, וואָס רעזשין האָט שווער באַנומען. אַרום איר, אין דער עזרת־נשים, האָבן זיך די פרויען באַוועגט גלאַטער ווי די מענער, נישט געדאַוונט בקול רם ווי זיי. די עלטערע פרויען האָבן מער געוויינט ווי געדאַוונט. כאָטש ס'איז געווען אַ ליכטיקער טאָג האָבן אַלע לאָמפּן געברענט, שטיקער יאָרצייטליכט האָבן געפלעמלט און געטריפט אין מאַסיווע, מעשענע הענגלייכטער ווי קאַנדעליאַברעס. די חמימה איז געווען גרויס.

בעת רעזשין האָט געמערקט ווי די עלטערע פרוי נעבן איר איז

אין גאַנצן פאַרטאָן אין תפילה און קיינער קוקט נישט אויף איר, האָט זי פאַמעלעך, אויף די שפּיץ פינגער, זיך אַרויסגעשלייכט פון שול און אַרויס אין דרויסן, עמאָציאָנירט פון דעם איבערגעלעבטן. זי האָט מער נישט געקענט אויסהאַלטן די היץ מיט דער געדיכטער לופט, ס'איז געווען איבער אירע קרעפטן. מחמת איר „מצב" האָט איר גענומען איבלען, זי האָט מורא געהאַט אַז אָט, אָט וועט זי נעמען ברעכן. זי האָט געמוזט אַרויס אין דרויסן.

רעזשין האָט זיך דאָס אַלץ דערמאָנט, ווען זי איז געווען אַליין ביים טיש, ביים גרייטן פרישטיק און וואַרטן אויף ניסאָנען, וואָס איז שוין געווען וואַך און זיך פאַרנומען מיט זיין אויסערלעכקייט אינעם קליינעם באָדצימערל. ווען ניסאָן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער געהערט ווי רעזשין פאָרעט זיך אין קיך. ער איז געווען אויסגערוט נאָך פינף שעה שלאָפן אין זיין אייגן בעט, אין דער אייגענער היים, געפילט ווי זיין געלעגער וויגט זיך נישט אויפן וואַסער, און ער הערט נישט דעם טיפן רויש פון דער שיפס־מאַשי־נעריע. די זון האָט אַריינגעלויכטן אין צימער, די שטאָרן זענען געווען אויפגעהויבן, רעזשין האָט אַזוי געטאָן כדי די זון זאָל אַריינ־לייכטן ניסאָנען אין פנים און אים איבערוועקן. זי האָט געוואָלט, אַז ווען ער וועט אויפמאַכן די אויגן זאָל ער זען די ביימער אַרום און הערן דאָס צוויטשערן פון פויגל. ניסאָן האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען און דערפילט ווי אַלץ, ווי יעדע קלייניקייט אין צימער, איז פול און אָטעמט מיט רעזשינען, די בילדער אויף די ווענט, די גאַר־דינען מיט זייערע געפּרעסטע פאַלדן, וואָס האָבן זיך באַוועגט אין לייכטן ווינטל, די טישטעכלעך אויפן נידעריקן קאָמאָד, אונטער יעדער וואַזע און בלומענטעפּל, דער אַבאַזשור אויף דער לאָמפּ באַדעקט מיט אירע געמעלן. ניסאָן האָט טיף אַריינגעאָטעמט די פרישע באַרגלופט און איז אַראָפּ פון געלעגער און זיך דערמאָנט, וואָס רעזשין האָט אים פאַרטרויט איידער ער איז איינגעשלאָפן. זיין פנים האָט אויפגעלויכטן און זיך באַדעקט מיט אַ ברייטן שמייכל, וואָס האָט אויסגעדריקט אינערלעכע פרייד, אָבער ער האָט נאָך נישט

אין גאַנצן באַנומען, אַז ער ווערט בקרוב אַ פּאַטער, רעזשין — אַ מוטער, אַז עפּעס וועט זיך גרינטלעך ענדערן אין זייער לעבן, נאָר דערווייל מוז ער גיין זיך אַרומוואַשן, זיך אָפּפרישן, אויספּוצן און מיט אַנגעקוואָלענער גליקזעליקייט אַרומנעמען רעזשינען, זי נעמען אויף זיינע הענט, ווי ער וועט אַזוינס טאָן שפּעטער מיט זיין קינד. ער האָט איצט פון גאָרנישט געוואָלט טראַכטן, וואָרום ביז ער איז נעכטן איינגעשלאָפן, האָט נאָך רעזשין גערעדט, ער האָט גע־שלונגען אירע רייד נישט צו פאַרלירן פון זיי אַ זילב. ער האָט איר נישט געוואָלט איבעררייסן ביז זיין מידקייט האָט אים איבערגע־וועלטיקט און ער איז איינגעשלאָפן אויף גאַנצע פינף שעה אָן אַ פּיצל חלום. איצט האָט ער זיך געוואַשן אונטערן קאַלטן שפּריץ און געזונגען, בעת זי איז געזעסן ביים טיש און געטראַכט:

— ווי הויבט מען אָן דעם קורצן טאָג מיטן אויסגעבענקטן ניסאָנען — מיין מאַן?

די אמא פרידאַ האָט נישט געטראַכט, אַז ניסאָן האָט צוויי מעת־לעת נישט צוגעטאָן קיין אויג און איז פאַר טאָג געקומען אַ היים טויט מיד. זי האָט נישט געטראַכט, אַז ער דאַרף זיך אָפּרוען און געניסן אַ פּאָר שעה שלאָף. זי האָט געמיינט, אַז גאַנץ פרי וועט ער קומען זי באַזוכן. אָבער אַז דער זייגער האָט געוויזן צען און ער מיט רעזשינען זענען נאָך נישט געקומען זי באַזוכן, האָט זי מיט רוגזה זיך געלאָזט צו זיי. ווען זי האָט דערזען ווי די פענצטער זענען אָפן האָט זי געגומען קלינגען, וואָס האָט באַוויגן רעזשינען אויפמאַכן די טיר. אָן אַ „גוט מאָרגן" איז די אמא פרידאַ מיט אימפּעט אַריינגעלאָפן אין שטוב און אומרויִק געפרעגט:

— ווו איז ניסאָן?

— ניסאָן וואַשט זיך, אַסעע ווו, זיצט, אמא, איך ברענג אייך אַ קאַווע.

בעת פרידאַ האָט דערהערט ווי ניסאָן זינגט אין באָדצימערל, האָט זי זיך באַרויִקט און איידער וואָס ווען, האָט ניסאָן אַ פרישער, אַ גוט אויפגעלייגטער זי אַרומגענומען, געקושט און געפרעגט:

— מה שלומך אמא, וואָס מאַכסטו? וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? צי האָט דיר רעזשין נישט צו וויסן געגעבן, אַז די שיף האָט פאַר־שפּעטיקט און וועט אַריין אין פּאָרט אין מיטן נאַכט אָנשטאָט אין אָוונט?

ניסאָן האָט נישט געהאַט גענוג מוט צו דערציילן, אַז ער האָט געפונען רעזשינען אין „אַנדערע אומשטענדן", נאָר ער האָט עס פאַרשפּאָרט זאָגן, וואָרעם ביים פרישטיק, בעת די אמא פרידאַ האָט דערזען רעזשינס פּנים איז איר שיר נישט אַרויסגעפאַלן דאָס גלאָז קאַווע פון די הענט. רעזשינס אויפגעלאָפן פּנים מיט די פלעקן, וואָס דער פודער האָט נישט געקענט פאַרדעקן, האָט אַנטפּלעקט דאָס, וואָס זי האָט ביז איצט פאַרבאָרגן. די אמא פרידאַ איז געוואָרן שטאַרק צעחושט, היתכן? ווי האָט זי עס פריער נישט באַמערקט? זי האָט זיך דערפילט נישט באַקוועם, גענומען ציטערן, פאַרדעקט מיט די הענט ס'פּנים און זיך נישט באַהערשט. טרערן זענען געפלאָסן פון אירע אויגן, איר גאווה איז איינגעבראָכן געוואָרן, הלמאי איז זי געוועז צו איר קאַלט און אייפערזיכטיק? הלמאי האָט זי זיך נישט צוגעווינט, נישט משלים געווען מיטן געדאַנק, אַז רעזשין איז ניסאָנס ווייב, וואָס דאַרף איר זיין נאָענט ווי אַן אייגענע טאָכטער? הלמאי זי האָט די גאַנצע צייט זי באַהאַנדלט ווי אַ פרעמדע, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין איר משפּחה? — — — אָט וועט רעזשין געבוירן אַ קינד, — אירס אַן אייניקל!

ניסאָן מיט רעזשינען האָבן זיך אָנגעקוקט, זי צו רו געלאָזט, גאָרנישט געזאָגט ביז זי האָט זיך אין גאַנצן באַרויִקט און מיט אַ געמאַכטן פאַרדרוס גענומען טענהעז, אַז רעזשין איז שולדיק, פאַר וואָס זי האָט איר באַלד נישט דערציילט פון אירע „נייע אומשטענדן"? זי וואָלט דאָך זי גענומען צו זיך, זי זאָל נישט בלייבן אַליין, — „צי בין איך אייך נישט קיין מוטער"? ניסאָן מיט רעזשינען האָבן געשמייכלט, זיי האָבן פאַרענדיקט דעם פרישטיק, די אמא פרידאַ האָט גענומען דרייסטער קוקן רעזשינען אין פּנים און איר געהאָלפן צוראַמען דעם טיש. זייער פאַרלעגנהייט

האָט זיך אין גאַנצן אויסגעלאָזט. זיי האָבן באַנייט דעם שמועס בעת ניסאַן האָט איר געגעבן די געבראַכטע מתנות פון אויסלאַנד, דאָס מאָל האָט איר רעזשין געוויזן, וואָס ניסאַן האָט איר געבראַכט. זי האָט אים פאַרענטפערט, אַז ביז ער איז געקומען אַ היים האָט ער אויך פון גאָרנישט געוווּסט. פרידעס אייפערזוכט איז אויסגע־לאָשן, זי האָט זיך אויפגעשטעלט און נאָך לאַנגע חדשים קאַלטקייט האָט זי זי מוטערלעך אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און געהייסן גיין זיך אָפּרוען. זי בלייבט דערווייל ביי זיי, זי וועט שוין צוגרייטן מיטאָג און פאַר נאַכט וועלן זיי פאָרן צו איר אויף אָוונטברויט.

דאָס מאָל איז רעזשינען מיט ניסאַנען אָנגעקומען שווערער די שיידונג ווי שטענדיק, בעת ער האָט זיך צוריקגעקערט אויף דער שיף, נאָר אין אָנבליק פון רעזשינען, וואָס איז געשטאַנען געאָרעמט מיט זיין מוטער אויף דער ראַמפּע, ביים ברעג וואַסער און אים באַגלייט מיט זייערע אויגן, ווען ער האָט באַשטיגן די טרעפּ פון דער שיף, איז דאָס מאָל ניסאַן געווען רויִק, ער האָט געוווּסט, אַז רעזשין בלייבט אין זיכערע הענט, די אמא וועט פאַר איר זאָרגן, אַז עס זאָל איר גאָרנישט פעלן, זי האָט דעם נויטיקן אָנלען אין אירע שווערע חדשים. ער איז אויך געווען צופרידן, וואָס דער אייז האָט זיך געבראָכן צווישןביידן, זיין רעזשין בלייבט מער נישט איינזאַם אַליין ווי פריער. ווען מען האָט אַרויפגעצויגן דעם ענגטרעפּ, האָט זיך ניסאַנען געדוכט, אַז די סירענע שאַלט נישט איר אָפּשייד־ניגון אַזוי אומעטיק ווי שטענדיק. די מעוועס האָבן געקרייזט אַרום דער שיף ווי יעדעס מאָל ביים אַרויסשווימען אין אָפענעם ים. זיי האָבן מיט די פליגלען געפאָכעט „שלום" ביז די באַגלייטער פון דער יבשה זענען פאַרשוווּנדן פון זיינע אויגן און זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן ברעג, מיט די קאָנטורן פון כרמל, וואָס האָבן זיך וואָס ווייטער אַלץ מער צונויפגעשמאָלצן מיטן האָ־ריזאָנט אין איין פאַרנעפּלטן מאַסיוו.

די לעצטע וואָכן פאַרן געבורט האָט מינע אָפּט באַזוכט רעזשינען, שטענדיק מיטגעבראַכט פּרוכט מיט זיסוואַרג, אַפילו איר דודה, די גבֿרת שושנה, האָט איר אויך באַוויליקט אַ באַזוך מיט אַ שטרויס בלומען פון איר גאָרטן און איבערגעגעבן גרוסן פון אדון בנימיני, וואָס האָט באַצייטנס אויסגעדריקט זיין ווילן צו זיין דער סנדק, אויב זי וועט, אם־ירצה־השם, באַגליקט ווערן מיט אַ בן־זכר. די גבֿרת שושנה האָט רעזשינען דערקלערט וואָס עס מיינט אַ סנדק. רעזשין האָט זיך געררויטלט, געשמייכלט און מסכים געווען. די אמא פרידאַ האָט זי געהאַלטן אויפן אויג, זיי האָבן זיך געטראָפן טאָג־טעגלעך, אָדער ביי רעזשינען אָדער ביי איר אין דער היים, וואָס זי פלעגט קיין מאָל נישט פאַרלאָזן מיט ליידיקע הענט, שטענדיק מיט אַ פּעקעלע, מיט אַ מוטערלעכער אַרומאַרמונג, מיט אַ באַרג עצות, „דאָס יאָ און דאָס נישט טאָן", בעיקר זיך נישט צו פיל איבערמידן מיט דער שטובאַרבעט, מיט דערווירטשאַפט, וואָס ווייניקער פּוצן די „שמאָנצעס", זי מעג שפּאַצירן אויף דער פרישער לופט, וואָס איז גוט פאַרן געזונט, אָבער נישט איבער דער מאָס. זי מוז זיין אויסגערוט, גרייט צום „גרויסן טאָג, וואָס דערוואַרט איר". רעזשין האָט איר אַלץ צוגעזאָגט, פילנדיק ווי דאָס קינד באַוועגט זיך שוין אין איר טראַכט.

פאַפאַ רענאַרד מיט דער מאַמאַ סוז האָבן זיך אויך איבערגענומען מיט די לעצטע בריוו פון רעזשינען. זיי זענען געווען גליקלעך מיט דער ידיעה, אַז עס דערוואַרט זיי אַן אייניקל. זיי האָבן אויך נישט געקאַרגט קיין עצות, נאָר די מאַמאַ סוז האָט געוויינטאָגט, וואָס זי וועט נישט קענען בייזיין איר אַנטבינדונג. „פאַרגעס נישט, ליב קינד, אַז דער פאַפאַ איז נישט קיין בורזשואַ, ער איז אַ פּשוטער באַאַמטער. ווייסט דאָך, אַז זיין פאַרדינסט איז קוים אויף אונדזער באַשיידענעם אויסקום, דער יקרות איז גרויס. דער פראַנק ווערט ביליקער און אַלץ ווערט טייערער, אָבער, רעזשין,

ווי מיר וויסן,קריגט, ביי אייך יעדער שיפסאַרבעטער אַלע צוויי יאָר אַן אומזיסטע רייזע איבערן ים, אויף אַ שפּאַציר קיין אויסלאַנד. מיר וועלן נישט דאַרפן לאַנג וואַרטן ביז מיר וועלן האָבן דאָס גליק אייך מיטן אייניקל אויפנעמען אין אונדזער היים אין פּאַריז, אַליאַ! — מיר ווינטשן דיר, רעזשין, אַ לייכטן ניינאַס (געבורט) באָקו לאַ זשאָיע (אַ סך פרייד)".

וואָכן האָבן געביטן חדשים, רעזשין האָט זיך געפילט נישט שלעכט, די פלעקן פון פּנים זענען פאַרשוווּנדן, פון די רעדער אונטער די אויגן איז געבליבן נאָר אַ מאַטע ברוינלעכקייט, וואָס האָט איר צוגעגעבן מער חן און אָנגעזאָגט די נאָענטע מוטער־שאַפט. אירע אויגן האָבן באַקומען אַ צערטלעך־מילדן אויסדרוק, די פולקייט פונעם קערפּער האָט באַשוווערט איר גאַנג. די שכנטעס האָבן זי געגלעט מיט זייערע בליקן, זיי האָבן אויסגעדריקט זייער פריינדשאַפט מיט אָפטע באַזוכן, מיט פאַרשפּאָרן איר גיין איינ־קויפן דאָס נויטיקסטע, וואָס זיי האָבן וויליק געטאָן, כאָטש בדרך כלל, האָט עס איצט געטאָן די אמא פרידאַ. צווישן זיך האָבן די שכנטעס באַדויערט, וואָס איצט, אין די לעצטע קריטישע וואָכן, איז זי אַליין אָן ניסאַנען.

איינעם אַ פאַר נאַכט האָט רעזשין געבעטן אַ שכנטע אַרויס־רופן די אמא פרידאַ, וואָרום עס דוכט זיך איר, אַז עס הויבן זיך אָן די ווייען. די אמא פרידאַ איז גלייך געקומען, אַרויסגערופן אַ דאָקטאָר, וואָס האָט איר אונטערזוכט, געמונטערט און געהייסן די אמא פרידאַ זי אָוועקפירן אינעם געווינערינס־שפּיטאָל, ווו ס'איז באַצייטנס געווען באַשטעלט פאַר איר אַ בעט.

אינעם שפּיטאָל האָט זיך פאַרוויקלט אַ גאַנצע מערכה צווישן דער אמא פרידאַ מיטן דאָקטאָר און שוועסטער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט רעזשינען. זיי האָבן געבעטן זי לאָזן אַליין, — „איצט געהערט די גברת רעזשין צו אונדז, זאָל זיך די גברת פרידאַ צוריקקערן אַ היים, זי דאַרף נישט שטערן, זאָל זי איבערלאָזן איר טעלעפאָן־נומער, מען וועט איר אַלע פּאָר שעה צו וויסן געבן ווי

עס האַלט. זיכער וועט מען זי אַרויסרופֿן באַלד נאָכן געבורט, וואָס זעט אויס צו זיין מאָרגן פֿרי. זיי האָבן איר פֿאַרזיכערט, אַז אַלץ גייט כשורה, זי קען בלייבן רויִק. די אמא פֿרידאַ האָט זיך לאַנג געאַמפּערט, זי האָט געמוזט פֿאַרלאָזן די פּאַלאַטע, אָבער נישט דאָס שפּיטאָל. אין מיטן נאַכט האָט זי געזען ווי מען פֿירט רעזשינען אין געבורטזאַל באַגלייט פֿון אַ דאָקטאָר מיט אַ שוועסטער. רעזשין האָט געוואָלט צו איר שמייכלען און נישט געקענט, זי איז געלעגן אויפֿן טראָגוועגעלע מיט פֿאַרקלעמטע ליפּן, מיט טראָפּנס שווייס אויפֿן שטערן. זי האָט זיך באַמיט מיט איר גאַנצן ווילן איבער־ווינדן די ווייטאָגן, נישט שרייען. ס׳האָט זיך איר געדוכט אַז איר גאַנץ אונטערלייב איז איינגעקלעמט אין צוואַנגען...

פֿאַר טאָג האָט די אמא פֿרידאַ דערהערט אירע געשרייען. אַ שוועסטער האָט געבראַכט דער אמא פֿרידאַ אַ דעקע זיך איבער־צודעקן מיט אַ גלאָז הייסע, שטאַרקע קאַווע צו באַרויִקן די נערוון. פֿרידאַ האָט עס נישט געבראַכט צו אירע ליפּן, זי האָט געבראָכן די פֿינגער און איז אין גאַנצן געווען צוגעשפּיצט צו דעם מינדעסטן שאָרך פֿונעם געבורטסזאַל. זי איז געווען צעשראָקן און זיך באַמיט אַריבערפֿירן אירע מחשבות צו ניסאַנען, וואָס געפֿינט זיך ערגעץ אויפֿן ים. לויט ווי זי שטעלט זיך פֿאָר, ווייס ער גאָרנישט, וואָס דאָ פֿאַרלויפֿט, אַזוי האָט זי געמיינט. ס׳איז איר נישט איינגעפֿאַלן, אַז ניסאַן איז אויך אומרויִק און לעבט אין שפּאַנונג שוין מער ווי אַ וואָך צייט. ער האָט באַצייטנס געזאָרגט, אַז זיינער אַ פֿאַך־קאָלעגע אויף דער יבשה, זאָל אים דורך דער ראַדיאָ־פֿאַרבינדונג צו וויסן געבן, וואָס רעזשין מאַכט און מיטטיילן וועגן איר צו־שטאַנד אין די לעצטע טעג. ער דערוואַרט אַ קינד, זיין אמא וועט אים טעלעפֿאָנירן, נאָר די אמא פֿרידאַ האָט זיך וועגן דעם דער־מאָנט ערשט אַ טאָג נאָכן געבורט ווען רעזשין איז געלעגן אַ צע־שטראַלטע אין איר ווייס בעט, נאָך דעם ווי זי האָט שוין אַ פּאָר מאָל געהאַט אָנגעזויגן איר זון, אַ קליין רויט באַשעפֿעניש מיט שוואַרצע האָר, וואָס האָט פֿאַרבראַכט זיין צווייטן טאָג אויף אונדזער

פלאַנעטע. מיט געוויין האָט ער באַוועגט דאָס קעפּל און מיט די ליפּעלעך אינסטינקטיוו געזוכט זיין מוטערס ברוסט. רעזשין האָט געפילט אַ מידקייט מיט אַ פאַרלייכטערונג. דאָס געבורט האָט זיך צו פיל פאַרצויגן אָבער איז פאַרלאָפן נאָרמאַל. די אמא פרידאַ איז געווען אין זיבעטן הימל, זי האָט געפיבערט פון פרייד. די שוועסטער, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, האָט דורך אַ שויב פונעם קינדער־צימער איר געוויזן דאָס קינד, וואָס האָט אין אירע אויגן אויס־געזען ווי דאָס שענסטע פון אַלע קינדער אין דער וועלט...

אַזוי ווי דאָס פּרויען־שפּיטאָל איז געווען אַ פּריוואַטער, האָט מען זיך נישט צו פיל פאַרנומען מיט רעזשינס אידענטיפיקאַציע־ביכל, זיך נישט געגריבלט אין דער פאַרצייכענונג פון איר אָפּשטאַם. מען האָט פאַרשריבן דעם נומער, איר אַדרעס, דעם נאָמען פון איר מאַן, זיין פאַך און אַרבעטספּלאַץ, די נעמען פון אירע עלטערן וחסל. דער ים־אָפּיצערן־מעמד פון ניסאַנען האָט זיי געשמייכלט, נאָר עפּעס האָט זיך דאָ שיר נישט פאַרפּלאָנטערט: אַ טאָג פאַרן ברית, בעת דער מוהל, אַ דאָקטאָר פונעם זעלבן שפּיטאָל, האָט זי באַזוכט מיט אַ פאָרמולאַר אין האַנט צו פאַרצייכענען פּרטים פאַרן מעטריקו־ליאַציע־אַמט. דער דאָקטאָר האָט געהאַט סמיכות מל צו זיין קינדער, וואָס ער האָט געטאָן פון מצווה־וועגן אָן געצאָלט, כאָטש ער האָט געהערט צו די רעפאָרמיסטישע יידן. ער איז געווען איינער פון די ערשטע „עולי גרמניה" באַלד נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין 1933. אין יענע אויפגעטרייסלטע יאָרן פון נאַצישער אימה, האָבן די רבנים אין ארץ־ישראל נאָך נישט צופיל מקפיד געווען מיטן פערזענלעכן שטאַנד פון די אַנטרונענע יידן פון דייטשלאַנד, און דער מוהל, אַ גוט באַקאַנטער גינעקאָלאָג, האָט אָן איבריקע שוועריקייטן באַקומען אַ היתר מל צו זיין קינדער, ווי ער האָט עס געטאָן אין בערלין. דער אונטערגעשטראָכענער שטאַמפּ „יודע" אויף זיין דייטשישן פּאַספּאָרט איז געווען גענוג, אַ פשיטא, ווען צווישן זיין ברייטער קליענטור האָבן זיך געפונען רעליגיעזע פרויען, אַפילו רבנישע ווייבער און טעכטער.

דער דאָקטאָר האָט געוווּסט, אַז רעזשין האָט עולה געווען פון פּאַריז, ווו זי איז געבוירן געוואָרן און געלעבט ביז איר קומען קיין ישראל. ער האָט איר געוואָלט צוליב טאָן און גערעדט מיט איר פראַנצויזיש. ער האָט איר געזאָגט, אַז איר זון איז אַ געזונטער חברהמאַן, אם־ירצה־השם מאָרגן ווערט ער געיידישט און היות ווי ער ווייסט, אַז זיין פאָטער איז אַ ים־אָפיצער, וואָס וויגט זיך איצט אויף אַ שיף, וועט ער איר זון מל זיין אָן איבעריקע צערעמאָניעס און איר געבן די נויטיקע באַשטעטיקונג. נאָר ביים פרעגן די נעמען פון אירע עלטערן האָט ער תמימותדיק געפרעגט, ווי איז דער יידישער נאָמען פון איר פאָטער, וואָרום דער אָנגעגעבענער נאָמען „רענאַרד" קלינגט נישט יידיש. רעזשין איז געבליבן אין פאַרלעגנ־הייט און געענטפערט: — „איך ווייס נישט". זי האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז איר תשובה קען עפּעס האָבן צו טאָן מיט איר אָפּ־שטאַם, נאָר זי האָט זיך צונויפגענומען און אָנגעקוקט דעם דאָקטאָר מיט מילדער דאַנקבאַרקייט, ווען ער האָט איר געזאָגט, אַז אין ישראל קען יעדער בירגער זיך אָנרופן ווי ער וויל, אָבער אין דאָקומענטן איז געוווּנטשן, אַז יידן זאָלן אָנגעבן זייערע יידישע נעמען, וואָס מען האָט זיי געגעבן ביים ברית. אויב זי ווייסט נישט איר פאָטערס נאָמען איז ניחא.

דער דאָקטאָר האָט געפרעגט ווי אַ נאָמען צו געבן איר זון? דאָ האָט זיך רעזשין דערמאָנט, אַז בעת זי האָט געזאָגט ניסאַנען, אַז זי איז נישט קעגן מל זיין איר קינד, אויב זי וועט געבוירן אַ יינגל, וועלן זיי אים אַ נאָמען געבן „עלי־אליהו", דעם נאָמען נאָך זיין געפאַלענעם ברודער. אַזוינס וועט אויך זיין צום האַרצן די אמא פרידאַ, וואָס האָט איר נעכטן געפרעגט דאָס זעלבע. בעת זי האָט געענטפערט „אליהו", האָט עפּעס אין איר אַ ציטער געטאָן, זי איז געוואָרן צעחושט ביז טרערן. דער דאָקטאָר האָט דעם נאָמען אַריינגעטראָגן אינעם פאָרמוליאַר, פאַרענדיקט זיין באַזוך און זיך געזעגנט אין העברעיִשן לשון:

— שלום, גבירתי, בשעה טובה ובמזל טוב.

די אמא פרידאַ האָט לכתחילה געוואָלט פּראַווען אַ ברית ווי ס׳דאַרף צו זיין, פאַרבעטן שכנים און באַקאַנטע, נאָר זי האָט זיך באַזינט, אַז דער דאָקטאָר מוז זיין אַ קלוגער מענטש, משמעות ווייסט ער עפּעס וועגן רעזשינס אָפּשטאַם, דעריבער האָבן אַ זין זיינע רייד וועגן אַ „שטילן ברית״. נאָך אַלעמען איז ניסאַן אויפן ים, ער וועט נישט זיין אויפן ברית. זי האָט זיך באַרויִקט און משלים געווען. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז מיט דעם וועט איר אייניקל זיין אַ יידיש קינד ווי אַלע יידישע קינדער, און וועט צום סוף באַוועגן רעזשינען זיך מגייר זיין, שוין צוליבן זונעלע אַליין.

ביים ברית איז דער גאַסט פון דרויסן געווען דער קבלן בנימיני, מינע איז אויך געקומען, נאָר זי האָט פאַרבראַכט צוזאַמען מיט דער אמא פרידאַ אין רעזשינס צימער. רעזשין איז געווען אומרויִק, אומ־געדולדיק, זי איז געזעסן אין אַ ליגשטול, קוים געהערט, וואָס אירע געסט רעדן, אין אירע מחשבות איז זי געווען פאַרנומען מיט ניסאַנען, מיטן קינד און מיט אירע עלטערן, ווי וועט זי זיי קענען שרייבן וועגן דאָס, וואָס ס׳קומט איצט פאָר אין דאָקטאָרס אויפנעם־קאַבינעט? ווי וועט זי געפינען די נויטיקע ווערטער? איר אומגעדולד איז געוואַקסן ביז אדון בנימיני איז אַ צעפּלאַמטער אַריינגעלאָפן, און פאַרגעסן אויסטאָן דעם טלית. ער איז געווען סנדק, ווי רעזשין האָט אים צוגעזאָגט, די פעלנדיקע אַכט יידן צום מנין זענען געווען באַאַמטע פון שפּיטאָל מיט אַ פּאָר אומבאַקאַנטע, צופעליקע באַזוכער, וואָס זענען בייגעווען די שמחה פון מצוה־וועגן. אדון בנימיני האָט געקושט רעזשינען די הענט, אָפּגעגעבן אַלעמען „מזל טוב״, נישט פאַרגעסן אַרונטערלייגן אונטער איר קישן אַ טשעק, די ערשטע מתנה פאַרן קינד. נאָר זים איז געקומען דער דאָקטאָר אין זיין ווייסן קיטל מיט אַ ווייסער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, אַ שוועסטער האָט געבראַכט אַ טאַץ גלעזלעך מיט אַ פלאַש ווײַן. דער דאָקטאָר האָט באַגריסט רעזשינען, געדריקט אירע בלאַסע הענט מיט וואַרעמקייט. בנימיני האָט אויפן קול געמאַכט אַ ברכה אויף אַ גלעזל ווײַן, נישט אויפגעהערט איבערחזרן אַז, „ער האָט נאָך אין זיין לעבן נישט

געזען אַזאַ תכשיט, אַזאַ חברהמאַן, וואָס איז נאָך אַ קורץ ווײַנעלע אײַנגעשלאָפן ווי אַ קעצעלע, ווי נישט אים האָט דער מוהל געמיינט״. נאָך אַ קורצן „לחיים״ האָט דער דאָקטאָר געזאָגט דער אמא פרידאַ, אַז מאָרגן, מירצעשעם, קען זי אָפּנעמען די שנור מיטן קינד אַ היים, ער וועט זיי באַזוכן די ערשטע טעג, אַ שוועסטער וועט קומען איבערבינדן דעם בחור, מעסיע אליהו, זאָל זײַן געזונט און שטאַרק.

דעם זעלבן אָוונט האָט ניסאַן באַקומען אַ ראַדיאָגראַמע פון זײַן קאָלעגע, וואָס האָט אים צווויסן געגעבן וועגן ברית פון זײַן בכור אליהו. דאָס נעמלעכע האָט ער איבערגעגעבן אין שיפּרירטן קאָד דעם שיפס־קאַפּיטאַן, וואָס איז באַלד געקומען אים באַגריסן און לכבוד דער שמחה פאַרבעטן אויף פרייטיק צו נאַכט ביי זײַן טיש. דער קאַפּיטאַן האָט אים געדריקט די האַנט און געזאָגט, אַז זײַן מתנה איז אַ וואָך וואַקאַציע נאָכן אָנקומען אין היימפּאָרט. ניסאַן האָט זיך געררויטלט ווי אַ קליין ייִנגל, געדאַנקט דעם קאַפּיטאַן און יענעם אָוונט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך, מיט זײַן אײַנזאַמער פרייד.

יענע טעג האָט ניסאַן געאַרבעט נאַכטשיכט, פאַר דער אַרבעט פלעגט ער אַרײַנכאַפּן אַ פּאָר שעה שלאָף. דאָס מאָל האָט ער נישט געקענט בלייבן אַליין אין קאַבינע, און ווי שטענדיק רויכערן אַ ציגאַרעט און אַרײַנקוקן אין אַ בוך ביז די אויגן נעמען זיך קלעפּן. איז ער אַרויס אויפן דעק זיך דורכגיין און אָפּפרישן מיט דער ווינ־טיקער ים־לופט. אויפן דעק האָט ער זיך דערמאָנט זײַן ערשטע טרעפונג מיט רעזשינען, אָט דאָ אויפן זעלבן דעק, ער האָט זיך אָנגעלענט אָנעם פּיכטן פאַרענטש און צוגעשמידט די אויגן צום ווייסן שוים, וואָס די שיף האָט געשניטן מיט מאָנאָטאָנעם רויש אינם קליינעם, באַלויכטענעם קרייז פון וואַסער אַרום זיך. ווען אַ דאָלפין פלעגט אַרויסשפּרינגען פון וואַסער, זיך אַ קוילער טאָן אין דער לופט, אַ פאָכע טאָן מיטן עק און צוריק פאַרשווינדן, האָט זיך ניסאַנען געדוכט אַז דער דאָלפין פאָכעט אים: „מזל טוב, ניסאַן, ביזט שוין אַ פאָטער״!

„יאָ, איך בין שוין אַ פאָטער״ — במחשבה איז ער אָוועקגע־

שווומען פון יענער זייט ווייטן האָריזאָנט, געזעסן אַרומגענומען מיט רעזשינען ביים בעטל פון קינד. וויפל ער האָט זיך נישט געמיט מיטן דמיון צו זען זיין פּנימל איז אים נישט געלונגען, ער האָט נאָר געזען קליינע, ראָזע הענטלעך אויפן ווייסן איבערדעק, נישט געפּילט ווי ער שמייכלט און צעגייט זיך פון נחת. — — —

דער גלאָק אויפן נאַוויגאַציע־בריקל האָט גערופן די נאַכטשיכט זיך גרייטן צו דינסט. ניסאַן איז געווען הימל ווייט פון דער שיף, אָבער ער האָט זיך גיך אויסגעניכטערט, דער חלום איז פאַרשוווּנדן, ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אַרומגעקוקט, ווו ער געפינט זיך און איז אַוועק זיך גרייטן צו דער נאַכטאַרבעט. פון אויבן האָט זיך געשפּרייט דער הימל ווי אַ שוואַרצער, אָנסופיקער סאַמעט מיט פינקלדיקע ברילִיאַנטן. ס׳איז געווען סוף חודש אָן אַ פּיצל לבנה. די לבנה האָט איצט פאַרשפּרייט איר ליכט איבער אַ צווייטן טייל פונעם ערדקיילעך, דאָ אויפן ים איז געווען פינצטערע נאַכט.

חוץ די מענטשן פון דער נאַכטשיכט איז אַלץ געשלאָפן אויף דער שיף. די דיזעל־מאָטאָרן אין איר אינגעווייד האָבן ריטמיש, טעמפּ געררוישט. ניסאַן איז געזעסן איבערגעבויגן איבער זיינע אַפּאַראַטן און אויפגענומען מאָרז־ידיעות, פּאַסיקלעך לענגערע און קירצערע, פּינטעלעך און ווידער פּאַסיקלעך אויפגעקלאַפּטע אויף אַ שמאָלער טאַשמע, וואָס האָט געשטראָמט אָן אויפהער. דאָס זענען געווען רוטינאַרע פאַרבינדונגס־ידיעות פון נאָענטערע און ווייטע שיפן אויפן נאַכטיקן ים. מחמת לאַנג יאָריקער רוטין און אחריות איז ניסאַן געזעסן צוגעשמידט, קאָנצענטרירט מיט די אויגן און אויערן צו דער שטראָמיקער טאַשמע, גלייכצייטיק געווען וואַך צום רויש פון ראַדיאָ, וואָס האָט זיך געהערט אין די אויערן־טרייבלעך אויפן קאָפּ. פון זיין זייט האָט ניסאַן נישט געהאַט וואָס מיטצוטיילן אָדער ענט־פערן, ווייל אויף דער שיף איז אַלץ געגאַנגען נאָרמאַל, אָן שום פּאַסירונגען. די שיף איז געשווומען צו איר היימפּאָרט אין ישראל.

ווען די שיף איז עטלעכע טעג שפּעטער אָנגעקומען אין חיפה, האָט ניסאַן געטראָפן אויף דער ראַמפּע די אמא פרידאַ אַליין, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז רעזשין האָט געמוזט בלייבן מיטן קינד, ער איז געווען אומגעדולדיק און זיך געריסן וואָס גיכער קומען אַ היים. די אמא פרידאַ האָט אים פאַרשאָטן מיט אירע רייד, דערציילט וועגן געבורט, וועגן אַלע ניסים ונפלאות פון זיין זון און ווי רעזשין פּאַסט זיך גוט צו צו איר מוטערשאַפט. ניסאַן איז אין גאַנצן געווען פאַרנומען מיט זיך, ער האָט קוים געהערט, וואָס די מוטער רעדט צו אים, ער האָט נאָר געפילט אַן ענדערונג אין איר טאָן, וואָס איז דאָס מאָל געווען וואַרעמער, ליבלעכער ווי פריער. באַזונדערס האָבן געלויכטן אירע אויגן מיט מילדקייט, ווען זי האָט אים דערציילט מיט שטאָלץ, אַז זיין זון, „מיין אייניקל", הייסט עלי־אליהו, אַ נאָמען נאָך זיין ברודער, וואָס פילט איצט אויס איר היים. די קנאַפּע האַלבע שעה רייזע פון פּאָרט ביז זיין דירה האָט זיך פאַר אים געצויגן ווי אַן אייביקייט, ביז ער האָט געטראָפן רעזשינען וואַרטן אַ צעשטראַלטע, אין דרויסן, ביי דער טיר.

די אמא פרידאַ האָט פאַרשטאַנען זיי צו לאָזן אַליין און איז צוריקגעפאָרן מיט דער זעלבער טאַקסי, וואָס האָט זיי געבראַכט אויפן כרמל.

דער קאַפּיטאַן האָט געהאַלטן וואָרט און באַפרייט ניסאַנען פון דינסט אויף אַ רונדער וואָך, במילא האָט די שיף געמוזט בלייבן אין פּאָרט דורכצומאַכן רעפּאַראַציעס, אָפּפרישן איר דרויסנדיקע פאַרב, און „אָפּגאָלן" דעם אָנוווקס פון איר אונטערשטן טייל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן במשך פון לאַנגע חדשים שווימען אין ים. די שיף האָט זיך באַפרייט פון איר לאַדונג און אַוועקגעשווומען צום דאָק, אינעם נאָענטן קישון־פּאָרט.

פאַרן קאַפּיטאַן איז די וואָך אויך געווען יום־טוב, ער האָט פאַרבראַכט די צייט אין זיין היים מיט דער משפחה און מיט פריינד, כאָטש ער האָט אַ פּאָר מאָל זיך געמוזט לאָזן צום דאָק זען ווי די אַרבעט גייט, ווי זיין שיף בייט איר אויסערלעכן אויסזען. דער

קאַפּיטאַן האָט נישט פאַרגעסן אָפּשטאַטן אַ באַזוך ביי ניסאַנען, זיין קאָמוניקאַציע־אָפיציר, פייערן די געבורט פון זיין בכור, ער האָט מיטגעבראַכט אַ פלאַש שאַמפּאַניער מיט מתנות פאַר רעזשינען און פאַרן קינד, וואָרום אין יונגן יידישן, קאָמערציעלן פלאָט זענען די באַציונגען צווישן די ראַנגען נאָענטע, פריינדלעכע, וואָס שטערן נישט די האַרבע דיסציפלין, נאָר אומגעקערט; — דער צילבאַוווסט־זיין מיט דער אחריות האָבן צוזאַמענגעהאַלטן די מאַנשאַפט פון שיף ווי אַ משפחה. אמת, יוצא דופן זענען געווען די פרעמדע מאַטראָסן און פאַכלייט, וואָס ווערן באַשעפטיקט אויף יעדער קאָמערציעלער, יידישער שיף, ווייל אינעם קורצן קיום פון דער מדינה זענען נאָך נישט געווען גענוג יידישע פאַכלייט פאַר ים־דינסט. די פרעמדע האָבן זייער אַרבעט געטאָן ווי געהעריק, אָבער נאָר פאַרן גוטן געהאַלט, בעת פאַר די יידישע ים־לייט איז די מלאכה געווען אַ נאַציאָנאַלע אויפגאַבע. די יידישע בחורים האָבן פאַרשטאַנען צו לערנען נישט ווייניק פון זייערע פרעמדע מיטאַרבעטער, מוחל צו זיין מיט פאַרשטענדעניש זייערע העכערע לוינען, אָפט מאָל צו דאַרפן לאָזן אין די נאָענטע קאַפעהייזער צוריקברענגען אויפן שיף דעם אָדער יענעם פרעמדן ים־מענטש, וואָס פלעגט פאַרלירן דעם חשבון פון דער צייט נאָך אַ גוטן טרונק בראַנפן. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט דער קאַפּיטאַן טענהען, אַז אַזוינס דאַרף מען פאַרקוקן, ווייל זיי זענען מענטשן ווי אַלע, נאָר עס פעלט זיי די היים אויף דער יבשה. מיט זייער גאַנצער האַרטקייט פאַרגיסן זיי זייער פערזענלעכע בענקשאַפט מיט אַן איבעריק גלאָז משקה, זיי וועלן זיך גיך אויסניכטערן און אויספירן זייערע פליכטן ווי פאַרן באַטרעטן די יבשה.

ניסאַן, רעזשין מיט דער אמא פרידאַ האָבן זיך נישט אַרומ־געזען ווי גיך די וואָך איז פאַרביי, — „אויס יום־טוב, ווידער וואָך". דעם לעצטן אָוונט האָבן זיי פאַרבראַכט צוזאַמען פאַראומערטע, אָן איבעריקע רייד, זיי האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פאַרגנבעטע, פאַר־בענקטע בליקן, אָפּגעוואַרט דעם מאָרגנדיקן צוריקקער פון ניסאַנען אויפן שיף. די אמא פרידאַ האָט זיך באַצייטנס צוריקגעקערט צו זיך

אין דער היים, זי האָט צוגעזאָגט קומען מאָרגן גאַנץ פרי בלייבן מיטן קינד, דאָס מאָל וועט רעזשין אַליין באַגלייטן ניסאַנען צו דער שיף.

יענעם פרימאָרגן איז דער פּאָרט געווען טומלדיק, חול־המועדיק ווי שטענדיק, פול מיט רייזנדער און באַגלייטער. די שיף איז געשטאַנען צוגעבונדן צו דער ראַמפּע אַן אויסגעפּוצטע, ניי געפאַרבן, מיט גירלאַנדן, פענדלעך לענג אויס פון איין עק ביז צום צווייטן. איינער פון די טרעגער, אַ לץ, האָט זי פאַרגליכן צו „אַן עלטערע בתולה, נאָר וואָס אַרויס פון אַ שיינהייט־סאַלאָן". די סירענע האָט געדאַמפט און געשוויגן. די שיפס־מענטשן האָבן זיך געפילט ווי צוריקגעקומענע געסט ביים שוועל פון דער היים, אַנדערע האָבן זיך נישט געשעמט דערציילן, אַז די לעצטע טעג פון זייער וואַקאַציע האָבן זיי געבענקט נאָך דער שיף, נאָך דעם ים. די ערשטע טעג איז די שמחה געווען גרויס אין זייערע היימען. ביי די בעלי־משפחות האָבן זיך די קינדער געקלעפּט צו די פאָטערס, מותר געווען אויף די שפּילצייג, וואָס זיי האָבן באַקומען, זיי פלעגן זיך אַלע ווילע אַרויסכאַפּן אין דרויסן מיט די מאַטראָסן־היטלען פון די פאָטערס אויף די קעפּ, זיך צו ווייזן פאַר די קינדער, אַרויסצורופן ביי זיי קנאה. זיי פלעגן מיטגיין מיט די עלטערן באַזוכן קרובים מיט פריינד, שפּאַצירן, מאַכן איינקויפן, אין די פרייע שעהען האָבן זיי געמאָנט פון די פאָטערס נאָך און נאָך דערציילן פון די ווייטע לענדער, וואָס זיי באַזוכן און פון זייער לעבן אויף דער שיף.

די ערשטע טעג זענען די פרויען פון די ים־לייט געווען באַרוישט פון שמחה, בעת די לעצטע טעג פלעגן זיך אָנהויבן די שטענדיקע טענות, אַז די איינזאַמקייט דריקט אויף זיי, די קינדער דאַרפן אַ טאַטן, זיי פאָלגן נישט די מוטערס, אפשר דאַרף מען אַ טראַכט טאָן וועגן בייטן די אַרבעט אויף דער יבשה און לעבן ווי אַלע אַנדערע?

— איר האָט שוין אייערס געטאָן, געדינט אויף דער שיף גענוג צייט, זאָלן אייך אַנדערע פאַרבייטן, פאַר וואָס זאָלן מיר נישט געניסן פון אינטימען משפּחה־לעבן, ווי די יונגע פרויען פון אונדזערע

שכנים? פאַר וואָס זאָלן מיר נישט קענען שלאָפן די לאַנגע נעכט אָן ציטער, אָן זאָרג און נישט דאַרפן טראַכטן ווי איר ראַנגלט זיך מיט בייזע ווינטן אין שטורעמדיקן ים, פאַר וואָס?

די בחורים צווישן די ים־מענטשן האָבן ווייניק פאַרבראַכט אין זייערע היימען, זיי האָבן געמאַכט אויספלוגן איבערן לאַנד, באַזוכט טעאַטערס, סינעמאַס, פאַרבראַכט און געטאַנצט מיט מיידלעך אין נאַכטלאָקאַלן ביז די קעשענעס זענען געוואָרן ליידיק און ס'האָט זיי גענומען ציען צוריק צו זייער שיף, די אַלע פאַרוויילונגס־פּלעצער זענען געוואָרן ענג און דערעסן, ס'איז זיי מיאוס געוואָרן די געדיכטע לופט, די סופיטן מיט די נעאָן־ליכט, וואָס דריקט אויף די קעפּ, די דראַפּירטע ווענט מיט די אימיטירטע, מאָדערניסטישע מאָלערייען האָבן זיי מער נישט אינטערעסירט, זיי האָבן געבענקט נאָכן געוועלב פון הימל, נאָך דער אָנסופיקער רחבות פון ים, נאָך דער קילער, פרישער לופט. ס'איז זיי דערעסן די דזשאַז־ און די פויקן־מוזיק. זיי האָבן געבענקט נאָכן רויש פון ים, נאָך די „לצים", די דאָלפינען, נאָך די בשורה־ברענגער פון דער יבשה — די מעוועס.

יענע בחורים, וואָס האָבן געהאַט עלטערן, האָבן געהאַט געדולד צו בלייבן פאַרברענגען אין דער היימישער מחיצה די ערשטע 2 —3 טעג בסך הכל, ס'איז זיי ניחא געווען צו זען די פייכטע אויגן פון די מוטערס און מילדע, פאַרזאָרגטע פנימער פון די פאָטערס, זיי האָבן גיך פאַרלוירן דאָס געדולד איבערצוחזרן די תשובות אויף די פראַגן פון קרובים: — ווי עס לעבט זיך אויס אַ יידישער בחור, וואָס דינט אויף אַ שיף, ווי געדייעט ער די שווערע מלאכה, וואָס יידן האָבן לאַנגע דורות אַפילו נישט געחלומט פון איר? די בחורים האָבן שוין געטראָגן דעם ים אין זייער לייב און לעבן, עס האָבן זיי געפעלט די נויטיקע ווערטער, מיט די פאַסיקע אויסדרוקן צו דערקלערן זייערע בני־בית, אַז דער ים, וואָס איז מחוץ אַ קוואַל פון פרנסה, דינט אויך מדינת־ישראל ווי אַ שוץ־גאַרטל, ווי ס'דינט די יבשה, אַז דער ים איז אַ טייל פון דער צוקונפט פאַר די ווייטערדיקע יידישע דורות, אַזוי ווי די הימלען איבער אונדזערע קעפּ, וואָס יידישע אָדלער באַוואַכן

און באַשיצן. די יידישע שיפן, ווי די יידישע אַעראָפּלאַנען, ברענגען אַריבער דאָס יידיש לאַנד אין אַלע תפוצות אין ווייטע און נאָענטע מדינות צו באַווייזן, אַז עם־ישראל מיט מדינת־ישראל חיים וקיימים.

נישט ווייניק באַווייבטע ים־מענטשן, וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן „ים־וועלף״, האָבן זיך נישט געשעמט מודה זיין זיך אַליין, אַז זיי איז אויך ענג געוואָרן די היים, זיך אַרומצודרייען אַ רונדע וואָך אָן אַרבעט, עס איז זיי נישט ניחא געווען די שטענדיקע טענות פון זייערע פרויען זיי זאָלן אַ טראַכט טאָן וועגן פאַרלאָזן דעם ים. וואָס פאַר אַ לעבן קענען זיי שוין האָבן אָן דעם ים, אָן דער שיף? אמת, זיי האָבן ליב זייערע קינדער אהבת־נפש, אַזוי ווי די קינדער האָבן זיי ליב און שטאָלצירן מיט זיי, ווייל זיי זענען ים־לייט און נישט קיין פּקידים. נישט איין מאָל הערן זיי פון אַ טאָכטער אָדער פון אַ זון דאָס זעלבע, וואָס זיי הערן פון זייערע פרויען, „אַז זיי וואָלטן וועלן זען זייער אבא אויפשטיין פאַר טאָג, גיין צו דער אַרבעט און זיך צוריקקערן פאַר נאַכט אַ היים, ווי די פאָטערס פון זייערע שול־חברים״, זיי בענקען, ס׳איז שווער צו וואַרטן אויפן אבא אַ חודש און מער, כדי אים דערציילן, וואָס זיי טוען און כדי צו הערן פון אים זיינע וווּנדערלעכע מעשיות פון ווייטע ימים און לענדער, וווּ זייערע שיפן אַנקערן, נעמען אויף און לאָזן אַראָפּ פּאַסאַזשירן, לאָדן אָפּ און לאָדן אויף פראַכט. זיי גרויסן זיך מיט זייערע פאָטערס, וואָס זענען שטאַרק, פאַרהאַרטעוועט און זענען זיך מתגבר מיט שטורעמס און סכנות, זיי שטרעבן אויך צו ווערן ים־מענטשן, אָבער דערווייל זענען זיי יונג, זיי האָבן זייער לעבן, זייער סביבה, זייערע שולעס און שפּילפּלעצער, זאָלן זיי זיין געזונט, אויסוואַקסן גוטע יידן און גוטע מענטשן.

בעת רעזשין מיט ניסאַנען האָבן זיך דערנענטערט צו דער שיף זענען זיי געוואָרן הילכיק אויפגענומען פון דער חברותא ים־מענטשן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען און אָנגעקוואָלן פון דער ניי גע־פאַרבטער שיף, זיי זענען געווען אַרומגערינגלט פון זייערע בני־בית, יעדערער פון זיי מיט וואַליזקעס און „קיטבעגס״ פולע מיט היימישן

געבעק, מיט ריינער וועש, מיט פאַרצירעוועטע זאַקן. רעזשין מיט ניסאַנען האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט און שמייכלענדיק געשוויגן.

ווען אַלע זענען אַרויף אויף דער שיף און די סירענע האָט געברומט „שלום” צו דער יבשה, האָט זיך רעזשין דאָס מאָל צוריקגעקערט אַ היים מיט אַ לייכטערן געמיט און נישט מיט אַ ליידיקייט ווי פריער נאָכן אַרויסבאַגלייטן ניסאַנען, דאָס מאָל האָט איר אָפּגעוואָרט די היים מיטן זון, מיט דער פריינדלעכער אמא פרידאַ, וואָס איז נישט געווען אַנגערוגזט ווי שטענדיק, ווען ניסאַן פלעגט זיך לאָזן צו אַ נייער ים־נסיעה.

די לופט איז געווען האַרבסטיק קיל, כאָטש דער הימל איז געווען טיף בלוי, די זון האָט געלויכטן, אָבער נישט געברענט ווי זומער. לאַנגע שפּינוועבס־פעדים האָבן זיך געצויגן אין דער לופטן, שוואַלבן זענען געזעסן אויף די טעלעפאָן־ און עלעקטרישע דראָטן, זיי האָבן געצוויטשערט, געגישטערט מיט די שנעבעלעך אונטער די פליגלען, ווייזט אויס, אַז זיי האָבן שוין געפּילט דעם נאָענטן פאַלן פון יורה, דעם ערשטן רעגן.

די פעלדער פון ישראל זענען געווען פאַראַקערט, גרייט צום ווינטער־פאַרזיי. די צווייגן אויף די בוימער אין די פּרדסים האָבן זיך געבראָכן אונטער דער גאָלדענער, צייטיקער לאַסט, וואָס האָט געוואָרט אויף שניטער, צו קענען באַצייטנס שיקן די ערשטע ציטרוס־פּרוכט קיין אויסלאַנד, זיי זאָלן נישט פאַרשפּעטיקן די ניטל־און נייאָר־חגאות, זייערע בשמים האָבן באַשמעקט מיילן אַרום.

אין דער מילדער האַרבסטלופט האָבן זיך אַריינגעריסן מזרח־ווינטן, וואָס האָבן געבראַכט די ערשטע חמסינען, פאַרטונקלט די זון מיט זייער מעליקן שטויב, גרוי געמאַכט די בלויע הימלען און אָנגעגליט די לופט. ס'האָבן זיך באַוויזן גרויסע טשאַטעס בושלען פון ווייטע, ווינטערדיקע לענדער, וואָס קומען אָנהויב האַרבסט קיין ישראל. נאָכן אַרומרייזן די ברעג־שטחים פאַלן זיי טויט־מידע זיך

אָפּרוען נישט ווייט פון ים, אָנקלייבן כוח, דערנאָך פאַרנעמען זיי צוריק זייערע פאַרלאָזענע נעסטן פונעם פאַריקן פרילינג. אַנדערע טשאַטעס לאָזן זיך פליען ווייטער אין נאָענטע לענדער פון מילדן קלימאַט. די בושלען האָבן אָנגעזאָגט, אַז דער ווינטער איז נאָענט, אַז אָט, אָט וועלן אָנקווען וואָלקנס, וואָס וועלן אויסלאָדן דעם יורה צו זעטיקן די דורשטיקע ערד פון ישראל, איִרע אויסגעטריקנטע תבואה ־ פעלדער, בערג און טאָלן, זאַפּטיקער מאַכן די ערשטע פּרוכט און גרינצייג. דאָס יאָר האָבן זיך די ערשטע רעגנס פאַר־שפּעטיקט און אויסגעפאַלן ערב־חנוכה מיט שטורעמס, מיט בליצן און דונערן, אַ מאָל געמישט מיט האָגל.

אַ גאַנצע וואָך האָט געגאָסן אַ מבול, ערשט אין איינעם אַן אָוונט האָט אויפגעהערט רעגענען, אָבער די הימלען האָבן זיך נישט אויסגעלייטערט, אין דער לופט איז געבליבן אַ פייכטער נעפּל, די אָנגעצונדענע חנוכה־מנורות מיט דעם ערשטן ליכטל אויף וואַסער־טורעמס און אויף הויכע בנינים האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געהאָנגען אין דער לופט על בלימה.

אין דער היים פון קבלן בנימיני האָט זיך געטומלט, די גברת שושנה איז געווען פאַרטאָן אין איר רחבותדיקער קיך, ס׳האָבן זיך געטראָגן ריחות פון פרישן געבעקס און בראָטן צוגעגרייט אויף אַ פייערלעכער אויפנאַמע פון געסט ביים אָנצינדן דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל, ווי עס האָט זיך ביי זיי געפירט יעדעס יאָר. די פלימעניצע מינע איז געווען נישט צו דערקענען: זי איז געווען אין די „הויכע הדשים", פול, קיילעכדיק, וואָס איר שוואַנגער־קליידונג האָט נישט געקענט פאַרדעקן, איר פּנים איז געווען שטאַרק געשמינקט און פאַרפּודערט, די ליפּן פול, די אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ שיין פון נאָענטער מוטערשאַפט. מינע האָט אויך געוואָלט העלפן ביי דער צוגרייטונג צום חנוכה־אָוונט, נאָר די דודה שושנה האָט זי נישט אַריינגעלאָזן אין איר „קעניגרייך", — אין דער רחבותדיקער קיך. ווען ס׳וואָלט נישט גערעגנט, וואָלט זי זיך געלאָזט באַזוכן רעזשינען ממשיך זיין זייער אָנסופיקן שמועס אין די לעצטע

חדשים פון איר שוואַנגערשאַפט, געניסן פון רעזשינס נסיון, בעת זי איז געווען אין די זעלבע אומשטענדן און געפיבערט מיט אומרו און דערוואַרטונג אויפן גרויסן טאָג פון איר אַנטבינדונג. יענע טעג האָט איר גוט געדינט דער טעלעפאָן זיך צו טיילן מיט רעזשינען מיט אירע איבערלעבונגען ווי אויך צו פאַרטרייבן די צייט. מינעס מאַן האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון זיין שטודיום אין דער טעכנאָלאָגישער היכשול, ווו ער האָט אַ חודש פריער איינגעפּעדימט די לימודים פונעם לעצטן לערניאָר, צו באַקומען דעם ערשטן אַקאַדעמישן טיטל. איר פעטער, דער קבלן אדון בנימיני, איז אויך געווען פאַרנומען איבערן קאָפּ, די עליה אין ישראל האָט געשטראָמט, ס'האָבן געפעלט דירות און ער, בנימיני, וואָס האָט געבויט דריי גרויסע בנינים איז געווען הינטערשטעליק אין צייט מחמת דעם מאַנגל אין אַרבעטסהענט. לויט די קאָנטראַקטן האָט ער די פאַרטיקע דירות געדאַרפט צושטעלן נישט שפּעטער ווי סוף חודש טבת, אָבער ס'איז נאָך געווען ווייט פון געלעכטער. דער מצב האָט אים באַאומרויקט, ער האָט זיך מיט גאָרנישט געקענט העלפן, דערפאַר האָט ער אויסגעקוקט די טראַדיציאָנעלע חנוכה־פייערונג אין זיין היים, זיך אַ ביסל אויסצולאָדן פון די זאָרגן, וואָס האָבן אים געדריקט.

שוין אַ פּאָר וואָכן פאַר חנוכה האָט מינע פאַרבעטן רעזשינען מיט דער אמא פרידאַ אויפן חנוכה־אָוונט ביי די בנימיניס, ווו זי האָט זיך געפילט ווי אַן אייגענע. וואָס האָט מינע געוווסט פון חנוכה אין איר היים אין פּאַריז, מחוץ דער וואָך צייט, ווען איר פאָטער פלעגט יעדן אָוונט אָנצינדן חנוכה־ליכטלעך אינעם אַלטן חנוכה־לייכטער, מאַכן די ברכות און אָוועקשטעלן דעם לייכטער מיט די ליכטלעך אויפן פענצטער? יאָ, זי האָט געוווסט, אַז איר מאַמע בילע מאַכט יענעם אָוונט לאַטקעס מיט פּאַנטשיקעס צום אָוונטברויט נאָכן צינדן דאָס ערשטע ליכטל און פאַרבעט צו דער שמחה אירע שכנים, די בורזשעס, מען עסט און מען פאַרטרינקט מיט אַ גלעזל וויין, דאָס איז אַלץ. ערשט דאָ אין חיפה, אין דער פאַרמעגלעכער

היים פון די בנימיניס, האָט מען געפּראַוועט דעם ערשטן חנוכה־אָוונט ווי אַ גרויסן יום־טוב. מען צינדט אָן די ערשטע ליכט אין אַ זילבערנעם, אַכט רעריקן לייכטער ביי אַ געדעקטן טיש מיט געסט אַרום. דער פעטער בנימיני טוט אָן אַ יאַרמולקע, מאַכט די ברכות, און זינגט צוזאַמען מיטן עולם „מעוז צור“, וואָס קלינגט ווי אַ פייערלעכע תפילה. דער פעטער נעמט צונויף דאָס יונגוואַרג מיט די קינדער, דערציילט זיי וועגן די חשמונאים און מכבים, וועגן בלעכל שמן אין בית־המקדש, דערנאָך טיילט ער די קינדער זילבערנע מטבעות, און די עלטערע יוגנטלעכע — טשעקן חנוכה־געלט. אויב עס רעגנט נישט, זענען די גאַסן פון יענעם קוואַרטאַל פול מיט ליכט, אויפן וואַסער־טורעם לייכט אַ חנוכה־מנורה, און אַרום שטיפן און טאַנצן יונגוואַרג ווי אינעם „יום העצמאות“.

בעת מינע האָט פאַרבעטן רעזשינען מיט דער אמא פרידאַ, איז איר אַרויס פון זינען, אַז רעזשין קען נישט איבערלאָזן אַליין איר קינד און מען קען אים אויך נישט מיטנעמען מיט זיך, מחמת דער קעלט און מחמת דער פולער שטוב מיט טומלדיקע געסט. זי האָט זיך שפּעטער געכאַפּט, אַז די אמא פרידאַ קען בלייבן מיטן קינד, אָבער ס'איז שוין געווען נאָך דעם ווי זי האָט זי אויך פאַרבעטן אויף דער שמחה. וואָס טוט מען?

די לעצטע יאָרן, איידער דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, פלעגט די אמא פרידאַ חנוכה־צייט אַרויספאָרן אויף אַ צען טעג קיין עין־גדי זיך באָדן אין ים־המלח און אין די נאָענטע שוועבל־קוואַלן, וואַרעמע וואַסערן איינגעזאַמלטע אין ציסטערנעס. דאָס פלעגט איר אויף אַ פּאָר חדשים פאַרלייכטערן אירע רעוומאַטישע ווייטאָגן, פון וואָס זי האָט באַזונדערס שווער געליטן אין די קאַלטע ווינטער־חדשים. די קוראַציע אין יענע וואַרעמע, שוועבל־רייכע וואַסערן איז אַ שם־דבר אין ישראל. אינעם ווינטער־סעזאָן איז דאָרטן שווער צו באַקומען אַ פּלאַץ אין גאַסטהויז פון עין־גדי און מען מוז זיך אַ פּאָר הדשים פריער פאַרשרייבן אין דער ריי. דאָס יאָר האָט די אמא פרידאַ באַקומען איר פּלאַץ אָנגעהויבן ערב־חנוכה, אינעם טאָג, ווען

מינע האָט זי מיט רעזשינען פֿאַרבעטן אויפֿן חנוכה־אָוונט. די אמא פֿרידאַ איז געווען אין גרויס פֿאַרלעגנהייט, ראשית דאַרף זי יענעם טאָג פֿאָרן קיין עין־גדי, והשנית האָט זי געוואָלט בלייבן מיטן קינד, רעזשין זאָל קענען זיך פֿאַרווײַלן אַ פֿרײלעכן אָוונט בײַ די בנימינים, ווײַל זײַט דעם געבורט פֿון קינד האָט זי לאַנגע חדשים זיך נישט געקענט פֿאַרגינען אַרויסגיין פֿון דער היים אויף אַ גאַנצן אָוונט. אָפּלייגן דעם טערמין פֿון אַרויספֿאָר איז נישט געווען מעגלעך, זי וואָלט פֿאַרלאָרן די צײַט פֿון זיך באָדן, און צו באַקומען אַ נײַעם טערמין אין גאַסטהויז וואָלט איר אויסגעקומען וואַרטן מי יודע ווי לאַנג, אפשר ביז סוף ווינטער. רעזשין האָט דערפֿון געוווּסט, זי איז געווען גרייט מותר זײַן אויף יענער פֿאַרווײַלונג, נאָר אַ גוטע שכנטע איז איר געקומען צו הילף און צוגעזאָגט בלײַבן מיטן קינד, במילא וועקט זיך דאָס קינד נישט איבער, וועט זי זיך פֿאַרנעמען מיט האַנט־אַרבעט אָדער לעזן אַ בוך, זי וועט בלײַבן מיט איר כּמאַן צוזאַמען אין רעזשינס דירה, ביז זי וועט זיך צוריקקערן, זיי וווינען דאָך די צווייטע טיר פֿון איר וווינונג. — „זאָרג נישט, רעזשין, ס'וועט זײַן אַלץ אין אָרדנונג", האָט זי די שכנטע באַרויִקט.

יענע ערשטע רעגנדיקע, שטורמישע ווינטערוואָך איז ניסאַן געווען אויפֿן ים, ערגעץ אין די וואַסערן פֿון שפּאַניען. די שיף איז געווען פֿול מיט טוריסטן און עולים, וואָס האָט געפּאָדערט אַ סך אַרבעט פֿון דער באַדינונג און מאַטראָסן. מיט אַ סך אויפֿמערקזאַמקייט בײַ די ראַדיאָ־ און טעלעגראַף־אַפּאַראַטן אין דער קאָמוניקאַציע־קאַבינע, אַזוי אַז ניסאַן האָט נישט געקענט צופֿיל לענקען זײַנע מחשבות צו זײַן ווײַטער היים, צו זײַן רעזשינען מיטן זונעלע. ניסאַן האָט געלעבט אין כּסדרדיקער שפּאַנונג, שאַרפֿע ווינטן האָבן געוואָרפֿן די שיף ווי אַ שפּילצייג אין די שטורמישע וואַסערן. וואָס נאָענטער צו דער יבשה האָבן זיך געמערט די צאָל גרעסערע פֿראַכט־ און פֿישער־שיפֿן. די שיפֿן האָבן זיך באַמיט צו שטיין אײנע מיט דער

צווייטער אין אַן אָפּטן קאָנטאַקט, באַזונדערס מיט נאָענטע, גרעסערע שיפֿן, וואָס האָבן געהאַט מער פּערפֿעקטע, מאָדערנע סיגנאַליזאַציע־איינריכטונגען, מיטצוטיילן יעדער פֿאַר שעה פֿאָרויסגעזעענע שינויים פֿון וואַסער, ווינטן, און די הויך פֿון די וועלן אין אַ שטורמישער אַטמאָספֿער.

די קאָמוניקאַציע־אַפּאַראַטן אין ניסאַנס אָפּעראַטיוון רשות האָבן נישט גערוט, ער האָט נישט אויפֿגעהערט פֿלינק סטענאָגראַפֿירן שאלות און תשובות אינעם זשורנאַל, ער איז געזעסן מיט אַ פֿולן שויס פּאַפּירענע סטענגעס, וואָס דער מאָרס־אַפּאַראַט האָט אַרויסגעוואָרפֿן. ניסאַן האָט מיט די הענט און אויגן גיך שיפֿרירט די פּאַסיקלעך און פּינטעלעך. וואָס ער האָט פֿאַרוואַנדלט אין ווערטער און שורות, גלייכצייטיק זיך אָפּגעריסן אַ ווײַלע פֿון די סטענגעס אויפֿצונעמען מיט די אויערן ווערטער מיט סיגנאַלן פֿונעם ראַדיאָפֿאָן און פֿון אַ מאַטאָראָלאַ. דאָס בויטיקסטע פֿון זיי באַלד איבערגעבן טעלעפֿאָניש צום קאַפּיטאַן־בריקל. די תשובות פֿונעם קאַפּיטאַן־בריקל האָט אויפֿגענומען אַ צווייטער ״אַדיאָ־אָפּעראַטאָר, וואָס האָט געענטפֿערט אין עטלעכע שפּראַכן. יעדע שיכט האָט געדויערט פֿיר שעה, ווען מען פֿלעגט קומען פֿאַרבייטן ניסאַנען, פֿלעגט ער זיך אויפֿהויבן פֿון שטול אַ וואַקלדיקער מיטן ווילן וואָס גיכער זיך אויסציען אויף זײַן בעטל אין דער קאַיוטע און איינדרימלען, באַגלייט מיטן ריטמישן רויש פֿון די דיזעל־מאַשינען אין די קעלערן פֿון שיף. אין אַזעלכע טעג פֿלעגט ער נישט איין מאָל מותר זײַן אויף די רעגולערע מאָלצײַטן אין שפּייזזאַל, אַפֿילו אויף די טעפּעלעך שטאַרקע קאַווע, און אָנשטאָט דעם בעסער געגאָסן נאָך אַ ווײַלע רו מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אויפֿן בעטל. ביי דער אַרבעט האָט ער געררויכערט אָן איבעררייס, ער פֿלעגט בייטן די ציגאַרעטן בעת זייערע עקן פֿלעגן נעמען בריען די ליפּן. דער נאַרקאָטישער רויך האָט אים געהאָלפֿן זיצן קאָנצענטרירט ביי די אַפּאַראַטן און נישט אָפּלענקען פֿון זיי זײַן אויפֿמערקזאַמקייט נישט אויף אַ רגע, ער זאָל חלילה נישט פֿאַרפֿעלן דאָס מינדעסטע וואָרט פֿונעם ראַדיאָ־אויפֿנעמער.

ענדלעך האָט זיך דאָס וואַסער איינגעשטעלט צום גוטן, די ווינטן האָבן אויפֿגעהערט יאָמערן, דער ים האָט זיך באַרויִקט, די שיף האָט זיך מער נישט געוואָרפֿן און זיך געשניטן רויִק, פֿאָרויס אין די וואַסערן צו אַ נאָענטן פּאָרט, נאָר מחמת אַ געדיכטן נעפּל, וואָס האָט אויסגעפֿילט די לופֿט, האָט די שיף געמוזט פֿאַרלאַנגזאַמען איר גאַנג. די וואַך־אָפֿיצירן האָבן פֿאַרשפּיצט זייער אויפֿמערקזאַמקייט, נישט אָפּגעטאָן די בינאָקלען פֿון די אויגן כאָטש דער דיסטאַנץ איז געווען זייער באַשרענקט. אויף די מאַסטן האָבן געברענט רויטע לאָמפּן, מען האָט געלאָזט אין גאַנג אַ פּראָזשעקטאָר, וואָס זיינע ליכטשטראַלן זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען אינעם נעפּל, דערפֿאַר האָט די סירענע נישט אויפֿגעהערט ברומען צו וואָרענען שיפֿן, וואָס קענען זיך פֿאַרקלייבן אין דער נאָענט, באַזונדערס פֿישער־שיפֿלעך, ווייל זיי זענען געשווומען געציילטע מיילן פֿון דער יבשה.

ווען עס האָט זיך אויסגעלייטערט און עס האָט זיך באַוויזן דער קיילעך פֿון אַ קילער זון, וואָס ד'ער נעפּל האָט פֿאַרשלונגען די רויטע שיין פֿון איר אויפֿגאַנג, האָט די שפּאַנונג נאָכגעלאָזט, די אָפֿיצירן, מאַטראָסן און באַדינונג האָבן געטאָן זייער מלאכה. ווי גאָרנישט זענען פֿאַרלאָפֿן די לעצטע פּאָר מעת־לעת. די נישט אויסגעשלאָפֿענע פּאַסאַ־זשירן האָבן זיך געלאָזט צום שפּייזזאַל צום פֿאַרשפּעטיקטן פֿרישטיק, זיך געפֿרייט צו זען איינער דעם צווייטן אין אַ גוטער שטימונג. ביי די טישן האָט מען געקיבעצט אומגעדולדיק און געוואָרט אויפֿן אָנקערן אין אַ נאָענטן פּאָרט, ווו ס'האָט זיי געוואָרט אַ שפּאַציר אין שטאָט, ביז די שיף וועט אָנלאָדן נויטיקע זאַפּאַסן און ס'וועלן געמאַכט ווערן דרינגענדיקע רעפּאַראַציעס אויפֿן דעק נאָך דעם שטורעם און מבול.

ווען ד'י שיף האָט געאַנקערט, באַגלייט פֿון ים־מעוועס און פֿונעם געזאַנג פֿון איר סירענע, האָט מען דאָס ערשטע אַרויפֿגעבראַכט אַ זעקל פּאָסט פֿונעם נאָענטן פֿליפֿעלד, בריוו פֿאַר דער מאַנשאַפֿט מיט פּאַפּירן פֿאַרן קאַפּיטאַן. ניסאַן האָט באַקומען זיין וועכנטלעכן אַפּרוטאַג. אַ פּאָר שעה פֿון גוטן שלאָף מיט אַ וואַרעמער באָד האָבן אים אָפּגעפֿרישט. ער האָט זיך ראַזירט, אָנגעטאָן ריינע בגדים

און זיך מתייחד געווען אויף אַ ליגשטול אויפן דעק צו לייענען אַ לאַנגן בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון רעזשינען, פון דער ווייטער היים. ער האָט געלייענט לאַנגזאַם אונטער דער מילדער זון, ער האָט געלייענט איין מאָל און נאָך אַ מאָל די זעלבע שורות אויסגעפּילטע מיט בענקשאַפט, מיט פּרטים און חידושים פון זיין זונעלע, פון דער אמא און פון רעזשינען. ווי זי פאַרברענגט די לעצטע וואָכן, ווי זי האָט פאַרבראַכט דעם ערשטן חנוכה־אָוונט ביי די בגימינים. ער האָט זיך באַזונדע"ס אָפּגעשטעלט אויף אירע אגב־אורחאדיקע רמזים, אַז וואָס ווייטער פאַלט איר אַלץ שווערער די איינזאַמקייט.

וואָס וועט זיין דער תכלית? האָט ניסאַן גענומען טראַכטן. עס זענען אַוועק אַ פּאָר יאָר נאָך זיין חתונה מיט רעזשינען. זי האָט פאַרלאָזן אַ געמיטלעכע היים און סביבה, עלטערן, משפּחה, חברים, איינגעוואָרצלטע געוווינהייטן און שטייגער, איר צובונד און ליבע צו אים האָט לכתחילה אַלץ פאַרגיטיקט, אָבער ווי קען אַ יונגע פרוי אַזוי אויסהאַלטן און ווייטער לעבן נאָר מיט קורצע, אינטימע באַגעגענישן אין דער היים, אין די קורצע אורלויבן אויף דער יבשה? ווי ער זאָל נישט זיין מיט לייב און לעבן פאַרבונדן מיט דער שיף, מיטן ים, קוועלט אין אים אָן אַ נאַטירלעכע לוסט מער צו פאַרברענגען צוזאַמען מיט רעזשינען און מיטן קינד, וואָס ער קען פון ווייטן זיך קוים פאָרשטעלן אין זיין דמיון ווי ער זעט אויס. ער דערנענטערט זיך צו זיין פּערציקסטן לעבנסיאָר, זיין יוגנט לעשט זיך אויס, אָבער נישט זיין מענלעכע גלוסטיקייט, וואָרעם נאָך אַלעמען איז ער דאָ געגוג איינזאַם, ער געפינט זיך צווישן ים־לייט ווי ער איז, צווישן פריילעכע פּאַסאַזשירן, צווישן זיי בחורים מיט מיידלעך. נישט איין מיידל אָדער יונגע פרוי באַמיט זיך פריינדלען מיט אים, אין סך־הכל פליסט דאָך אויך הייס בלוט אין זיינע אָדערן. ביז איצט באַהערשט ער זיך, נויגט אָפּ העפלעך אַ יעדע דערנענטערונג, אַ יעדע באַרירונג מיט יונגע פרויען. רעזשינס געשטאַלט, רעזשינס ליכטיקער פּנים מיט אירע גרויסע,

אומעטיקע אויגן שטייט צווישן אים און דעם גאַנצן לעבעדיקן אַרום אויף דער שיף; וויפל מאָל שטרעקט ער אויס זיינע הענט זי אַרומ־צונעמען — זיינע הענט בלייבן הענגען אין אַ ליידיקייט — — — אָט זעט ער זי אַ צעשטראַלטע מיטן עופעלע אויף די הענט, וואָס ער האָט וויניק געזען, עס האָט זיך אים אויך אַריינגעשניטן אין דמיון די אמא, ווי זי בלייבט שטיין אַליין אויף דער ראַמפּע, אין פּאַרט ביי דער שיף, איינע אַליין צווישן טומלדיקן עולם באַגלייטער, בעת ער שטייגט אַרויף אויפן שיף. ער איז גליקלעך, וואָס זי האָט משלים געווען מיט רעזשינען און העלפט איר זיך פאַרנעמען מיט זיין זון — איר איניקל, איר טרייסט. נאָר די אמא איז אויך איינזאַם, איר איינזאַמקייט שרייט אַרויס פונעם טומלדיקן עולם באַגלייטער אונטן ביי דער שיף. ער דערמאָנט זיך ווי זי איז גרוי געוואָרן אין די שלושים, בעת זיין עלטערער ברודער איז געפאַלן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיין עלטערער ברודער עלי, — איר שטאָלץ און האָפענונג. עלי איז געווען אַ באַגאַבטער סטודענט, ער געדענקט אים זיצן האַלבע נעכט ביים טיש איבערגעבויגן איבער ביכער און העפטן, פון וואָס ער פלעגט זיך פלוצעם אָפרייסן און נעמען שפּילן פידל. די מעלאָדיעס פלעגן זיך צעגיסן איבער די צימערן, זיין פאָטער שטייט אין טיר מיט אַ האַלב אָפענעם מויל, ער זאַפּט איין די נגינה און קלאַפּט צו מיט אַ פוס צום טאַקט. דער פאָטער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם צער נאָכן פאַרלירן זיין בכור. דער פאָטער איז געווען אַ שווייגער מיט אַ מאַסקע פון רויטקייט אויפן פנים. ער האָט זיך געפרעסן אין דער שטיל, ביז ס׳האַרץ האָט אים געפּלאַצט און ער איז אויסגעלאָשן, שטיל אויס־געגאַנגען ווי אַ ליכט. ניסאַן איז יעמאָלט געווען אויפן ים, ווייט אין אַפריקע, ער האָט געאַרבעט אויף אַ פראַכטשיף, וואָס האָט געפירט אַ לאַדונג קלעצער ערגעץ פון אַ דזשונגל. ער האָט זיך צוריקגעקערט אַ היים דריי וואָכן נאָכן פאָטערס טויט. די אמא האָט אים אָפגעוואַרט אין פּאָרט, זי איז געווען נישט צו דערקענען, זי איז געווען צוגעפאַלן צו אים, אַרומגענומען און נאָס געמאַכט

דעם אַקסל פון זיין ווייסן מונדיר מיט טרערן און געשלוכצן: — „דער אבא איז שוין אויך נישטאָ, מיר זענען געבליבןביידע אַליין, צוויי פון דער גאַנצער משפּחה, דער אבא איז שוין אויך נישטאָ". ניסאַן איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט, דער ווינט האָט געשויבערט זיינע האָר אויפן קאָפּ, ס'האָט זיך אים געוואָלט וויינען, אָבער ער האָט נישט געקענט, טרערן האָבן אים געוואָרגן און געבליבן שטעקן ערגעץ אין דער טיף.

ניסאַן איז געבליבן אַ פּאָר וואָכן אין דער היים אין אַבלות. ער איז געבליבן צוזאַמען מיט דער אמא, וואָס האָט איר גאַנצע מוטערלעכע צערטלעכקייט אויסגעלאָזן צו אים אַליין. ער איז געוואָרן אַלץ אין איר לעבן. ווי ער איז יענע צייט געווען פאַר־כלינעט פון צער און רחמים, האָט ער נישט געקענט נאָכגעבן איר שטומען פאַרלאַנג צו פאַרלאָזן די שיף און געפינען אַרבעט אויף דער יבשה זי זאָל נישט בלייבן אַליין. ער איז נישט געווען בכח איר צו געבן פאַרשטיין, אַז ער קען זיך נישט אָפּרייסן פון ים, פון דער מורמלדיקער רחבות, ער קען נישט, אויף דער יבשה וועט ער זיך נישט געפינען קיין אָרט.

בעת ער איז ווידער אַוועקגעשוואומען מיט זיין שיף, האָט די אמא געזאָגט צו זיך אַליין: — „אַן עקשן ווי זיין פאָטער". די זעלבע רייד האָט זי איבערגעחזרט אין איר ערשטן בריוו, וואָרעם די שטילע יידישע מאַמע איז נישט געווען אין שטאַנד צו באַגרייפן, וואָס איז אַזוינס דער ים פאַרן נייעם דור יונגע, יידישע שיפסלייט, אין דער באַנייטער יידישער מדינה, וואָס גרענעצט זיך מיטן ים און רייסט זיך צו נייע לעבנס־קוואַלן, ווי אויך צו געפינען ברויט ממרחקים.

יעדע נסיעה אויף אַ פראַכטשיף פלעגט אָפּנעמען 5—6 וואָכן צייט ביז איר צוריקקער אַ באַלאָדענע אינעם היימפּאָרט אויפצו־נעמען אַ נייעם עקספּאָרט פראַכט, היימישע שפּייז־רעזערוון און מאַכן נויטיקע רעפּעראַציעס. יענע אורלויבטעג פלעגט ניסאַן זעלטן פאַרלאָזן די אמא, ביידע פלעגן בלייבן אין דער היים, מחוץ קורצע

באזוכן ביי קרובים און באקאנטע, ער פלעגט איר דערציילן פון די ווייטע מקומות, ווו די שיף פלעגט אנקערן, פון יעדן אָרט פלעגט ער איר ברענגען קליינע מתנות מיטן גרעסטן טייל פון זיין געהאַלט, זי זאָל קענען אויסקומען אָן זאָרג. ער האָט געוווסט, אַז איר חלק פענסיע פון פאָטערס געהאַלט איז נאָך נישט געווען רעגולירט און איר איינקונפט פון „ביטוח לאומי" איז געווען גאָר אַ קליינער. ווי אַלע יידישע ים־לייט אין יענער צייט, איז ער נישט געווען קיין אויס־ברענגער, ער פלעגט צוזאַמען מיט זיינע שיפס־חברים אַרומשפּאַצירן פאַרגאַפט אין די ווייטע פרעמדע שטעט און אויסגעמיטן די ביליקע פאַרוויילונגס־פלעצער און נאַכטלאָקאַלן, ווו די נישט־יידישע מאַט־ראָסן פלעגן פאַרברענגען און פאַרשיכורן זייערע שווער־פאַרדינטע הכנסות. אַזוי האָט זיך דאָס אַלץ איבער־געחזרט ביז זיין חתונה מיט רעזשינען, וואָס האָט אויסגעפילט זיין גאַנץ וועזן און פאַרנומען אַלע זיינע מחשבות.

אין דרויסן זענען געשטאַנען די ערשטע מייטעג, די פילפאַר־ביקע פעלדבלומען האָבן גענומען פאַרשווינדן, דער גרינער שטח הינטער רעזשינס פענצטער איז בלאַסער געוואָרן, די זון איז געוואָרן הייסער, דער בלויער הימל־קאָליר — העלער, אַ ציטעריקער שימער האָט איבערגעדעקט די הויכן פונעם ווייטן אַרום.

ווי שטענדיק איז ניסאַן געווען ווייט פון דער היים. די אמא פרידאַ פלעגט אָפט באַזוכן רעזשינען, בעת זי פלעגט גיין אינעם נאָענטן סופּערמאַרקעט מאַכן אירע איינקויפן. דער סופּערמאַרקעט איז נישט געווען סתם אַ כל־בו־געשעפט נאָר אויך אַזאַ געזעל־שאַפטלעכער טרעפפונקט פון באַקאַנטע פרויען צו כאַפּן אַ שמועס, דערציילן און אויסהערן נייעס, רכילות, נישט זעלטן צו פאַראַדירן נייע קליידונגס־פאַסאָנען און צו באַשטימען צווישן זיך קעגנזייטיקע טרעפונגען, דאָ און דאָרטן אין אַ קאַפעהויז, אין היימען ביי קאָרטנשפּילן און פאַמיליערע פאַרוויילונגען. דער כרמל איז שוין לאַנג געווען באַפעלקערט מיט בעסער סיטויִרטע בירגער,

העכערע פקידים, און גבירים, וואָס האָבן דאָרטן אויסגעבויט ווילעס מיט גאַראַזשן אין די ווינקלען פון די פּראַנטן פּאָר זייערע „פּריי־וועטס”. נאָכן אויפקום פון דער יידישער מדינה האָבן זיך דאָרטן אויך באַוויזן תושבים פון מיטלשטאַנד מיט בעסער סיטויִרטע אַר־בעטסמענטשן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַלטע און אין בשותּפות־דיקע גרעסערע הייזער. שבת און יום־טוב פלעגן דאָרטן קורסירן אויטאָבוסן פון דער אונטערשטער שטאָט אַרויף, וואָס ברענגען זומערצייט אַ סך מענטשן שפּאַצירן, זיך אויסרוען אין די באַוואַל־דיקטע שטחים און געניסן פון דער פרישער, קילערער וואַלד־און באַרג־לופט.

רעזשין פלעגט זיך טרעפן אינעם סופּערמאַרקעט מיט אירע באַקאַנטע, וואָס האָבן פון זייער זייט זי באַקענט מיט זייערע פריינד, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען פרויען פון ים־לייט, ווי זי איז געווען. יענע פרויען זענען נישט געווען גליקלעך צו לעבן אַליין, זיך וויניק טרעפן מיט זייערע מענער. צווישן זיך פלעגן זיי זיך באַקלאָגן און טענהען, אַז זייערע קינדער זענען טאַקע שטאָלץ מיט די פאָטערס, וואָס זענען אין זייערע אויגן „גיבורים”, אָבער אָן אַ פאָטער אין דער היים איז גאָרנישט לייכט צו דערציִען קינדער.

— דו, גברת רעזשין, ביסט גליקלעך און צופרידן, ווייל דיין קינד איז אַלט אַ קנאַפּ יאָר, אָבער אַז עס וועט אויסוואַקסן וועסטו דערפילן דאָס, וואָס מיר פילן — אַזוי האָבן זיי געטענהעט.

לכתחילה פלעגט רעזשין אַלץ אויסהערן מיט אַ שמייכל און פאַרגעסן אַלע טענות באַלד ווי זי פלעגט זיך צוריקקערן אַ היים און זיך פאַרנעמען מיט היימישער אַרבעט, געווען איבערגעלאָדן מיט נחת פונעם קינד, וואָס האָט זיך גוט אַנטוויקלט. ער פלעגט זיך שוין אויפשטעלן, מאַכן די ערשטע טריט זיך אָנצוהאַלטן אָן די

שטאַכעטן פונעם געשטעל. ער פלעגט שוין דערקענען די נאָענטע און שטאַמלען דאָס ערשטע צווײ־זילביק וואָרט — „אמא”. שפּעטער האָט זיך רעזשין געכאַפּט, אַז ער ברענגט נישט אַרויס דאָס צווייטע צווײ־זילביק וואָרט — „אבא”, ווײל ער קען אים נישט. — — —
דאָס האָט איר גענומען דערמאָנען די טענות פון אירע באַקאַנטע אינעם סופּערמאַרקעט, אַז קינדער דאַרפן אַ פאָטער, ס׳פלעגט איר אַ קלעם טאָן און פאַראומערן. „ווי געפינט זיך איצט ניסאָן, וואָס טראַכט ער איצט?” זי פלעגט זיך אָפּטער פאַרטראַכטן אַזוי, אַז זי פלעגט נישט דערהערן די רייד פון דער אמא פרידאַ, וואָס האָט שטענדיק געהאַט וואָס צו זאָגן.
די אמא פרידאַ האָט נישט געקענט פאַרבאָרגן איר מוטערלעכע זאָרג און בענקען נאָך ניסאָנען, זי האָט געמוזט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, אירע הענט זענען שטענדיק געווען פאַרנומען מיט אַרבעט, וואָס זי האָט געטאָן מעכאַניש אָן פאַרבינדונג מיטן לויף פון אירע מחשבות, וואָס האָבן זי געעגבערט. נישט זעלטן איז זי אַוועקגע־שווומען אין זכרונות פון איר יוגנט, ווען זי איז געווען אין רעזשינס עלטער פאַרטאָן מיט איר ערשט קינד, קיין מאָל נישט געווען הונ־געריק נאָך איר מאַנס צערטלעכקייט. איר מאַן, דער פאָטער פון אירע זין, פלעגט זעלטן ווען פאַרלאָזן די היים אויף אַ טאָג־צווײ אין פאַרבינדונג מיט זיין אַרבעט, בעת ניסאָן פאַרברענגט אין דער היים נאָר געציילטע טעג, שטענדיק געפינט ער זיך אויף זיינע אָנסופיקע ים־רייזעס און איז פאַרנומען מיט זיך. זי טראַכט נישט צופיל, ווי אַזוי רעזשין, אַ יונגע, אַ לעבנסדורשטיקע, לעבט זיך אויס אַליין אָן אים, אַפילו ווען דאָס קינד פילט אויס די ליידיקייט אין רעזשינס געמיט, וואָס ניסאָן דאַרף אויספילן ווי אַ מאַן פון אַ יונגער פרוי. זי האָט נישט פאַרשטאַנען הלמאי זי האָט די לעצטע צייט אָפט גענומען טרעפן רעזשינען מיט פייכטע, פאַר־אומערטע אויגן אין אַ געדריקטער שטימונג, נאָך שלאָפלאָזע נעכט, ווען איר לייב און לעבן האָט געוויינט און געדורשט נאָך ניסאָנס וואַרעמקייט, נאָך זיינע אַרומאַרמונגען, נאָך זיינע קושן. זי איז

דאָך נישט געווען קיין גזירה, אין די נעכט האָט זי אויך געחלומט, אויסגעשטרעקט אירע הענט אַרומצונעמען ניסאַנען און די הענט פלעגן אויך בלייבן הענגען אין אַ ליידיקן חלל, ווי ניסאַנס הענט, וואָס פלעגן בלייבן אין זעלבן מצב, ווען ער פלעגט פאַרגיין אין בענקשאַפט נאָך איר, ווען זיין גאַנץ לייב און לעבן האָט אויך געוויינט ווי אירס.

ווען די אמא פרידאַ פלעגט נעמען איבערחזרן די רכילות, וואָס פלעגן פאַרשפּרייט ווערן וועגן דער אָדער יענער יונגער אלמנה, וועגן דער און יענער פרוי, וואָס איר מאַן איז אַ לאַנגע צייט אויף אַ שליחות, אָדער אויף אַרבעט ווייט פון זיין היים און משפּחה, פלעגט זיך רעזשין אַ צאַפּל טאָן מיט פאַרדרוס, שווייגן און טראַכטן, ווי די יאָרן קענען פאַרטעמפּן יעדן נאַטירלעכן געפיל ביי אַזאַ פרוי ווי די אמא פרידאַ איז. וואָס באַוועגט זי אַפּירברענגען די אַלע רכילותן? וואָס איז זי מיט דעם אויסן? אפשר טראַכט די אמא פרידאַ, אַז אַלע יונגע פרויען קענען זיך לאַנג באַהערשן און דערשטיקן אין זיך די געפילן, וואָס די נאַטור האָט זיי געגעבן? צי מוזן זיי לעבן איינציק אַליין אין די „ד" אַמות פון זייערע אומעטיקע היימען, וואַרטן און וואַרטן ביז דער מאַן וועט זיי באַ־גליקן מיט אַ באַזוך? אמת, זי קען גוט איר ניסאַנען, זיין שטילע ריינע באַשיידנקייט, זיין טרייקייט, זיין צערטלעכקייט און טיפע צוגעבונדנקייט צו איר, זי איז זיכער אַז ער וועט זי נישט פאַר־ראַטן, זי טרויט אים און גלויבט אים, אָבער צי זענען אַלע מענער באַשאַפן מיט די זעלבע אייגנשאַפטן ווי איר ניסאַן? צי קענען זיי אַלע בלייבן צדיקים ווייט, גאָר ווייט פון די היימען? צי זענען אַלע בכוח צו דערשטיקן זייערע ליידנשאַפטן און זיך נישט אונ־טערגעבן נאַטירלעכע פאַרלאַנגען?

פאַר דער צייט, וואָס רעזשין געפינט זיך אין ישראל און לעבט זיך אויס דורכויס צווישן יידן, האָט זי געהאַט גענוג צייט זיך צו באַקענען מיטן יידישן לעבנס־שטייגער. אויף די עברית־קורסן האָט זי געהערט לעקציעס פון דער יידישער געשיכטע. דאָס האָט זי

באַוויגן לייענען ביכער כדי זיך גרינטלעכער צו באַקענען מיטן יידישן עבר און מיטן יידישן גאַנג אין לעצטן יאָרהונדערט. די היטלער־תקופה מיט דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זי אַליין איבערגעלעבט אין איר היים — פּאַריז. ווי אַ גוטהאַרציק יונג מיידל, איז זי געווען באַווירקט פון די יידישע ליידן אין יענע פינצטערע יאָרן. די פּאָר פראַנצויזישע גלחים פונעם קלויסטער, צו וועלכן אירע עלטערן האָבן אָנגעהערט און פלעגן זי דאָרטן מיטנעמען אין זונטיקן און חגאות, זענען נישט געווען קיין שונאי־ישראל, אומ־געקערט, יענע גלחים פלעגן בדרך־כלל פאַרשטעלט און אָפן פרע־דיקן מענטשן־פריינדשאַפט קעגן ווילדער ראַסן־שנאה. זייער פרעדיקן האָט געווירקט און באַוויגן מענטשן, ווי אירע עלטערן, צו העלפן זייערע גערודפטע יידישע שכנים צוגלייך מיט די גערודפטע, פראַנ־צויזישע ווידערשטאַנד־מענטשן ביז איינצושטעלן זייערע לעבנס. איר ברודער איז אויך געווען אַ מאַקי־קעמפער, פון דעם אַלעמען איז געדרונגען רעזשינס נאָענטע פאַרבינדונג מיט די בער׳ס און איר יוגנטלעכע פריינדשאַפט מיט זייער טאָכטער מינע, וואָס איז איצט, דאָ אויפן כרמל, איר אינטימסטע חברטע.

אין דער סביבה, אין וועלכער רעזשין האָט געלעבט זייט איר פאַרבינדונג מיט ניסאַנען און אין דער היים פון די בנימיניס, ווו זי האָט זיך באַקענט מיט יידישע בחורים און מיידלעך, האָט זי זיך אַ סך דערוווּסט וועגן ציוניזם און וועגן די געראַנגלען פון מדינת־ישראל, וואָס געפינט זיך אַרומגערינגלט פון שונאים פון דרויסן און פון אינעווייניק. אין איר יונג לעבן אין פּאַריז האָט רעזשין געוווּסט פון איין שונא — די באָשן, די דייטשן, וואָס די פראַנצויזן פון איר סביבה פלעגן האַסן און דערמאָנען מיט צאָרן. דעריבער איז איר דאָ אין ישראל געווען אומגלויבלעך דאָס נישט אַרויס־ווייזן די מינדעסטע שנאה מצד יידן צו די אַראַבער. עס איז איר אויך געווען אומגלויבלעך קיין מאָל זיך נישט אָנצושטויסן אויף אַ שיכורן ייד אין די גאַסן פון שטאָט. זי האָט עס באַזונדערס געמערקט בעת אירע באַזוכן אין דער אַלטער שטאָט, אין דער

געגנט פון פאַרט, ווו זי האָט קיין מאָל נישט געטראָפן אַ שיכורן, יידישן מאַטראָס, בעת זי פלעגט צייטנווייז יאָ טרעפן אַ שיכורן נישט־יידישן מאַטראָס פון אַ פרעמדער שיף, וואָס יידישע ים־לייט, אַפילו יידישע פּאָליציאַנטן, פלעגן גוטמוטיק פירן אונטער די אָרעמס צוריק צו זיין שיף. רעזשין פלעגט עס איבערריידן מיט ניסאַנען און מיט מינעס פעטער אדון בנימיני. ביידע פלעגן לאַכן און איר דער־קלערן, אַז די יידן אין ישראל, זייערע זין, זייערע זעלנער און ים־לייט האָבן נישט קיין צייט צו שיכורן, זיי קענען זיך אַזוינס נישט פּאַרגינען. זיי האָבן נישט קיין צייט, ווייל זיי זענען פאַרנומען מיט בויען דאָס לאַנד פיזיש און גייסטיק, זיי מוזן לערנען פאַכן, וויסנ־שאַפט, טעכנאָלאָגיע וכדומה, בעת די יידישע חיילים מוזן באַוואַכן, באַשיצן און פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. ווידער די מאַטראָסן און ים־לייט בכלל, מוזן העלפן שאַפן אַ יידישן פלאָט, גוט אויסלערנען די ים־מלאכה. טאָ ווען האָבן זיי צייט צו שיכורן?

אדון בנימיני פלעגט לאַכן און צוגעבן: „אם־ירצה־השם, ווען דאָס לאַנד ישראל וועט זיין גענוג באַזעסן און באַוואָרנט, אָן מלחמה אֵימה, וועלן יידן זיך דערלויבן כאַפּן אַן איבעריקע כוסע און זיך אויסלערנען שיכורן".

רעזשין פלעגט זיצן צוגעטיוליעט צו מינען און אויסהערן די האַלב שפּאַסיקע ערנסטע רייד פון אדון בנימיני. יענע פאַרנאַכטן פלעגן ביידע בלייבן אַליין, נישט אָנצינדן ליכט, זיי פלעגן זיצן און שווייגן, יעדע איינע פון זיי פאַרטאָן אין די אייגענע מחשבות.

רעזשין האָט געמיינט, אַז זי וועט פון איר חברטע מינע הערן מער וועגן לעבן פון דער ישראל־יוגנט, אָבער מינע, אַן אויסגעע־האַדעוועטע אין פּאַריז, האָט וועגן זיי געוווּסט אפשר ווייניקער פון רעזשינען. פאַר מינען איז דאָס יידישע לעבן אין ישראל געווען נאַ־טירלעך, גאָרנישט אָפּצופרעגן, כאָטש ס'איז אַנדערש ווי אין פּאַריז, נישט צו פאַרגלייכן. מינע האָט נישט פּרובירט זיך פאַרטראַכטן וועגן פאַרלויף פון דער איבערקערעניש אינעם יידישן לעבן, וואָס עס פורעמט זיך אויס אין ישראל פון ס'ניי, צו זיין אויסגעשטעלט

אויף זיך אַליין, צו קענען לעבן ווי די פראַנצויזן אין פראַנקרייך, ווו זי איז געבוירן געוואָרן. אין אירע יונגע קינדער־יאָרן האָט זי נישט געפילט די מינדעסטע דיסקרימינאַציע, זי האָט זיך געהאָ־דעוועט מיט אַלע קינדער גלייך. איצט, אין איר זאָרגלאָזן לעבן, אונטער די פליגל פון קבלן בנימיניס גוטסיטויִרטער משפחה, איז דער פאַרגאַנגענער קאָשמאַר פון דער מלחמה ווי אויסגעוועפט גע־וואָרן פון איר געדעכעניש. נאָך מער, זי האָט אַפילו נישט איבער־ריקס געטראַכט פונעם שווערן לעבן אין איר געוועזענער היים, ווו דער פאָטער וואַנדערט אַרום מיט זיינע פעקלעך סחורה איבער די „מאַרשעס" אין די קליינע שטעטלעך אַרום פאַריז, בעת די מאַמאַ בילע וואַנדערט איבער כלערליי הורטגעשעפטן איינהאַנדלען מציאות, רעשטלעך שטאָף, בראַקירטע גאַלאַנטעריע, ראַמשן קנעפלעך, שפּיל־קעס, ביליקע צירונג מיט „ברילִיאַנטן" פון גלאָז, סטענגעס, זאָקן וכדומה — דער פאָטער זאָל האָבן וואָס צו פאַרקויפן זיינע קונדן, אין גרעסטן טייל אויף אויסצאָלן. אין דער היים איז די מוטער אַלע יאָרן געווען די בריה, בעת דער פאָטער איז געווען אַ חלוש, פיזיש אַ געליטענער. ער האָט זיך באַמיט פאַרבאָרגן זיינע שוואַכקייטן, צו פאַרמיידן דער מוטער עגמת־נפש. מינע, ווי איר פאָטער, האָבן געוווסט, אַז זיי האָבן אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. בילע זאָרגט. בילע, די טיפּישע יידישע מאַמע, טראָגט אויף זיך דעם גאַנצן משפחה־עול און באַקלאָגט זיך נישט. אומגעקערט, נאָך די מלחמה־עינויים, נאָכן פאַרלירן איר זון, „איר אויג אין קאָפּ", האָט זי אויפ־גענומען יעדע לאַסט אָן טענות. איר גאַנצע מוטערלעכע ליבשאַפט און וואַרעמקייט האָט זי אָפּגעגעבן מינען, איר געקעכלטע טאָכטער. אין ישראל האָט איר אָפּגעגליקט: דער דוד בנימיני האָט זי באַ־זאָרגט מיט אַלדאָס גוטס ווי אַן אייגן קינד. צו גוטס געוווינט מען זיך לייכט צו. איצט, אין די הויכע חדשים פון איר שוואַנגערשאַפט, האָט זי זיך געפילט ווי אַ פּרינצעסין אין בנימיניס „קעניגרייך". די טאַנטע שושנה האָט זי נישט געלאָזט איינטונקען אַ פינגער אין קאַלט וואַסער, זי זאָל חלילה נישט מיד ווערן. דאָס קינד אין איר

טראַכט האָט זיך אָפּט געלאָזט הערן, רעזשין פלעגט איר מוסרן ביי יעדן צוזאַמענטרעף, זי זאָל צו פיל נישט פּאַלגן די עצות פון איר דודה שושנה, אומגעקערט, זי זאָל זיך באַמיִען נישט אַרומגיין מיט ליידיקע הענט, זי מוז עפּעס טאָן, זי מוז שפּאַצירן, אויב נישט אַרבעטן, כדי דער געבורט זאָל אָנקומען לייכטער. אין דעם פּרט פלעגט רעזשין איבערחזרן די רייד פון דער אמא פרידאַ, בעת זי איז געווען אין איר צושטאַנד. די אמא פרידאַ איז געווען גערעכט.

עס האָבן זיך דערנענטערט די פייערונגען פונעם „יום־העצמאות״ אין ישראל. דער פרילינג האָט געבליט אין זיין גאַנצער פּראַכט, די זון האָט מילד געוואַרעמט, דער דרויסן איז געווען בלומיק, דער כרמל האָט געדופטיקט מיט אַלע בשמים פון חודש מיי. די פייערונ־גען פונעם „יום־העצמאות״ האָט צוויי וואָכן פריער איינגעפעדימט דער יום־טוב פון אַרבעט — דער ערשטער מיי, ווען די אונטערשטע שטאָט האָט אויסגעזען חול־המועדיק, פולע גאַסן מיט אַרבעטס־מענטשן, מיט יוגנט, מיט קינדער, מיט רויטע און ווייס־בלויע פענער, וואָס האָבן געפלאַטערט פון פענצטער און באַלקאָנען פון אַרבעטער־קלובן, פון ביוראָען און פון נישט ווייניק פענצטער און טעראַסעס פון אַרבעטער־דירות.

דער קבלן בנימיני, וואָס איז געווען ווייט פון פייערן דעם „ערשטן מיי״ מחמת זיין שווער האַרץ און טענות כלפּי די „פּועלים״, וואָס דערגייען אים די יאָרן מיט זייערע פאָדערונגען, האָט פון דעסטוועגן געוואָלט אָנטאָן אַ ביסל נחת־רוח זיין פלימעניצע מינע מיט איר חברטע רעזשין, האָט ער, יענעם טאָג,ביידן מיטגענומען אין זיין ביוראָ, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ צווייטן שטאָק, אין אַ הויז אויפן „הדר־הכרמל״־קוואַרטאַל, זיי זאָלן אָנקוקן דעם גאַסן־אויפמאַרש פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פון דער שטאָט און סביבה צוזאַמען מיט די מענטשן פון די נאָענטע קיבוצים, וואָס דעמאָנסטרירן אין איין בשותפותדיקן צוג מיט די שטאָטישע אַרבעטער.

די מענטשן אין בנימיניס ביוראָ האָבן יענעם טאָג אויך נישט געאַרבעט, די צימערן זענען געווען לײדיק ווי שבת און יום־טוב, וואָס האָט אים פאַרשאַפט געגנוג פאַרדרוס. פאַר וואָס מעגן אַלע געשעפטן זײן אָפן און זײן ביוראָ מוז בלײבן געשלאָסן פאַר זײנע קליענטן ? אמת, ער אַלײן איז געקומען אין ביוראָ ווי יעדן וואָכעדיקן טאָג, נאָר וואָס קען ער אויפטאָן אָן דעם סעקרעטאַר, אָן דעם מײדל בײם טעלעפאָן און שרײבמאַשין, אָנעם בוכהאַלטער, וואָס ? ס׳איז נישט זײן שמחה, פון דעסטוועגן האָט ערגעץ הינטער זײן באַוווּסט־זײן געטליִעט אַ פונק נאָסטאַלגיע נאָך זײנע ערשטע יאָרן אין ארץ־ישראל, בעת ער אַלײן איז נאָך געווען אַ „פועל״, אַן אינסטאַליאַטאָר, אַ געזעל בײם קבלן שמואלעוויטש, וואָס איז שוין לאַנג אויפן עולם־האמת. ער דערמאָנט זיך זײן זײטן־זעקל מיטן קעסטל אַרבעטס־כלים, וואָס ער פלעגט טראָגן מיט זיך בײם גײן פאַרריכטן קראַנען מיט הײצקעסלען אין פּריוואַטע הײזער. זײן טאָגלוין האָט באַטראָפן ווײ־ניקער ווי ס׳קאָסט אים איצט אײן ציגאַר. פרישטיק און אָונטעסן פלעגט ער זיך אַלײן צוגרײטן פון עפּעס טרוקנס, אַן אוגערקע, אַ טאָמאַטע, אַ ציבעלע, אַ כזית הערינג מיט אַ שטיקל מאָגערן קעז. מיטאָגן פלעגט ער עסן אין אַרבעטער־קיך פאַר פיר גרוש אַ מאָלצײט. ער ווינטשט זיך הײנט צו האָבן דעם אַמאָליקן אַפּעטיט און הנאה פון עסן ווי אין יענע צײטן. איצט איז ער שטענדיק זאַט. געוווינט האָט ער צוזאַמען מיט אַ חבר אין אַ צימערל, אין אַן אַראַביש הויז, אָן עלעקטרישע ליכט, אָן אַ וואַסעררער, מיט „באַקוועמלעכקײטן״ פאַרן גאַנצן הויז אין אַן אַלטער חורבה אין הויף, ווו ער האָט זיך אײנגעריכט אין אַ ווינקל אַ טוש זיך צו וואַשן. אדון בנימיני האָט זיך באַקענט מיט זײן שושנה אויפן ברעג ים בײם באָדן זיך. זי איז געווען אַ שײן מײדל, אַ שטאָטישע חלוצה, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ קאָפּעהויז, קוים פאַרדינט איר באַשײדענעם אויסהאַלט. יאָ, דאָס זענען געווען שײנע יאָרן, וואָס לאָזן זיך איצט זעלטן דערמאָנען, מחוץ דעם ערשטן מײ, וואָס ער פאַרגעסט קײן מאָל נישט. דעם ערשטן מײ פלעגט ער שפּאַנען אין דער דעמאָנסטראַציע, הינטער

אַ טראַנספּאַראַנט פון דער „אינסטאַליאַטאָרן סעקציע ביים פּראָפעס־יאָנעלן שלאָסער־פאַראיין״, — אַ לייוונט מיט געמאָלטע גרויסע דרוק־אותיות: „יחי אחד במאי, יחי, יחי״. פון די זייטן פונעם צוג פלעגן מאַרשירן יונגע בחורים מיט מיידלעך פון ספּאָרט־פאַראיין „הפועל״ און פון „הנוער־העובד״ אַלע מיט שטורעמפענער, „יחי — יחי!״ איצט, כאָטש ער איז הימל ווייט פון יענער „אינסטאַליאַטאָרן־סעקציע״ מיט די „יחי״־טראַנספּאַראַנטן, קען ער דעם ערשטן מיי נישט בלייבן אין דער היים, עס ציט אים אין גאַס, ער פאַרקלייבט זיך הינטער אַ פאָרהענג פון אַ פענצטער אין זיין ביורא, אַנצוקוקן דעם מיי־אויפמאַרש און מיט פאַרבאָרגענער נאָסטאַלגיע, אָן ווער־טער, מיטברומען די ניגונים פון די אַרבעטער־לידער. ער פלעגט גאָר מיטזינגען די „התקוה״, אינסטינקטיוו זיך אויפשטעלן הינטערן פאָרהאַנג פון זיין ביוראָ־פענצטער, נאָך דעם פלעגט ער מיט אומ־ווילן אָפּטרייסלען פון זיך די זכרונות פון יענע יאָרן, פאַררויכערן אַ דיקן ציגאַר, זיך צוריקקערן אַ היים צו מיטאָג, דאָרט וואַרט זיין שושנה אָן ווערטער ביים געדעקטן טיש. זי האָט געטראָגן אַ ווייסן פאַרטוך און זיך נישט באַקלאָגט, הלמאי איר הויזפרוי איז יענעם טאָג אויך נישט געקומען צו דער אַרבעט, און זי אַליין האָט, אָן פאַריבל, צוגעגרייט דאָס עסן מיט אַ פאַרבאָרגענעם מיי־ניגון. אין יענע יאָרן פלעגט זי מיט איר חבר בנימיני אויך פאַרברענגען אין גאַס און צוזאַמען מיט אים, אויף זיין חשבון, עסן מיטאָג אין דער אַרבעטער־קיך און נאָך מיטאָג מיטגיין מיטן שטראָם מענטשן אויף ספּאָרט־פאַרמעסטונגען אויפן שטאָטישן סטאַדיאָן. פון דאָרטן פלעגט מען זיך אַריינכאַפּן אויף אַ פאָרשטעלונג פון „אהל״, פונעם אַרבעטער־טעאַטער פון דער „הסתדרות״.

אדון בנימיני האָט אין די פרימאָרגן־שעהען פון יענעם ערשטן מיי מיטגענומען מיט זיך מיגען מיט רעזשינען אין זיין „פּרייוועט״, געבראַכט אין זיין ביוראָ, זיי אָוועקגעזעצט אויפן באַלקאָן און זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן האָט ער זיך געזעצט הינטער זיי און געדולדיק אָנגעקוקט די גאַסן־דעמאָנסטראַציע פון אַ צענדליק טויזנט

מענטשן, אַרבעטער, פּקידים, ספּאָרטלער און קיבוצניקעס מיט אַ וואַלד רויטע פענער, וואָס האָבן געפלאַטערט איבער זייערע קעפּ אינעם פרילינגס־ווינט, אויסגעמישט מיט ווייס־בלויע פענער, ווי זיי וואָלטן זיך געגלעט און געקושט מיט די רויטע לייוונטן.

די קיבוצניקעס האָבן מיטגעבראַכט טראַקטאָרן מיט צוגעהעפטע פּלאַטפאָרמעס באַלאָדענע מיט גאַרבן תבואה, מיט פרוכט און גרינ־צייג, מיט אַקער־אייזנס, מיט פעלד־כלים, מיט יוגנטלעכע און קינ־דער. די פּלאַטפאָרמעס זענען געווען אויסגעצירט מיט פענער און גירלאַנדן געפלאָכטענע פון פרישע פעלדבלומען. אַלץ האָט גערוישט: — „יחי, יחי האחד במאי, תחי מדינת ישראל, קדימה, אַי קדימה ההתישבות, קדימה העליה, יחי, יחי!"

מוזיק, געזאַנג, איבערפולטע גאַסן מיט אָפענע, ליידיקע קראָמען אָן קונים, מיט קרעמער אויף די שוועלן, וואָס קוקן אַלץ אָן שווייגנ־דיק, און פאַרשטייען נישט הלמאי פּאָליציי באַגלייט אויך די מאַר־שירנדיקע קאָלאָנעס. נאָך מער: זיי זעען ווי פּאָליציאַנטן ווערן מיט־געריסן מיט דער שמחה און סאָליוטירן, בעת מען זינגט און מען שפּילט די הימנען, — „אַ יום־טוב אויף זייערע קעפּ, אַ שמחה אויף זיי!" — — — די קרעמער פאַרגעסן, אַז הינטער די פּאָליציי־מונדירן קלאַפּן הערצער פון יידישע בחורים מיטן זעלבן נחת ווי ביי די מענטשן, וואָס שפּאַנען אין די שורות. נישט ווייניק קרע־מערס שווייגן נישט, זיי טראָגן נישט קיין רוגזה אויף די דעמאָנ־סטראַנטן, זיי דערמאָנען זיך ווי זיי אַליין זענען אַמאָל מיטגעגאַנגען און מיטגעריסן געוואָרן מיט די זעלבע מיי־לידער, בעת זיי זענען נאָך געווען כביש־ און בוי־אַרבעטער, בעת זיי האָבן מיטגעאַרבעט ביים טריקענען זומפּן אין עמק־יזרעאל וכדומה.

רעזשין מיט מינען האָבן שוין געזען אַזעלכע אויפמאַרשן דעם ערשטן מיי אין פּאַריז, ווו זיי פלעגן שטיין צוזאַמען מיטן עולם לענג אויס די טראָטואַרן פוןביידע זייטן גאַס, בעת די דעמאָנ־סטראַציע פלעגט פאַרבייגיין. זיי פלעגן שטיין גלייכגילטיקע ווי נייגעריקע צושויער, נישט מער. איצט אָט דאָ אין גאַס זענען זיי

אינערלעך צוגעשמידט צום באַוועגלעכן מענטשן־שטראָם, צום מאָסנ־בילד, צו די פענער, צו די דעמאָנסטראַנטן, באַלויכטענע פון זון, צו די קאָלירן פון זייער קליידונג־כאַקי, ווייסע און בלויע העמדער, נאַקעטע הענט. מען זעט גישט מענער און פרויען אין אויבערשטע בגדים און היט ווי אין פּאַריז, דאָ זעען זיי טעמבעל־היטלען, קאַס־קעטן, בערעטן.

ווידער די יוגנט? אַלע אָן אויסנאַם האָבן געשפּאַנט מיט אָפּ־געדעקטע קעפּ, מיט טשופּרינעס אויפן ווינט, אַלע צעשטראַלטע, זינגענדיקע, זוניקע, ווער עס האָט אין גאַנג צוגעטענצלט, ווער ס׳האָט געפייקלט, ווער ס׳האָט געפּאָכעט מיט פאַרשידנפאַרביקע טיכלעך ווי אין אַ באַלעט, ווער עס האָט טרומייטערט תרועות און ווער ס׳איז געפאָרן אויף ראָווערן אין אַ צעצויגענער קייט לענג אויס די קאָלאָנעס. די ראַמען און שפּריכעס פון די ראָווערן זענען געווען דורכגעפלאָכטן אָדער אַרומגעוויקלט מיט ווייסע, בלויע און רויטע בענדער.

מינע מיט רעזשינען זענען געווען געריררט צו זען אין די שורות ווי עס שפּאַנען פּאָטערס מיט קינדער אויף די אַקסלען, קינדער מיט איינגעפלאָכטענע בענדלעך אין די האָר און רויטע מאָנבלומען אין די צעפּ, אַלע מיט פענדלעך אין די הענטלעך.

די קיבוצינקעס אין ווייסע, כאַקי און בלויע העמדער מיט טעמבעל־היטלען אָדער מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, מיט האָר און ברעמען אין קאָליר פון צייטיקער תבואה, מיט אָפּענע פון זון פאַרברוינטע פּנימער, האָבן געלאָסן געשפּאַנט, זיך באַוויגן אינעם ריטם פון די ניגונים. זיי האָבן געשפּאַנט ערנסט, שווערלעך, ווי זיי וואָלטן נאָכגעגאַנגען אַקעראייזנס אין אויפגעריסענע תלמים אין פעלד.

מינע איז געווען פאַרכאַפּט פון דעם געזעענעם, בעת רעזשיק האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן געזען אַזאַ מאַסע יידן פונעם אַר־בעטנדיקן ישראל, אָרגאַניזירטע, פריידיקע אין זייער יום־טוב מיט גלי אין זייערע אויגן. ווען עס האָט פאַרביימאַרשירט אַ קאָלאָנע יידישע ים־לייט אין שניי־ווייסער קליידונג, האָט רעזשינען אַ קלעם

געטאָן, אירע אויגן זענען געוואָרן פייכט: — „ווען ניסאָן וואָלט היינט געווען אין דער היים, וואָלט זי אים אַוודאי אויך געזען מאַרשירן אין אָט די ווייסע שורות. ער וואָלט געשפּאַנט צוזאַמען מיט זיינע שיפסברידער״. וואָרום אָפיצערן און מאַטראָסן פונעם קאָמערציעלן פלאָט זענען אויך אָרגאַניזירט אין דער ציווילער, פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ישראל, — די הסתדרות.

אדון בנימיני איז אין אַ געוויסער מאָס אויך געווען באַרוישט, אַ ווײלע פאַרגעסן זיין איצטיקן מעמד.

— מינעלע, רעזשין, מינעלע — האָט ער געשטאַמלט — דאָס איז נאָר אַ פאַרשפּיל צו די פייערונגען פונעם נאָענטן יום־העצמאות, ווען דאָס גאַנצע פאָלק פון ישראל געפינט זיך אין גאַס. אַלע, אַלט און יונג, קינד און קייט.

— דער יום־העצמאות! — מינע מיט רעזשינען האָבן זיך אָנגעקוקט, ביידע געטראַכט דאָס זעלבע: דער יום־העצמאות אין ישראל, אַכט טעג אין חודש אייר, האָט זיי דערמאָנט דעם 14טן יולי אין פּאַריז, ווען די „גאַנצע שטאָט״ שטראָמט צום באַסטיליע־פּלאַץ, ווו איינער טרעט דעם צווייטן אויף די פיס אינעם געדיכטן מענטשן־ים, וואָס באַוועגט זיך פריילעך־כאַאָטיש, טאַנצט אַ גאַנצן מעת־לעת צו בלייבן אָן כוחות. ביידע האָבן זיך דערמאָנט די פּאַטעטיש־דעקלאַמירנדיקע רייד פון זייערע לערערס וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין 1789, וועגן דער תקופה פון לודוויג דעם פערצנטן, ווען דאָס פאָלק האָט געהאַסט. די לערער האָבן דערמאָנט היסטאָרישע נעמען פון פרייהייטס־קעמפער, נעמען פון געקעפּטע אויף דער גיליאָטינע, נעמען פון פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן יעמאָלט געשמאַכט אין די קערקערן פון דער אַלטער באַס־טיליע־פעסטונג, וואָס האָט פאַרקערפּערט גרויזאַמע רשעות, פייני־קונגען, עפנטלעכע קעפּונגען, באַגלייט מיט געשרייען פון אַ פאַר־ווילדעוועטן המון, אָט דער זעלבער המון, וואָס האָט דעם 14טן יולי 1789, ווען די רעוואָלוציע האָט דערגרייכט איר הויכפּונקט, גע־

שטורעמט און צעשטערט די באַסטיליע־פעסטונג אין אַ טייך פון זייער בלוט און באַפרייט פראַנקרייך פון דער טיראַנעריי. יענע געשעעניש האָט אויפגעטרייסלט די וועלט, זיך אויסגעווירקט אויף אַ רייע לענדער מחוץ פראַנקרייך און שפּעטער אַפּירגעבראַכט צו דער מאַכט דעם קאָרסיקאַנער זעלנער נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע.

רעזשין האָט שטאָלצירט מיט נאַפּאָלעאָנען, מחמת דאָרטן אין קאָרסיקע זענען געבוירן געוואָרן די אָבות פון אירע עלטערן, — די בורזשעס, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן זיך באַזעצט אין פּאַריז, ווו רעזשין איז געבוירן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן. אויבן אָן, אויף דער מזרח־וואַנט, אין דער דירה פון אירע עלטערן, הענגט ביז היינט דאָס בילד פון נאַפּאָלעאָן אין פולן קייזערלעכן טראַכט, מיט דער שיפל־הוט אויפן קאָפּ, מיט דער רעכטער האַנט אין בוזים. דאָס בילד הענגט אין זעלבן צימער, ווו עס געפינט זיך דאָס בילד פון דער הייליקער מוטער מרים מיט דער אייל־לאָמפּאַדע אויף דריי קייטעלעך, וואָס איר מאַמאַ סוז צינדט אָן יעדן זונטיק און חגא. ביי די רעשטן און שפּורן פון די באַסטיליע־מויערן פייערן די פראַנצויזן זייער נאַציאָנאַלן יום־טוב יעדן פערצנטן יולי. רעזשין ווייסט שוין דעם אונטערשיד צווישן דעם יום־העצמאות פון ישראל מיטן טאָג פון דער צעשטערונג פון דער באַסטיליע. זי ווייסט, אַז אינעם יום־העצמאות, אין ברען פון אַ ביטערער מלחמה מיט אַראַבישע חיילות פון אַרומיקע אַראַבישע מדינות, האָט ישראל דעקלאַרירט איר זעלבסטשטענדיקע, אייגענע מדינה, בעת אין זייער נאַציאָנאַלן יום־טוב דעם 14טן יולי דעמאָנסטרירן די פראַנצויזן דעם נצחון פון זייער רעוואָלוציע.

רעזשין האָט עס תמימותדיק דערציילט דעם אדון בנימיני און דערמאָנט איר חברטע מינע, וואָס האָט אין אירע מחשבות נישט געטראַכט וועגן דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זי האָט בעת מעשה זיך דערמאָנט די פייערונג, אין אָוונט פון יום־העצמאות, ביי אירע עלטערן, ביי אַ געדעקטן טיש ווען איר פאָטער, זשאַק, פלעגט אויפהויבן אַ כוס וויין און מאַכן „שהחיינו". אַלע

פלעגן זיך אויפשטעלן, בתוכם די געסט, — די בורזשעס, וואָס פלעגן מיטמאַכן דעם פייערלעכן מאָלצייט ביי זייערע יידישע שכנים. זי האָט זיך אויך דערמאָנט אינעם אָנטייל פון אירע עלטערן אין ענלעכע פייערונגען ביי די בורזשעס אין אָוונט פון 14טן יולי, ווו מען האָט אָן אַ ברכה אויפן וויין געקלאַפּט כוס צו כוס, אויסגע־ליידיקט ביזן דעק עטלעכע פלעשער משקה. דער ראַדיאָ פלעגט שפּילן כלערליי ניגונים און פאַרענדיקן די אוידיציע נאָך אַ האַלבער נאַכט מיט דער מאַרסעליעזע, וואָס די געסט אַרום טיש פלעגן מיט־זינגען שטייענדיק, האַלב בגילופנדיק. ביי די בורזשעס פלעגט יענעם אָוונט אַראָפּקוקן פון דער וואַנט נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע צו זען די אייניקלעך, זיינע קאָרסיקאַנער לאַנדסלייט, ווי זיי פייערן דעם 14טן יולי, בעת ביי דער פייערונג פונעם יום־העצמאות ביי די בערס, ח' אייר, האָט פון דער וואַנט אַראָפּגעקוקט אַן אַלט ירושה־בילד פון ווילנער גאון, פון וועמען מינע האָט זייער ווייניק געוווּסט. זי האָט נאָר געהערט פון איר פאָטער, אַז דער ווילנער גאון, רבי אליהו בן שלמה זלמן, האָט געלעבט אין ווילנע אין ניינצטן יאָרהונדערט, ער איז געווען אַ גרויסער צדיק, געשריבן הייליקע ספרים וועגן תורה, גמרא, הלכה, אויך וועגן מאַטעמאַטיק, דקדוק, געאָגראַפיע פון ארץ־ישראל וכדומה, וואָס זענען איר נישט געווען באַקאַנט. איר פאָטער פלעגט דערציילן, אַז זיין פאָטער, איר זיידע, איז געווען אַ „מתנגד", דער ווילנער גאון איז געווען דער ראש פון די מתנגדים, נאָר איר פאָטער האָט איר נישט געקענט דערקלערן, וואָס דאָס מיינט, ווייל פאַר אים זענען אַלע יידן געווען גלייך, ער האָט נאָר דערקלערט, אַז „הלכה" מיינט דינים — געזעצן. וואָס גמרא איז האָט זי געוווּסט פון איר מדריך אין יוגנט־פאַראיין אין פּאַריז, אַ בחור פון ישראל. יאָ, דער פאָטער האָט אויך דערציילט, אַז דער ווילנער גאון האָט זיך אַ מאָל געלאָזט גיין קיין ארץ־ישראל, אָבער מלאָכים האָבן אים צוריקגעקערט, ווייל דער וועג איז געווען אַ געפערלעכער... זי האָט אויך געוווּסט, אַז ווילנע געפינט זיך אין „ראַסיי", — לויט איר פאָטערס אויסדרוק.

☆ ☆ ☆

די יאָרן לויפן. די אמא פרידאַ האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיטן אייניקל — עלי, וואָס פלעגט זיך ביז מיטאָגצייט געפינען אין אַ קינדער־גאָרטן, ער איז שוין אַלט געוואָרן 5 יאָר און איז גע־שטאַנען אויפן שוועל אַריינצוטרעטן אין אַ גרונטשול. פרידעס קאָפּ איז געוואָרן כולו זילבער, די אויגן זענען געזעסן טיפער אין פּנים, וואָס האָט געוועלקט. דאָס ביסל קאָסמעטיק, וואָס זי האָט געברויכט, האָט נישט געקענט פאַרבאָרגן די אַוועקגעלאָפענע יאָרן. זי האָט שוין לאַנג אויפגעגעבן אַלע אַמאָליקע חלומות, די צייט האָט באַרויִקט איר געמיט ביז גלייכגילטיקייט צום גאַנצן אַרום, זי האָט אויפגע־הערט האָפן, אַז רעזשין וועט זיך מיט דער צייט באַקערן צו ייִדיש־קייט, נאָך אַלעמען האָט עס מער נישט געשטערט איר מוטערלעכן גלייכגעוויכט. די סביבה, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט, האָט אויפּ־געהערט זיך פאַרנעמען און באַרעדן די גויע, איר שנור, וואָס האָט זיך איצט מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון אַלעמען. די שכנים, די פּאָר קרובים און באַקאַנטע האָבן געהאַט אַנדערע זאָרגן. רעזשין האָט גערעדט פריי עברית, ווי זי וואָלט דאָ געבוירן און דערצויגן געוואָרן ווי אַ ייִדישע טאָכטער.

אינעם קינדער־גאָרטן האָט זיך עלי מיט גאָרנישט אונטער־שיידט פון די איבעריקע קינדער, ער האָט זיך פולשטענדיק אינ־טעגרירט צווישן זיי. דאָס ביסל פראַנצויזיש, וואָס ער האָט געכאָפּן פון דער מוטער אין דער היים, האָט ער מער נישט אַריינגעמישט אין זיינע רייד, ווי אין דער ערשטער צייט אין קינדער־גאָרטן, ער האָט זיך דאָרטן אויסגעלעבט צו גלייך מיט אַלעמען, געשטיפט, זיך געשפּילט און געזונגען אַלע קינדערלידער. אין דער היים האָט ער זיך איצט אויסגעלעבט אין העברעיִשן לשון, כאָטש רעזשין האָט נישט משלים געווען מיט דעם, זי האָט געוואָלט ער זאָל כאָטש פאַרשטיין איר מוטערשפּראַך, אירע עלטערן זאָלן זיך אַ מאָל קענען מיט אים צונויפרעדן. בעת אַ באַזוך ביי זיי אין פּאַריז, אין די לעצטע זומער־וואַקאַציעס, האָט זיי פאַרדראָסן הלמאי דאָס קינד

רעדט נישט פראַנצויזיש, ער איז זיך מתבודד און נעמט אָן גלייכ־גילטיק זייער צערטלעכקייט. ער אינטערעסירט זיך ווייניק מיט די מתנות און שפּילצייג, ער האָט אַ סך געוויינט און נישט אויפגעהערט זיך טוליען נאָר צו רעזשינען און געבעטן זיך אַ היים — „הביתה". נישט אָן עגמת־נפש האָט רעזשין פאַרקירצט איר באַזוך ביי די עלטערן און זיך צוריקגעקערט אַ היים צו דער פרייד פון דער אמא פרידאַ, וואָס האָט שטאַרק געבענקט נאָכן אייניקל, ווי ער האָט געבענקט נאָך איר, נאָך דער „סבתא", וואָס פלעגט זיך אין גאַנצן אָפּגעבן מיט אים, בעת ער האָט זיך געפונען מחוץ דעם קינדער־גאָרטן. די פּרעבליסטין מיט די, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט אין אַנשטאַלט, האָבן זיכער געהערט פון אַנדערע מוטערס, אַז עלי איז אַ זון פון געמישטע עלטערן, אָבער זיי האָבן גיך אויפגעהערט טרייבן רכילות און באַריידן זיינע עלטערן. די האַלטונג, דער טאַקט און פּערזענלעכע אינטעליגענץ פון רעזשינען, מיט וועמען זיי פלעגן זיך טרעפן ביים ברענגען און צוריקנעמען די קינדער אין זייערע היימען האָט זיי שטאַרק באַווירקט, זי האָט גערעדט פליסיק די זעלבע שפּראַך ווי זיי רעדן, איר אַקצענט האָט באַהנט אירע רייד, זי האָט זיך באַפריינדעט מיט די מוטערס פון די אַנדערע קינדער, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט זיך באַציִען צו איר ווי צו אַ „בייע עולה", וואָס מען דאַרף מקרב זיין. אין דעם פּרט האָט דעצידירט די פּרעבליסטין מיט אירע מיטהעלפּערינס, וואָס האָבן צונישט געמאַכט אַלע ריידערייען, זיי פלעגן וואַשן און באָדן עלין, אַזוי אַז זיי האָבן געקענט קאַטעגאָריש עדות זאָגן, אַז עלי איז אַ יידיש קינד, נישט אַנדערש ווי אַלע קינדער. זיי האָבן זיך אינ־טערעסירט מיטן גינעקאָלאָג, וואָס האָט אָפּגענומען ביי רעזשינען דאָס קינד, און ווי אַ רעגיסטרירטער מוהל אין ראַבינאַט, אים מל געווען אָן חקירות ודרישות, ביודעים אָדער שלא ביודעים וועגן אָפּשטאַם פון זיין מוטער. פאַרן גינעקאָלאָג איז רעזשין געווען קודם־כל אַ מוטער, וואָס האָט דעם ברית אויפגענומען נאַטירלעך ווי אַ זעלבספאַרשטענדלעכקייט, רעזשין איז פאַר אים געווען אַ געווינערין

אין קליניק ווי אַלע געווינערינס, אַזוי האָט יעמאָלט רעזשינס לעבנס־חכמה דעצידירט איר קינדס צוקונפט און ווילזיין אין יידישן לאַנד. חוץ דער אמא פרידאַ האָט קיינעם נישט געאַרט און נישט אינטערעסירט צי רעזשין האָט זיך יאָ אָדער נישט מגייר געווען. אינעם מענטשלעכן טיגל אין לאַנד פון דער גרויסער עליה ווערט אַזוינס פאַרווישט לכל הפחות ביז דער חתונה, ווען מען שטויסט זיך אָן אין פאַרשטיינערטע רבנישע פאַרמאַליטעטן און חקירות. נישט איין מאָל האָט רעזשין איבערגעחזרט איר טענה, אַז עלי וועט אויסוואַקסן וועט אים זיין אייגענער שכל זאָגן, וואָס צו טאָן, ווי צו האַנדלען, אויב ער וועט וועלן זיך מגייר זיין מיטן פולן באַוווסטזיין ווי אַן אויפגעהאָדעוועטער ייד צווישן יידן. אָט די טענה האָט אין אַ גרויסער מאָס אויך באַרויקט די אמא פרידאַ, וואָס האָט נאָר געבעטן זיין ליכטיקן נאָמען, זוכה זיין פירן איר אייניקל, עלי, צו דער חופה, איר אייניקל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון איר געפאַ־לענעם בכור, זיין זכר זאָל נישט אַרויסגעריסן ווערן פון דער משפחה־קייט. זי האָט זיך גענומען שפּילן מיט דער האָפנונג, אַז ניסאַנס זון וועט נישט בלייבן איר איינציק אייניקל, ניסאַן מיט רעזשינען זענען נאָך גענוג יונג איר צו שענקען נאָך אַן אייניקל, וואָס וועט טראָגן דעם צווייטן, טייערן נאָמען, וואָס פאַרלאָזט נישט אירע געדאַנקען, דעם נאָמען פון איר מאַן, ניסאַנס פאָטער עליו השלום, נאָר וואָס ווייטער ווערט אַלץ מער פאַרנעפּלט אַזאַ האָ־פענונג, וואָס זי גיט נישט אויף.

זייט דעם ערשטן לעבנסיאָר פון עלין, לעבט ניסאַן איבער אַ שווערן נסיון מיט זיך אַליין. די פרייד פון יעדן באַזוך אין דער היים האָט זיך גענומען פאַרוואָלקענען מיט שטילער עצבות. ער האָט דערפילט, אַז רעזשין איז נישט די זעלביקע ווי שטענדיק, זי טראָגט אין זיך אַ פאַרבאָרגענע זאָרג, וואָס זי וואָגט נישט אַפירברענגען פאַר אים. אמת, זי דערציילט אים אַלץ, וואָס אין פאַרלאָפן אין דער היים זייט זיין לעצטן באַזוך, דאָס קינד גיט

איר גליק און פילט אויס איר לעבן, דאָס קינד אַנטוויקלט זיך גוט, ער דערקענט שוין די אמא פרידאַ, אָפּגערעדט פון איר גופא. אָט האָט ער געגומען אַרויסרעדן זיין ערשט וואָרט: — אמא. זי איז זייער באַשעפּטיקט מיט איר שטובווירטשאַפט, מיט זיין עסן און וועש, ער פאַרלאַנגט מען זאָל אים האַלטן אויף די הענט און זיך פאַרנעמען מיט אים. די אמא פרידאַ באַזוכט זי יעדן טאָג און העלפט איר אויס, אָבער עס דוכט זיך איר, אַז דאָס פאַלט שווער די אמא, זי איז נישט ביים בעסטן געזונט, זי וואָלט אַזוי פיל נישט פאַר־לאַנגט פון איר, נאָר זי קען זיך אַליין נישט קיין עצה געבן. זי האָט אויסגעמיטן דערציילן ניסאַנען, אַז נישט איין מאָל פאַרשאַפט איר די אמא עגמת־נפש, זי מישט זיך צו פיל אַריין אין איר טעגלעכן גאַנג: — „דאָס טו אַזוי, דאָס מאַך אַנדערש", זי וואָגט נישט זיך קעגנשטעלן, אַפילו ווען זי פאַרלאַנגט טאָן דאָס פאַרקערטע ווי זי וויל טאָן, באַזונדערס ווען ס'האַנדלט זיך וועגן קינד. רעזשין באַ־זוכט יעדע וואָך די „טיפּת חלב", ווו מען גיט איר אָנווייזונגען, ווי און וואָס צו טאָן, ווו מען וועגט און מעסט דאָס קינד. אָפּט באַזוכט זי אַ שוועסטער פון דער „טיפּת חלב", וואָס העלפט איר באָדן דאָס קינד און נאָך אַ מאָל ווייזן ווי זי זאָל זיך באַגיין מיט אים, נישט איין מאָל האָט זיך די אמא צוזאַמענגעשטויסן מיט דער שוועסטער באשר „זי ווייסט בעסער ווי צו באַהאַנדלען אַ קינד". עס פאַרדריסט איר, וואָס דאָס זונעלע ווייסט נישט פון טאַטן. איר איז שווער און אומעטי̇ק צו בלייבן אַליין אין שטוב אין די אָוונטן, זי קען אַפילו נישט באַזוכן איר נאָענטע חברטע מינע, וואָס איז שוין אויך אַ מוטער און האָט הילף, און דאַרף זיך נישט פאַרנעמען מיט דער שטובווירטשאַפט, אַפילו צו גייןָ איינקויפן דאָס נויטיקסטע, וועגן דעם זאָרגט איר טאַנטע שושנה. ווידער זי, רעזשין אַליין, בענקט נאָך אים און טראַכט, וואָס וועט זיין ווייטער? ווי לאַנג וועט זי קענען אויסהאַלטן אָן אים?

ניסאַן פאַרשטייט צו וואָס אירע טענות צילן, זי וואָלט וועלן ער זאָל טראַכטן און זאָרגן, אַז נאָך קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר אַרבעטן

אויפֿן ים, ווייט פֿון דער היים, זאָל ער פֿאַרלאַנגען פֿון דער שיפֿס־געזעלשאַפֿט מען זאָל אים אַריבערפֿירן אַרבעטן אויף דער יבשה, עס פֿעלט דאָרט נישט קיין אַרבעט אין די ביוראָען, מאַגאַזינען און ווערקשטאַטן, וואָס באַדינען די שיפֿן אויפֿן ים, ער איז אַ געניטער פֿאַכמאַן אין דער ראַדיאָ־קאָמוניקאַציע, וואָס פֿאַרבינדט די שיפֿן אויפֿן ים מיט דער צענטראַלע אויף דער יבשה, ער קען אויסגע־צייכנט די מעכאַניזמען פֿון אַנדערע קאָמוניקאַציע־אַפּאַראַטן, וואָס נויטיקן זיך אין רעפּאַראַטורן אָדער בייטן אָפּגעניצטע, פֿאַרדאָר־בענע טיילן, ער קען די קאָדן און שיפֿרען, ער קען גוט די מלאכה פֿון מאָרס־אַפּאַראַטן, טעלעקס־קאָמוניקאַציע וכדומה. לכתחילה וואָלט ער געקענט פֿאַרבייטן אַ פֿאַרשלאָפֿטן פֿאַך־אָפֿיצער אויף אַ נסיעה, ווען אויף דער שיף געפֿינט זיך נישט קיין אַנדערער, וואָס זאָל אים צייטווייליק פֿאַרבייטן, אַזוינס פּאַסירט אויך אין פֿאַלן פֿון דרינגנדיקע אורלויבן פֿון דעם אָדער יענעם שיפֿס־אָפֿיצער אָדער טעכניקער, אַזוינס קען פּאַסירן אַ פּאָר מאָל אַ יאָר, — וועט ער אַרויף אויף אַ שיף, אויף אַ פּאָר וואָכן אַרבעטן און זיך צוריק־קערן אויף דער יבשה, ווו ער וועט נעכטיקן און קענען פֿאַרברענ־גען זיין פֿרייע צייט אין דער היים צוזאַמען מיט זיין משפּחה. ניסאַן פֿאַרשטייט זייער גוט רעזשינעס לעבן אַליין, אָן אים. נאָך אַלעמען איז זי נאָך נישט גענוג טיף איינגעוואָרצלט אינעם נייעם לעבן, אויף אַ נייעם באָדן אַ פּשיטא. נאָך דעם ווי איר איינציקע, אינטימע חברטע מינע, איז שוין אַליין אַ מוטער און איז מער נישט פֿריי ווי פֿריִער צו פֿאַרברענגען מיט איר.

ווי לאַנג וועט נאָך די אמא פֿרידאַ קענען זיך אַזוי אָפּגעבן מיט זיין היים? די אמא עלטערט זיך, איר געזונט איז שוואַך, פֿאַר זיך איז זי דאָך אויך אַליין און וועט זיך נישט איין מאָל נויטיקן אין מינימאַלער הילף. עס לייגט זיך אים בכלל נישט אויפֿן שכל, אַז זיין אמא קען אָפּילו טראַכטן צו פֿאַרברענגען אירע עלטערע יאָרן אין אַן עלטערן־היים, ווי עס טוען אַנדערע פֿרויען אין אַזעלכע אומשטענדן, ווען זיי האָבן נישט קיין ברירה, ווען זיי האָבן נישט

אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן. ניסאַן ציטערט אויף, אויב די אמא וועט חלילה פאַרשלאָפן, און נישט האָבן ווער ס׳זאָל איר דערלאַנגען אַ גלאָז וואַסער אָדער רופן אַ דאָקטאָר ביי נאַכט. די שכנים? — ניין, אויף זיי קען מען זיך נישט פאַרלאָזן, אין בעסטן פאַל, איין מאָל און נאָך אַ מאָל, מער נישט. ווידער, ער ניסאַן אַליין, אין זיינע רייפע יאָרן, לעכצט אויך צו געניסן פון לעבן, גענוג געלעבט אויפן ים ווי אַ נזיר, אָפּגעשיידט פון אינטימקייט. אויב אין די פּאָרטן וווּ די שיף אַנקערט, גייט ער אַראָפּ אויף דער יבשה, ווי אַנדערע שיפס־מענטשן, גייט ער קיין מאָל נישט אין ביליקע פאַרוויילונגס־פלעצער אָדער נאַכטלאָקאַלן. רעזשין שטייט פאַר זיינע אויגן הונגעריק נאָך דער גאָב פון דער נאַטור, ווי ער איז הונגעריק. ער איז זיכער, אַז זי פאַרראַט אים נישט, ווי ער פאַרראַט זי נישט, אָבער אַ ווערימל עגבערט זיין מוח: — ווי לאַנג? צי קומט איר נישט אַ ביסל עולם־הזה?

אין זיינע מיטלשול־יאָרן האָט ניסאַן זייער ליב געהאַט מוזיק, ווי זיין עלטערער ברודער עלי. עלי פלעגט אים געבן מוזיק־לעקציעס אויף זיין פידל. עלי האָט שטענדיק געהאַט געדולד אין די אָוונטן, אין זיין פרייער צייט, נאָכן צוגרייטן די לעקציעס, אים לערנען שפּילן, ס׳איז אים לייכט אָנגעקומען זיך אויסלערנען נאָטן, ער האָט אויך געהאַט אַ גוטן געהער אויפצונעמען און פאַרגעדענקען ניגונים. צו זיין בר־מצוה האָט אים דער פאָטער איבערראַשט און געבראַכט אַ מתנה — אַ פידל, ביידע, ער מיטן ברודער, האָבן גענומען שפּילן צוזאַמען ביי פאַרמאַכטע פענצטער, נישט צו שטערן די רו פון די שכנים מיטן איינחזרן גאַמעס. ניסאַן דערמאָנט זיך יענע „קאָנצערטן", ווי זיי וואָלטן געווען מיט דורות צוריק.

דער ברודער איז אָוועק, די אמא האַלט זיין פידל פאַרמאַכט אין אַ שייד אין דער זעלבער שאַפע ווי פריִער, זי האַלט זי צוזאַמען מיט זיין פּאַק נאָטן. זייט ער איז אַרויף אויפן שיף, געפינט זיך זיין פידל אויך אין אַ שייד, אין דער זעלבער שאַפע נישט באַרירט. ווען האָט ער צייט זיך צו פאַרנעמען מיט מוזיק? ווען ער פלעגט

די ערשטע צייטן קומען אַ היים פון אַ ים־רייזע, פלעגט ער צייטנ־ווייז נאָך געפינען געדולד אַ ביסל צו שפּילן, אָבער ער האָט גיך אויפגעהערט, ער האָט נישט געקענט צוזען דער אמא'ס עצבות מיט אירע פייכטע אויגן. נאָך דער חתונה האָט ער נישט געוואָגט מיטנעמען מיט זיך די פידל אין זיין אייגענער היים, עס האָט זיך אים געדוכט, אַז די אמא וועט פילן ווי זי פעלט אין שאַף. ער האָט וועגן דעם נישט פאַרלוירן אַ וואָרט, די אמא אויך נישט, במילא וויל ער נישט אַוועקנעמען פון רעזשינען די וויניקע פרייע שעהען פון פאַרברענגען צוזאַמען אויף אַ קאָנצערט, אין אַ טעאַטער אָדער קינאָ. ער האָט זיך נישט געגאַרט, ער האָט געוווסט, אַז ער דאַרף נישט שפּילן פאַר רעזשינען, ווייל זיין „מוזיק" איז נישט געווען אַזוי געהויבן, נאָך לאַנגע יאָרן נישט נעמען די פידל אין האַנט, זענען זיינע פינגער מער נישט געווען עלאַסטיש ווי פריער. אם־ירצה־השם, זיין זונעלע וועט אויסוואַקסן, וועט ער אים שענקען די פידל ער זאָל זיך לערנען שפּילן, אויף דעם וועט די אמא אָן שום ספק מסכים זיין, אָבער נישט דאָס האָט געעגבערט זיין מוח.

אין אַ שעת־הכושר האָט ניסאָן געכאַפּט אַ שמועס מיט זיין קאַפּיטאַן וועגן פאַרלאָזן די שיף. ער האָט געשטאַמלט און דער־ציילט דעם קאַפּיטאַן הלמאי ער וויל פאַרלאָזן די אַרבעט אויפן ים. ער פילט, אַז אָן אים וועט זיין היים צעשטערט ווערן, זיין קינד וואַקסט אָן אַ פאָטער, זיין מוטער איז אַלט און וועט לאַנג נישט קענען זיך פאַרנעמען מיט זיין זון, זיין יונגע פרוי איז איינזאַם, נישט געגווג אַריינגעוואַקסן אין דער סביבה. כאָטש ביז איצט פאָ־דערט זי נישט ער זאָל פאַרלאָזן די שיף, אָבער ער פילט, אַז זי וועט ווייטער אַזאַ מצב לאַנג נישט אויסהאַלטן אַליין, ער וויל איר מקדים זיין, כאָטש ער ווייסט, אַז ס'וועט דויערן לאַנג ביז ער וועט קענען משלים זיין מיטן פאַרלאָזן די רחבות פון ים, וואָס איז אַ שטיק פון זיין לעבן, ער האָט ליב דעם ים ווי אַ פויער זיין פעלד, זיין באָדן אונטער די פיס. די אַרבעט אויפן שיף איז אים צום האַרצן, ער איז אָפּגעוווינט פונעם טומלדיקן לעבן אויף דער יבשה,

מיט אַ סופיט אַנשטאָט די אָפענע הימלען איבערן קאָפּ. דעם אמת געזאָגט, איז אים גאָרנישט לייכט צו פאַרברענגען אויף דער יבשה אַפילו די ווייניקע טעג פון זיינע וואַקאַציעס, כאָטש ער פילט זיך גליקלעך אין יענע טעג, ווען ער איז צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד. די לעצטע צייט פאַרשאַפט אים דאָס קינד עגמת־נפש, ער וויל נישט בלייבן אויף זיינע הענט, ווען ער טוליעט אים צו זיך, ער איז אים פרעמד, די זעלבע עגמת־נפש האָבן זיין אמא און זיין פרוי, ער זעט אין זייערע אויגן פאַרוואורף, כאָטש ביז איצט האָבן זיי געשוויגן, ווייל זיי ווילן נישט פאַרשטערן זיינע באַזוכן אין דער היים.

דער קאַפּיטאַן, וועמען זיינע נאָענטע האָבן גערופן מיט זיין יידישן נאָמען, רון, איז געווען אַ ים־וואָלף, אַ לאַנגע צייט אויפן ים, נאָך פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע ווי אַ מאַטראָס אין מיטן די דרייסיקער יאָרן, דערנאָך ווי אַ ים־אָפיצער אויף דער יידישער פּאַסאַזשיר־שיף „ציון", וואָס האָט קורסירט פון חיפה קיין טריעסט און צוריק קיין חיפה. ער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס אַ קאַפּיטאַן אויף אַ שיף נאָכן באַפרייונגס־קריג. זיין אויסבילדונג און נסיון האָט ער אויסגעברייטערט אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן אויף קליינע מעפּילים־שיפן, שברי־כלים, וואָס מען האָט גערופן „מולטערס". ער איז געווען אַקטיוו אין דער בריחה־באַוועגונג זייט 1945. אין 1940 ווען די קליינע ים־נאַוויגאַציע פון ארץ־ישראל איז פאַרגליווערט געוואָרן, האָט ער זיך מאָביליזירט אין בריטישן מיליטער לויטן רוף פון די נאַציאָנאַלע מוסדות, מיט דער האָפנונג צו דינען אַ יידישער איינהייט אין דער בריטישער אַרמיי. אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזן אַנדערש. די בריטישע מיליטער־מאַכט, האָט לכתחילה געשיקט די טויזנטער יידישע וואָלונטערן פון ארץ־ישראל אין צווייט־ראַנגיקע מיליטערישע איינהייטן. אים, דעם קאַפּיטאַן רון, האָט מען יעמאָלט באַשטימט דינען אין אַ בריטישער ים־עסקאַדרע אויפן מיטללענדישן ים.

די בריטן האָבן זיך אַרויסגעדרייט, נישט אָפּגעזאָגט שאַפן יידישע מיליטער־באַטאַליאָנען, אָבער זיי האָבן אַזאַ דעציזיע אָפּ־געשלעפּט ביז די לעצטע יאָרן פון דער וועלט־מלחמה. זיי האָבן לכתחילה נישט געקענט געדייען און נישט געוואָלט אָנערקענען נישט די ווייס־בלויע פאָן, נישט דעם מגן־דוד אַלס אָפיציעלע, נאַציאָנאַלע יידישע סימבאָלן, וואָס די טויזנטער פרייוויליקע יונגע לייט פון ארץ־ישראל, מענער און פרויען וואָלטן זיכער געברויכט אַלס זייערע נאַציאָנאַלע, מיליטערישע קענצייכנס אין דער אַרמיי. די בריטן האָבן נישט איגנאָרירט יידישע אָפיצערן ביז הויכע קאָלאָנעל־ראַנגען אַלס מיליטער־אינזשיניערן, דאָקטוירים, קאָמו־פליאַזש־מומחים און אַנדערע גויטיקע פאַכלייט אין מיליטער. די יידישע זעלנער פון ארץ־ישראל האָבן נישט געוואָלט בלייבן אָנאָנים, זיי האָבן אויך נישט געוואָלט מוותר זיין אויפן אַקטיוון אָנטיילנעמען אין מיליטערישע, אָפּעראַטיווע אַקציעס אין שלאַכטן אויף די פראָנטן קעגן דעם נאַצי־פאַשיסטישן שונא, וואָס האָט זיך דורכן מערב־מדבר דערנענטערט צו די גרענעצן פון מצרים, נישט ווייט פון ארץ־ישראל, ווו דער יידישער ישוב האָט געפיבערט און זיך געגרייט צו אַ מלחמה אויף לעבן און טויט. די פרייוויליקע יידישע זעלנער אין בריטישן מיליטער האָבן זיך געטרייסט מיטן באַוווסטזיין, אַז זייער דינסט אין קריגסבאַזעס, פליפעלדער, לופטאָפּווער, מאַגאַ־זינען, טראַנספּאָרט, אויסשפּירדינסט וכדומה זענען לעבנסנויטיק פאַר דער מלחמה־אָנשטרענגונג. דאָס געמלעכע האָבן זיי געוווּסט ווי צו לערנען, ווי זיך צו באַקענען און באַגיין מיט געווער פון פאַרשידענע קאַליבערן וואָפן, וואָס אַזוינס איז פריִער נישט מעגלעך געווען אין דער הגנה, שפּעטער אינעם פּלמ״ח, וואָס האָבן געגנוג קרבנות מקריב געווען אויף דער יבשה און אויפן ים, אַזוי לאַנג, ביז די בריטישע מאַכט האָט באַוויליקט אָנערקענען און דערמעג־לעכן די שאַפונג פון דער יידישער בריגאַדע מיט אירע נאַציאָנאַלע קען־צייכנס, אָפיצערן און קאָמאַנדירן, וואָס האָבן נאָך באַוויזן אַקטיוו קעמפן אויף די שלאַכטפראָנטן און צוזאַמען מיטן בריטישן מיליטער

אַריינמאַרשירן אין איטאַליען און דייטשלאַנד, ווו זיי האָבן, ביזן אויסלעשן זיך פון דער מלחמה, מיט אַלע לעגאַלע און נישט־לעגאַלע מעגלעכקייטן מסירת־נפשדיק געראַטעוועט נישט ווייניק יידן פון דער שארית־הפליטה פון די דייטשישע טויט־לאַגערן און בייגעטראָגן זייער חלק אין דער העפּלה און בריחה קיין ארץ־ישראל.

יידישע חיילים פון ארץ־ישראל, מענער און פרויען, האָבן אויס־גענוצט זייערע שפּראַך־קענטענישן, זייערע ידיעות, ראַנגען און אוני־פאָרמען זיך צו מאָביליזירן און אַראָפּלאָזן ווי פּאַראַשוטיסטן, צו ווירקן הינטער די פראָנטן פונעם שונא מיט דער כוונה ווי ווייט מעגלעך העלפן געפּייניקטע יידן פון אונטער דער דייטשישער האַק. יענע פון זיי, וואָס מען האָט געכאַפּט, האָבן מיט זייערע יונגע לעבנס באַצאָלט פאַר זייער גבורה און געוואַגטקייט.

רון האָט זיין נסיון אַלס קאַפּיטאַן דערוואָרבן נישט אין אַ ים־שול, נאָר מיט זיינע מעשים און שווערע נסיונות, וואָס טוען זיך נישט אָפּ פון זיין זכרון. אָט זיצט ער ביים שרייבטיש, אַקעגן אים זיינער אַ ראַדיאָ־אָפּעראַטאָר, דער יונגער אָפּיצער ניסאָן, וואָס לאָדט פאַר אים אָפּ זיינע זאָרגן.

דער קאַפּיטאַן רון קען ניסאָנס לעבנס־געשיכטע, זי איז פאַר־צייכנט אין זיין פּערזענלעכן תיק. דער קאַפּיטאַן זיצט געדולדיק מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, ער קען גוט דעם שעמעוודיקן יונגן מאַן, וואָס איז נאָך געווען אַ שילער, בעת ער, רון, איז געווען אין אַן ענלעכן מצב און פלעגט שרייבן קורצע, עמאָציאָנירטע בריוועלעך צו זיין מיידל אין פּתח־תקווה. ער פלעגט איר שרייבן, אָנגעטאָן אין אַ רעטונגס־גאַרטל אויף אַ בריטישער אַמוניציע־טראַנספּאָרט־שיף, וואָס האָט מלחמה־צייט קורסירט הין און צוריק פון אלכסנדריה של מצרים קיין חיפה און אַנדערשוווּ. דייטשישע „שטוקאַ"־אַעראָפּלאַנען פלעגן די שיף אָפּט באַגלייטן מיט באָמבעס און מינעס. די באַזעצונג פון שיף האָט זיך שטענדיק געפונען אין הויכן אַליאַרם־צושטאַנד, די מענטשן האָבן געטאָן זייער מלאכה

אין רעטונגס־גאַרטלען, ס׳איז אים געווען באַשערט אַרויסגיין גאַנץ מיטן לעבן פון יענע געפערלעכע ים־נסיעות.

קאַפּיטאַן רון האָט התונה געהאַט מיט זיין מיידל פון פּתח־תקווה באַלד נאָכן באַפרייונגס־קריג פון ישראל, איצט איז זי די מוטער פון זיינע צוויי קינדער — אַ זון, וואָס גייט אין זיינע דרכים, ער איז אַ קאַדעט, ער האַלט ביים ענדיקן אַ שול פון ים־אָפיצערן. די טאָכטער שטודירט נאַטורוויסנשאַפט אין ירושלימער אוניווער־סיטעט. וואָס זאָל ער זאָגן ניסאַגען? אים דערציילן פון זיינע נסיונות די ערשטע יאָרן נאָך זיין חתונה, ווען ער איז געוואָרן אַ פאָטער און די מוטער פון זיינע קינדער האָט אויך געחלומט, אַז ער דאַרף אָנהויבן לעבן „כאַרמאַל״ אויף דער יבשה, גענוג געַרבראַכט אויפן ים, ער איז דאָך שוין אַ פאָטער. זאָל ער אים דערציילן, אַז אָן אַ ים וואָלט זיין לעבן נישט געווען קיין לעבן, אַז אינעם אָנבליק פון איבערגעלעבטן, איז ער געווען פאַרכאַפּט פון אַ טיפן ווילן צו העלפן מיט לייב און לעבן בויען אַ יידישן ים־וועזן, אַ יידישן פלאָט, וואָס זאָל שווימען פריי איבער ימים. אַלע עינויים, וואָס ער מיט זיינס גלייכן, האָבן דורכגעמאַכט אויף די העפּלה־„מולטערס״, אונטער די רערן פון האַרמאַטן פונעם בריטישן קריגס־פלאָט אין מיטללענדישן ים און „ספּיטפייער״־אַעראָפּלאַנען איבערן קאָפּ האָבן דאָך עפּעס איבערגעלאָזן אין באַ־ווסטזיין. ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו רעדן פון זיין לעבן אויפן ים מלחמה־צייט. זאָל ער אים דערציילן, וואָס עס האָבן יענע צייטן איבערגעלעבט די געראַטעוועטע יידן־לאַדונגען פון די קאַ־צעטן, האַלב הונגעריקע, דורשטיקע, געפּייניקטע פון היץ, — זיי, מיט עופּעלעך אויף די הענט פון די מוטערס, זיי אַלע, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט צונויפגעפּרעסטע ווי הערינג אויף פּריטשעס אין דומפּיקע, שמוציקע קעלערן פון שיפן און „אף על פי כן״, (ווי אַזאַ שיף האָט געהייסן אין יענער צייט) צוגעשווומען צום ברעג פון בת־גלים, צו פוסנס פון דער הייל פון אליהו הנביא אויפן כרמל, און איידער די בריטישע צוררים־פּאַראַשוטיסטן, האָבן באַ־

וויזן קומען, האָט מען באַוויזן די גאַנצע „יידן־לאַדונג״ אויף הענט און אַקסל אַראָפּנעמען פון שיף און צעשפּרייטן צווישן די תושבים פון דעם נאָענטן קוואַרטאַל. זאָל ער אים דערציילן זיין איבער־מענטשלעכע שפּאַנונג, אַנשטרענגונג און אחריות פאַרן לעבן פון יענע מעפּילים, וואָס האָבן געגלויבט אין אים ווי אין אַ גאָט, אָדער געהאַלטן פאַר אַ כישוף־מאַכער? פון זיך אַליין האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַ קרעכץ ממעמקים, ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט ניסאַנען:

— מיר׳ן ענדיקן אונדזער שמועס נאָך דיין אָוונטשיכט. קום אַריין צו מיר אין קאַבינע.

דעם זעלבן אָוונט נאָך אַ גלעזל קאָניאַק, זענען ביידע ווידער געזעסן פון ביידע זייטן פונעם זעלביקן טיש. ניסאָן איז געווען רויִקער, דרייסטער, און געקוקט זיין קאַפּיטאַן גלייך אין די אויגן, ער האָט אויסגעקוקט זיין וואָרט און עצה. דאָס מאָל האָט גערעדט דער קאַפּיטאַן און ניסאָן האָט געשלונגען זיינע רייד.

— קצין ניסאָן, איך רעד איצט צו דיר נישט ווי דיין קאַפּיטאַן, נאָר לאָמיר זאָגן, ווי דיינער אַן עלטערער חבר. איך ווייס, אַז אויף נישט־יידישע שיפן קענען נישט פאָרקומען אַזעלכע אינטימע שמועסן צווישן אַ קאַפּיטאַן מיט איינעם פון דער מאַנשאַפט, אָבער מיר זענען יידישע ים־מענטשן, מיט אַן אַנדער, מער מענטשלעכן צוגאַנג איינער צום צווייטן. — דער קאַפּיטאַן האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול, גענומען שפּרייזן הין און צוריק אין דער ענגער קאַבינע און ממשיך געווען:

— כאָטש דו האָסט מיר בפירוש נישט געזאָגט, אַז אונטערן דרוק פון דיינע אומשטענדן האָסטו די כוונה צו פאַרלאָזן די שיף, האָב איך דיך, ליבער ניסאָן, אויפמערקזאַם אויסגעהערט ווי מען זאָגט „איגשא באינשא פגש״, איך פיל מיט דיינע זאָרגן, איך פאַר־שטיי גוט דיין געמיט, מיטן שווערן נסיון, וואָס עס שטייט פאַר דיר. איך בין אַ מאָל אויך געווען אַ יונגער מאַן, אַ יאָר נאָך מיין חתונה. ווען מיין ערשט קינד איז געבוירן געוואָרן, האָט זיך זיכער

מיין יונגע פרוי אַרומגעטראָגן מיט די זעלבע מחשבות, זאָרג און עול ווי דיין רעזשין, נאָר זי איז געבוירן געוואָרן און זיך אויפ־געהאָדעוועט אין פתח־תקווה, נישט אין פּאַריז, זי איז אַרויסגע־וואַקסן פון דער טיף פונעם פריערדיקן פאָלקסטימלעך־חלוצישן ישוב אין ארץ־ישראל. ביזן אויפקום פון דער יידישער מדינה האָט מיין פרוי איבערגעלעבט און מיטגעמאַכט אַלע פרייד, אַלע ליידן און געראַנגלען, וואָס די יידישע יוגנט האָט יעמאָלט דורכגעטראָגן, זי איז אַפילו געווען אַ חיילת אינעם באַפרייונגס־קריג, אַזוי אַז זי האָט איר מצב, אַלס פרוי פון אַ ים־אָפיצער, אויפגענומען לייכטער ווי דיין רעזשין. זי האָט אַלץ אַריבערגעטראָגן און אויפגעהאָדעוועט אונדזער זון און טאָכטער, וואָס זענען נישט ווייט פון חתונה האָבן. די לעצטע יאָרן, בעת מיינע קינדער זענען אויסגעוואַקסן און האָבן געקענט זיך אַליין אַן עצה געבן, אָן דער מוטערס הילף, פלעגט זי אַ פּאָר מאָל אַ יאָר מיטפאָרן מיט מיר אויף דער שיף, ווו זי האָט זיך אַ סך דערוווּסט, געזען לעבדער ווו מיר האָבן געאַנקערט און בעסער פאַרשטאַנען אונדזערע בחורים, וואָס האָבן זיך געלאָזט אַרבעטן אויף שיפן, כאָטש אויף דער יבשה האָבן זיי געקענט גע־פינען אַרבעט און האָבן אַ לייכטער לעבן. זי האָט געלערנט, אַז אונדזערע בחורים זענען אין אַ גרויסן טייל מער אינטעליגענט ווי זייערס גלייכן אויף נישט־יידישע שיפן. זיי זענען אַרויף אויף דער שיף, געקומען צום ים מיט אַ ציל, מיט אַן אויפגאַבע, באַ־הויכט מיטן ווילן צו העלפן בויען אונדזער יונגע מדינה, מיטן צוטראָגן זייער חלק אויפן ים, מיר זאָלן האָבן אַן אייגענעם יידישן פלאָט, דאָס זענען געווען בחורים, וואָס האָבן דורכגעמאַכט גע־ראַנגלען מיט מלחמות, ווו זיי זענען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. די ערשטע פון זיי זענען געקומען פון דער הגנה, פלמ״ח און „פלים״, פון צה״ל, אַפילו פון הויכשולן, יעדערער מיט זיין באַוווּסטזיין עפּעס מקריב זיין פון זיין פערזענלעך לעבן. מיין פרוי האָט געזען ווי אַ טייל פון זיי לייענען ביכער אָדער לערנען אין זייערע פרייע שעהען, בעת נישט־יידישע ים־מענטשן שלאָפן איין מיט פאַרנאָ־

גראַפישע זשורנאַלן, אויב זיי לייענען עפּעס בכלל אין זייער פרייער צייט. אונדזערע בחורים שיכורן נישט און ווילדעווען נישט אויף דער יבשה, בעת זיי שטייגן אַראָפּ אין פרעמדע האַפנס, זיכער נישט אין ישראל. זעסטו, ניסאַן, אַז פאַר זיך, זע איך אין זיי עפּעס פון אונדזער „אתה בחרתנו", כאָטש איך וויל עס נישט. איך וויל מיר זאָלן זיין און לעבן נאָרמאַל ככל הגויים, אָבער מענטש־לעך און קולטורעל, מיר זאָלן נישט פאַרשעמען אונדזער יונגע יידישע מדינה.

— פון מיין זייט וועל איך נישט לייגן קיין שטיינער אין דיין וועג, מיין עצה איז: בעט אַ יאָר וואַקאַציע אויף דער יבשה מיט אַ תנאי, מען זאָל דיך אין דעם יאָר באַשעפטיקן אין דער שיפס־געזעלשאַפט ביי דיין פאַך, וואָס איז אויך נויטיק אויף דער יבשה, זאָלסט ווייטער פילן די נאָענטקייט און אַטמאָספער פון ים, דו זאָלסט זיך נישט דערווייטערן פון דער שיף, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען דיין היים. די שיפס־געזעלשאַפט האָט דאָך איר אייגענעם ראַדיאָ־דינסט אויף דער יבשה, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַלע שיפן, דיין אַרבעט אויף דער יבשה וועט באַרויִקן דיין רעזשין און וועט זיין דיין נסיון. איך באַדויער, וואָס איך וועל דיך בקרוב מער נישט זען ווי שטענדיק אין דער ראַדיאָ־קאַבינע פון מיין שיף, ווו מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק. ווי ס'זאָל נישט זיין, ווינטש איך דיר הצלחה און וועל דיך באַגלייטן מיט די בעסטע רעקאָמענדאַציעס.

דער קאַפּיטאַן האָט אים אויסגעשטרעקט זיין האַנט און צוריק אַרויפגעצויגן זיין שטרענגע מראה פון דיסציפּלין, ער האָט גענומען אַ בינאָקל און זיך געלאָזט גיין צום קאָמאַנדאָ־בריקל. דער צוזאַמענ־טרעף האָט זיך פאַרענדיקט אָפיציעל: — „שלום, קצין ניסאַן". ניסאַן איז אים נאָכגעגאַנגען אַ פאַראומערטער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, מיט אַ שווער געמיט.

בעת איינעם פון אירע באַזוכן ביי מינען, האָט זיך רעזשין באַ־

קענט מיט אַ סטודענט, וואָס האָט שטודירט אַעראָנאַוטיק אין חיפער פּאָליטעכניקום, אַ חבר פון מינעס מאַן. דער סטודענט איז עולה געווען קיין ישראל מיט אַ פּאָר יאָר צוריק צוזאַמען מיט זיינע פאַרמעגלעכע עלטערן, אָפּשטאַמיקע, אַלטע תושבים פון קאַזאַבלאַנקאַ, ווו זיי האָבן געפירט עקספּאָרט־און אימפּאָרט־געשעפטן. אין די 50־קער יאָרן האָט דאָרטן גענומען אָנקוועלן אַ פּאַרטייעטע שנאת־ישראל, וואָס די מאַראָקאַנער מאַכט האָט לכתחילה פאַרקוקט, אָבער די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע פון קאַזאַבלאַנקאַ האָט אין דער שטיל געהעצט די מאַראָקאַנער סוחרים צו דערגיין די יאָרן די יידישע סוחרים פון זייער בראַנזשע. די יידישע סוחרים זענען געווען געניטער פון די מאַראָקאַנישע, זיי האָבן געהאַט גוטע פאַרבינדונגען מיט האַנדלס־מערק אין אויסלאַנד. ס'איז געווען שווער צו קאָנקורירן מיט זיי, דערפאַר האָט מען אויף זיי אַרויפגעלייגט שווערע שטייערן און פאַרפלייצט מיט ביוראָקראַטישע שטערונגען, פון וואָס די יידן האָבן זיך אָפּט אַרויסגעדרייט מיט שוחד. וואָס מער די אַנטי־יידישע נגישות זענען געשטיגן, איז געשטיגן די הויך פונעם שוחד, נישט אויסצו־האַלטן.

דעם סטודענטס פאָטער, מעסיע אַלבערטאָ זגול, האָט געהאַט גוטע האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט עקספּאָרטערן פון ישראל, פון וועמען ער האָט באַצויגן פאָספאַטן, צעמענט און כעמיקאַליען, ווי אַנ־דערע יידישע סוחרים אין קאַזאַבלאַנקאַ. ער האָט אויסגענוצט זיינע פאַרבינדונגען מיט וועמען מען האָט געדאַרפט און דורך וועגן און אומוועגן אַרויסגעשיקט קיין ישראל אַ גרויסן טייל פון זיין פאַר־מעגן, וואָס ער האָט ביסלעכווייז ליקווידירט און פאַרוואַנדלט אין מזומן, די שיריים האָט ער איבערגעלאָזן קרובים, וואָס האָבן נישט געהאַט דעם מוט אים נאָכטאָן, כאָטש זיי, ווי אַנדערע יידן, האָבן געפילט ווי די ערד טרייסלט זיך אונטער זייערע פיס. אַלבערטאָ זגול מיט זיין פרוי סולטאַנאַ, מיטן בן־יחיד מאַרקאָס, זענען עולה געווען קיין ישראל און זיך באַזעצט אין תל־אביב. אַלבערטאָ זגול האָט זיך חדשים לאַנג אַרומגעדרייט אויף די געלטבערזעס, ביז ער

האָט זיך אַריינגעגלידערט אין די דאָרטיקע עקספּאָרט־אימפּאָרט עסקים, נישט אָפּגעשטאַנען פון וותיקים פון דער בראַנזשע.

דער זון, מאַרקאָס, האָט זיך אויסגעלעבט אין אַנדערע וועלטן ווי זיינע עלטערן. ער האָט דורכגעמאַכט אַ פּאַרקירצטע דינסט אין צה"ל, ווו ס'האָט אים שטאַרק געלאָקט לופטפליעריי, בעת דער פאָטער האָט געמיינט אים אַריינציִען אין זיינע עסקים, ער זאָל מיט דער צייט אים קענען ירשענען. אָבער נאָך ווידעראַנאַנדן און האַרבע וויכוחים, האָט ער נאָכגעגעבן זיין פאַרלאַנג, ער זאָל אויס־נוצן זיין מאַטורע־צייגניש און גיין לערנען אַעראָנאַוטיק אין פּאָלי־טעכניקום. ער האָט געצילט צו ווערן אַ לופטפליער אין צה"ל, לכל־הפחות אין „אל־על". די עלטערן האָבן משלים געווען מיט זיין ווילן מיט דער כוונה, אַז דער זון וועט ווערן אַן אינזשיניער אין דער אַעראָ־אינדוסטריע, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען אין איר אָנהויב אין ישראל.

דער סטודענט האָט זיך גיך אויסגעלערנט געננג עברית פאַר זיינע לימודים, בעת אין זיין היים האָט געהערשט דאָס פראַנצוי־זישע לשון, וואָס די עלטערן האָבן מיטגעבראַכט פון מאַראָקאָ צו־זאַמען מיט אַראַביש. זייער אַמאָליק לערנען לשון־קודש, מקיים צו זיין יידישקייט, האָט זיי פאַרלייכטערט אויסצולערנען דאָס ביסל נויטיקע עברית זיך צו באַנוצן אין גאַס און געשעפטן, נישט מער, ווי אַלע נייע עולים פון לעוואַנט אין יענער צייט.

דער סטודענט האָט זיך צוגעאייגנט דעם נאָמען „יצחק" אַנשטאָט „מאַרקאָ", ווי די עלטערן און באַקאַנטע האָבן אים גערופן. נאַטירלעך האָט ער גערעדט עברית מיט זיינע חברים און פּראָ־פעסאָרן מיט אַ שאַרפן פראַנצויזישן אַקצענט, נאָר, אַז עס פלעגט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט זיך צונויפרעדן אין דער פריִערדיקער מוטערשפּראַך מחוץ דער היים, — איז מה־טוב. דאָס פראַנצויזישע לשון האָט אים דערנענטערט צו רעזשינען און פאַרשטאַרקט זייער פריינדשאַפט, לכתחילה אָן שום כוונות. ער האָט געוווסט, אַז רעזשין איז שוין אַ מוטער פון אַ זון און אַז איר מאַן איז אַ ים־אָפיצער,

וואָס באַזוכט די היים אַ פּאָר מאָל אין חודש אויף געציילטע טעג. שוין אין זיינע ערשטע טרעפונגען מיט איר האָט ער דערפילט, אַז זי איז איינזאַם, אויסגעהונגערט נאָך געזעלשאַפט און חברשאַפט, כאָטש זי האָט גערעדט נאָר וועגן איר ניסאַן און זונעלע עלי, וואָס פילט אויס איר לעבן און פאַרלייכטערט איר די טאָג־טעגלעכע גרויע טעג און היימישע פליכטן. ער האָט זיך אויך דערוווּסט וועגן דער אמא פרידאַ, וואָס פאַרברענגט ביי איר גאַנצע טעג, אָבער אין די אָוונטן בלייבט זי אַליין.

רעזשין האָט געבליט ווי אין דער יוגנט, איר רייפקייט האָט איר צוגעגעבן מער רייץ מיט מער חן. דעם סטודענט יצחק האָט זיך עפּעס געגומען שפּינען הינטערן באַוווּסטזיין, אויב ער האָט זיך נישט פאַרגונען פאַרנאַכלעסיקן זיינע לימודים, האָט ער מוותר געווען אויף זיינע אָוונט־פאַרוויילונגען און טרעפונגען מיט חברים און סטודענטקעס, וואָס האָבן אים געהאַלטן אויפן אויג און דמיון, וואָרום יצחק איז אויך געווען אַ שיינער, געשטאַלטיקער בחור, מיט אויסדרוקספולע אויגן און מאַטער הויט. זיינע אָריענטאַלישע תנועות מיט די הענט ביים רעדן, האָבן נישט געשטערט די באַ־פריינדעטע סטודענטקעס צו זוכן וואָס מער צו פאַרברענגען מיט אים. מיט אַ מאָל האָט ער געגומען פאַרשווינדן, מען האָט אים זעלטן געטראָפן נאָך די לימודים. זיינע תירוצים, אַז ער „לערנט אַ סך", האָט זיך זיי נישט געלייגט אויפן שכל, אָבער זיי האָבן געמוזט משלים זיין מיט דעם, זיך באַגנוגנט נאָר מיט דמיון און מיט פאַרנעפּלטע חלומות וועגן תכלית, וויטע פון עראָטישע מחשבות.

אין די אָוונטן איז יצחק געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביי רעזשי־נען. די פּרוטה האָט אים נישט געפעלט, די עלטערן פלעגן אַלע צוויי וואָכן פינקטלעך שיקן זייער טשעק. ער פלעגט ברענגען שפּילצייג פאַר עלין, ווען ער פלעגט זען שלאָפנדיק אין בעטל. בעת זיינע שפּעטערדיקע באַזוכן פלעגט רעזשין שמועסן מיט אים פון איר פּאַריז, פון איר אַרבעט אין רעדאַקציע, פון איר קרייז חברים און באַקאַנטע, פון אירע עלטערן און ברודער. בעת זי

פלעגט רעדן צו אים פלעגן אירע אויגן גל׳יען, איר פנים האָט זיך געררויטלט און די לאָקן פון קאָפּ פלעגן פאַלן אויף איר שטערן, וואָס זי פלעגט מעכאַניש, מיט די פינגער, צוריקקאַמען אויפן קאָפּ. פרי׳ער פלעגן ביידע זיצן פון ביידע זייטן טיש ביי אַ לייכטן כיבוד, שפּעטער פלעגן זיי שוין זיצן אויף דער קאַנאַפּע, נישט אַראָפּגע־נומען די אויגן איינער פון צווייטן. ער פלעגט איינזאַפּן איר דופט און זיך דערנענטערן צו איר. ביי די לעצטע באַזוכן פלעגט ער מיט די שפּילצייג פאַרן קינד מיטברענגען מתנות אויך פאַר איר, אַ מאָל פערפיום, אַ מאָל אַ קעסטעלע פּודער מיט אַנדערע צירונגס־קלייניקייטן. בדרך־כלל פלעגט רעזשין רעדן מער פון אים, ער פלעגט נאָר צוגעבן: — „סי, סי רעזשין". ביסלעכווייז האָט זיך צווישן זיי פאַרקלענערט די דיסטאַנץ, ער האָט געוואָגט נעמען איר האַנט אין זיינער. אַז ער פלעגט אַ קוש טאָן די האַנט, פלעגט זי זי צוריקנעמען און זיך פאַררוקן אין אַ ווינקל ווי אַן אָפּגעבריטע, אָבער אָן פאַרוואורף. יצחק פלעגט געניסן פון איר וואַרעמקייט און זיך אַנצינדן, זיין בלוט האָט גענומען גל׳יען און שלאָגן צום פנים, די אויגן פלעגן זיך פאַרנעפּלען. איין מאָל ווען ער האָט זיך דער־נענטערט צו איר און פּרובירט זי אַריינגעמען אין זיינע אָרעמס, איז זי אַ רגע געבליבן פאַרגליווערט, ביז זי האָט זיך אויך אָנ־געצונדן, פאַרכאַפּט פון לוסט, נאָר אין דער רגע האָט זיך דאָס קינד אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי — אמא! רעזשין האָט זיך בליץ שנעל באַזינט, זי האָט זיך אַרויסגעדרייט פון זיינע אָרעמס, אויפ־געשפּרונגען און נישט קוקנדיק אויף אים שאַרף געזאָגט: — „באָן סואַר, יצחק, איך בין מיד, אַ גוטע נאַכט".

יצחק האָט זיך אויסגעניכטערט, ער האָט דערפילט, אַז ער איז אַוועק צו ווייט, איר געענטפערט, „שלום, רעזשין" און שטיל פאַר־לאָזן איר דירה נאָר בלויז מיטגענומען מיט זיך איר דופט און וואַרעמקייט, וואָס דער קילער ווינט האָט גיך פאַרטריבן פון אים.

צו מאָרגנס אין דער פרי איז אָנגעקומען אַ ראַדיאָגראַמע פון שיף: — „איך קום פאַר נאַכט, ניסאָן".

ביידע, זי מיט יצחקן, האָבן זיך געראַטעוועט.

יענעם אָוונט האָט זי ניסאַן געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, דאָס קינד איז נאָך געווען וואַך, די אמא פרידאַ האָט געגרייט אָוונט־עסן אין קיך.

ניסאַן מיט רעזשינען האָבן די לעצטע חדשים, צווישן זיך, אין זייערע בריוו, נישט דערמאָנט וועגן זיין פאַרלאָזן די שיף, זי האָט אַזוינס נישט געוואַגט, דירעקט, פאָדערן פון אים. זי האָט געוווּסט, וואָס אַזוינס דאָס מיינט פאַר אים, ס׳איז איר אויך נישט געווען קלאָר, צו וואָס ער וועט קענען זיך נעמען אויף דער יבשה. זי האָט נישט געוווּסט פון ניסאַנס שמועס מיטן קאַפּיטאַן. זי האָט זיך געקענט שווער פאָרשטעלן, ווי, און ווען ער וועט געפינען אַרבעט אָנצוהויבן אַלץ פון ס׳ניי און ווי אַזוי ער וועט זיך צופּאַסן צו אַ נייעם לעבנס־שטייגער, אָבער ניסאַן האָט פון אירע אָפּטע אָנדייטונגען פאַרשטאַנען, צו וואָס זי צילט. ער האָט געפילט, אַז לענגער וועט זי מער נישט קענען בלייבן אַליין, האָט ער באַשלאָסן, וואָס ער האָט באַשלאָסן, ווייל די עצה פון קאַפּיטאַן צו מאַכן אַ נסיון אויף דער יבשה, אַרבעטן אין דער זעלבער שיפס־געזעל־שאַפט און ווייטער בלייבן צוגעבונדן צום ים, האָט אים דערמונ־טערט און אַרויסגענומען פון פאַרלעגנהייט.

ווייזט אויס, אַז דער קאַפּיטאַן האָט אים פאַרשפּאָרט אַפּיר־ברענגען זיין פאַרלאַנג פאַרן דירעקטאָר פונעם פּערסאָנאַל פון דער שיפס־געזעלשאַפט, ער האָט עס געטאָן, געמאַכט בעסער פון אים און געפועלט, ווייל זיין מיינונג האָט געהאַט געוויג וואָג און השפעה, ער איז דאָך געווען איינער פון די עלטסטע יידישע קאַפּיטאַנען. ער, דער קאַפּיטאַן, נישט די אַדמיניסטראַציע, האָט גוט געקענט זיינע מענטשן, ער האָט געלעבט און פאַרבראַכט מיט זיי צוזאַמען, ער האָט געוווּסט פון זייערע פּראָבלעמען און זאָרגן, ער איז געווען זייער מדריך, זייער דערציִער, ער האָט געוווּסט זייערע מעלות און חסרונות מיט אַלע שוועריקייטן צו שאַפן אַ שטאַנד יידישע ים־לייט, וואָס האָבן פריִער פון אַזאַ מעמד קיין מאָל נישט געחלומט,

אַזוי אַז זיינע לאַגישע טענות און רעקאָמענדאַציעס לטובת ניסאַנען האָבן געווירקט, און ער האָט באַקומען די באַשטימונג אַריבער־צוגיין אַרבעטן אין ראַדיאָ־דינסט פון דער שיפס־געזעלשאַפט, אויף אַ יאָר נסיון מחמת „משפחה־אַנגעלעגנהייטן”, כאָטש דער תנאי אין דער באַשטימונג איז געווען, „לעת־עתה אויף אַ יאָר נסיון אויף דער יבשה”, וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס פּוגע געווען ניסאַנס פּערזענלעכן כבוד. היתכן, ער דער געניטער, לאַנג־יאָריקער ים־אָפיצער, דער ערשטער ראַדיאָ־אָפּעראַטאָר אויף דער שיף, זאָל דאַרפן דורכמאַכן אַ נסיון?

ווען רעזשין האָט פאַר אים אויפגעמאַכט די טיר, אים דערזען באַלאָדן מיט פּעקלעך און וואַליזעס, וואָס דער שאָפער האָט אַרויס־געבראַכט פון דער טאַקסי, האָט זי גאַרנישט געפרעגט, איר אינ־סטינקט האָט זי נישט אָפּגענאַרט, נאָר אין דער רגע איז זי געוואָרן שטאַרק עמאָציאָנירט, אַלץ איז פאַרגעסן געוואָרן, דער עפּיזאָד מיטן סטודענט יצחק איז אַוועק מיטן ווינט ווי ער וואָלט קיין מאָל נישט פּאַסירט, — אָט שטייט פאַר איר ניסאַן אַ צעשמייכלטער, אַ צו־פרידענער. די אמא פרידאַ ווישט די אויגן, זי איז נישט ווייניקער עמאָציאָנירט, גליקלעכער פון איר, דאָס זונעלע שרייט בקולי קולות: — „אמא”, דעם אבא קען ער נאָר פון די רייד פון זיין אמא און פון דער סבתא „פלידה”, פון היינט און ווייטער וועט עלי זיך אויך קענען טוליען צו אַן אבא ווי אַלע קינדער.

באַלד נאָכן באַקומען די ראַדיאָגראַמע פון ניסאַנען האָבן ביי רעזשינען גענומען אַרומשפּרינגען אירע מחשבות. דאָס ערשטע, וואָס זי האָט געטאָן, איז געווען טעלעפאָנירן די אמא פרידאַ, דער־נאָך האָט זי אינסטינקטיוו גענומען באַזייטיקן פון די אויגן די אָפּגעניצטע שפּילצייג, וואָס יצחק האָט געבראַכט פאַר עליך, ס׳רוב שפּילצייג, וואָס זענען געווען צעבראָכן און האָבן דאָס קינד מער נישט אינטערעסירט האָט זי באַזייטיקט פון דער היים, דאָס רעשט — פאַררוקט אין אַ שאַפע איבערצולאָזן ווייניק אין צימער. יענע מתנות, וואָס יצחק האָט געבראַכט פאַר איר, האָט זי פאַרשטופּט צווישן

אירע קליידער און וועש, ווו ניסאַן פלעגט קיין מאָל נישט נישטערן. זי האָט פאַרשטאַנען דאָס אַלץ אָפּטאָן איידער די אמא פרידאַ וועט קומען זיך פאַרנעמען מיטן אייניקל, זי זאָל, ווי יעדן טאָג, קענען גיין מאַכן אירע קניות, דאָס מאָל זיך אויך אַריינכאַפּן אין אַ „סאַלאָן דע ביוטי״, זיך צופּוצן לכבוד דעם גאַסט.

יענעם טאָג האָט די אמא פרידאַ נישט געהאַט צו איר די שטענדיקע טענות, הלמאי זי האָט זיך פאַרזאַמט, וואָרעם די אמא האָט געפּיבערט מיט אומגעדולד אַרומצונעמען איר זון, דעם גאַסט. די אמא פרידאַ האָט אויך נישט געוווּסט פון ניסאַנס נייע פּלענער. זי האָט געמיינט, אַז ער קומט דאָס מאָל, ווי שטענדיק, אויף אַ פּאָר טעג אַ היים ביז מען וועט אויספּאַרטיקן די שיף צו אַ נייער ים־נסיעה. וואָס די אומגעדולד איז געשטיגן האָבן זיך די שעהען געצויגן לענגער ביזן באַקאַנטן קלונג אין טיר. די איבעררשאַונג איז ביי ביידן גרויס, בעת זיי האָבן ענדלעך דערזען ניסאַנען באַלאָדן מיט זיינע פּעקלעך און וואַליזעס.

ערשט ביים אָוונטעסן, ווען זיי זענען געזעסן געמיטלעך אַרום טיש, האָט זיי ניסאַן דערציילט די פּרטים פון זיין לעצטן שמועס מיטן קאַפּיטאַן, אַז דאָס מאָל איילט ער זיך נישט ווי שטענדיק, ער בלייבט אין דער היים. מאָרגן וועט ער זיך לאָזן אין דער אונ־טערשטעטער שטאָט צו דער שיפס־געזעלשאַפט דערליידיקן אַלץ, אין שייכות מיט זיין ווייטערדיקער אַרבעט נישט אויפן ים, נאָר אויף דער יבשה, אין זיין היימשטאָט, לעת־עתה נאָר אויף אַ יאָר צייט, דערנאָך וועט מען זען וואָס ס׳וועט זיין שפּעטער. דערביי האָט ניסאַן צוגעגעבן זיין מוטערס שטענדיקן שפּרוך: — „אויף מאָרגן וועט גאָט זאָרגן״.

מען קען נישט זאָגן, אַז ניסאַן איז לכתחילה געווען צופרידן פון דער אַרבעט אויף דער יבשה. אַפילו אין אַ רחבותדיקן צימער, אין בעסערע באַדינגונגען ווי אין דער ענגער קאַיוטע אויף דער

שיף ביי די אַפּאַראַטן, צוגעשרויפטע צו אַ שמאָלן טיש, זיי זאָלן ניט אונטערשפּרינגען בעת דער ים איז אומרויִק, בעת הויכע כוואַליעס שווענקען מיט טומל דעם דעק. אין דער קאַיוטע האָט זיך ניסאַן געפילט געמיטלעך־אינטים ווי ער וואָלט זיין אַ לעבע־דיקער טייל פונעם ענגן אַרום. דאָרטן האָט ער אַזוי גוט געקענט זיין טיש מיט אַלץ, וואָס ס׳געפינט זיך אויף אים, אַז ער האָט געקענט אַרבעטן מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער איז געווען אַזוי צו־געוווינט צום רויש פון ים און רעש פון די מאַשינען, וואָס האָבן באַוועגט די שיף, אַז ער פלעגט עס פילן נאָר אין זיין הינטער־באַוווסטזיין. זיין באַוווסטזיין פלעגט אויפוואַכן נאָר בעת די סירענע פלעגט נעמען ברומען, וואָרנען און אָנזאָגן אויסנאַם־צושטאַנד, אָדער צו סאַליוטירן אַ נאָענטע, פאַרביישווימענדיקע שיף. דאָ אויף דער יבשה, אינעם רחבותדיקן אַפּעראַטיוון זאַל, איז אים נישט געווען ניחא. דאָ האָט ער אָפט געהערט ברומען סירענעס פון אַריינ־גייענדיקע און אַרויסגייענדיקע שיפן, ער האָט זיך שווער געקענט צוגעוווינען צום טומל פון דער גאַסן־באַוועגונג הינטער די פענצטער. דאָ זענען געשטאַנען לאַנגע טישן מיט כלערליי אַפּאַראַטן, באַדינט פון מער ווי אַ צענדליק מענטשן, דאָ האָבן געקלונגען טעלעפאָנען, דאָ האָבן אָן אויפהער געקלאַפּט שרייבמאַשינקעס מיט טעלעפּרינ־טערס, זייער באַדינונג פלעגט זיך איבערפרעגן בקול, דאָ זענען געווען לויטשפּרעכער, ראַדיאָ־אַפּאַראַטן מיט מאָרסן, וואָס האָבן געקלאַפּט מאָנאָטאָן־שטיל. פאַר ניסאַנען האָט דאָס אַלץ אויסגעזען ווי אַ מעכאַניזירטער בינשטאָק, אַזאַ קאָמוניקאַציע־צענטער, וואָס איז אָן איבעררייס געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט שיפן אויפן ים און מיט די דריי האַפנס פון ישראל — חיפה, אשדוד און אילת, אַפילו מיט אַנקער־פּלעצער אין אשקלון און עזה. ביי די הפסקות האָט אים געפעלט דער דעק פון שיף, וואָס האָט זיך שטענדיק געוויגט, עס האָבן אים געפעלט די פייכטע, קילע פאַרענטשן זיך אָנצושפּאַרן און נאָכפאָלגן דאָס אַרומשפּרינגען פון די דאָלפינען, ס׳האָט אים געפעלט דער אָנסופיקער הימל איבערן קאָפּ, און די

בשורה־ברענגער פון דער יבשה, — די אַלבאַטראָסן. אויף דער יבשה האָבן אויך געאַרבעט דריי שיכטן אַ מעת־לעת אָן איבער־רייס, חוץ קליינע טיי־און מיטאָג־הפסקות, נישט פּאַר אַ גאַנצער שיכט צוזאַמען, וואָרום מען האָט נישט געטאָרט איבעררייסן די פאַרבינדונג מיטן דרויסן, נישט אויף אַ רגע.

ניסאַן האָט געאַרבעט איין וואָך אין דער טאָגשיכט, אַ צווייטע וואָך אין דער נאָכמיטאָגשיכט און יעדער דריטע וואָך פון חצות ביז אין דער פרי, — די נאַכטשיכט. אויף דער שיף פלעגט ער, חוץ אין אויסנאַמס־צושטאַנד, אַרבעטן 4 שעה און 4 שעה רוען, לעזן אָדער שלאָפן, אָפט שפּילן שאַך אָדער זיך פאַרברענגען מיט נייגעריקע רייזנדער פון זיין עלטער. אין סך־הכל האָט ער איצט געהאַט גענוג פרייע צייט צו פאַרברענגען אין דער היים, שפּאַצירן און זיך פאַרנעמען מיטן זון, וואָס האָט זיך גיך צוגעוווינט צום אבא. ער האָט געפונען צייט אַרויסגיין מיט רעזשינען אין פרייע אָוונטן אין אַ טעאַטער, קאָנצערט אָדער קינאָ, אַלץ איז געווען אָפּ־הענגיק פוןביידנס מצב־רוח. רעזשין האָט געקענט אַ סך פאַרבויגן. ווען ער איז געווען שלעכט געשטימט, בעת ער איז געווען שטייפער און האָט נישט שטענדיק באַהערשט זיינע שטימונגען, וואָס נאָר רעזשינס לעבנס־חכמה מיט דער אינטימער, וואַרעמער היימישקייט, פלעגן לינדערן און בייטן צום גוטן. עס האָט גענומען לאַנגע חדשים ביז ער האָט זיך צוגעוווינט און משלים געווען מיטן נייעם לעבן, נישט ווי אַ גאַסט אויף געציילטע טעג, נאָר זיך איינלעבן צוגלייך מיט די שכנים פון דעם הויז און סביבה, ווו ער האָט געוווינט, מיט מענטשן, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען דאָס נע־ונד לעבן פון אַ לאַנג־יאָריקן ים־מענטש אויפן וואַסער, היינט דאָ, מאָרגן דאָרטן, אַ מאָל אַנקערן אין אַ האַפן פון איין לאַנד, אַ צווייטן מאָל אין אַן אַנדער לאַנד, זיך אָנצושטויסן אָן מענטשן מיט זיטן און פאַרשי־דענעם לעבנס־שטייגער, הערן פאַרשידענע שפּראַכן, מעלאָדיעס און געזאַנג. אָט די פילקאָליריקייט פאַרגיטיקט זיי פאַר ס׳רוב אומע־טיקע, גרויע וואָכן און חדשים לעבן צווישן וואַסער און הימל.

צו בעסערס געוווינט מען זיך גיך צו. אַזוי איז געווען מיט ניסאַנען. זיינע שטימונגען האָבן זיך ביסלעכווייז איינגעשטעלט צום גוטן, כאָטש אין די נעכט, אין זיינע חלומות, האָט ער ווייטער פאַרבראַכט אויפן ים, אויף דער שיף. זיין בעט פלעגט זיך וויגן ביז ער פלעגט זיך אויפכאַפּן, זיך אַוועקזעצן, אַרומקוקן און איבער־צייגן, אַז ער געפינט זיך גאָר אין דער היים, אויף זיין געלעגער, צוזאַמען מיט רעזשינען. דאָס בעט שטייט סטאַביל אויף דער ערד, רעזשין אָטעמט רויִק, אויף איר פּנים איז אויסגעשפּרייט גליק־זעליקייט, דאָס שלאָפצימער איז באַלויכטן מיט רויטלעכער ליכט פון זונאויפגאַנג, אַקעגן אים שלאָפט דער זון, ער ליגט אויסגע־שפּרייט אַלכסונדיק מיט אויסגעשפּרייטע הענטלעך אין זיין ווייס בעטל מיט באָרוועסע פיסלעך, וואָס שטעקן אַרויס צווישן די שטאַ־כעטן, וואָס פאַרהיטן אים, ער זאָל זיך נישט אַראָפּגליטשן אויפן דיל. ניסאַן נעמט שמייכלען צו זיך אַליין און טראַכט, ווי ווויל עס איז זיך צו געפינען אין דער אייגענער, רויִקער היים.

רעזשין האָט שוין געקענט שרייבן צו אירע עלטערן אין פּאַריז, אַז זי פילט זיך מער נישט איינזאַם ווי פריִער. איצט פילט זי זיך צוגלייך מיט אַלעמען, וואָס לעבן נאָרמאַל, אַ שטייגער ווי איר חברטע מינע. איר היימיש לעבן האָט זיך אויסגעגליכט מיט מינעס היימיש לעבן. מינע וווינט אין איר אייגענער דירה, נישט ווייט פון איר אָנקלס ווילע, זיי שטאַטן אָפּ קעגנזייטיקע באַזוכן. ניסאַן האָט זיך באַפריינדעט מיט מינעס מאַן. בעת די באַזוכן, שמועסן ביידע מענער פון „וועלט־פּאָליטיק", פונעם גאַנג אין ישראל, אָדער זיי שפּילן שווייגנדיק שאַך. זי מיט מינען פאַרענדיקן קיין מאָל נישט זייערע שמועסן וועגן די קינדער, היימישער גוטס אוןווירטשאַפט, וואָס עס באַשענקען זיי די בנימינים, — מינעס אָנקל און טאַנטע, צוגלייך מיט איר מאַנס עלטערן, עס גייט צווישן זיי אַ „געיעג", ווער איז מער איבערגעגעבן, ווער עס זאָרגט מער פאַר זיי. מינען דוכט זיך, אַז איר מאַנס עלטערן, דער זיידע מיט דער באָבע פון איר קינד, זענען אייפערזיכטיק אויף איר אָנקל און טאַנטע. די שוויגער האָט

איר איין מאָל אַזוי אגב־אורחאדיק אַ זאָג געטאָן, אַז די בכורה קומט זיי, די עלטערן פון איר מאַן, מרדכי, בעת די בנימיניס זענען נאָר קרובים...

בעת דאָס משפחה־לעבן האָט זיך איינגעשטעלט ביי ניסאָנען, האָט רעזשין געגומען מערקן שינויים אין די באַציִונגען פון דער אמא פרידאַ כלפּי איר. אַ שאָטן האָט זיך גענומען שפּרייטן צווישן ביידן, אַזוי ווי פריִער, איידער די אמא האָט זיך דערוווּסט פון איר שוואַנגערשאַפט. ס׳האָט זי פאַרדראָסן הלמאי ניסאָן שענקט ווידער זיין אויפמערקזאַמקייט מער צו רעזשינען ווי צו זיין מוטער, וואָס גיט זיך אָפּ מיט לייב און לעבן דעם אייניקל, צו איר, צו זייער היים. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז איר גאַנצע מי, איר ליבשאַפט און מוטערלעכע מסירת־נפש איז נישט אָנגעלייגט, זיי רעכענען זיך נישט ערנסט מיט אירע עצות, ווי זי וואָלט זיך חלילה געריסן צו ווערן די טאָן־געבערין אין איר זונס משפחה־לעבן. ניסאָן איז געווען צו פיל פאַרטאָן אין זיין אַרבעט מחוץ פון דער היים, נאָך דער אַרבעט — מיט רעזשינען און מיטן זון. זיין מוטערס אָנוועזנהייט איז פאַר אים געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, זי איז דאָך די אמא, זיין היים איז אויך איר היים. עס וואָלט אים גאָרנישט געאַרט, ווען זי פאַרקויפט איר אַלטע דירה און זיי דינגען אַ גרעסערע דירה מיט אַ באַזונדערן ווינקל פאַר דער אמא און זי ציט זיך אַריבער צו זיי, לעבן צוזאַמען ווי איין משפחה. ניסאָן האָט נישט געטראַכט, וואָס עס באַדייט פאַר דער אמא איר אַלטע דירה, ווו זי האָט פאַרבראַכט לאַנגע יאָרן פון פרייד און ליידן, ווו זי האָט געלעבט גליקלעך מיט זיין פאָטער, אים געבוירן און געהאָדעוועט זיין יונג־פאַרלוירענעם, עלטערן ברודער מיט אים. ער האָט נישט געטראַכט, אַז די אמא קען בשום אופן נישט אויפגעבן דאָס, וואָס עס איז איר פאַרבליבן פון איר אַמאָל, פון איר באַלעבאַטישקייט, פון יעדער קליינינקייט אין איר אַלטער היים, וואָס איז אַ שטיק פון איר אָנגעווייטאָגט, צעבראָכן, אינטים לעבן.

רעזשין, וואָס האָט פאַרבראַכט גאַנצע טעג מיט דער אמא

פרידאַ, האָט גענומען גוט פילן די ענדערונגען אין די באַציִונגען פון דער אמא כלפי איר. אָבער זי האָט עס פאַרשוויגן פאַר ניסאַנען. זי האָט דערפילט איר פאַרגעסענע, פריִערדיקע אייפערזוכט. די אמא האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז רעזשין האָט אויך געוואָלט זיין זעלבסט־שטענדיק אין איר היים, כאָטש זי האָט געוווסט און זיך גוט גע־רעכנט מיט דער הילף פון דער אמא פרידאַ. ווי וואָלט זי זיך אַן עצה געגעבן אָן איר?

ניסאַנס איצטיקע הכנסה איז געווען צו ווייניק צו נעמען צו הילף אַ פרוי פאַר דער הויזווירטשאַפט און זיך צו פאַרנעמען מיטן זון, אַזוי איז זי געקומען צו דער מחשבה צו גיין אַרבעטן. אירע מיט ניסאַנס איינקונפטן וועלן גענוגן צו דינגען הילף אין דער היים. לאָז די אמא זיין די באַלעבאָסטע, אויב זי וויל. זי קען אויך די אמא באַפרייען פונעם עול. בעת זי וועט זיך צוריקקערן פון דער אַרבעט, וועט די אמא קענען פאַרברענגען מיט זיי צוזאַמען אין די פרייע שעהען און אין די שבתים און ימים־טובים געניסן פון היימיש־קייט, נאָך דעם ווי זיי וועלן באַנייען זייערע באַזוכן אין איר היים, וווּ זי וועט זיין די מוטערלעכע גאַסטגעבעריןְ, ווי די ערשטע צייט נאָך איר חתונה.

מינעס מאַן, דער יונגער אינזשיניער מרדכי, האָט באַקומען אַרבעט ביים בויען די אונטערגרונטבאַן אין חיפה, די ערשטע אין ישראל. די אונטערגרונטבאַן וועט קורסירן הין און צוריק פון דער אונטערשטער, אַלטער שטאָט ביז אין דער הויך, אינעם צענטער פון כרמל. אַזוינס איז געווען אַ געוואַגט, חלוציש בויווערק, וואָס אַ פראַנצויזישע בוי־אונטערנעמונג האָט זיך אונטערגענומען אויס־פירן און העלפן פינאַנסירן מיט אַ לאַנג־טערמיניקער הלוואה און קרעדיט אויף גינסטיקע באַדינגונגען פאַרן שטאַט, וואָס האָט אַזאַ געוואַגטן פראַיעקט פאַרקלערט און איניציאירט.

לכתחילה האָט דער קבלן בנימיני געהאַט חשק פאַר אַזאַ בוי־

פּאַרמעסט, נאָר נאָך אַלע סך־הכלען און חשבונות מיט זיין בוכ־האַלטער און קרעדיט־אַנשטאַלטן, איז ער געקומען צום אויספיר, אַזאַ אַזאַ אַרבעט איז איבער זיינע מעגלעכקייטן, באַזונדערס, ווען חוץ גרויסע געלט־אינוועסטיציעס, האָט ער געדאַרפט געבן באַ־דייטנדיקע קרעדיטן דעם שטאַטראַט און צוזאַמענשטעלן אַ באַזונ־דערע פּאַכמעניש־טעכנישע ביורא, איינקויפן טייערע מאַשינען און ברענגען פון אויסלאַנד מומחים אַנצופירן און רעאַליזירן אַזאַ ווערק. דאָס אַלץ האָט נישט געפעלט אַ געוויסער פראַנצויזישער בוי־אונטערנעמונג, וואָס האָט חוץ דעם אויך געהאַט געגוג נסיון אין בויען אַזעלכע ווערק אין גרויסן מאַסשטאַב.

דער שטאַטראַט האָט מאָביליזירט אינזשיניערן און פינאַנסיעלע מומחים, צוגעצויגן צו הילף פאַכלייט פון לאַנד און אויסלאַנד. זיי האָבן אָנגעוואָרפן דעם פּרעלימינאַרן פּלאַן פון דער אונטערגרונט־באַן, דורכגעפירט נויטיקע געאָלאָגישע און טאָפּאָגראַפישע אויס־מעסטונגען, געדרילט אין דער טיף אין אַ סך ערטער אינעם גע־פלאַנטן שטריך פונעם שטח, ווו דער באַנטונעל דאַרף געגראָבן ווערן, באַקומען די הסכמה פון דער רעגירונג, פּובליקירט דעם פּלאַן אַנצוביטן קבלנים, זיי זאָלן ביז אַ באַשטימטן טערמין צו־שטעלן זייערע פאָרשלאָגן, קאַלקולאַציעס און גאַראַנטיעס צו רע־אַליזירן אַזאַ ווערק.

יענע צייט איז געווען די „האָניק צייט" פון די בעסטע, פּאָ־ליטיש־עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע באַציִונגען און קעגנזייטיקן צו־טרוי צווישן פראַנקרייך און מדינת־ישראל. אַזוי האָט די אַרבעט געוווּנען די פראַנצויזישע בוי־אונטערנעמונג, וואָס איז אָן איבע־ריקע שהיות צוגעטרעטן רעאַליזירן דאָס ווערק, לכתחילה צוצו־ציִען די נויטיקע פּאַכמעניש־טעכנישע קרעפטן אין ישראל גופא, וואָס זאָלן אינסטרוקטירט ווערן דורך זייערע מומחים פון פראַנק־רייך.

מינעס מאַן, דער אינזשיניער מרדכי, האָט פּלייסיק, אַפילו מיט התלהבות, געאַרבעט אין דער טעכנישער ביוראָ פון דער אונטער־גרונטבאַן, און אַזוי ווי די אינערלעכע ביוראָ־אַרבעט איז דורך דער אונטערנעמונג געפירט געוואָרן אין פראַנצויזישן לשון, איז אים איינגעפאַלן פאָרלייגן רעזשינען, זי זאָל דאָרטן מיטאַרבעטן אַלס פּקידה, וואָס קען גוט די ביוראָ־מלאכה, זי קען סטענאָגראַפיע, זי איז אַ געניטע טיפּיסטקע אויף אַ שרייבמאַשין און פון איר נסיון אין דער רעדאַקציע פון דער גרויסער צייטונג, ווו זי האָט געאַרבעט פאַר איר חתונה, קען זי גוט סטיליזירן בריוו מיט קאָ־מוניקאַטן אין איר פראַנצויזישער מוטערשפּראַך. פאַר דער צייט האָט זי אויך באַוויזן דערוווערבן געניג ידיעות אין העברעיִשן לשון, וואָס איז נאַטירלעך נויטיק צו קענען אין אַזאַ ביוראָ.

פריִער האָט רעזשין פאָרזיכטיק מרמז געווען ניסאַנען וועגן איר ווילן צו גיין אַרבעטן, וואָס איז אים גאָרנישט געווען צום האַרצן, אָבער בעת זי האָט אַרויסגעבראַכט איר טענה, אַז זי גיט זיך שווער אַן עצה מיט זיין איצטיקן געהאַלט, מחמת ער קריגט מער נישט די צוגאַבן, וואָס ים־אַרבעטער קריגן, בעת זיי געפינען זיך אין דינסט איבער דער היים, זי פילט אויך ווי דער אמא פאַלט שווער דאָסווירטשאַפטן, מוז זי נעמען צו הילף אַ פרוי, כאָטש אויף אַ האַלבן טאָג ביז מיטאָגצייט. ניסאַן האָט נישט גע־קענט אָפּפרעגן אירע לאָגישע רייד און ווען נאָך עטלעכע שמועסן איז ער געוואָר געוואָרן, אַז רעזשין וועט קענען אַרבעטן נאָר ביז 2 בייטאָג, איר געהאַלט וועט זיין אַ גוטער, וואָס וועט דער־מעגלעכן באַשעפטיקן אַ הויזפרוי צו פאַרלייכטערן די אמא. זי, רעזשין אַליין, וועט אין פרייע שעהען מאַכן די נויטיקע איינקויפן און זיך אויך פאַרנעמען אין דער היים מיטן נויטיקסטן. דער זון, זאָל געזונט זיין, וואַקסט, ער באַזוכט שוין אַ קינדער־גאָרטן. די פרעבליסטין איז גרייט אים צוטיילן צו יענע קינדער, וואָס באַ־קומען דאָרטן מיטאָג. בלית־ברירה איז ער מסכים געווען זי זאָל

גיין אַרבעטן מיט אַ תנאי, אַז די אמא פרידאַ זאָל נישט זיין קעגן איר פאַרלאַנג.

צו זייער איבערראַשונג איז די אמא געווען געניגט איינ־צוגיין אויף זייער פאַרלאַנג, כאָטש זי האָט זיך געקווענקלט בעת דעם ערשטן שמועס. זי האָט געבעטן איר לאָזן אַ פּאָר טעג צייט אויף אַ ישוב־הדעת, ווייל זי קען נישט אָט שוין געדייען זייערע רייד. די אמא פרידאַ איז יענע נאַכט שווער איינגעשלאָפן, זי האָט געטראַכט, אַז די טענות פון די קינדער לייגן זיך אויפן שכל, ראשית פילט זי ווי אירע כוחות ווערן אָפּגעשוואַכט, אירע מיחושים לאָזן זיך גוט פילן, זי וועט עס לאַנג נישט קענען פאַרבאָרגן, באַזונדערס ווען דער ווינטער רוקט זיך אָן, ווען זי ליידט שטאַרק פון רעוומאַטישע ווייטאָגן און זי מוז אַרויספאָרן זיך באָדן אין די וואַרעמע שוועבל־קוואַלן פון טבריה, אָדער אין עין־בוקק, צפונדיק פון סדום, והשנית וועט זי צוריקקריגן די שליטה אין ניסאַנס היים, ווו זי וועט טאָן אַלץ ווי איר געפעלט, אָן רעזשינס עצות, אָן איר אַריינמישונג. זיכער וועט איר זיין לייכטער מיט דער הילף פון אַ הויזפרוי ביז רעזשין וועט זיך צוריקקערן אין דער היים נאָך איר אַרבעט, זי וועט אָפּנעמען דאָס אייניקל פון קינדער־גאָרטן, און ווען ניסאָן וועט זיין פריי, וועלן זיי אַלע דריי גיין שפּאַצירן, רעזשין וועט זיך פאַרנעמען מיט אירע קניות, מיט אירע שטוביקע עסקים און וועט זיך אָפּרוען, אין יענע שעהען וועט ניסאָן קענען דורכויס פאַרברענגען מיט איר. ס׳איז איר לייכטער געוואָרן אויפן געמיט און זי איז איינגעשלאָפן אַ באַרויִקטע און צופרידענע.

אַ פּאָר טעג שפּעטער, אין אַן אָוונט, האָבן זיי באַזוכט מינע מיט איר מאַן. מינעס מאַן האָט נישט געדאַרפט פאַרלירן איבעריקע רייד צו איבערצייגן ניסאָנען, אַז רעזשין דאַרף גיין אַרבעטן, זי מוז פאַרלאָזן די ענגע „ד׳ אַמות״ פון דער שטוב מיט דער קיך, כאָטש אויף אַ טייל פון טאָג, רעזשין דאַרף עפּעס געניסן פאַר זיך און פילן, אַז זי ברענגט נוצן פאַר דער געזעלשאַפט, אין וועלכער זי לעבט זיך אויס. דאָס וועט איר צוגעבן מען זין מיט מער

לעבנספרייד. ער האָט שוין פריינד מיט גוטע חברים אין יענער ביוראָ און מיט זייער הילף וו/זט ער זי קענען פון סניי אַריינוועבן אין דער אַרבעט, וואָס וועט איר זיכער זיין צום האַרצן. — „פאַר־געס נישט, ידידי ניסאַן, ווער ז' איז און פון וועלכער וועלט זי איז געקומען צו דיר, ביז זי איז עולה געווען קיין ישראל". מיט די ווערטער האָט ער פאַרענדיקט דעם שמועס.

רעזשין האָט זיך גיך איינגעלעבט אויפן אַרבעטספלאַץ. זי האָט זיך אַבסאָרבירט אָן שוועריקייטן. אירע ידיעות אין דער ביוראָ־טעכניק און רוטין, איר צוגעלאָזטקייט צו מענטשן און איר אינ־טעליגענץ האָבן באַזייטיקט אַלע מכשולים אין וועלכע אַ נייער מיט־אַרבעטער שטויסט זיך אָן אין זיינע ערשטע שריט. איר פראַנצוי־זישע מוטערשפּראַך, דאָס באַזיצן געגנוג ידיעות אין עברית, וואָס איז נויטיק צו איר אַרבעט, דאָס זיך קענען באַגיין מיט אַלע ביוראָ־מכשירים, האָבן פון אָנהויב אָן באַזייטיקט די מחיצה צווישן איר און דעם שעף פון פראַנקרייך, מעסיע אַלאַן פראַנק, אַן אַסימיליר־טער ייד, געבוירן אין ליאָן ביי גוט־סיטויִרטע עלטערן. אומגע־קערט, ער האָט זי מקרב געווען און פון איר זיך דערוווּסט נישט ווייניק פונעם לעבנס־שטייגער אין חיפה, ווו ער האָט געדאַרפט רעזידירן ביז די אונטערגרונט־באַן וועט נעמען פונקציאָנירן. רעזשין פלעגט אים יעדן טאָג ברענגען אַ תמציתדיקן קאָנספּעקט אין פראַנצויזיש פון די אויסשניטן פון דער העברעיִשער טאָג־פּרעסע. רעזשין האָט זיך נישט געגרויסט מיט איר דערוואָרבענעם פּרעסטיזש, כאָטש איר פלייסיקייט האָט אויסגעזען אַ ביסל איבער־געטריבן ביי די ישראל־פּקידים פון דער ביוראָ. פאַר זיך האָבן זיי זי חושד געווען אין אַ געוויסער מאָס חניפה צום שעף, אָבער זיי האָבן זיך גיך איבערצייגט, אַז איר פלייס איז נאָר אַן אויס־דרוק פון דער באַפרידיקונג, וואָס די אַרבעט האָט איר געגעבן.

די ביוראָ האָט פאַרנומען אַ גרויסן בנין, איינגעטיילט אין

אַדמיניסטראַטיווע און טעכנישע אָפּטיילונגען, מיט אַ גרויסן ליכ־טיקן זאַל צו צייכענען און צוזוגרייטן וויזואַלע סקיצעס פאַר די לייטער פון די אַרבעטער־קבוצות, וואָס האָבן געגראָבן און דורכ־געבראָכן דעם באַנטונעל אין פעלדזיקן באָדן, פון צוויי זייטן: פון דער לעצטער סטאַנציע אויפן כרמל אַראָפּ, און פונעם טערמינאַל אין דער אונטערשטער שטאָט באַרג אַרויף. ביידע קבוצות האָבן זיך געדאַרפט טרעפן אין מיטן טונעל ביים סוף פון די גראָבונגען, וואָס דאַרף זיין דער צענטראַלער פונקט פון זייער שווערער אַרבעט.

מינעס מאַן, דער אינזשיניער מרדכי, איז געוואַקסן צוגלייך מיט דער אַרבעט. יעדן טאָג האָט ער דערוואָרבן נייעם נסיון אין די קאָמפּליצירטע, טאָפּאָגראַפּישע אויסרעכענונגען, וואָס אַ גאַנצער שטאָב טעכניקער פלעגט אַרויפטראָגן אויף די פּלענער און סקיצעס אויף דורכזיכטיקע קאַלקע־לייוונטן אָדער אויף יריעות פּאַפּיר, וואָס זענען קאָפּירט געוואָרן אויף אָזאַליט־פּאַפּיר מיט אַן עלעקטרישער מאַשין פון שטאַרק קאָנצענטרירטער ליכט אין נעאָן־רערן. אַט די ליכט־מאַשין האָט פאַרביטן די אַלט־מאָדישע זונראַמען, וואָס קלע־נערע טעכנישע ביוראָען געברויכן. מינעס מאַן האָט געהאַט די אויפגאַבע יעדן טאָג צונויפצונעמען און קאָנטראָלירן די דרויסנ־דיקע מעסטונגען ביז מען טראָגט זיי אַרויף אויף די גרונט־פּלענער. ווי ער איז נישט געווען פאַרנומען האָט ער שטענדיק געפונען צייט זיך אַריינכאַפּן אויף אַ ווײַלע צו רעזשינען, איר מקבל־פּנים זיין מיט אַ פּאַריזער „אָליאַ־באָן זשיר” און זיך באַלד צוריקקערן צו זיין צייכנטיש אין דער טעכנישער אָפּטיילונג.

מען קען נישט זאָגן, אַז רעזשינען איז די אַרבעט געפאַלן אַזוי לייכט, ווי זי האָט זיך פריִער פאָרגעשטעלט, כאָטש זי האָט אויפגעלעבט, צוריק באַקומען איר הומאָר מיטן שיין אין די אויגן. זי פלעגט אַפילו צוזינגען, אָן ווערטער, אַ באַקאַנטע מעלאָדיע בעת די קורצע הפסקות ביי אַ גלאָז טיי מיט אַ סענדוויטש. נאָך דער אַרבעט פלעגט זי איר מידקייט פאַרבאַרגן פון ניסאַנען און פון דער אמא פרידאַ. זי פלעגט זיך צוריקקערן אַ היים פול מיט איינדרוקן

פון דעם אַלעמען, וואָס זי האָט אָנגעקליבן פאַרן טאָג, באַזונדערס פון די פאַרשידענע מענטשן, מיט וועמען זי האָט געהאַט צו טאָן. זי האָט דאָס אַלץ געמוזט אויסלאָדן פון זיך, נאָכגעמאַכט זייערע שטימען און זשעסטיקולאַציעס פאַר ניסאַנען, וואָס פלעגט זיך אויך צוריקקערן פון זיין אַרבעט מיד, נישט זעלטן דענערווירט. פון אירע רייד האָט שוין ניסאַן געקענט אַלעמען פון איר ביוראָ און געוווּסט מיט וואָס זי פאַרנעמט זיך, בעת ער איז געבליבן דער שווייגער, ווי ער איז געווען אויפן שיף, און זי, רעזשין, האָט ווייניק געוווּסט, מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך און מיט וואָסערע מחשבות ער טראָגט זיך אַרום אין שייכות מיט זיין אַרבעט. גראָד די אמא פרידאַ, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט פאַר זיך, אין איר געשלאָסענעם עלעפאַנטנביין־טורעם, איז געווען נייגעריק צו הערן אַלץ, וואָס רעזשין דערציילט פון אַן אומבאַקאַנטער וועלט, וואָרום ניסאַן, ווי זיין שטייגער איז, האָט נישט געהאַלטן פאַר נויטיק מיט קיינעם נישט זיך טיילן מיט זיינע איבערלעבונגען אויפן נייעם אַרבעטספּלאַץ אויף דער יבשה. ער פלעגט אָפּט גיין שפּאַצירן מיט דער אמא און מיטן זון, דאָס קינד פלעגט נישט אויפהערן זינגען די אויסגעלערנטע לידלעך אין קינדער־גאָרטן און ביידע באַגלייטער פאַרשיטן מיט פראַגעס ווי יעדעס נייגעריק קינד: — „מה זה ומה זה?״ אויף וואָס די סבתא „פלידה״ האָט זיך אויסגעלערנט ענטפערן — „ככה — עלי״, בעת ניסאַן פלעגט אים גראָד געדולדיק יאָ ענטפערן, נאָר נישט שטענדיק קענען שטילן זיין קינדערשן נייגיר.

זיינע און רעזשינס מנוחה־שעהען פלעגן קומען ערשט אין אָוונט, נאָך דעם, ווי די אמא פלעגט זיך צוריקקערן צו זיך אין דער היים און דער זון איז געשלאָפן. אויב זיי פלעגן נישט אַרויסגיין, פלעגן ביידע זיצן אויף דער קאַנאַפּע באַלויכטן פונעם ליכט פון אַ שטיילאַמפּ, מיט אַ גרויסן אַבאַזשור מעשי־ידיה פון רעזשינען. זי האָט שטענדיק געהאַט וואָס צו טאָן, נייען, שטריקן, פאַרריכטן דעם זונס קליידונג, דערביי נישט אויפגעהערט רעדן, בעת ניסאַן פלעגט אַריינקוקן אין אַ צייטונג, זשורנאַל, אָדער אין אַ בוך, ביז

ער פֿלעגט אָנלענען זיין מידן קאָפּ אויף רעזשינס אַקסל און איינ־דרעמלען. די לבנה פֿלעגט אַריינקוקן דורכן פֿענצטער, שמייכלען, שווייגן אָדער פֿאַרבאָרגן איר פּנים אונטער שטיקלעך שוועבנדיקע וואָלקנס. אין דרויסן פֿלעגן זיך איבערפֿרעגן סאָוועס, שוואַרצע שפּרינגערס פֿלעגן טשיקען, פֿלעדערמייז פֿלעגן פֿאַרבייפֿאָכען און אָנקלאַפּן זייערע פֿליגלען אָן די שויבן פֿון באַלויכטענעם פֿענצטער. ס׳פֿלעגט לאַנג נישט דויערן ביז רעזשין פֿלעגט אויך באַהערשט ווערן פֿון מידקייט און איינדרעמלען, די שפּיזלען מיטן קנויל וואָל פֿלעגן אַרויספֿאַלן פֿון אירע הענט, ס׳פֿלעגט זיי איבערוועקן דער מאָנאָטאָנער גלאָקנקלאַנג, וואָס האָט גערופֿן צו חצות־תּפֿילה די באָרוועסע נזירים פֿונעם נאָענטן כּרמליטן־קלויסטער. אין דער נאַכטשטילקייט פֿלעגט מען הערן דעם אָנסופֿיקן רויש פֿון ים, אָדער ברומען פֿון אַ שיפֿס־סירענע, וואָס פֿלעגט אינסטינקטיוו אַ הויב טאָן ניסאַנען פֿון אָרט. ער פֿלעגט זיך רייבן די אויגן, אַרומקוקן, און זיך איבערצייגן, אַז ער געפֿינט זיך נישט אויף דער שיף. ער פֿלעגט אויפֿוועקן רעזשינען מיט אַ קוש אין שטערן, איר דערמאָנען, אַז ס׳איז צייט צו גיין שלאָפֿן אויפֿן גרייטן געלעגער.

די אַרבעט פֿונעם בוי פֿון דער אונטערגרונט־באַן אין דרויסן איז אָנגעגאַנגען כּשורה לויטן צייטפּלאַן, דאָס נעמלעכע אין ביוראָ, ווו אַלץ האָט געקלאַפּט ווי אַ זייגער. די ספֿיקות פֿונעם דירעקטאָר, מעסיע אַלאַן פֿראַנק, זענען פֿאַרשוווּנדן, ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט ווייניק געוווּסט פֿונעם לעבן, גאַנג און מענטאַליטעט פֿון די ישׂראל־מענטשן. איידער ער האָט אָנגענומען דעם פּאָסטן, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער וועט דאָ האָבן צו טאָן מיט מענטשן פֿון אַן אָפּגעשטאַנענער, באַפֿרייטער קאָלאָניע, אין אַ קליינער מדינה אין אַזיע אָדער אין אַפֿריקע, ווו ער פֿלעגט אויספֿירן גרעסערע בוי־אַרבעטן, און דעם רובֿ טעכנישע פֿאַכלייט מוזן ברענגען פֿון פֿראַנקרייך. די פֿאַכלייט פֿון דרויסן פֿלעגן קוקן מיט ביטול אויף

די אָרטיקע מענטשן, זיך באַציִען צו זיי מיט גדלות ווי צו אַ נידעריקן שטאַנד אַרבעטער, וואָס מוזן מיט ביטערן שוויס יעדן טאָג מעכאַניש אויספירן באַשטימטע נאָרמעס אַרבעט, זיי זענען געווען ביליקער ווי מאַשינען. די קליינע צאָל באַשעפטיקטע אָר־טיקע טעכניקער האָבן פאַרמאָגט ווייניקער אינטעליגענץ ווי אַ דורכשניטלעכער יידישער אַרבעטער אין ישראל, יענע מענטשן זענען געשטאַנען פאַר זיינע אויגן אויסגעפּוצטע, אַראַגאַנטע יחסנים, טאָמער האָט ווער פון זיי געטראָגן אַ פראַנצויזישן דיפּלאָם פון אַן אינזשיניער איז געווען הימל עפן זיך, זיי פלעגן זיי אָננעמען נאָר דערפאַר ווייל די אַרבעטס־קאָנטראַקטן האָבן זיי צו דעם מחייב געווען. ערשט ביים סוף פון דער אַרבעט פלעגן זיי אָנהויבן באַ־נעמען די רעזולטאַטן פון זיין נסיון און ברייטע ידיעות.

צו זיין אָנגענעמער איבערראַשונג, האָט אַלאַן פראַנק געפונען אין ישראל גענוג הויך־קוואַליפיצירטע טעכניקער און אינזשיניערן, וואָס האָבן זיך דערוואָרבן דעם נסיון אין דער אַרבעט, זיי האָבן פון פריִער באַזעסן גרינטלעכע טעאָרעטיש־אַקאַדעמישע ידיעות. פאַר דעם האָבן פריִער יאָרן לאַנג געזאָרגט דער חיפער פּאָלי־טעכניקום מיט די נעץ פאַכשולעס אין ישראל. מעסיע אַלאַן פראַנק האָט געהערט און געוווּסט פונעם פּאָליטעכניקום, אָבער ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט זיין הויכן, וויסנשאַפטלעכן ניוואָ, וואָס ער האָט דאָ געטראָפן. פאַר זיך האָט ער געטראַכט, אַז ער אַליין קען דאָ אויך גענוג לערנען נייע מעטאָדן, מער צו פאַרפולקאָמען זיין אַקאַדעמישן באַגאַזש. נאָך גרעסער איז געווען זיין וווּנדער, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט די יידישע אַרבעטער און מיט זייערע פאָרמענער, די מנהלי עבודה, וואָס האָבן באַזעסן אַ סך פאָלקסטימלעכע אינטעליגענץ, מיט חלוצישער אַרבעטסלוסט. פאַר אים איז געווען ניי דער פאַקט, אַז אָט די פשוטע אַרבעטער זעען אין זייער אַרבעט, חוץ פרנסה, — אַ חלוצישע אויפגאַבע, וואָס זיי רופן „בנין הארץ״, בויען דאָס פאָטערלאַנד, אַ פשיטא בויען אַן אונטערגרונט־באַן, די ערשטע אין ישראל. ער האָט נישט ווייניק

שעהען פֿאַרבראַכט אין דרויסן, אין זייער מחיצה און זיך צוגעקוקט מיט וויפֿל פֿלייס זיי אַרבעטן. זייערע מנהלי־עבודה זענען נישט געשטאַנען איבער זיי מיט שטעקנס אין די הענט, נאָר געלאָסן, געדולדיק דערקלערט די אַרבעטס־סקיצעס. אַ ווונק איז געווען גענוג זיי זאָלן וויסן וואָס און ווי צו טאָן. ער פֿלעגט שטוינען, ווען ער פֿלעגט זיך אָנשטויסן אָן אַ פּשוטן שטיינברעכער אָדער ערד־גרעבער, וואָס נעמט אַרויס די אַרבעטס־סקיצע פֿון די הענט פֿון זיין מנהל אין דרויסן, קוקט אַריין אין איר, טייטלט מיט אַ פֿינגער אויפֿן פּאַפּיר, שאָקלט צו מיטן קאָפּ און זאָגט: — „חבֿר, אני מבֿין", אָדער „— איך פֿאַרשטיי דיך, חבֿר יעקבֿ, חבֿר יוסף, אָדער פּשוט, — בערל". אין זיין פּראַקטיק אין אויסלאַנד, האָט ער נישט געהערט, אַז אַן אַרבעטער זאָל זיין מנהל טיטולירן „חבֿר", און די מנהלים זאָלן אין דרויסן רעדן מיט זייערע אַרבעטער ווי גלייכע מיט גלייכע, וואָס איז מיט גאָרנישט פּוגע נישט זייער פּרעסטיזש, נישט די נאַטירלעכע דיסטאַנץ פֿון איין צד צום צווייטן.

מעסיע אַלאַן פֿראַנק איז געווען אַן ערנסטער, דענקנדיקער מענטש, וואָס פֿלעגט אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, נישט זוכן לייכטע פֿאַרווײַלונגען. ער פֿלעגט זיך אָפּרוען אין זיין הײם, אויס־געצויגן אין אַ פֿאָטעל מיט אַ ציגאַר צווישן די ציין און טראַכטן פֿון דעם, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט פֿאַרן טאָג, אַנאַליזירן די פֿאַקטן, וואָס זענען פֿאַר אים געווען אויסטערליש. דאָס, וואָס אַלע זענען דאָ יידן, האָט אים דערמאָנט זיינע עלטערן, זיין הײם, וואָס איז געווען אַ פֿרייע, נאָר די מוטער פֿלעגט אָפּהיטן ליכטבענטשן; זיין זיידע, בעת ער האָט געלעבט, פֿלעגט יעדן שבת און יום־טובֿ מאַכן קידוש אויף וויין מיט אַ פֿייערלעכן ניגון, און די עלטערן פֿלעגן אים, זיין ברודער און שוועסטער, יעדן ראש־השנה, יום־כּיפּור, מיטנעמען אין אַ רעפֿאָרמיסטישער סינאַגאָגע, וווּ מענער מיט פֿרויען זענען פֿאַרכטיק געזעסן זייט ביי זייט מיט סידורים אין די הענט. אַ כאָר פֿון בחורים מיט מיידלעך האָבן באַגלייט דעם קאַנטאָר מיט געזאַנג און דער ראַבינער, איינגעהילט אין אַ

טלית מיט אַ גאָלדענער עטרה, מיט אַ הויכער, סאַמעטענער יאַר־מולקע אויפן קאָפּ, פלעגט נאָכן לעזן די „טאָראַ״ (תורה) פּרעדיקן אין פראַנצויזישן לשון וועגן זיטלעכקייט און וועגן יידישן גלויבן, „וואָס דאַרף דערנערן די יידישע נשמות״. ער געדענקט נישט, אַז דער ראַבינער זאָל באַזונדער דערמאָנען מדינת־ישראל.

בדרך כלל האָט אַלאַן פראַנק זיך אויסגעלעבט אין אַ געמיש־טער, מיטלבירגערלעכער סביבה פון פראַנצויזן מיט אַסימילירטע פראַנצויזישע יידן, כמעט נישט געפילט, נישט באַמערקט קיין נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע, נאָר סוף די דרייסיקער יאָרן האָט זיין פאָטער מיט אומרו אָנגעהויבן רעדן אין דער היים וועגן אַנטי־יידישע דיבורים פון פראַנצויזישע געשעפטסלייט מיט וועלכע ער האָנדלט, באשר זיי, די „זשוויפס״, זענען אומעטום פול, זיי רייסן זיך צו באַהערשן דעם מסחר פון די „טרייע פראַנצויזישע בירגער״, ער פלעגט דערציילן וועגן אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען ביי פאַר־שידענע געלעגנהייטן און וועגן די מעשים פון דער פראַנקאַצישער אָרגאַניזאַציע אין פאַריז דער „פייער־צלם״.

אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער נאָך געווען אַ שילער אין מיטלשול, ערשט דעמאָלט האָט ער דערפילט זיין יידישקייט אין גאַס און אין דער שול. נישט איין מאָל פלעגט זיך זיין מוטער צוריקקערן פון אירע איינקויפן מיט טרערן אין די אויגן, אַפילו מיט באַשפּיגענע קליידער. זיין עלטערער ברודער איז געווען מאָביליזירט און זעלטן האָט מען פון אים באַקומען אַ בריוו.

אין אַ שיינעם טאָג האָבן די עלטערן, מיט אים און זיין שוועסטער, אין דער שטיל זיך אָפּגעטראָגן פון פאַריז. זיי איז געלונגען שוואַרצן די גרענעץ קיין שפּאַניען, יעדערער נאָר מיט אַ פּעקל וועש אין די הענט. זייער פאַרמעגן איז געבליבן הפקר אין דער אַלטער היים. דער פאָטער האָט נאָר מיטגענומען מיט זיך די שליסלען פון דער דירה. די עלטערן האָבן אים דעמאָלט

דערקלערט: — „מיר האָבן מזל, מיר האָבן באַצייטנס געראַטעוועט אונדזערע יידישע לעבנס".

מעסיע אלאַן פראַנק וויל זיך נישט גריבלען און דערמאָנען די פּרטים, ווי זיי האָבן געלעבט אין שפּאַניען און זיך געשפּייזט מיט לחם־חסד אין פילאַנטראָפּישע גאָרקיכן, וואָס גוטע יידן פון אַמעריקע האָבן אויסגעהאַלטן. ווי זיין פאָטער פלעגט אַ פּאַר־שעמטער יעדע וואָך ברענגען מיט זיך מתן־בסתר, די מוטער פלעגט מיט אַ צעבראָכן קול טענהען אין דער שטיל, — „מאָן דייעי! צו וואָס די משפּחה פראַנק האָט דערלעבט"...

זיי האָבן דערלעבט זיך צוריקקערן קיין פראַנקרייך באַלד נאָך דער מלחמה. מיט דער הילף פון אַלטע, פראַנצויזישע גוטע פריינד צוריקבאַקומען זייער פריערדיקע דירה אַ ליידיקע, אַ פאַרוואָרלאָזטע. דער פאָטער האָט געפונען פרנסה, וואָס האָט אלאַנען דערמעגלעכט מאַכן מאַטורע, שטודירן אין דער הויכשול ביז ער איז געוואָרן אַן אינזשעניער און דערנאָך באַקומען אַרבעט אין אַ גרויסער פראַנצויזישער בוי־אונטערנעמונג, וואָס פלעגט אויספירן אַרבעטן אין ווייטע אַזיאַטישע און אַפריקאַנער לענדער. אין דער אַרבעט איז ער בהדרגה געשטיגן, אַזוי ביז ער איז געשיקט געוואָרן קיין ישראל אָנפירן מיט זיין איצטיקער אַרבעט.

אין מאָל פאַרזונקען אין מחשבות, האָט זיך אים ממעמקים אַרויסגעריסן זיין מוטערס רוף: — „מאָן דייעי! איך בין דאָך אַ ייד ווי מיין זיידע, ווי מיינע עלטערן, ווי אָט די אַלע אין יידישן לאַנד מיט וועמען איך אַרבעט, לעב און פאַרברענג מיין צייט, אָט דאָ, וווּ זיי, די ישראלים, פילן זיך ווי פראַנצויזן אין פראַנק־רייך". ביי מער אינטימע שמועסן מיט זיינע נייע ידידים, האָט ער נישט איין מאָל באַמערקט ווי עצבות לייגט זיך אויס אויף זייערע פּנימער, ער דאַרף נישט פרעגן, און נישט טראַכטן, הלמאי זייערע אויגן ווערן צייטנווייז פאַרנעפּלט, ער ווייסט, אַז זיי זענען רעשטן פון אויסגעהאַקטע ביימער, אויסגעקאָרטשעוועטע ביז די וואָרצלען, פונעם אומגעבראַכטן טויזנטער־יאָריקן יידישן

וואַלד, רעשטן פון מיליאָנען יידן, וואָס זענען ווי ער, ווי זיין משפחה, געראַטעוועט געוואָרן פון אומקום מלחמה־צייט. נאָכן חורבן האָבן זיי זיך נישט צוריקגעקערט אין די היימען ווי ער מיט זיינע עלטערן, זייערע היימען זענען מער נישט געווען, — — זיי זענען קוים לעבעדיקע דערשוווממען צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל, ווו זיי האָבן נאָך שווערע איבערלעבונגען מיט יסורים פון ס'ניי געקומען שלאָגן וואָרצלען. ווייזט אויס, אַז דער נס פון דער אייגענער מדינה איז געווען און געבליבן די טרייבקראַפט צו שאַפן דאָס אַלץ, וואָס האָט פריער באַווירקט חלוצים צו פאַרלייגן פונדאַמענטן פאַר אַ יידישער מדינה במשך פון אַנדערהאַלבן דורות. און איצט האַלטן מאַסן יידן מיט ציין און נעגל דעם באָדן אונטער די פיס, דעם באָדן דערוואָרבן בדם ואש, זיי פאַרהיטן עס און באַשיצן פאַרן העכסטן פרייז, וואָס אַ מענטש קען צאָלן: קרבנות פון טויזנטער יונגע יידישע לעבנס אין דער קורצער תקופה פונעם לעצטן פערטל פון אונדזער שטורמישן יאָרהונדערט. מעסיע אַלאַן פראַנק איז געווען אַזוי אויפגערודערט פון זיינע אייגענע מחשבות, אַז ער האָט געשפּאַנט הין און צוריק אין זיין צימער, דערנאָך אַרויס ווייטער שפּאַנען אין דרויסן ביז שפּעט ביי נאַכט, נישט געטראַכט, אַז ער דאַרף זיך אָפּרוען צוליבן נייעם טאָג אַרבעט, וואָס האָט אויך אויף אים געוואַרט.

רעזשין איז אויך געוואַקסן צוגלייך מיט דער אַרבעט. איר פלייס און גענויקייט האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון מעסיע אַלאַן פראַנק, ביז ער האָט אין אַ שיינעם טאָג באַשלאָסן זי באַשטימען אַלס זיין פּערזענלעכע, טעכנישע סעקרעטאַרין, וואָס האָט געמיינט זי באַלוינען מיט אַ העכערן ראַנג אינעם פּערסאָנאַל פון ביוראָ. אַזוינס האָט איר געשמייכלט, אָבער נישט באַוועגט זיך צו גרויסן, ווי אַנדערע וואָלטן זיך געפירט אין אַזאַ מעמד. זי האָט קיינעם נישט באַפוילן טאָן דאָס און יענץ, נאָר פריינדלעך געבעטן אויספירן דאָס נויטיקע, וואָס האָט קיינעם פונעם פּער־סאָנאַל נישט פוגע געווען, כאָטש די יעניקע, וואָס האָבן פרע־

טענדירט אויף אַזאַ פונקציע אין ביוראָ, האָבן זי אין דער שטיל מקנא געווען.

די נייע פונקציע האָט זי דערנענטערט און ענגער פֿאַרבונדן מיט מעסיע אלאן פראַנק, כאָטש ס׳איז אָפּגעהיט געוואָרן די נאָ־טירלעכע דיסטאַנץ צווישן ביידן. אין די איבעררייסן און פרייע מינוטן ביי דער אַרבעט פלעגט ער אָפט שמועסן מיט איר וועגן איר פריערדיקן פּערזענלעכן לעבן אין פּאַריז און איצט, דאָ אין ישראל.

בעת איינעם אַזאַ שמועס מיט רעזשינען איז ער געוואָר געוואָרן, אַז זי איז נישט קיין יידישע און האָט זיך נישט מגייר געווען פאַר דער חתונה. זי האָט חתונה געהאַט אין אַ ציווילן שטאַנדאַמט אין מאַרסעל, נישט לויטן יידישן דין. איר מאַמע סוזאַן איז מיט דעם געווען צופרידן, בעת איר פּאָטער רענאַרד, ווי אַ פריידענקנדיקער מענטש, וואָלט געבליבן גלייכגילטיק און איר נישט געשטערט זיך מגייר זיין, ווייל ער האָט נישט ליב געהאַט דעם קלויסטער. צייט זי געדענקט האָט ער זיך באַצויגן קריטיש צו גלחים, וואָס פלעגט נישט איין מאָל אַרויסרופן בייז בלוט ביי דער מוטער. רעזשין האָט פון אים נישט פאַרבאָרגן איר אומווילן זיך מגייר צו זיין, ווייל איר איז שווער געווען צו לעבן אָן אַ גאָט און דער גאָט פון די יידן איז פאַר איר געווען צו אַבסטראַקט, די סביבה אין וועלכער זי האָט זיך אויסגעלעבט אין ישראל איז ווייט נישט געווען קיין רעליגיעזע, וואָס האָט נישט באַפרידיקט אין אינטים־אינערלעכע וועלט. ווי די השפעה פון איר קריסטלעכער מוטער אי׳ז אויף איר געווען שטאַרק, האָט זי לכתחילה ערנסט געטראַכט וועגן זיך מגייר זיין, זי האָט אים דערציילט וועגן אירע נסיונות ביי דער אמא פרידאַ, ווו זי האָט געפונען נאָר טראָפּנס יידישקייט פון אויסערלעכן כאַראַקטער, ווי בענטשן ליכט פרייטיק־צו־נאַכט, פאַסטן איין מאָל אַ יאָר אין יום־כיפור, גיין אין אַ סינאַגאָגע בסך הכל 2־3 מאָל אַ יאָר מתפלל זיין, בלויז צו דערמאָנען אירע געשטאָרבענע עלטערן, איר מאַן און געפאַלענעם זון מלחמה־צייט. זי האָט דאָרטן נישט גע־

פונען די נשמהדיקע רויִקייט, נישט שבת, נישט יום־טוב. אין אַזאַ אַטמאָספער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט איר מאַן, וואָס האָט, לויט איר פאַרלאַנג, אַ מאָל ראש־השנה זי געבראַכט אין שול, ווו זי האָט יאָ געטראָפן גלויביקע יידישע מענער און פרויען, אָבער ניסאן איז געבליבן אין דרויסן, נישט אַריינגעגאַנגען צוזאַמען מיט איר, ווייל גאָרנישט האָט אים אינערלעך געשטויסן צו דעם. דער פאַל האָט איר שווער געטראָפן, כאָטש זי ווייסט צו גוט, אַז ער האָט זיך אַזוי אויפגעפירט לויט זיין געוויסן, קיינעם נישט צו להכעיס, זי ווייסט, אַז זי וועט אים נישט איבערמאַכן. איר ניסאַן רעדט מיט איר קיין מאָל נישט וועגן רעליגיע, זי ווייסט, אַז ער איז אַ פריידענקער אָן אַ גאָט אין האַרצן. צוריקגערעדט, ווי ער האָט זי ליב, וואָלט ער קיין מאָל נישט אָנגענומען איר קריסט־לעכן גלויבן, אַפילו פאַרמעל פון אירעטוועגן. ווייל זי האָט אים ליב אַזאַ ווי ער איז, זענען ביידע געקומען צו אַ שטילער הסכמה וועגן דעם צו שווייגן, זי באַזוכט קיין מאָל נישט קיין קלויסטער אין ישראל, ווי ניסאַן באַזוכט נישט קיין שול, אָבער ניסאַן ווייסט, וואָס פאַר איר באַדייט קריסטמעס און ניי־יאָר. אין יענע טעג פאַרגעסט ער קיין מאָל נישט איר ברענגען בלומען מיט מתנות, זי ווייסט אויך, אַז די אמא פרידאַ וואָלט איר נישט פאַר־געבן, נישט משלים געווען, ווען זי כאַפּט זיך אַ מאָל יאָ אַריין אין קלויסטער, זי וואָלט אַזוינס נישט געדייעט. רעזשין האָט אים דערציילט, אַז זי קען בשום אופן נישט פאַרגעסן די פרייד מיט די אָנגעצונדענע ליכט אין ניסאַנס אויגן, בעת זי האָט אים דערציילט די פּרטים פונעם ברית פון איר זון. דער ברית איז איר ווייט נישט געווען צום האַרצן, זי האָט עס געמוזט טאָן נישט צו צעשטערן דעם שלום־בית און צו זאָרגן פאַר דער צו־קונפט פון איר קינד, וואָס וועט זיך אויסלעבן נאָר מיט יידישע קינדער. נאָכן ברית האָט זי בסך־הכל איין איינציקן מאָל גע־שמועסט מיט ניסאַנען וועגן גלויבן אין שייכות מיט זייער זון, זי האָט אים באַרויִקט און געזאָגט דאָס זעלבע, וואָס זי האָט

געזאָגט דער אמא פרידאַ, אַז דער זון וועט אויסוואַקסן, זאָל ער מיט זיין אייגענעם שכל און געפילן באַשליסן, ווי ער זאָל זיך ווייטער פירן, אין וועלכע דרכים ער זאָל גיין, כאָטש זי איז זיכער, אַז ער וועט גיין אין פאָטערס פוסטריט און זיך אויסלעבן ווי אַ ייד, אַ טרייער בירגער פון ישראל. די שול מיט דער אומגעבונג וועלן אויספורעמען זיין גייסטיקע און נאַציאָנאַלע געשטאַלטונג. מיטן שכל פאַרשטייט זי, אַז אַנדערש וועט דאָ גאָרנישט זיין.

אויף אַ פראַגע פון מעסיע אלאַן פראַנק, האָט זי געענטפערט: — זי פילט זיך גוט אין ישראל. מצד די, וואָס קענען זי און ווייסן איר אָפּשטאַם, פילט זי נישט די מינדעסטע דיסקרימינאַציע, אומגעקערט, זיי זענען זי מקרב און ווייזן אַרויס פריינדשאַפט מיט פאַרשטענדעניש, מחמת זיי זענען קעגן די שטייניקע מנהגים פון די רבנים, וואָס דערווייטערן און אונטערדריקן דעם ווילן פון די, וואָס זענען גרייט זיך מגייר צו זיין. זי, ווי אַנדערע אין איר מצב, ווילן נישט און וועלן נישט מסכים זיין מיט דער גיור־פּראָצעדור, ווי זי ווערט דורכגעפירט אין ישראל, אָן דער מינדעסטער פאַרשטענדעניש און איינזען פאַר די געפילן און מענטאַליטעט פון די, וואָס גאָרנישט צווינגט זיי בייטן דעם גלויבן. זי ווייסט, אַז בדרך־כלל טוען אַזוינס מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין ברירה, מענטשן וואָס האָבן פאַרברענט הינטער זיך די פריערדיקע רעליגיעזע בריקן. זי ווייסט, אַז ווייניק אידעאַליסטן באַקערן זיך מיטן פולן באַוווסטזיין צום יידישן גלויבן, זי האָט נישט אַזאַ באַוווסטזיין, זי איז נישט גרייט צו פאַרענטפערן איר האַנדלונג מיט אַטעיזם, זי וויל קיינעם נישט אָפּנאַרן, זי איז נישט קיין אַטעאיסטקע, זי טוט קיינעם גאָרנישט צו להכעיס. תנ"ך מיט יידישער געשיכטע האָט זי פריִער נישט געקענט, חוץ געוויסע אויסערלעכע, יידישע מנהגים, כאָטש זי קען ס'יידישע לעבן. זייט איר פריסטער יוגנט אין פאַריז האָט זי געלעבט טיר אין טיר מיט יידישע שכנים ווי מיט די בעסטע פריינד. זי וויל בלב ונפש

זיך אינטעגרירן אין יידישן לעבן אין ישראל, וואָס לויט איר פאַרשטאַנד דאַרף אַזוינס נישט האָבן צו טאָן מיט איר גלויבן און אָפּשטאַם.

רעזשין האָט פאַרשווייגן די ביטערע מלחמה־יאָרן מיט איר הילף די יידישע שכנים, הלמאי זאָל זי עס דערמאָנען? איר געוויסן האָט געפאָדערט, אַזוי האָבן אויך געטאָן אירע עלטערן און איר ברודער, וואָס האָט וואָלונטירט אין דער מאַקי־באַוועגונג, ווי ס׳האָבן געטאָן די בעסטע פון דער פראַנצויזישער יוגנט. הלמאי זאָל זי עס דערמאָנען דעם מעסיע אלאַן פראַנק, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט די ביטערניש מיט די סכנות בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע?

די מענטשן פון ביוראָ זענען געווען געוווינט צו זען, ווי רעזשין בלייבט צייטנוויַיז אַרבעטן איבערשעהען מיטן מעסיע אַלאַן פראַנק. אַרבעט איז געווען איבערן קאָפּ, אַזוי אַז יענעם טאָג איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז אַ שטיק צייט איז זייער שעה, וואָס איז געזעסן צוגעשמידט צו זיין שרייבטיש, ביי אַ באַרג פּאַפּירן און פּלענער, און רעזשין מיטן שטענדיקן בלאָקנאָט אין די הענט, האָט גאָרנישט פאַרצייכנט, זי האָט שטיל גערעדט אין איר פּליסיקן פראַנצויזישן לשון, גערעדט, נישט אָפּגעטאָן אירע אויגן פון מעסיע אלאַ פראַנק, וואָס איז געזעסן פון יענער זייט טיש מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, ווי שטענדיק, מיט אַ ציגאַר אין מויל, אויפמערקזאַם אויסגעהערט זיין סעקרעטאַרין, און פאַרלוירן יעדן חשבון פון דער טייערער צייט.

רעזשין איז געבליבן שטיל זיצן, דאָס נעמלעכע דער שעה. ביידע האָבן אַ שטיקל צייט געשוויגן, ביז זיי האָבן אינסטינקטיוו זיך אויפגעשטעלט, ווייל אויף די ווענט פון קאַבינעט, האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעלייגט פאַרנאַכטיקע שאָטנס. פונעם טורעמל פון נאָענטן מעטשעט, האָט אַ מואַזין אויסגעציקלט פּסוק־ים, צו דערמאָנען זיינע גלויביקע מוסולמענער וועגן אָוונט־תפילה צו אַללאַ

דעם אַלמעכטיקן: „אַללא, יאַ אַללאַ ונביא מוחמד ראַסול אללא, — גאָט דו אַלמעכטיקער און דער נביא מוחמד דיין שליח".

— סי, סי רעזשין, ס'איז שוין שפּעט, איך וועל דיך פירן אַהיים מיט מיין מאַשין, סי, מאַדאַם, ס'איז שפּעט.

ביידע האָבן זיך לאַנגזאַם געלאָזט צו דער טיר און פאַרלאָזן דעם קאַבינעט. אינעם צייכנזאַל, אין אַ ווינקל פון אַ ליידיקן טיש, האָט זיך דער נאַכט־שומר פאַרנומען מיט צוגרייטן זיין אָוונטעסן, רעזשין האָט אים באַמערקט, אַ שמייכל געטאָן און נישט פאַרגעסן אים צו זאָגן: — „באָן סואַר מעסיע קאָנסיער — אַ גוטן אָוונט".

אין זיין ליידיקער היים, האָט מעסיע אלא פראַנק יענעם אָוונט נישט געקענט לייענען די טאָגצייטונג, ווי ער פלעגט טאָן יעדן אָוונט נאָך דער אַרבעט. דער שמועס מיט רעזשינען, איר אויסדרוקפולער פּנים, אירע גלאַנציקע אויגן, האָבן פאַרנומען אַלע זיינע מחשבות. לכתחילה האָט ער געבלעטערט די צייטונג, געלייענט מעכאַניש און נישט איינגעזאַפּט דעם אינהאַלט פון דעם געלייענטן, ביז די צייטונג איז אַרויסגעפאַלן פון זיינע הענט. רעזשין האָט אים אַנטפּלעקט עפּעס אַזוינס, פון וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געטראַכט. ער האָט קיין מאָל נישט פאַרבאָרגן, נישט פאַרלייקנט זיין יידישן אָפּשטאַם, אַפילו אין די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה, במחשבה איז זיין אָפּשטאַם פאַר אים קיין מאָל נישט געשטאַנען ווי אַ פּראָבלעם, וואָס זאָל אים אָנרעגן זיך צו גריבלען וועגן דעם. זייט ער האָט גענומען אַרבעטן איז זיין מוח שטענדיק געווען פאַרנומען מיט טעכנאָלאָגישע פּראָבלעמען פון זיין אומנות און טאָג־טעגלעכער אַרבעט, נאָר צייטנווייז פלעגט ער זיך דערמאָנען זיין זיידנס שמועסן ביים שבתדיקן אָדער יום־טובדיקן טיש ביי זיינע עלטערן. מחמת כיבוד־אָב האָט קיינער פון די מסובים נישט אָפּגעפּרעגט, נישט איבערגעשלאָגן זיינע רייד וועגן מצוות און זינד, השאָרת הנפש וכדומה, קיין מאָל האָט קיינער

נישט באַרירט אַ שמץ פון דער צווייטער זייט פון דער מטבע: דאָס יידישע פאָלק, שיבת־ציון, ציוניזם, וואָס האָט נאָך דער שואָה אויפגערודערט די יידן אין פראַנקרייך ווי אומעטום אין דער וועלט, צו וואָס, ער אַלאַן, איז מענטאַל געווען גלייכגילטיק, ביזן אויסברוך פונעם באַפרייונגס־קריג אין ארץ־ישראל, ווען זיינע נאָענטע חברים, געוועזענע זעלנער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, האָבן זיך געלאָזט צו הילף דעם באַלאַגערטן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. אָבער, נאָך אַ קורצער, גייסטיקער שפּאַנונג איז ער צוריק פאַרזונקען געוואָרן אין זיין פאַך, וואָס די עלטערן האָבן אָנגערופן „תכלית". אַזוי איז ער אַוועקגעשוווּמען מיטן שטראָם פונעם טאָג־טעגלעכן, גרויען גאַנג פון זיין אומגעבונג.

ערשט היינט נאָך מיטאָג האָט אַ יונגע פראַנצויזין אויפגע־רודערט זיין רוטינאַרן געדאַנקען־גאַנג. ער האָט דערזען אין זיינע האַלב פאַרמאַכטע אויגן זיין מוטערס אָנגעצונדענע שבת־ליכט, דעם הדרת־פּנים פון זיין גאָטספאַרכטיקן זיידן און דעם פאָטער מיט אַ גלאָז וויין אין האַנט, ווי ער מאַכט אַ ברכה אויפן וויין צוזאַמען מיטן זיידן, — — — ביז ער האָט זיך צוריקגעקערט מיט זיינע מחשבות צו דער וואָכעדיקייט אין דער יידישער שטאָט אין ישראל, וווּ ער בויט אַן אונטערגרונט־באַן, אָנגעהויבן נישט ווייט פון ים, ביז באַרג אַרויף אויפן כרמל, לעת עתה ווייס ער נאָך נישט גענוי, וואָס דער כרמל דערמאָנט זיין יידיש פאָלק, ווייל ער איז געווען אַ קנאַפּער ידען פון תנ"ך.

אומדערוואַרט האָט אים רעזשין אַרויסגעבראַכט פון זיין אי־נערלעכער רויִקייט, איר נאַיוו שילדערן איר לעבן אָן שום כוונות, האָט פאַר אים אַפּירגעשטעלט אַ פּראָבלעם פון ייד און קריסט פאַרבונדן מיט אַ שטאַרקער ליבע צו אַ יידישן בחור, וואָס האָט לכתחילה פאַרווישט יעדן נאַציאָנאַלן סימן, וואָס איז געווען אַ פערזענלעכער ענין צווישן אַ געמישט יונגל פּאָרל. דער שפּרוך „ליבע ברעכט אייזן" האָט פאַר אים פאַרלוירן יעדע באַנאַ־טעט. דורכויס צווישן יידן, האָט ער געהערט רייד וועגן נאַציאָנאַלער,

אַנשטאָט רעליגיעזער אינטעגראַציע, וואָס האָט געהייסן „שמד״. ווען ער האָט זיך גענומען גריבלען אין רעזשינס לעבן אין ישראל האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ווי אָן אַ שטרוי אינעם באַגריף פון פריידענקען, וואָס, ווי רעזשין מיינט, האָט נישט צו טאָן מיט אַטעאיזם, וואָרום אין תוך גענומען איז ער אַליין אַ פריידענקער און איז גלייכצייטיק נישט קיין „אַטעאיסט״, ער באַציט זיך מיט פּיעטעט צו זיין משפחה אין פראַנקרייך, וואָס טרייסלט זיך נישט אָפּ פון דורות לאַנגער יידישער טראַדיציע און מנהגים, וואָס שטערט נישט די קעגנזייטיקע פריינדשאַפט צווישן זיי און זייערע פראַנצויזישע שכנים און באַקאַנטע.

דאָס צוזאַמענלעבן פון רעזשינען מיט ניסאַנען איז פאַר אים אַפּירגעשוווּמען ווי אַ גוטער ביישפּיל, רעזשין האָט גאָר אַ טעות מיטן באַצייכענען איר מאַן, דעם פאָטער פון איר קינד, אַלס „אַטעאיסט״. ניין, ער איז אַ פריידענקער, ווי ער איז, די רעליגיע בינדט אים נישט צו אירע פאַרעלטערטע, שטרענגע געזעצן. אַלאַן פראַנק האָט געטראַכט, אַז ווען ער טרעפט זיך מיט אַזאַ מיידל ווי רעזשין, וואָלט אים איר גלויבן נישט געשטערט פאַרבינדן זיין לעבן מיט אירן, צעמענטירט מיט שטאַרקער ליבע, וואָס איז אַ באַטירלעכער, מענטשלעכער אויסדרוק, וואָס ווערט מיט דער צייט איבערגעגאָסן אין טיפער פריינדשאַפט. אַ פשיטא, אַז ביידע זענען פאַרבונדן מיט קינדער, וואָס איז אַ ממשותדיקער פועל־יוצא פון ליבע, וואָרעם ליבע איז אַלט ווי די מענטשהייט.

אַלאַן פראַנק פאַרלייקנט נישט טראַדיציע, וואָס שפּילט ביים מענטשן אַ ראָלע אויסצופילן אַ ליידיקן, גייסטיקן חלל, וואָס פריידענקען מיט אַטעאיזם צוזאַמען, האָבן נישט באַוויזן אויספילן. אָט דאָס אָפּהיטן שבת און יום־טוב מיט נישט אַרבעטן, דאָס אָפּהיטן יאָרצייטן, וואָס געפינט אויסדרוק אין אָנצינדן נשמה־ליכט, זאָגן קדיש, מאַכן אַן אזכרה אויפן קבר פונעם געשטאָרבענעם, גיין אין ימים־טובים אין שול צו אזכרות־נשמות, אָדער ווי עס פירט זיך אין אַ סך יידישע היימען: צינדן און בענטשן ליכט פרייטיק־

צו־נאַכט און יום־טוב, דאָס נעמלעכע, מאַכן קידוש אויף ווײַן, אָדער אַנדערע מער וועלטלעכע, יידיש־נאַציאָנאַלע אויסדרוקן, וואָס יידן, ווי זײַן פֿאָטער, היטן אָפּ, ווי צינדן חנוכּה־ליכטלעך, וואָס איז לויט זײַערע השגות אויסדרוקן פֿון אמונה, פֿון רעליגיע. נאָך אין די גאָר אַלטע צײַטן האָבן מענטשן אָפּגעהיט ריטואַלן, וואָס האָבן זיך אינעם גאַנג פֿון דורות פֿאַרוואַנדלט אין רעליגיעזע צערעמאָניאַלן ביי אַלע פֿעלקער, ביי יעדן פֿאָלק לויט זײַנע אייגנ־שאַפֿטן און זיטן. זיי האָבן זיך געביטן און געענדערט, ווי די צײַטן האָבן זיך געביטן אינעם לויף פֿון דער אַנטוויקלונג ביי אַלע פֿעלקער. דאָס נעמלעכע ביי יידן.

אַלאַן פֿראַנק איז געווען צו מיד זיך ווײַטער צו גריבלען אין זײַנע מחשבות, די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט, ער איז איינ־געשלאָפֿן אין פֿאָטעל.

צומאָרגנס באַגינען, האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט אין זײַן קליי־דונג. לויט זײַן געוווינהייט האָט ער זיך גענומען גרייטן צו אַ נייעם טאָג אַרבעט, ווו ער האָט זיך נישט געדאַרפֿט פֿאַרנעמען נישט מיט פֿילאָסאָפֿיע, נאָר מיט גרויע, טאָג־טעגלעכע טעכנישע פּראָב־לעמען.

בילע מיט זשאַקן האָבן געבענקט נאָך דער טאָכטער, ווי זי וואָלט פֿאַרלאָזן די היים ערשט נעכטן, און נישט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, זיי האָבן געבענקט נאָכן אומבאַקאַנטן אייניקל. מינע האָט אָפּגעהיט דאָס שרייבן בריוו יעדע וואָך, בריוו מיט אַלע פּרטים, ביז די קלענסטע קלייניקייטן פֿון איר קינד, וועגן זײַנע „חכמות“, ווי ער זעט אויס, אַפֿילו ווי און וואָס ער עסט, זי האָט געשריבן וועגן דער שטילער איבערזוכט צווישן איר מאַנס עלטערן — דער זיידע מיט דער באָבע פֿונעם אייניקל, כּלפּי איר אָנקל און טאַנטע, די בנימיניס, וואָס טענהען, אַז מינע איז ביי זיי נישט ווייניקער ווי אַ טאָכטער, און זיי, ווי איר מאַנס עלטערן, האַלטן זיך אויך

ווי אַ „זיידע־באָבע", אַזוי אַז דאָס קינד האָט 3 זיידעס מיט 3 באָבעס... בעת בילע פלעגט עס דערציילן אירע שכנים, רעזשינס עלטערן, פלעגן זיי גוטמוטיק לאַכן און איר זאָגן, „הלואי וואָלטן גיסאָן מיט רעזשינען אויך געהאַט אַזאַ רייכן פעטער אין איזראַעל און זייער אייניקל, עלי, וואָלט געקענט געניסן פון זייער גוטס און ליבשאַפט ווי מיגעס קינד, כאָטש אַ קינד דאַרף מען נישט צופיל צוגעוויינען, ס'קען ווירקן אויף זיין דערציונג". אין דער אמתן זענען בילע מיט זשאַקן אויך געווען אייפערזיכטיק צו די בנימיניס, וואָס האָבן דעם זכות צו זען און זיך פרייען מיטן אייניקל, ווען זייער האַרץ גלוסט און נישט אָפּקומען מיט פּאַפּירענע גרוסן דורך בריוו. בסך הכל איין מאָל אַ וואָך, נאָר זשאַק פלעגט זי באַרויקן:

— בילע, זינדיק נישט, גם זו לטובה, בנימיני איז נישט קיין פרעמדער, ער איז דיין לייבלעכער ברודער. זעסט דאָך, אַז דאָס קינד איז אים נישט ווייניקער וויכטיק ווי זיין עשירות. טראַכט וועגן דער צוקונפט, אַ מענטש לעבט נישט אייביק, איך ווינטש דיין ברודער מיט מיין שוועגערין, לאַנגע, גוטע יאָרן ביז הונדערט און צוואַנציק, אם־ירצה־השם.

איין מאָל האָט זיך זשאַק מיט זיין סחורה פאַרהאַלטן אויף אַ שלעכטן כביש, וואָס האָט געפירט צו אַ דאָרף, עפּעס איז קאַליע געוואָרן אינעם מאָטאָר פון זיין טענדער, וואָס איז מיט אַ מאָל געבליבן שטיין. די מאַשין האָט געברומט, געסאָפּעט און געשלאָגן מיט דאַמף פונעם זודיקן ביסל וואַסער אין ראַדיאַטאָר, ביז דער מאָטאָר האָט זיך אויסגעלאָשן. זשאַק האָט זיך לאַנג פאַר־נומען מיט דער אויסגעלאָשענער מאַשין און פאַרצווייפלט גע־וואַרט אויף הילף ביז די ישועה איז געקומען ערשט פאַר נאַכט. זיינער אַ באַקאַנטער לאַנדווירט, איינער פון זיינע קונים, האָט זיך צוריקגעקערט פון שטאָט אַ היים מיט זיין לאַסטאויטאָ. ער איז שטיין געבליבן, אים באַגריסט און אַן שהיות זיך גענומען פאַרען אינעם איינגעווייד פון מאָטאָר, ביז ער האָט געפונען, אַז די רער,

וואָס באַזאָרגט מיט בענזין דעם קאַרבאַראַטאָר איז פאַרשטאָפּט, ער האָט אויסגעבלאָזן די רער, זי צוגעשרויפּט ווי מען דאַרף, אָנגע־פילט דעם ראַדיאַטאָר מיט וואַסער און די מאשין האָט אָפּגעלעבט. אַזוי איז זשאַק אַריינגעפאָרן אין דאָרף אין אָוונט. צו זיין שלעכטן מזל האָט מען דאָרטן געפּראַוועט אַ פרייִלעכע חתונה. בגילופנדיקע יונגע חברה־לייט האָבן אַנטדעקט זשאַקן מיט זיין סחורה אין גאַס, און פון גרויס שמחה איבערגעקערט דעם טענדער צוזאַמען מיט זשאַקן, וואָס האָט נישט באַוויזן אַרויסשטייגן פון דער קאַבינע, די סחורה האָט זיך צעשאָטן, און ער איז שטאַרק צעשע־דיקט געוואָרן. ערשט שפּעטער האָבן עלטערע דאָרפס־מענטשן געפונען דעם איבערגעקערטן טענדער מיט זשאַקן, וואָס איז געזעסן קוים לעבעדיק אויף דער ערד און געקרעכצט פון ווייטאָג. די דאָרפס־מענטשן האָבן צוריקגעשטעלט דעם טענדער, צונויפ־געקליבן, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט פון דער סחורה, עס אַריינגע־וואָרפן אונטערן ברעזענט, מיטגענומען זשאַקן מיט זיך, מכבד געווען מיט אַ גלאָז שטאַרקער משקה, אים געהאָלפן אָרומוואַשן דאָס פאַרבלוטיקטע פּנים און באַזאָרגט מיט אַ געלעגער איבער נאַכט. אויף מאָרגן איז ער געקומען צו זיך און מיט די לעצטע כוחות זיך צוריקגעקערט אַהיים.

זשאַק איז געבליבן אַ פּאָר טעג אין בעט. בילעס פלעגע האָט אים געשטאַרקט און געהאָלפן זיך צוריקשטעלן אויף די פיס. נאָך דעם האָבן ביידע באַשלאָסן, — גענוג! מער פאַרלאָזט ער נישט פּאַריז, זיי וועלן פאַרקויפן, וואָס ער לאָזט זיך פון זייער מיזעראַבלן פאַרמעגן און רעאַליזירן זייער ווילן עולה זיין קיין ישראל. גענוג.

די בורזשעס, די גוטע שכנים, האָבן אויפריכטיק באַדויערט דעם פאַל און געמונטערט זשאַקן מיט בילען. רענאַרד האָט גע־טענהעט, אַז ער שעמט זיך, ער פאַרדאַמט די כוליגאַנעס, כאָטש, ווי ער פאַרשטייט, האָבן שיכורים באַפאַלן זשאַקן, נישט געוווּסט, וואָס זיי טוען. מאַמאַ סוז האָט אים איבערגעשלאָגן, אַז זי איז זיכער, ווען זשאַק וואָלט נישט געווען קיין ייד, וואָלטן זיי אים קיין

שלעכטס נישט געטאָן, נאָר מיטגענומען אויף דער חתונה און אָנגעטרונקען ביז שיכרות און צו רו געלאָזט. זי דערמאָנט זיך מיט בושה, ווי פראַנצויזישע כוליגאַנעס, אונטערוועלט־מענטשן, פלעגן באַפאַלן יידן אין די גאַסן פון פאַריז מלחמה־צייט, גוטע בירגער פלעגן אויסמיידן די מינדעסטע הילף די געליטענע. פראַנצויזישע פאָליציאַנטן, וואָס האָבן געדינט דער נאַצישער אָקופאַציע־מאַכט, פלעגן אויך גאָרנישט זען און גאָרנישט הערן.

די בורזשעס האָבן זיי געהאָלפן מיט אַלדאָס מעגלעכע ליקווי־דירן זייערע „עסקים", געפינען קונים פאַר דעם ביסל סחורה, עס פאַרקויפט בחצי־חינם, דאָס מעבל איז בכלל גאָרנישט ווערט געווען, נאָר דאָס אָפּטרעטגעלט פאַר דער דירה האָט געדעקט די רייזע־הוצאות קיין ישראל, ווי אויך צו פאַראיבעריקן אַ ביסל געלט צו לעבן אין פאַריז ביזן טאָג פון דער עליה, אפשר אויך אויף די ערשטע טעג אין מדינת־ישראל.

בילע מיט זשאַקן האָבן די גאַנצע געשיכטע נישט דערמאָנט אין זייערע בריוו נישט מינען, נישט דעם ברודער בנימיני אין חיפה. ווען ער ווייסט, וואָס ס'האָט פאַסירט מיט זשאַקן בעת זיין לעצטער נסיעה אין דאָרף, וואָלט ער זיי זיכער טעלעגראַפיש באַזאָרגט מיט געלט און מיט שיפסקאַרטן, ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז מיט אַן עראָפּלאַן וואָלטן זיי נישט געקענט מיטנעמען די רעשטן פון זייערע מטלטלים.

אין אַ זוניקן טאָג האָבן מינע מיטן אָנקעל בנימיני זיי מקבל פּנים געווען אין חיפהער האַפן, בנימיני האָט זיי געבראַכט צו זיך אין דער היים אין זיין גבירישן „פּריוועט". אָנקוקנדיק זשאַקס פּנים, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז מיט אים געשען פאַר זיין עליה.

די פרייד פון זיך טרעפן מיט מינען, מיטן אייניקל און איידעם, מיטן וואַרעמען קבלת־פּנים פון די בנימיניס אין זייער היים, האָט פאַרטריבן פון זשאַקן מיט בילען די נידערגעשלאָגנקייט מיט דעם עצבות, וואָרעם ס'איז זיי גאָרנישט לייכט געווען זיך אַרויסצורייסן

מיט די וואָרצלען פון זייער היים אין פּאַריז נאָך צענדליקער יאָרן לעבן אין פרײדן און אין ליידן. בילע האָט געוויינט אויף איר ברודערס ברוסט און געשטאַמלט מיט ווייטאָג: „ווען זי ווייסט כאָטש ווו עס געפינען זיך די ביינער פון איר אומגעבראַכטן זון. מען האָט איר געזאָגט, אַז ערגעץ אין אַ קאַצעט אין פּוילן, ווו מען האָט אים פאַרשלעפּט פונעם דראַנסי־קאַצעט אין פראַנקרייך״. זשאַק האָט צו איר געטענהעט:

— באַקלאָג זיך נישט, בילע, חוץ אונדזערע גוטע שכנים האָבן מיר גאָרנישט געלאָזן אין פראַנקרייך. מיר האָבן אַריבערגעטרעטן די שוועל פון אונדזער נייער היים אין ישראל, ווו מיר האָבן געפונען אַלץ, פון וואָס מיר האָבן געחלומט די לעצטע יאָרן. ערגער זיך נישט, בילע, מינע ברענגט אונדז באַלד אונדזער אייניקל.

אַ פּאָר טעג נאָך זייער עליה, האָט זיי בנימיני באַזאָרגט אַ צייטווייליק צימער אין איינעם פון די בנינים, וואָס ער האָט אַרויסגעענדיקט בויען. ער האָט זיך געלאָזט מיט בילען איינהאַנדלען עטלעכע נויטיקע מעבלשטיק מיט כלים. אמת, דאָס לעבן אין אַזאַ צימער, אין אַ נישט־פאַרענדיקט הויז, איז נישט געווען לייכט. אַ גאַנצן טאָג האָט מען אַרום און אַרום געקלאַפּט און געאַרבעט אינעם טרעפּן־צימער, דער טומל איז געווען גרויס, ס׳האָט נישט געפעלט קיין שטויב, דערצו האָט מען געבויט אַ פינפטן שטאָק, דער רעש פון דער בעטאָן־מיש־מאַשין אונטער די פענצטער האָט פאַרטויבט. שטיקער נאַסער בעטאָן מיט טינק זענען געפאַלן אויף די פענצטער, אָבער זיי האָבן געוווּסט, אַז ס׳וועט לאַנג נישט דויערן ביז בנימיני וועט פאַר זיי געפינען אַ פּאַסיקע דירה. מען קען נישט זאָגן, אַז די הוצאות, וואָס בילעס ברודער האָט געמאַכט זיי צו העלפן, איז זיי געווען צום האַרצן, כאָטש זיי האָבן געוווּסט, אַז ער איז ברוך־השם נישט קיין קליינער נגיד, זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה. בנימיני האָט זיי גוטמוטיק באַרויִקט: — „זייט נישט קיין שוטים; אם־ירצה־השם, איר וועט זיך איינאָרדנען, זשאַק וועט

נעמען אַרבעטן, וועט איר מיר צוריקקערן אַלץ, וואָס איך לייג אויס. ס'איז דאָך אַ פּשוטע הלוואה". ער פלעגט זיי קלאַפּן אין די פּלייצעס און לאַכן. די שטימונג פלעגט זיך ביי ביידן באַלד ענדערן צום גוטן.

בנימיני האָט זיי מיט שפּאַס געררופן „מיינע פּראָנצוויזן", — אַ שם התואר, וואָס האָט זיך גיך צו זיי צוגעקלעפּט. אַזוי האָבן זיי גערופן די אַרבעטער פון בנין, דאָס נעמלעכע די מענטשן צווישן וועלכע זיי האָבן זיך געפונען: — „הצרפתים — די פּראָנצויזן".

נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך רעגיסטרירט אין קליטה־אַמט, האָבן זיי צוזאַמען מיט די ערשטע ישראל־דאָקומענטן באַקומען אַ מעלדונג, זיי זאָלן וויסן, אַז ווי נייע עולים, שטייט צו זייער רשות אַ לאַנגיאָריקע היפּאָטעק־הלוואה זיך איינצואָרדנען, בעיקר, זיך איינשאַפן אַ דירה. דער קבלן בנימיני איז געווען גוט באַקאַנט דעם קליטה־אַמט. דער פּקיד, וואָס האָט זיך מיט זיי פאַרנומען, האָט זיי באַרויקט:

— קבלן בנימיני איז ביי אונדז באַגלויבט, איר מעגט זיך פאַרלאָזן אויף אים, ער פאַרשפּאַרט אונדז די זאָרג פאַר אייער קליטה, חוץ זיין שאָדן, זאָל אויף אונדז און אויף אַלע נייע עולים געזאָגט ווערן. אַ ברודער, אַזאַ בעל נכסים, איז דער בעסטער זשיראַנט פאַר דער הלוואה. מיר זענען זיכער, אַז איידער מיר וועלן זיך אַרומקוקן וועט איר זיך געפינען אין אַ שיינער דירה, אין איינעם פון די הייזער, וואָס ער פאַרענדיקט בויען.

אין וואַרטצימער פונעם קליטה־אַמט זענען געזעסן נייע עולים, וואָס האָבן מקנא געווען ביידע „פראַנצויזן". בעת זיי האָבן פאַרלאָזן דעם פּקיד'ס צימער מיט צופרידענע פּנימער, האָט איינער פון די עולים, נישט אָן פאַרדרוס אַ זאָג געטאָן: „משמעות, זיי האָבן אַ גוטע פּראָטעקציע". בילע האָט דעם אויסרוף נישט פאַרשוויגן און אים איבערגעהאַקט מיט גאווה:

— נישט פּראָטעקציע האָבן מיר, נאָר מיר האָבן דאָ אַ ברודער, קינדער מיט אָן אייניקל.

בעת זשאַק האָט זיך אַ פאַרחלומטער אַרומגעדרייט אין די גאַסן און אַלייעס פון כרמל, נישט געקענט זעטיקן זיינע אויגן מיט דער אַרומיקער נאַטורפּראַכט, איז בילע באַלד אַריין אין שפּאַן אין מינעס היים, ווו זי האָט מיט אייפער פּרובירט איבערנעמען „די מאַכט" אין דער שטובווירטשאַפט. מינע האָט עס פּרובירט פאַרמיידן.

— רו זיך אָפּ, מאַמאַ, האָסט צייט. בעסער גיי שפּאַצירן מיטן פּאַפּאַ, די הויזפרוי קען ווערן ברוגז און אונדז פאַרלאָזן. זי פאַר־טראָגט נישט, אַז עמעצער מישט זיך אַריין אין איר „מלוכה", אַפילו מיך טרייבט זי אַרויס פון קיך. אויב דיר איז ניחא, פאַרנעם זיך בעסער מיט דיין אייניקל.

ווי ביידע, בילע מיט זשאַקן, זענען געווען פאַרזאָרגט וועגן זייער מאָרגן אין ישראל, זענען זיי געווען איבערלאָדן מיט נחת פון דער טאָכטער, פון קינד און פונעם איידעם, וועמען זיי האָבן וויייניק געזען, חוץ אין די שבתים, בעת זיי האָבן צוזאַמען פאַר־בראַכט אין דער רחבותדיקער ווילע פון קבלן בנימיני. מינע האָט געפילט, אַז די דודה שושנה ווערט אייפערזיכטיק אויף איר מוטער, מחמת זי פאַרנעמט זיך צו פיל מיטן אייניקל. ס'האָט איר דערמאָנט ניסאַנס אמא פרידאַ, וואָס איז בשעתו געווען אייפערזיכטיק אויף רעזשינען, באשר זי זאָל האָבן „אַוועקגענומען" פון איר ניסאַנען, נאָר רעזשינס זונעלע האָט גענומען פאַרבייטן ניסאַנען. רעזשין, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרנומען איבערן קאָפּ, באַזונדערס, ווען זי האָט גענומען אַרבעטן אין דרויסן, זי איז געווען דער היפּוך פון דער דודה שושנה, זי איז געווען צופרידן פון דער אמא פרידאַ'ס זאָרגן פאַרן קינד, פאַר ניסאַנען, און פאַר איר שטובווירטשאַפט, נאָר זי האָט נישט געזען, אַז די אמא פרידאַ איז אַ סך עלטער פון דער דודה שושנה, איר געזונט איז גאָרנישט געהויבן, וואָס זי פאַרבאָרגט פון איר און פון ניסאַנען און די לאַסט פאַלט איר גאָרנישט לייכט.

די באַגעגעניש מיט בילען און מיט זשאַקן האָט רעזשינען טיף עמאָציאָנירט, זי האָט זיך געהאַלדזט און געקושט מיט בילען, זי

האָט דערפילט דעם ריח פון איר פריִערדיקער היים אין פּאַריז, פאַר אירע אויגן זענען קאַליידאָסקאָפּיש פאַרבייגעשוווּמען די פּנימער פון אירע עלטערן מיט אַ סך פּרטים פון איר נאָענטן עבר, באַזונדערס פון דער שטענדיק פאַרזאָרגטער מאַמאַ סוז און מונטערן פּאַפּאַ רענאַרד, „מאָן דייעי”! זייערע אויגן האָבן זי געגלעט, ס'האָט זיך איר געדוכט, אַז זי האַלט איצט אַרומגעאָרעמט נישט בילען, נאָר איר מאַמאַ, אָבער ס'איז געווען נישט מער ווי אַ חלום, וואָס איז אין אַ רגע פאַרשוווּנדן.

אַן ווערטער האָט זיך זשאַק אויך פּאַטערלעך אַרומגענומען מיט רעזשינען און געקושט אירע פינגער און זיך דערמאָנט ווי זי פלעגט אַמאָל העלפן זיין אומגעבראַכטן זון מאַכן די לעקציעס, — אַט די פינגער פלעגן אַרויפשאַרן אויף זיין קאָפּ פּאַסמעס האָר, וואָס פלעגן פאַלן אויפן שטערן, ביז איבער די אויגן, ביים זיצן איבערגעבויגן איבער זיינע העפטן.

מינע האָט אירע געסט מכבד געווען מיט אַ לייכטן כיבוד און מען האָט זיך אַוועקגעזעצט כאַפּן אַ היימישן שמועס, וואָס האָט זיך זייט יענעם אָוונט געצויגן מיט המשכים וואָכן לאַנג, בעת קענג־זייטיקע באַזוכן.

די צייט איז געגאַנגען מיט איר געוויינלעכן גאַנג. בנימיני האָט געפונען אַ פּאַסיקע דירה פאַר זיינע „פּראַנצויזן”. ער האָט אויך געפונען אַרבעט פאַר זשאַקן אין אַ מאַגאַזין, וואָס האָט באַדינט זיינע וואַרשטאַטן און בויאַרבעטן.

די שפּראַך פון ישראל האָט זיך שווער געקלעפּט צו זשאַקס צונג. מיט די, וואָס האָבן געקענט יידיש, האָט ער זיך אַן עצה געגעבן, נאָר בנימיניס מענטשן האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם קיבוץ־גלויות אין ישראל, ווו עברית האָט געבונדן זייערע טאָג־טעגלעכע באַציִונגען. מיט די „מאַראָקאַנער” האָט זשאַק לכתחילה גערעדט פּראַנצויזיש, געמישט מיט ווערטער און אויסדרוקן פון זיין חומש־און סידור־לשון־קודש אין אַשכנזישן אויסלייג. דאָס דערוועקן די

שפּראַך איז פאַר זשאַקן געווען נישט קיין לייכטע מערכה, אָבער ביסלעכווייז האָט ער געכאַפּט דעם ספּרדישן שניט און אויפגע־כאַפּט מער און מער העברעיִשע ווערטער, וואָס זענען אים באַזונ־דערס געווען נוציק, בעת ער פלעגט זיך פאַרנעמען מיט זיין אייניקל, אָדער, ווען ער מיט בילען, פלעגן באַזוכן רעזשינס היים, ווו איר זון מיט ניסאַנען האָבן נאַטירלעך דורכויס זיך אויסגעלעבט אין העברעיִשן לשון, כאָטש זיי האָבן געקאָנט נישט ווייניק פון פראַנ־צויזיש, די שפּראַך אין וועלכער ר'עזשין האָט נישט אויפגעהערט חלומען, דענקען, לעזן און געברויכן ביי איר אַרבעט און שטענ־דיקער קאָרעספּאָנדענץ מיט איר משפּחה אין פּאַריז. אין דעם פּרט זענען געשטאַנען צו הילף זשאַקן מיט בילען די בנימיניס מיט דער אמא פרידאַ, וואָס האָבן חלילה נישט פאַרגעסן זייער יידישע מוטער־שפּראַך. ווידער אין גאַס, אין די געשעפטן, איז יידיש נישט אויס־געלאָשן אין ישראל. ס'יידישע לשון האָבן אונטערגעהאַלטן אין ישראל נייע עולים פון מזרח־אייראָפּע, פון די געדיכטע יידישע ישובים אין צפון־און דרום־אַמעריקע, פון פראַנקרייך און בעלגיע און פונעם אַלטן, רעליגיעזן יידישן ישוב אין ישראל. די יידישע שפּראַך האָט זיך אויך דערנערט פון דער יידישער פּרעסע, ביכער, אַפילו טעאַטער. פיפיקע יידישע קרעמער, ספרדים און תימנער, דאָס נעמלעכע אַראַבישע קאַראַבעלניקעס, וואָס האָבן אַרומגע־שפּרייזט אין יידישע ישובים מיט פריש גרינצייג, פּרוכט, אייל־בערטן וכדומה, האָבן זיך אויסגעלערנט אַ צאָל יידישע ווערטער און אויסדרוקן צו קענען האַנדלען מיט מיטליאַריקע און עלטערע באַלעבאָסטעס, וואָס האָבן ביי זיי געזוכט מציאות. שווער איז געווען דאָס פאַרשטענדיקן זיך מיט די יונגע „סאַברעס" אין זייער שפּרודל־דיקער, העברעיִשער מוטערשפּראַך. פון דעסטוועגן האָט מען זיך ווי נישט איז אַן עצה געגעבן מיט און אָן זשעסטיקולאַציעס. אומ־געקערט, מען האָט זיך פון זיי געלערנט העברעיִשע ווערטער און אויסדרוקן ביז מען האָט זיך ביסלעכווייז איינגעוועבט אינעם צאַפּל־דיקן לעבן, און אין דער פליסיקער מלוכה־שפּראַך פון לאַנד. פאַר

די נייע, יונגע עולים, איז דאָס שפּראַך־פּראָבלעם אַ סך לייכטער, מחמת צו זייער דינסט שטייען שולעס, טאָג־און אָוונט־קורסן מיט אולפּנים. די יוגנטלעכע מוזן וואָס גיכער דערווערבן עברית, ווייטער צו קענען לערנען, שטודירן אָדער גיין אַרבעטן אין אינטעלעקטועלע, טעכנישע, אַדמיניסטראַטיווע און אַנדערע שטחים, ווו די שפּראַך איז אַ נאַטירלעכע לעבנסנויטוועגדיקייט, אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער אַרבעט.

רעזשין מיט מינען זענען געווען גוטע ביישפּילן,ביידע האָבן באַזוכט אָוונטקורסן, ביידע האָבן שוין פליסיק גערעדט עברית, וואָס האָט זיי פאַרלייכטערט, לכתחילה אויסערלעך, זיך אויסצולעבן אינעם איינגעוואָרצלטן ישוב פון ישראל.

אַ פרוי, ווי ניסאַנס מוטער, האָט אין אַ געוויסער מאָס זיך אויסגעלערנט די שפּראַך מיט דער הילף פון אירע זין אין דער היים, בעת דער פאָטער, האָט נאָך זיין עליה אין די דרייסיקער יאָרן, דערוואָרבן די שפּראַך אין לויף פון זיין ביוראָ־אַרבעט.

בדרך־כלל האָט דער מיטליאָריקער נייער עולה, וואָס דאַרף אויסהאַלטן אַ משפּחה, ווייניק צייט, געדולד מיט געמיט זיך זעצן לערנען אויף אַ שולבאַנק. אָבער פונקט ווי אין אַנדערע לענדער פון איינוואַנדערונג, מאַכט די צייט דאָס, וואָס דער שכל קען נישט באַווייזן. בעת דער קבלן בנימיני האָט זיך אָנגעשטויסן אויף די שפּראַך־שוועריקייטן פון זיין שוואָגער זשאַק, בעת ער האָט גענומען אַרבעטן, האָט ער אים געמונטערט:

— עט, נעם זיך נישט איבער, דערווייל ביסטו נאָך אַ „פראַנ־צויז, — מ׳סיע זשאַק״, נאָר ס׳וועט לאַנג נישט דויערן, ביז דו וועסט ווערן אַן אונדזעריקער, אַ ישראלדיקער אדון יעקב, זאָרג נישט, לאָמיר נאָר זיין געזונט, וועסט קענען עברית בעסער ווי אַ ראַבינער אין פראַנקרייך.

כאָטש ניסאַן האָט שוין אַ לענגערע צייט פאַרלאָזן די שיף מיטן

אָפּענעם ים און זיך איינגעלעבט אין זיין אַרבעט אויף דער יבשה, האָט ער נישט אויפגעהערט בענקען נאָך די רחבותדיקע וואַסערן, נאָכן רויש פון די כוואַליעס. נישט איין מאָל פלעגט ער זיך אַ ווײַלע אָפּרייסן פון זיינע מכשירים, אויפמאַכן אַ פענצטער, אַרויס־שטעקן דעם קאָפּ אין דרויסן און אַריינאָטעמען די לופט פון האַפן מיט אַלע זיינע ריחות פון ים־וואַסער, רויך, אייל, ברענשטאָף און פאַרב. דאָס צוויטשערן פון מעוועס און דאָס ברומען פון סירענעס, דער טומל פון די כוואַליעס, וואָס האָט זיך ריטמיש אָנגעשלאָגן אָן די גלאַטע, גרינלעך, גליטשיקע שטיינער פון די וועלן־ברעכער, האָבן אים געקלונגען אין די אויערן ווי אַ ווייטע מוזיק. ביי דער אַרבעט פלעגט ער זיך אָפּט טרעפן מיט מאַטראָסן און שיפס־אָפיצערן, ער פלעגט מיט זיי שמועסן מיט פאַרבאַרגענער נאָס־טאַלגיע. אָבער נאָך דער אַרבעט האָט ער זיך אין גאַנצן אויסגע־לעבט אין דער היים, ווייניק אַרויסגעגאַנגען מיט רעזשינען אַפילו אין אַ טעאַטער אָדער סינעמאַ. ער פלעגט זיך פאַרנעמען מיטן זון, וואָס איז געוואָרן אַ שטיפער, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט דערציילן פון די פאַרבראַכטע שעהען אין קינדער־גאָרטן, זיך באַ־רימט מיט גאווה, אַז אָט, דאָס צווייטע יאָר טרעט ער אַריין אין אַ שול. מיט אַ בלייפעדער אויף אַ שטיק פּאַפּיר פלעגט ער ווייזן, אַז ער קען שוין די אותיות פונעם אלף־בית, ער קען שוין צוזאַ־מענשטעלן געכתיבעט אַזעלכע ווערטער ווי „אבא — אמא" און זיין נאָמען „עלי", נאָר ער פלאָנטערט זיך נאָך מיטן אָנכתיבען ווערטער ווי „סבתא", „ניסאָן". באַזונדערס שווער קומט אים אָן אָנכתיבען דעם נאָמען פון דער אמא „רעזשין".

ניסאָן האָט געקליבן נחת פון זון. ס'איז אים גוט געווען צו בלייבן אין דער היים מיטן זון ביז רעזשין פלעגט קומען פון גאַס נאָך אירע קניות און נעמען דערציילן פון איר טאָג אַרבעט אין ביוראָ. פון אירע רייד האָט ניסאָן שוין געקענט דעם מנהל אַלאַן פראַנק, די מונטערע טעכניקער, צייכענער, קאַלקוליאַטאָרן און ביוראָ־מיידלעך, אַלעמען מיט וועמען רעזשין האָט געהאַט צו טאָן. די אמא

פרידאַ האָט זיך זעלטן צוגעזעצט אָפּרוען און שטילן איר בייגע־ריקייט צו רעזשינס דערציילונגען. זי האָט אויך געקענט נעמען פון יענעם ביוראָ, אַפילו געוווּסט פון דאָרטיקע קליינע רכילות, וואָס רעזשין פלעגט אַפירברענגען, לאַכנדיק מיט הומאָר. ניסאָן, ווי זיין שטייגער, האָט געשמייכלט און געשוויגן. ער פלעגט זעלטן עפּעס דערציילן זיינע בני־בית פון זיין אַרבעט. רעזשין מיט דער אמא פרידאַ זענען שוין געווען צוגעוווינט צו זיין אויפפירונג און אים נישט געצויגן פאַר דער צונג. ער פלעגט איבעררייסן זיין שווייגן נאָר אין פאַלן, ווען אינעם פאַרלויף פון טאָג פלעגט אים צייטנווייז באַזוכן אַ פריִערדיקער שיפס־חבר און דערציילן פרטים פונעם גאַנג און לעבן אויף דער שיף און פון ווייטע, באַקאַנטע האַפנס, ווו זיי פלעגן אַנקערן און מיטברענגען „קאָנטראַבאַנדע" צו פאַרדינען אַ זייטיקן גראָשן. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט ניסאָן דערציילן רעזשינען געוויסע פאַקטן, יוצא־דופן, פון דעם געהערטן, בעיקר פון שיפסמענטשן, וואָס זי האָט געקענט פערזענלעך און פון ניסאַנס דערציילונגען, ווען ער האָט נאָך געאַרבעט אויף דער שיף. זי פלעגט הילכיק לאַכן, ווען ער פלעגט דערציילן פון דעם אָדער יענעם, וואָס פלעגט „אַריינפאַלן", ביים פאַרלאָזן דעם האַפן, בעת ער פלעגט אויסזען צו דיק, אָדער זיין נערוועז. די מוכסים אָדער די האַפן־פּאָליציאַנטן האָבן געהאַט שאַרפע אויגן, פאַרבעטן דעם חשודן מאַטראָס אין דער וואַכבודקע, במחילה אים בעטן זיך אויס־טאָן און געפינען, ווי ער טראָגט אַ פאָר אויבערהעמדער אָדער סוועטערס איינס איבער דעם צווייטן, ווייבערשע וועש מיט ניילאָן־זאָקן אַרומגעבונדן אַרום בויך, אַ מאָל ביליקע צירונג, פלעשלעך פּערפיום מיט גלעזערנע „ברילאַנטן", אַ טראַנזיסטער, אַ פאָר זייגערלעך, אַפילו אַ ביליקן פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, אַלץ איינ־געוויקלט אין זייערע פערזענלעכע זאַכן. די מאַטראָסן פלעגן זיך בייזערן, זידלען, באַצאָלן פאַר אַלץ גרענעץ־שטייער. נישט זעלטן, ווען זיי פלעגן אַריבערכאַפּן די מאָס, פלעגט מען די „קאָנטראַ־

באַנדע״ רעקוויזירן. צוריקוועגס, אויף דער שיף, איז געווען וואָס צו קיבעצן די שלימזלניקעס.

נאָכן אָונטעסן פלעגט רעזשין זיך פאַרנעמען מיטן זון, אים צוגרייטן צו גיין שלאָפן, בעת מעשה אים דערציילן אַ מעשהלע, וואָס פלעגט זיך קיין מאָל נישט ענדיקן, ווייל ער פלעגט פריִער איינשלאָפן.

אין דער צייט פלעגט ניסאָן באַגלייטן די אמא צום אויטאָבוס, וואָס האָט זי צוריקגעקערט אַ היים. ניסאָן האָט געוווסט, אַז ביי׳ן באַגלייטן די אמא וועט זי פאַר אים אויסלאָדן דאָס, וואָס עס דריקט אויף איר געמיט נאָכן פאַרגאַנגענעם טאָג. די לעצטע צייט האָט זי ברמז אָנגעדייט, אַז וואָס ווייטער פאַלט איר שווערער די אַרבעט, זי פילט זיך נישט גוט, ס׳רוקט זיך אָן דער ווינטער מיט די רעגנס, נעץ און קעלטן. זי ווייסט נישט, צי זי וועט דאָס יאָר קענען אַרויס־פאָרן זיך באָדן אין די שוועבלקוואַלן פון עין־גדי. דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט, אַז ער מערקט ביי איר סקלעראָטישע מיחושן, מען ווערט נישט יינגער, די כוחות ווערן געמינערט, וואָס וועט זיין?

ניסאָן האָט שווייגנדיק אויסגעהערט אירע טענות. ער האָט זיך צום ערשטן מאָל געכאַפּט, אַז די אמא האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט די זיבעציק, איר קאָפּ איז כולו זילבער, די קנייטשן אויפן פנים ווערן טיפער, ער האָט געמערקט נייע קנייטשן אַרום איר מויל. ס׳איז געווען חשוד, וואָס לעצטנס קנעפּלט זי צו איר קלייד הויך, ביזן האַלדז, אירע הענט זענען געוואָרן קנאָכיקער, די אָדערן אויף זיי בולטער, נאָר די אויגן האָבן זיך נישט געביטן, זיי לייכטן ווי שטענדיק מיט אַן אומעטיקן, פייכטן גלאַנץ. ס׳דוכט זיך אים, אַז איצט, אַ צייט נאָכן פאָטערס טויט, איז ער דורכגעדרונגען געוואָרן מיט רחמים, מיט שטאַרקערע געפילן פון ליבשאַפט צו דער מוטער. עס האָט אים ווי פאַרפעלט לופט צו אָטעמען, ער איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין, וואָס די אמא האָט נישט באַמערקט מחמת זי איז אייליק געגאַנגען פאָרויס און גערעדט, גערעדט ווי צו זיך אַליין. פאַר וועמען האָט זי געהאַט צו רעדן?

מיט גיכע טריט האָט זי ניסאַן אָנגעיאָגט, געגומען אונטערן אָרעם, צוגעפירט צום אויטאָבוס, אַ קוש געטאָן, וואָס האָט זי גע־ווונדערט, מחמת ער האָט אַזוינס שוין לאַנג נישט געטאָן. ער האָט געזאָגט: — „לילה טוב — אַ גוטע נאַכט״. דער אויטאָבוס האָט זיך גערירט און ער האָט לאַנגזאַם גענומען זיך צוריקקערן אַ היים.

ס׳איז געווען אַ קילער, האַרבסטיקער אָוונט, ס׳האָט געבלאָזן אַ שאַרפער מזרח־ווינט, אין דער פינצטער איז נישט געווען צו אונטערשיידן, צי די הימלען זענען איינגעהילט אין נעפל אָדער באַדעקט מיט וואָלקנס, אָבער ווען פון ווייטן האָבן זיך דערהערט קייקלען דונערן און בליצן האָבן גענומען שניידן די לופט, איז קלאָר געוואָרן, אַז דער הימל איז באַדעקט מיט וואָלקנס און נעפל צוזאַמען. די ציפּרעסן פון ביידע זייטן וועג האָבן גערוישט און געבויגן זייערע שפּיצן. ניסאַן האָט גאָרנישט געהערט, גאָרנישט געזען, ער איז געווען אין גאַנצן פאַרזונקען אין מחשבות. די אָפּ־געהאַקטע רייד פון דער אמא פרידאַ האָבן אים ווי געטראָפן אין קאָפּ און באַטויבט. ער ווייסט, אַז די אמא באַקלאָגט זיך אָפט אויף עמעצן, אַ מאָל אויף רעזשינען, אַ מאָל אויף אים גופא, אָבער ער געדענקט נישט אַ פאַל, ווען זי האָט זיך באַקלאָגט אויף זיך אַליין, אויף אירע מיחושים. ער האָט פריִער קיין מאָל נישט געטראַכט, אַז ער איז אויך עפּעס שולדיק דער אמא, וואָס לעבט שוין יאָרן לאַנג אין איר אַלמנהשאַפט. ער ווייס נאָר, אַז זייט זי האָט חתונה געהאַט, האָט זי קיין מאָל נישט געלעבט פאַר זיך אַליין, זי האָט געלעבט פאַר זיין פאָטער, וואָס האָט זי געצערטלט, געהאָלפן טראָגן דעם היימישן עול מיט מער ליידן ווי פרייד. זי האָט געלעבט פאַר אים און זיין ברודער. נאָך דעם ווי זי האָט פאַרלוירן זיין ברודער מיטן פאָטער, האָט זי מיט לייב און לעבן, בלב־ונפש, ביז זיין חתונה, געלעבט דורכויס פאַר אים אַליין. נאָך דער חתונה זענען צוגעקומען רעזשין מיטן קינד, כאָטש ביזן געבורט פון קינד, האָט זי געליטן פון אייפערזוכט צו רעזשינען, וועלכע איז איר לכתחילה נישט געווען צום האַרצן, נישט נאָר מחמת איר אָפּשטאַם, נאָר אויך

מחמת זי איז געבליבן אַליין, ווארום ער, ניסאָן, האָט זיין גאַנצע פרייע צייט אָפּגעגעבן זיין יונגער פרוי, ווי ער וואָלט פאַרגעסן זיין אמא. ערשט איצט, אינעם שטורמישן אָוונט, איז אים אַפיר־געשוווּמען זיין צלילות־הדעת, אַז ער איז עגאָיסטיש, ממש גרויזאַם כלפּי דער אמא, אָן וועלכער ער מיט רעזשינען קענען זיך נישט באַגיין די לעצטע יאָרן. עס האָט אים געקרענקט, הלמאי ער האָט נישט פאַר איר אַ גוט וואָרט, הלמאי ער ווייזט קיין מאָל נישט אַרויס אַ וואַרעם, אינטים געפיל פון אַן איינציקן זון צו אַ מוטער, וואָס לעבט איינזאַם, פאַר זיך, אומגליקלעך, כאָטש זי לאָזט אין גאַנצן אויס איר אויפגעוואַכטע, אַמאָליקע, וואַרעמע מוטערשאַפט צו אים, צו רעזשינען און צו זיין זון — איר אייניקל. פאַר וואָס איז ער כלפּי איר אַזוי האַרצלאָז ביז נישט צו טראַכטן וועגן איר היינט און מאָרגן? ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער איז עפּעס שולדיק זיין מוטער, וואָס האָט אים אויפגעהאָדעוועט און טראָגט אין זיך, מיט זיך, זיין געשטאַלט, זיין גאַנץ לייב און לעבן. גראָד זי האָט געזאָרגט און זאָרגט ווייטער פאַר אים, פאַר רעזשינען און פאַרן קינד, אפשר מער ווי ער, און זי באַקומט נישט פון אים צוריק אַ גוט וואָרט, אַ גלעט, אַ קוש, אַ שמייכל פון דאַנקבאַרקייט. פאַר וואָס איז ער אַזוי פאַרשלאָסן, כאָטש צייטנווייז, ווען ער בלייבט אַליין מיט דער אמא, וואַכן אויף אונטער זיין באַוווּסטזיין געפילן פון אַ זון צו אַ מוטער, וואָס ער וואָגט נישט אַרויסברענגען, ביז זיי פאַרגייען. ער דערמאָנט זיך ווי ער האָט אַ מאָל געטראָגן אַ שווער האַרץ קעגן דער אמא, ווייל איר ליבלינג איז געווען זיין עלטערער ברודער, נישט ער, נאָר אַלץ איז פאַרגאַנגען, איצט דאַרף מען נישט טראַכטן פון אַמאָל.

ס׳האָבן גענומען פאַלן שווערע טראָפּנס רעגן, וואָס זענען גע־וואָרן געדיכט און זיך צעגאָסן אין אַ מבול. ער האָט זיך אויפגע־כאַפּט ווי פון אַ שווערן שלאָף, זיך אַרומגעקוקט און אין דער געדיכ־טער לופט נישט געזען ווו ער געפינט זיך. ער האָט נאָר פאַרשטאַ־נען צו נעמען גיין צוריק מיט גיכע טריט. נאָס ביז די ביינער

איז ער צוגעקומען צו די ערשטע הייזער, צו די ערשטע גאַסנ־לאַמפּן, וואָס זייער ליכט איז געווען קוים צו זען אינעם מבול.

בליצן האָבן געשניטן די געדיכטע פינצטערניש, דונערן האָבן געקראַכט מיט ווייטע ווידער־קולות. אין אַזאַ מצב־רוח האָט ער זיך צוריקגעקערט אַ היים. בעת רעזשין האָט אים דערזען אַריבער־טרעטן די שוועל, האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט און געשטאַמלט פאַרזאָרגט: — „מאַן דייעי! ווי דו זעסט אויס". ווי אַ קינד האָט זי אים פאַרן האַנט אַריינגעפירט אין באָדצימער און געהאָלפן אויס־טאָן די נאַסע קליידונג. — „ווו ביסטו געווען? פאַר וואָס האָסטו נישט איבערגעוואַרט דעם רעגן אין אַ טרעפּן־צימער? כ'האָב אָנ־דערש נישט געטראַכט". רעזשין האָט גערעדט צו אים און ער האָט געשוויגן, ווי שטענדיק, ווען ער איז געווען שלעכט געשטימט.

אין דער זעלבער צייט איז די אמא פרידאַ געלעגן אין בעט איינגעהילט אין אַ וואַרעמער דעקע ביז די אויערן. פון דער פּריס־טער יוגנט האָט זי זיך געשראָקן פאַר דונערן מיט בליצן. דער ווינט האָט געריסן, דער דרויסן האָט געשטורעמט, דער שווערער רעגן האָט געקלאַפּט אין די פאַרמאַכטע לאָדנס. די אמא פרידאַ האָט געטראַכט ווי אומרויִק זי פלעגט זיין אין אַזעלכע נעכט, ווען ניסאַן האָט זיך געפונען אויף אַ שיף ערגעץ ווייט אין ים. איצט איז איר ניחא צו טראַכטן, אַז ניסאַן געפינט זיך אין דער היים, אין אַ וואַרעם בעט, וואָס וויגט זיך נישט אויף שטורמישע וואַ־סערן. די מחשבות האָבן איר צוריקגעקערט צו ניסאַנס יונגע יאָרן, ווען דער עלטערער זון האָט נאָך געלעבט, ווען איר מאַן האָט נאָך געלעבט. זי האָט גענומען אַנאַליזירן די קאַלטע באַציִונגען צו איר מצד ניסאַנען, ביז זי איז געקומען צום אויספיר, אַז אין דעם איז זי אַליין נישט ווייניק שולדיק, מחמת זי האָט דעמאָלט איר מוטער־לעכע וואַרעמקייט, איר אויפמערקזאַמקייט, אין גאַנצן געווידמעט דעם עלטערן זון, זייער ווייניק זיך פאַרנומען און אָפּגעגעבן מיטן יינגערן, מיט ניסאַנען. ערשט איצט האָט זי זיך געכאַפּט, אַז ניסאַן פלעגט בדרך־כלל שטענדיק זיצן אַליין אין שטוב, אין אַ ווינקל,

אויסהערן שבחים נאָר וועגן עלטערן ברודער. זי האָט געטראַכט, אַז אַוודאי האָט אים דעמאָלט געפרעסן די אייפערזוכט, וואָס איז געבליבן אין אים איינגעוואָרצלט אונטערן באַוווסטזיין, נישט אָפּ־צומעקן ביזן היינטיקן טאָג. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דער אייניקער אין דער היים, וואָס פלעגט זיך אַ מאָל יאָ פאַרנעמען מיט אים, איז געווען איר עלטערער זון.

דער רעגן האָט נישט אויפגעהערט גיסן ביז זי איז איינגעשלאָפן, און שפּעטער נישט געדענקט די חלומות, וואָס האָבן זיך געקייטלט במשך פון דער נאַכט ביזן גרויען טאָג, ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ענדלעך איז די אונטערגרונט־באַן אין גאַנצן געוואָרן פאַרטיק. די פּראָבע־נסיעות באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ אינעם אונטערערדישן טונעל האָבן געוויזן, אַז אַלץ איז כשורה. דער גרעסטער טייל אַרבעטער האָבן פאַרלאָזן דעם טונעל און געפונען זייער ברויט אויף אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער, אויפן אויבערפלאַך, ווו ס'איז געווען ליכטיק, ווו די זון האָט געשיינט.

ביים אויסצאָלן דעם לעצטן געהאַלט, האָט אַלאַן פראַנק יעדן אַרבעטסמענטש באַזונדער געדריקט די האַנט און געדאַנקט פאַר דער גוטער מיטאַרבעט. יענעם טאָג זענען אין די ביוראָ־צימערן געווען געדעקט די טישן מיט משקה און צובייס פאַר אַלע באַזוכער, וואָס זענען געקומען זיך געזעגענען. פאַר יעדן אַרבעטער באַזונדער איז געווען גרייט אַ צייגעניש אין אַ באַזונדערן קאָנווערט, אַז ער איז געניט אין פאַך, וואָס ער האָט דאָ דערוואָרבן, אָדער זיך פאַרפולקאָמט. צו דער צייגעניש איז געווען בייגעלייגט אַ טשעק פון דער בוי־געזעלשאַפט, — אַ צוגאָב צום געהאַלט און קאָמפּענסאַציע ווי אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט צו די מענטשן, וואָס האָבן איבערגעגעבן געהאָלפן דורכפירן אַזאַ שווערע אויפגאַבע, ווי דאָס בויען די ערשטע אונטערגרונט־באַן אין ישראל.

אין די באַנסטאַנציעס, וואָס זענען געווען באַצירט מיט ווייס־בלויע פאָנען, האָט געהערשט אַ חול־המועדיקע שטימונג. מען האָט דאָרטן צוגענאָגלט שילדן מיט די נעמען פון די באַנסטאַנציעס; עלעקטריקער האָבן משלים געווען די באַלייכטונג; ליידיקע וואַגאָנעס זענען געשטאַנען ריינע, אויסגעפוצטע, אויף די קרייצונגען פון די ליניעס; פאַכמענער האָבן געאיבט און אינסטרויִרט די צוגפירער און קאָנדוקטאָרן; באַוועגלעכע טרעפּ האָבן זיך געדרייט אַראָפּ און אַרויף ביי די אַריינגאַנגען אין די טונעלן. אַלץ איז געווען גרייט צום פייערלעכן טאָג, ווען מען וועט אויפמאַכן די קאָסעס אויפצונעמען די ערשטע פּאַסאַזשירן.

אַלאַן פראַנקס גרויסער טאָג איז געקומען. אויף דער פּלאַט־פאָרמע פון דער ערשטער באַנסטאַנציע, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן „פּאַריז", זענען געווען פאַרזאַמלט דער בירגערמייסטער מיט זיינע באַגלייטער, פאָרשטייער פון קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום און פאָרשטייער פון דער בוי־געזעלשאַפט, וואָס זענען באַזונדערס געקומען פון פּאַריז אָנטייל נעמען אין דער שמחה. עס זענען אויך געקומען נכבדי־העיר מיט אַרבעטער, די בויער פון דער באַן, וואָס האָבן צוזאַמען מיט די געסט געדאַרפט זיין די ערשטע רייזנדער מיט דער באַן, באַרג אַרויף אויפן כרמל.

אַלאַן פראַנק, אין אַ שוואַרצן גאַלאַ־לבוש, מיט אַ רויטער רויז אינעם לאַץ, איז געשטאַנען געשפּאַנט און געדריקט די הענט פון די, וואָס האָבן אים באַגריסט צום סיום פון זיין בויווערק אין דער כרמל־שטאָט. אַלע זיינע טעכנישע מיטאַרבעטער זענען אויך געקומען בצוותא אויף דער פייערונג. אַ פאַררויטלטע, אַן עמאָציאָנירטע האָט אים רעזשין דערלאַנגט אַ שטרויס בלומען אין נאָמען פון גאַנצן ביוראָ־פּערסאָנאַל.

נאָך אַ פייף פון מאָטאָר אין פּאָדערשטן וואַגאָן פונעם צוג, איז געוואָרן שטיל אויף דער פּלאַטפאָרמע, דער בירגערמייסטער האָט געזאָגט זיין באַגריסונגס־וואָרט, געדאַנקט דער פראַנצויזישער בוי־געזעלשאַפט, אונטערגעשטראָכן דעם חלק פון מייסטער, אינזשעניער

מעסיע אַלאַן פראַנק, וואָס האָט רעאַליזירט דעם פּראָיעקט מיט געניטשאַפט און פאַרשטענדניש, מיט די הונדערטער מענטשן פון אַלע פאַכן, וואָס האָבן אויסגעפירט זייער פליכט, — אָנגעהויבן פון די פשוטע אַרבעטער ביז די אינזשיניערן, טעכניקער און ביורא־פערסאָנאַל, צוגעגעבן לשבח דעם מעטיע אַלאַן פראַנק, אַז נאָכן דורכפירן אַנצאַליקע אויפרייסן פון פעלדזן אונטער דער ערד, איז נישט געניזוקט געוואָרן קיין איין מענטש.

— „די כרמל־שטאָט דריקט אויס אַלעמען איר דאַנק און אַנער־קענונג, אין אַ גוטער שעה פאַרבעט איך אַלע געסט מיט די אַלע, וואָס האָבן מיט זייערע הענט, מוחות און כוחות געבויט די ערשטע אונטערגרונט־באַן אין מדינת־ישראל, פאַרנעמען די ערטער אין די וואַגאָנעס", האָט דער בירגערמייסטער צעחושט פאַרענדיקט זיין וואָרט.

נאָך אַ פאַרצויגענעם פייף האָט זיך די באַן געלאָזט פאַרויס, באַרג אַרויף.

☆ ☆ ☆

דאָס ביורא פון דער אונטערגרונט־באַן איז נישט געשלאָסן געוואָרן כאָטש דער גרעסטער טייל פון אַלגעמיינעם און טעכנישן פּערסאָנאַל זענען באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט. אַלאַן פראַנק איז ווייטער פאַרבליבן דער שעף אויף אַ באַשטימטער צייט. ראשית, אַ פּאָר חדשים נאָכפאָלגן, ווי די באַן פונקציאָנירט און אויסבעסערן דעפעקטן, וואָס קענען זיך מאַכן שוין נאָך אַלע פּראָבע־נסיעות, והשנית, אָרגאַניזירן און איינפעדעמען אין דער אַרבעט דעם נייעם פּערסאָנאַל, וואָס וועט פאַרוואַלטן מיט דער טעכניש־פאַכמעניש־ווירטשאַפטלעכער אַרבעט, מחוץ דער אַדמיניסטראַציע, ווי הכנסות, הוצאות, פאַרפלאַנען וכדומה, מיט וואָס עס וועלן זיך פאַרנעמען באַאַמטע פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

אַלאַן פראַנק האָט נישט מוותר געווען אויף דער אַרבעט פון

זיין סעקרעטאַרין רעזשין, וואָס איז, ווי ער האָט געטענהעט, זיין „רעכטע האַנט״. פאַר דער צייט, וואָס זי האָט געאַרבעט, האָט ער זיך דערוווסט פון איר משפּחה־צושטאַנד און היימישע זאָרגן. די לעצטע צייט פלעגט ער באַזוכן איר היים שוין ווי אַן אייגענער, שפּילן שאָך מיט ניסאַנען און רעזשינס זונעלע, עלי, האָט זיך צו אים צוגעבונדן, שטענדיק מקבל־פּנים געווען מיט פרייד, נישט אָפּגעטרעטן פון אים. אַלאַן פראַנק האָט נישט פאַרפעלט אים ברענגען זיסוואַרג מיט שפּילצייג. ער האָט אויך געהאַט גוטע ווערטער פאַר דער אמא פרידאַ, וואָס האָט געהאַט פאַר אים גרויס אָפּשיי. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט די אמא פרידאַ כאַפּן מיט אים אַ שמועס אין העברעיִש לשון, דורכגעפלאָכטן מיט פראַנצויזישע ווערטער און אויסדרוקן, וואָס זי פלעגט אַרויסשעפּן פון זכרון, וואָס איז איר פאַרבליבן פון „פאַרן מבול״, וואָס זי האָט אַמאָל געלערנט אין וואַרשע, אין גימנאַזיע. מיטן ביסל העברעיִש, וואָס אַלאַן פראַנק האָט דערוואָרבן פאַר די פאַר יאָר לעבן אין ישראל, פלעגן זיי זיך צונויפרעדן. ניסאַן מיט עלין האָבן נישט ווייניק פראַנצויזיש דערוואָרבן פון רעזשינען אין דער היים, זי האָט געטאָן אַלץ, אַז איר זונעלע זאָל איר מוטערשפּראַך נישט זיין פרעמד. די פראַנצויזישע מוטערשפּראַך האָט געלעבט מיט איר אין אַלע אירע אינטימע מחשבות, וואָס האָט געהאָלפן פאַרקניפּן די פריינדלעכע פאַרבינדונג מיט אַלאַן פראַנק.

אין דעם נייעם ביוראָ איז ווייטער געבליבן אַרבעטן מינעס מאַן, דער יונגער אינזשעניער מרדכי, וווּ ער האָט באַקומען אַ נייע אויפגאַבע אַלס אינספּעקטאָר איבער דער מאַשינעריי און טעכנישע איינצלהייטן, וואָס פאָדערן רעפּעראַטורן מיט אַ שטענדיקער אויפזיכט. אַזוי איז מרדכי געוואָרן איינער פון די אינזשיניערן פונעם שטאָטראַט. ווייל רעזשין איז שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט מינען, און ווייל מרדכי, רעזשין און אַלאַן פראַנק האָבן ווייטער צוזאַמענגעאַרבעט, זענען זיי געוואָרן נעענטער צו דער משפּחה פון קבלן בנימיני, וואָס האָט איינגעפירט יעדן פרייטיק־צו־נאַכט פאַרברענגען

צוזאַמען מיט מינען, מיט איר מאַן און קינד, מיט רעזשינס בני־בית, אַריינגערעכנט די אמא פרידאַ, מיט זיין שוועסטער בילע, מיטן שוואָגער, דעם „פראַנצויז".ביידע האָבן זיך ביסלעכווייז איינגע־לעבט אין די נייע אומשטענדן און זיך אַקלימאַטיזירט, כאָטש מיט דער שפּראַך איז צוגעגאַנגען נישט לייכט, זיי האָבן גערעדט אַ געמיש פון יידיש־העברעיש, דורכגעפלאָכטן מיט פראַנצויזישע ווער־טער. זיי האָבן גערעדט ווי אַלע נייע עולים דאָס ערשטע יאָר אין יידישן לאַנד.

דעם קבלן בנימיניס הויז האָט אויפגעלעבט. פון זיינע משפחה־קרובים, צוזאַמען מיט ניסאַנען און רעזשינען, האָט זיך געשאַפן אַ נאָענטער קרייז, ווו אַלאַן פראַנק האָט זיך ביסלעכווייז אויך איינגעבירגערט, און דאָס האָט פאַרטריבן זיין איינזאַמקייט אין זיין פרייער צייט.

דער קבלן בנימיני האָט געהאַט ברייטע פאַרבינדונגען אין פאַרשידענע קרייזן, פאַרבונדן מיט זיין פראָפעסיע. פאַר אים, דעם אויפגעקומענעם גביר, איז געווען אַ כבוד צו האַלטן אָפן זיין הויז פאַר כלערליי אונטערנעמער, באַאַמטע, אינזשיניערן, אַרכיטעקטן וכדומה. ביי די בנימיניס פלעגט מען אָפט פראַווען שלוש־סעודותן, קידושן און מסיבות. דער כיבוד איז געווען מיט אַ ברייטער האַנט. בנימיני מיט דער גברת שושנה זענען געווען אין זיבעטן הימל; ברוך־השם, זייער קאָנטאָ אין באַנק איז דערפון חלילה נישט גע־מינערט געוואָרן. צוזאַמען מיט זיי האָבן געשעפּט נחת דער „פראַנ־צויז" זשאַק, מיט זוגתו בילע. באַרוישט פונעם הו־האַ און גוטן וויין, וואָס זשאַק האָט נישט פיינט געהאַט, פלעגן זיי נאָך אַזעלכע מסיבות זיך צוריקקערן אין זייער, נייער, גוט אויסגעשטאַטער, דירה, ווו בילעס ברודער האָט אַריינגעבראַכט פון זיין גוטס. פאַרן איינשלאָפן פלעגן זיי זיך דערמאָנען פאַרגאַנגענע זכרונות פון זייער לעבן אין פאַריז, דערציילט די איינדרוקן פון זייערע ערשטע טריט אין ישראל און פונעם גליק, וואָס זייער איינציקע טאָכטער, מינע, געניסט. זשאַק פלעגט זי קיבעצן, באשר זי האָט פריער נישט שטאַרק

געגלויבט אין איר ברודערס בריוו און אָפּוואַרפן זיין מאַנונג עולה זיין קיין ישראל, אַפילו ווען מינע האָט פאַרגעסן זיך צוריקקערן פון איר באַזוך ביים אָנקל בנימיני אין ישראל.

— העביילקע, גברת בילע, דו האָסט געמיינט, אַז דיין ברודער איז געבליבן אַ פּענטאַק ווי אַמאָל, אַ שלאָסערל, וואָס פאַרריכט אַ קראַן מיט אַ צעבראָכן פליישמילעכל, הע, גברת בילע, וואָס זאָגסטו איצט?

— שווייג, „פראַנצויז", אַז דיר איז גוט האָסטו געקריגן לשון, צי האָסטו זיך יאָ געאײַלט פאַרלאָזן דיין בודע אין פּאַריז? צי האָסטו מיך נישט געפרעגן, הלמאַי איך האָב באַשטאַנען, אַז מינעלע זאָל יאָ פאָרן, כאָטש צו גאַסט צום פעטער יוסף? — פלעגט אים בילע דערווידערן.

בעת בייביידן האָבן זיך שוין געקלעפּט די אויגן און פון וויטן פלעגט זיך הערן דאָס חצות־קלינגען פון די גלאָקן פונעם פראַנציס־קאַנער קלויסטער מיטן ברומען פון אַ שיפס־סירענע אויפן ים, פלעגט בילע פאַרענדיקן מיט אַ געגעץ:

— יאָ, זשאַק, יוסף שמייסט צו פיל מיט געלט, שושנה קען זיך נישט זעטיקן מיט כבוד.

— פון כבוד און פאַרמעגן ווערט מען נישט קראַנק — פלעגט איר זשאַק ענטפערן האַלב פאַו"שלאָפן. — לילה טוב, אַ גוטע נאַכט, גברת בילע.

וואָס ווייטער האָט זיך אַלאַן פראַנק מער און מער איינגעלעבט און גייסטיק אַקלימאַטיזירט אינעם יידישן לעבן אין דער כרמל־שטאָט, וואָס איז פאַר אים געוואָרן יידיש לאַנד, אין גאַנצן זיך דערווייטערט פון זיין פריערדיקן לעבן אין פראַנצויזן־לאַנד. ווען ער פלעגט איצט טראַכטן פון זיין לעבן אין פראַנקרייך, האָט ער געפילט, אַז דאָס איינציקע, וואָס האַלט אים נאָך צוגעפּאָדעמט צו פּאַריז, איז זיין משפחה און אַן אומגליקלעכע ליבע צו אַ מיידל, וואָס האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט, בעת ער איז צוליב איר

געבליבן אַ בחור. ער האָט נישט געקענט פֿאַרגעסן, זיין שכל האָט בשום אופן נישט דערשטיקט זיינע געפילן און זכרונות פון יענע צייטן, ווען ער פלעגט מיט יענעם מיידל פאַרברענגען אין פאַריז, מיטביידנס כוונה אויפצושטעלן אַ משפחה; ס׳האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט אָנגענומען אַן אָנבאָט פון דער בויפירמע, ווו ער האָט געאַרבעט, זיך אַרויסצולאָזן אין אַ ניי עטאַבלירטער אַפֿ־ריקאַנער מדינה אויספירן אַן אַרבעט. די אַרבעט האָט געדאַרפט דויערן זיבן — אַכט חדשים. דאָס מיידל איז נישט געווען צופרידן פון אַזאַ לאַנגער שיידונג. צום סוף האָט זי מסכים געווען, ווי ער האָט איר צוגעזאָגט, אין אַ דריי חדשים שפעטער, זי אַראָפּברענגען צו זיך, ווו זיי וועלן לעבן צוזאַמען ביז ער וועט ענדיקן די אַרבעט, נאָך דעם וועלן זיי זיך צוריקקערן קיין פאַריז און פון זייערע חלומות וועט ווערן וואָר.

אַלאַן פראַנק האָט געהאַלטן וואָרט, זי געבראַכט צו זיך אין יענער ווייטער שטאָט אין אַפריקע, אָבער נאָך אַ חודש צייט האָט זי זיך צוריק געקערט אַ פאַרביטערטע אַ היים. ער האָט זי איינ־געאָרדנט אינעם זעלבן האָטעל, ווו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן, אָבער זי איז געבליבן איינזאַם צווישן פרעמדע מענטשן מיט פרעמדע זיטן. זיי פלעגן זיך טרעפן מיטאָג־צייט און אין די אָוונטן, ווען ער פלעגט זיין טויט מיד נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אונטער אַן אָנגעגליטער, אַפריקאַנער זון. די היץ איז געווען גרויס, די לופט שטיקנדיק, דורכגעזאַפּט מיט אַן איבלדיקן טראָפּישן ריח; מאָסקיטן פלעגן אַריינדרינגען אין איר צימער, נאָגן און בייסן, נישט לאָזן צוטאָן אַן אויג גאַנצע נעכט. אין דער צייט, ווען ער פלעגט זיין ביי דער אַרבעט, האָט זי נישט געהאַט מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. די באַדינונג אין האָטעל האָט זי נישט פאַרשטאַנען, דאָס לאַנד איז פריער געווען אַ בריטישע קאָלאָניע און די מענטשן האָבן געקענט רעדן אַ צעבראָכענעם ענגליש, קיין וואָרט פראַנצויזיש. די ווייסע אייראָפּעיִשע קאָלאָניע איז דאָרטן באַשטאַנען פון אַ צענדליק ענגלישע משפחות מיט אַ צאָל קאָנסולאַרע באַאַמטע און

אַגענטן פון שיפּס־און פלי־געזעלשאַפטן. יעדע משפחה האָט געלעבט איינגעשלאָסן פאַר זיך. די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין משפחות, פלעגן זייער פרייע צייט, באַזונדערס אין די אָוונטן, פאַרברענגען אין אַזאַ קלוב ביי פלעשער וויסקי און קאָרטנשפּיל, אָדער זיצן שווייגנדיקע אין פאָטעלן מיט צייטשריפטן פון דער וויטער היים. אין די זונטיקן פלעגן זיי אַרויספאָרן אויף יאַגד מיט נעגערשע באַגלייטער, וואָס פלעגן האָדעווען זייערע הינט און זיי באַדינען אַ גאַנצע וואָך. וואָס האָט זי געזאָלט טאָן אַליין מיט זיך, חוץ שרייבן לאַנגע בריוו צו פריינד און משפּחה אין פאַריז? אָדער צום וויפלטן מאָל אויסהערן די זעלבע פּלאַטן, די זעלבע מוזיק פון אַ פּאַטעפאָן, וואָס אַלאַן האָט געבראַכט מיט זיך?

צו זייער שלעכטן מזל האָבן ערשט אַ פּאָר חדשים שפּעטער זיך דאָרטן באַוויזן די ערשטע, פאַרבעטענע, יידישע פאַכלייט פון מדינת־ישראל. אָבער זי איז שוין נישט געווען. עס זענען געקומען יידישע אינסטרוקטאָרן צו בויען אַ כביש פון אַ פּאָר הונדערט קילאָמעטער לאַנג, ס׳זענען געקומען יונגע־מדריכים מיט מומחים פאַר קאָאָפּעראַציע, לאַנדווירטשאַפט, פאַר טראַקטאָרן, פאַר עופות־ און בהמות־צוכט. די בעלי־משפחות האָבן מיטגעבראַכט פרויען מיט קינדער, אַזוי, אַז דאָרטן האָט זיך געשאַפן אַ קאָלאָניע פון ישראלים, וואָס איז ווייט נישט געווען צום האַרצן די פאַרריסענע ענגלענדער. אַלאַנס מיידל וואָלט זיך געקענט גוט אויסלעבן צווישן זיי, אַפילו דינען אַלס לערערין, צו לערנען פראַנצויזיש אין דער געגרינדע־טער שול פאַר די קינדער פון ישראל, נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. נאָר אַלאַן פראַנק האָט נאָך באַוויזן זיך באַקענען און באַ־פריינדען מיט זיינע פאַך־קאָלעגן פון ישראל, קורץ פאַרן פאַרענדיקן זיין אויפגאַבע אין יענעם אָרט.

אַלאַן פראַנק איז געווען דורכגעדרונגען מיט פאַרדרוס, ער האָט איינגעזען זיין פעלער, ער האָט נישט געטאָרט זי דאָ אַהערברענגען. אמת, ער האָט זיך פריִער נישט פאָרגעשטעלט, אַז זיין מיידל וועט איר פאַריז נישט אויסבייטן אויף גאַנץ אַפריקע. מיט עגמת־נפש

האָט ער זי באַגלייט צום פּליפּעלד. אַ פּאַראַומערטע האָט זי זיך צוריקגעקערט אַ היים, און ער איז געבליבן פאַרשלונגען אין זיין אַרבעט, וואָס האָט זיך פאַרשלעפּט 5 חדשים מער, ווי ס׳איז לכתחילה געווען פאָרויסגעזען. מיט דער צייט זענען אירע בריוו געוואָרן קירצער, קילער און ווייניקער, ביז זיי האָבן בכלל אויפגעהערט אָנקומען. נאָך אַ לענגערער הפסקה האָט ער באַקומען איר לעצטן בריוו מיט געציילטע, טרוקענע שורות, אַז זי מוז איבעררייסן מיט אים, ווייל זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ ידיד פון איר סביבה און קלייבט זיך מיט אים חתונה האָבן: „אַדיע, אַלאַן, איך ווינטש דיר הצלחה מיט גליק אין דיין ווייטערדיק לעבן, אַדיע״.

דאָס איבעררייסן מיט דעם מיידל איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס אַלאַן פראַנק האָט שפּעטער אָנגענומען די אַרבעט אין ישראל. אין זיין געמיט־צושטאַנד איז אים אַזאַ אָנבאָט געווען ניחא. עפּעס האָבן אויך צוגעגעבן זיינע שמועסן מיט די יידישע מומחים פון ישראל, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן ביים סוף פון דער אַרבעט אין יענער אַפריקאַנער שטאָט. זיי האָבן אים אַנטפּלעקט אַ ממשותדיקע, נייע יידישע וועלט, פון וועלכע ער האָט געהערט און געלעזן, באַזונדערס אין דער צייט פון דער ישראל־פראַנצויזישער אַליאַנס אין האַרבסט 1956, מיט וואָס די יידן אין פראַנקרייך האָבן זיך געגרויסט און גלייכצייטיק געווען באַאומרויקט. זיי האָבן געגלויבט, אַז „זייער״ פראַנקרייך וועט מדינת־ישראל נישט פאַרלאָזן און העלפן אין איר צווייטער מלחמה מיט מצרים. אַזוי איז טאַקע דעמאָלט געווען. די פראַנצויזן מיט זייערע ענגלישע פאַרבינדעטע האָבן גיך פאַרלאָזן די סועץ־געגנט אונטערן דרוק פון „אונאָ״ און אָפּגעשטעלט די מלחמה, דאָס נעמלעכע באַווירקט ישראל. מען דאַרף נאָך צוגעבן דעם שווערן דרוק פון די פאַראייניקטע שטאַטן מיט די גראָבע, אולטימאַטיווע פאָדערונגען פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

אַלאַן פראַנק האָט זיך דערמאָנט די דעמאָלטדיקע שמועסן ביים טיש פון זיינע עלטערן, ווען זיין פאָטער האָט מיט פאַרביטערונג

קאָמענטירט די צווייטע שותפות פון די פאַראייניקטע שטאַטן מיטן ראַטנפאַרבאַנד: — די ערשטע פאָזיטיווע שותפות אין האַרבסט 1947, ווען דער ראַטנפאַרבאַנד האָט צוזאַמען מיט די פאַראייניקטע שטאַטן געשטימט אין „אונאָ" פאַרן עטאַבלירן די יידישע מדינה, בעת פראַנקרייך איז געווען קאַלט צו אַזאַ אַקט. די צווייטע נעגאַטיווע שותפות: סוף 1956, ווען ביידע וועלטמאַכטן האָבן געצוווּנגען ישראל צוריקטרעטן פון סיני. זיין פאָטער האָט מיט איראָניע צוגעגעבן: „צוויי גוטע פריינד", אין ביידע פאַלן האָט זיך געפּלאָנטערט ענגלאַנד, ווו די יידן האָבן געהאַט נאָך צוויי „גוטע פריינד" נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, פריִער מיסטער בעווין, דערנאָך סער ענטאָני אידען.

אָט האָט זיך געמאַכט, אַז דער גורל האָט אים צוזאַמענגעבראַכט מיט מונטערע, יונגע ישראל־יידן, באַגייסטערטע פּיאָנערן, וואָס האָבן געבראַכט ישראל מיט זיך אין דער ווייטער אַפריקע, ווו זיי האָבן זוכה געווען קאָנסטרוקטיוו העלפן אַנדערע שוואַכע, ניי־אויפגעקומענע מדינות. זייט דעמאָלט האָט זיך זייער השפעה מיטן שם־ישראל געגעסטיקט אין זיין באַוווסטזיין און איז געקומען צום אויסדרוק מיטן פאַרבייטן פאַריז אויף דער כרמל־שטאָט, ווו ער האָט זיך באַזעצט, מיטגעבראַכט זיינע פאַכקענטענישן, זיך אינטעגרירט און באַקומען אַן עליה־צייגניש מיט פולע בירגעררעכט.

☆ ☆ ☆

די ביאָלאָגיע האָט אירע געזעצן, זי טוט אירס: די אמא פרידאַ האָט שוין לאַנג אַריבערגעשפּאַנט אירע 70 יאָר, די עלטער האָט זי נישט געשוינט, זי האָט מער נישט געקענט העלפן רעזשינען מיט איר הויזווירטשאַפט, אומגעקערט, זי האָט זיך אַליין גענויטיקט אין הילף. די סקלעראָזע האָט אָפּגענומען איר זכרון, אירע אויגן זענען געוואָרן אָפּגעשוואַכט, פאַרנעפּלט, זי איז געוואָרן אַפּאַטיש. דאָס אייניקל, עלי, האָט מען מער נישט געדאַרפט פירן און אָפּנעמען פון קינדער־גאָרטן. עלי האָט שוין באַזוכט דאָס צווייטע

יאָר אַ גרונטשול, וואָס איז געווען נישט ווייט פון דער היים. ער האָט שוין אַליין געפונען דעם וועג און געוווּסט ווי זיך צו היטן פונעם גאַסן־פאַרקער. ווי עס פירט זיך אין ישראל, אין די גרעסערע שטעט, דעזשורירן עלטערע שולקינדער די אַריבערגאַנגען פון איין זייט גאַס צו דער צווייטער זייט, אין דער נאָענט פון זייערע שולעס, דאָס קליינוואַרג זאָל חלילה נישט געניזוקט ווערן פון די אויטאָס, בעת זיי קומען און קערן זיך צוריק אין די היימען נאָך די לימודים. די דעזשורנע קינדער טראָגן בעת־מעשה ווייסע אַרבל מיט פּאָליציי־זשעטאָנען און האָבן געזעצלעכע רעכט אָפּצושטעלן און צוריק באַנייען דעם פאַרקער, ביז די קינדער זענען שוין אויף יענער זייט גאַס. די אַריבערגאַנגען זענען באַצייכנט מיט שטרייפן פון ווייסער פאַרב. בלית־ברירה האָט רעזשין געמוזט באַשעפטיקן אַ פרוי, אַ געניטע באַלעבאָסטע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט איר שטובווירטשאַפט און מיט דער אמא פרידאַ, וואָס האָט מער נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט איר.

רעזשין האָט געאַרבעט נישט אונטערגעבראָכן פון אַכט פרי ביז דריי נאָך מיטאָג, אונטערוועגס צוריק פון דער אַרבעט אַ היים פלעגט זי מאַכן אירע קניות. ניסאַן האָט אויך שטאַרק געפילט דעם עול פון דער היים. כאָטש זיין און רעזשינס איינקונפטן זענען געווען גענוג צו פירן אַ באַשיידן לעבן און צאָלן דער הויזפרוי, חנה.

חנה איז געווען אַ מיטליאָריקע, אַ שטילע געליטענע אַלמנה, אַ מוטער פון צוויי חתונה־געהאַטע טעכטער, וואָס האָבן געלעבט אין ווייטע קיבוצים, אינעם עמק־הירדן. די טעכטער האָבן זי נישט געלאָזט צו רו און פאַרלאַנגט זי זאָל זיך אַריבערקלייבן לעבן אין אַ קיבוץ פון די טעכטער, וואָרום אין אַ קיבוץ ווערן עלטערן אויסגעהאַלטן בכבוד אין זכות פון זייערע קינדער. עלטערן, וואָס זענען נאָך ביי די קרעפטן, קענען מיטאַרבעטען אין די קיבוצישע ווירטשאַפטן, וואָס גיט זיי דאָס געפיל, אַז זיי פאַלן נישט קיינעם צו לאַסט. ווער רעדט נאָך, אַז זיי האָבן אייניקלעך און שעפּן פון זיי נחת. אמת, די ערשטע צייט פון זייער אויפהאַלטן זיך אין קיבוץ,

שטערט זיי נישט וויניק די שפראַך־מחיצה מיטן קליינוואַרג. די סבתא מיטן סבא ווערן ביי די קינדער אידענטיש מיט אבא און אמא. פרומע עלטערן געניסן פון אַ כשרער קיך און אַן אייגענעם מקום־תפילה, וואָס פאַרלייכטערן זייערע עלטערע יאָרן. חנה האָט בשום־אופן נישט געוואָלט גיין אין אַ קיבוץ. זי האָט פריִער אָפּ־גערעדט די טעכטער, פאַרלאַנגט, זיי זאָלן בלייבן אין שטאָט. זיי זענען געווען נייע עולים פונעם ערשטן עליה־שטראָם פון ראַטנ־פאַרבאַנד. חנה האָט געוואָרנט אירע טעכטער: — „לאָזט צו רו דעם קאָלכאָז". זיי האָבן זי נישט געפאָלגט און נישט חרטה געהאָט. זיי האָבן זיך גוט איינגעלעבט און אַקלימאַטיזירט אינעם קאָלעק־טיוון לעבנסשטייגער, חתונה געהאַט, געבוירן קינדער, יעדן חודש געשיקט דער מוטער הילף, וואָס די קיבוצים טיילן אויס פאַר על־טערן, וואָס נויטיקן זיך אין דעם, בעת זיי לעבן פאַר זיך, אויסערן קיבוץ.

די אַרבעט אין רעזשינס היים איז חנהען געווען צום האַרצן. רעזשין ווידער האָט געטענהעט, אַז „ס'האָט זיך איר געמאַכט אַ גוטער שידוך". חנה באַציט זיך גוט צו עלין, וואָס האָט זי ליב באַקומען ווי אַ צווייטע סבתא. די אמא פרידאַ האָט זיך אין גאָר־נישט געמישט, מיט גאָרנישט אינטערעסירט. זי פלעגט זיצן אין אַ ווינקל אויף אַ פאָטעל מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, אָדער אין דרויסן אויף דער זון, אָדער אין שאָטן, אונטער אַ בוים, געגאַסן פון דער פרישער באַרג־און ים־לופט. אפשר האָט זי געחלומט?

ניסאָן האָט אויך נישט געהאַט קיין ברירה און ביסלעכווייז, נאָך דער אַרבעט, אָנגענומען פאַרשידענע רעפּאַראַציעס פון קאַליע געוואָרענע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, עלעקטרישע מכשירים וכדומה. די הכנסה פון ניסאָנס שטובּיקע איבער־שעהן האָט נישט וויניק גע־האָלפן דעקן די פאַרגרעסערטע היימישע הוצאות. אַ צייט שפּעטער האָבן זיי פאַרקויפט די דירה פון דער אמא פרידאַ, דערנאָך אָפּגע־טרעטן זייער דירה אַ יונג פאָרל פאַר שליסלגעלט און פון דער אַריינגעבראַכטער סומע געקויפט, אין דער נאָענט, אַ גרעסערע

דירה, ווו זיי האָבן געקענט איינאָרדנען די אמא פרידאַ אין אַ באַ־זונדערן, באַקוועמען אייגענעם צימער.

ביידע, ניסאַן אָדער רעזשין, האָבן געמוזט אָפּרייסן צייט פון זייערע אָפּרו־שעהען און זיך פאַרנעמען מיט עלין, אים העלפן מאַכן לעקציעס, כאָטש ער האָט שוין געהאַט זיינע שול־חברים און שכנישע קינדער פון זיין עלטער פאַר שפּילערייען, אויף וואָס ער פלעגט מוותר זיין, בעת די עלטערן פלעגן זיין אין דער היים. זייערע באַזוכן ביי מינען און ביי די בנימיניס זענען געוואָרן וויניקער, ס׳האָט זיי שטענדיק געפעלט צייט. ווידער מינעס באַזוכן זענען נישט פאַרמינערט געוואָרן, וואָרום מינע האָט יאָ געהאַט צייט, זי האָט נישט געטראָגן אויף זיך אַזאַ משפּחה־עול ווי רעזשין. צו הילף מינען זענען געשטאַנען איר מוטער בילע און די טאַנטע שושנה, וואָס האָבן „קאָנקורירט״, ווער וועט זיך מער אָפּגעבן מיט מינעס זונעלע, וואָס איז נישט געווען קיין סך יינגער פון עלין.

נישט יעדן טאָג האָט ניסאַן געאַרבעט אין די אָוונטן ביי זיך אין דער היים, אין אַזעלכע אָוונטן פלעגן זיי פאַרבעטן אַלאַן פראַנקן אויף אָוונטעסן. אַלאַן פראַנק פלעגט קומען אַ צופרידענער, באַלאָדן מיט פעקלעך גוטע זאַכן און קינדערביכלעך פאַר עלין. נאָכן עסן און נאָך אַ שמועס פלעגט ער זיך זעצן מיט ניסאַנען שפּילן אַ פאַרטיע שאַך, בעת רעזשין פלעגט זיצן אין דער נאָענט, שטריקן אָדער עפּעס פאַרריכטן פון עליס קליידונג און וועש.

ס׳איז אַוועק נאָך אַ ווינטער מיט נאָך אַ צעבליטן פרילינג, ס׳האָט זיך געשטעלט אַ נייער, הייסער זומער.

אַלאַן פראַנק האָט חוץ זיין פּאָסטן באַקומען אַרבעט אַלס לעקטאָר אינעם בוי־פאַקולטעט פון פּאָליטעכניקום פון דער כרמל־שטאָט. דאָס צוגרייטן די לעקציעס האָבן ביי אים אָפּגענומען נישט וויניק צייט. רעזשין פלעגט אים וואָרנען נישט צו פיל זיך אָנשטרענגען נאָך זיין רעגולערער, טעגלעכער אַרבעט, זי האָט נישט באַגריפן, ווי אַזאַ אָמט האָט אים געשמייכלט און געשפּינט פלענער מיט האָפ־

גונג צו דערגרייכן אַן אַקאַדעמישן מעמד אין אַ הויכשול. אַלאַן פראַנק פלעגט איר ענטפערן:

— נישט געזאָרגט, כ׳האָב דאָך אַזוי פיל פרייע, ליידיקע נעכט.

יענעם זומער האָט אַלאַן פראַנק געהאַט אַ גרויסע איבערלע־בונג אין זיין וואַקאַציע־צייט. זיינע עלטערן האָבן באַזוכט ישראל מיט אַ גרופע טוריסטן פון פראַנקרייך. מחמת אַזאַ געשעעניש, האָט ער אויפגעגעבן אַלע זיינע באַשעפטיקונגען מיטן אַרויספאָר צו פאַר־ברענגען אין אַ זומער־סאַנאַטאָריע, ווי יעדעס יאָר, און אַ רונדן חודש זיך אויפגעהאַלטן אין דער מחיצה פון זיינע עלטערן, וואָס האָבן זייערע אויגן נישט געגלויבט, אַנגעקוקט דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן געפונען אין יידישן לאַנד ישראל. זיין פאָטער האָט גענומען טראַכטן, אַז אַלאַן האָט גאָרנישט איבערגעטריבן אין זיינע בריוו. דער באַזוך אין ירושלים האָט אים טיף עמאָציאָנירט, ער איז געווען באַצויבערט פון דער נאַטור־פּראַכט אין גליל, פון דער כרמל־געגנט מיטן אינדוסטריע־צענטער אין עמק־זבולון, דאָס נעמלעכע מיטן פליִען קיין אֵילת צו זען פון דער הויך דעם נגב. אַ פאָר וואָכן האָט ער פאַרבראַכט אין תל־אביב, אין קיבוצים און מושבות. די יידישע פעלדער, די שמעקעדיקע פרדסים, די קינדער, די יוגנט, די שולעס און הויכשולן, דאָס פליסנדיקע העברעיִשע לשון אין אַזוי פיל מיילער, יידישע פּאָליציי, יידישע חיילים, יידישע פאַרטן מיט יידישע פליפעלדער, די יידישע רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע, די שטאָטישע און צווישנשטאָטישע קאָמוניקאַציע — האָבן כסדר גע־הויבן זיין התלהבות און אויפגעוואַכטע יידישע גאווה — — — —

— זע, זע, זשולי, — האָט ער נישט אויפגעהערט טענהען צו זיין פרוי, — הער, הער, זשולי, ווי פּאָליציאַנטן און שאָפערן רעדן לשון־קודש.

אָבער זשוליס, אַלאַנס מוטער, מחשבות זענען געווען צופיל פאַרנומען מיט איר זון, מיט אַ כוונה, אַ פאַרנעפּלטע שליחות, זיך מתייחד זיין מיטן זון און אים פרעגן:

— אַלאַן, ווי לאַנג מיינסטו נאָך לעבן אַליין אָן אַ פרוי, אָן

אַ משפּחה, ביסט שוין אַריבער 40, ס'פעלט דיר גאָרנישט, ביזט גוט איינגעאָרדנט. וואָס איז דער תּכלית?

די מוטער איז נישט געקומען צום זון מיט סתּם פּוסטע רייד, זי איז אַ יידישע מאַמע, כאָטש אַ „פראַנצויזין", זי האָט פאַר אים אַ מיידל, אַ צירונג, וואָס גייט איר אָן איר מאַנס התפּעלות און התלהבות, אַז זי איז איצט צוזאַמען מיט איר אָפּגעפונענעם זון, איר בכור?

סוף כּל סוף האָט מאַמאַ זשולי געפונען די פּאַסיקע צייט זיך דורכרעדן מיט אַלאַנען אונטער פיר אויגן. לכתּחילה האָט זיך איר געפּלאָנטערט אונטער דער צונג, ביז זי האָט געפונען די פּאַסיקע ווערטער, אים געעגבערט מיט פייכטע אויגן און אויסגעלאָדן דאָס, וואָס זי האָט לאַנג געטראָגן אין געמיט. אַלאַן איז געזעסן אַקעגן איר און שטיל געשמייכלט. די אַלטע ווונד מיטן פאַרלירן זיין ערשטע ליבע האָט זיך שוין לאַנג פאַרהיילט, מיטן שכל האָט ער פאַר־שטאַנען זיין מוטערס זאָרג, אָבער אָט די זאָרג איז ווייט פון אים. די איינציקע פרוי, וואָס שטייט פאַר זיינע אויגן איצט, אין זיין איינזאַמקייט, איז רעזשין, וואָס איז אַ סך יינגער פון אים. ער פאַרשטייט זייער גוט, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ מיראַזש, ער באַגנוגנט זיך מיטן פאַרברענגען מיט איר ווי מיט אַ יינגערער שוועסטער, אָן הינטער־כּוונות, אַ גלעט, אַ קוש אין האַנט, דאָס איז אַלץ, נישט מער. ער האָט ליב איר זון, אפשר איז ער שטיל איי־פערזיכטיק אויף ניסאַנען, אָבער ער איז מיט אים אין קאָרעקטער פריינדשאַפט. ער איז זיכער, אַז זיין באַנעמונג און אויפפירונג כּלפּי איר, וועט קיין מאָל נישט פּוגע זיין די פריינדשאַפט צווישן אים מיט ניסאַנען. רעזשין אַליין האָט זיך איין מאָל אויסגעדריקט, אַז זי זעט אים ווי אַ גוטן, עלטערן ברודער...

אַלאַן פראַנקס פאָטער איז נישט געקומען קיין ישׂראל זוכן און זען שאָטן מיט צרות, אָדער די פּראָבלעמען פון אויפנעמען נייע עולים, די שוועריקייטן ווי זיי צו באַזאָרגן מיט די ערשטע מיטלען און הילף זיך איינצוואָרצלען אין לאַנד, ער האָט נישט געזוכט

די קוואַרטאַלן פון די שלעכט סיטויִרטע, וואָס די „גיידן" פון די טוריסטן מיידן אויס, ער איז געווען דורשטיק נאָך ליכט און נחת, ער האָט אויסגעקוקט צופרידענע, פריילעכע יידישע פנימער. ווי אַ טוריסט האָט ער נישט געטראַכט, אַז דאָ קומט פאָר אַ פאַרשלעפּטער געראַנגל צווישן יידן מיט אַראַבער, וועגן וואָס ער לייענט אָפט אין די צייטונגען און הערט אין ראַדיאָ, ער האָט דאָ גאָרנישט געפילט פונעם געראַנגל, און נישט געטראַכט פון די אוניפאָרמירטע יידישע בחורים, וואָס ער טרעפט אין די גאַסן, — די באַשיצער פון ישראל, וואָס לאַגערן אין בונקערס און בליאָנ־דזשען אַרום די גרענעצן, כדי דאָס לעבן, וואָס שטייט איצט פאַר זייערע אויגן, זאָל רויִק שטראָמען און פולסירן. ס'איז אים נישט אויסגעקומען צו שמועסן מיטן זון וועגן דעם אַלעמען, הערן וואָס ער, שוין אַלס בירגער פון ישראל, זאָגט און טראַכט פון דעם. אַלאַן, פון זיין זייט, האָט אויך נישט געהאַט דעם ווילן צו אַזעלכע שמועסן מיטן פאָטער, ער האָט נישט געוואָלט פוגע זיין זיין טוריסטישע יום־טובדיקייט. דערפאַר האָט דעם פאָטער אינטע־רעסירט דאָס קאָמערציעלע לעבן, דער מסחר, מיט וואָס ער האָט זיך אָפּגעגעבן זיין גאַנץ לעבן. אין די האַנדלס־געגנטן פון די שטעט, וואָס ער האָט באַזוכט, האָט ער זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער, וואָרום ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט צו טרעפן אַזאַ דינאַמישקייט און טומלדיקייט, מיט אַזאַ שפע סחורות אין די וויטרינעס פון דער ישראל־פּראָדוקציע, ווי ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט זען אַזוי פיל ליידיקגייערס אַרום טישלעך פון גרויסאַרטיקע קאַפע־הייזער, ממש ווי אין די בולוואַרן פון פאַריז.

די יומטובדיקע טעג זענען גיך אַוועק, און אַלאַן האָט באַגלייט די עלטערן צום פליפעלד אין לוד, פון וואַנען זיי האָבן זיך צוריק־געקערט אין זייער היים קיין פאַריז, מיט אַ סך איינדרוקן און נייע מחשבות וועגן זייער צוקונפט.

☆ ☆ ☆

די בריוו, וואָס רעזשין פלעגט באַקומען פון פּאַריז, פלעגט בדרך כלל שרייבן די מאַמאַ סוז, זעלטן ווען פלעגט דער פּאַפּאַ רענאַרד צושרייבן אַ פּאָר שורות מיט זיינע גרוסן. איר ברודער, דער דאָקטאָר, פלעגט איר צייטנווייז אויך צושיקן אַ קורץ בריוול, קיין מאָל נישט פאַרפעלט בייצולייגן אַ טשעק אויף מתנות. דער ברודער פלעגט איר אָפט שיקן פראַנצויזישע זשורנאַלן, וואָס זי פלעגט לייענען האַלבע נעכט, דורשטיק, מיט נאָסטאַלגיע, ביז די לעצטע שורות נישט אויסגעלאָזט די רעקלאַמעס. אַלץ האָט זי אינ־טערעסירט, כאָטש פּאַריז איז שוין געווען ווייט, זייער ווייט פון איר לעבן אין ישראל. יאָ, אַלאַן פראַנק פלעגט איר נישט זעלטן מכבד זיין מיט אַ פראַנצויזיש בוך.

אין איינעם פון יענע זומערטעג האָט רעזשין געפונען אין פּאָסטקעסטל אַ בריוו פון איר ברודער, וואָס האָט זי איבערראַשט. זי איז גיך אַריין אין שטוב, אַוועקגעלייגט די מיטגעבראַכטע פּעק־לעך אויף אַ שטול, מיט ציטעריקע הענט האָט זי אויפגעמאַכט דעם בריוו, ווו דער ברודער גיט איר צו וויסן, אַז דער פּאַפּאַ רענאַרד איז געקומען אַ היים פון גאַס און געבעטן ביי דער מאַמאַ אַ גלאָז וואַסער, ער פילט זיך נישט גוט. ווען זי האָט אים געבראַכט דאָס וואַסער, האָט זי אים געפונען זיצן ביים טיש מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, אָן אַ רוח־חיים. דער פּאַפּאַ רענאַרד איז מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. זיין טויט איז געקומען נאָך אַ פּלוצימדיק־העפטיקן האַרצאַטאַק. רעזשין האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן, דער בריוו איז איר אַרויסגעפאַלן פון די הענט און זי האָט גענומען וויינען. חנה איז צוגעלאָפן צו איר, אויפגעהויבן דעם בריוו און שטיל גע־פרעגט, וואָס ס׳האָט פּאַסירט. אין איר צעבראָכנקייט האָט איר רעזשין געענטפערט אַ פּאָר ווערטער אין פראַנצויזישן לשון און ווייטער געוויינט. חנה האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט געענטפערט אָבער זי האָט דערפילט, אַז אינעם בריוו איז גע־שריבן עפּעס שלעכטס, זי האָט זי אַרומגעאַרעמט, געגלעט, זיך באַמיט זי באַרו׳קן און אַוועקגעלייגט אויף אַ קושעטקע. ערשט

שפּעטער, ווען ניסאַן איז געקומען פֿון דער אַרבעט, מיטגעבראַנגט מיט זיך עלין, ווען ער האָט געפֿונען זיך שפּילן אין גאַס, האָט ער איבערגעלעזן דעם בריוו, געקניט ביי דער קושעטע, אָן ווערטער אַרומגענומען רעזשינען, זי געגלעט און געקושט דאָס נאַסע פּנים. ווען ער האָט איבערגעגעבן חנהען, וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט זיך חנה אויך צעוויינט און מוטערלעך צוגעגאַנגען צו רעזשינען מיט אַ גלאָז מילך:

— קינד מיינס, איך ווייס נישט מיט וואָס איך קען דיך טרייסטן, נעם אַ פּאָר זופּ מילך, האָסט דאָך אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט גענומען אין מויל.

ניסאַן האָט געלייענט אין בריוו, אַז רעזשינס ברודער האָט די מוטער גענומען צו זיך, די ערשטע טעג איז זי געווען פּאַרגלי־ווערט, באַהערשט פֿון צער, זי האָט נישט אויפֿגעהערט קני:ען און תּפֿילה־טאָן ביי די בילדער פֿון געקרייציקטן מיט דער הייליקער מוטער, וואָס זיינער אַ שכן האָט געבראַכט און אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל אויף אַ טישל, ווארום ער, דער ברודער, האָט מלחמה־צייט פֿאַרלוירן זיין גלויבן און האָט זיך דערפֿון געכאַפּט אויף דער לויה פֿון פֿאָטער, בעת ער האָט הינטערן אָרון געפֿירט די מאַמאַ סוז. דער צלם מיטן גלח, וואָס האָט אין שפּיץ פֿון דער לויה געזאָגט תּפֿילות, האָט אים דערמאָנט זיין קינדהייט, ווען די מאַמאַ פֿלעגט אים מיט רעזשינען מיטנעמען אין קלויסטער אין זונטיקן און חגאות און לערנען פּאַרכטיק לייגן צלמים פֿון קאָפּ ביז די ברוסט און אַקסלען, ווי אַלע האָבן דאָרטן אַזוי געטאָן. דער פֿאָטער פֿלעגט נישט מיטגיין אין קלויסטער, ער פֿלעגט גיין צו זיינע קאָלעגן אין זיין שטאַמקאַפּע. אין בריוו, וואָס ער האָט געשריבן אַ וואָך נאָך דער לויה, האָט ער דערציילט רעזשינען, אַז ער האָט געבעטן די מאַמאַ זי זאָל בלייבן ביי אים. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיין פֿרוי אַרויסגעקריגן פֿון איר, וואָס זי טראַכט ווייטער צו טאָן, די מאַמאַ האָט נישט צווייַדייטיק געענטפֿערט, אַז זי וויל לעבן פֿאַר זיך און ווי ס'זאָל נישט זיין, קען זי אויך זיך נישט אַריבערקלייבן

צו דער טאָכטער אין איזראעל, ווו אַלע זענען יידן און זי קען נישט די שפּראַך, זי ווייסט נישט צי דאָרטן, ווו רעזשין ווינט געפינט זיך אין דער נאָענט אַ קלויסטער, זי וויל קיינעם נישט פאַלן צו לאַסט און וויל בלייבן נאָענט צום פּאַפּאַס קבר. זי איז זיכער, אַז רעזשין וועט זי בקרוב באַזוכן און זיי וועלן צוזאַמען אַלץ אַרומרעדן. דערווייל געפינט זי זיך ביי איר זון און איר דירה איז פאַרמאַכט.

באַהערשט פון צער האָט זיך רעזשין איצט אויך דערמאָנט, ווי זי פלעגט אַמאָל גיין צוזאַמען מיט דער מאַמאַ אין קלויסטער, זי האָט געוואָלט איר צוליב טאָן.

איינעם אַ פאַרנאַכט, נאָכן טויט פון פאָטער, האָט זיך רעזשין געלאָזט גיין אינעם נאָענטן קלויסטער פון די כּרמליטן, ווו זי האָט געקניט פאַר די הייליקע בילדער, ביי וועלכע ס'האָבן גע־ברענט הויכע ליכט. אינעם קלויסטער איז געווען טונקל. דער גלח, וואָס האָט זיך דאָרטן אַרומגעדרייט, איז צו איר נישט צוגעגאַנגען, ער האָט זי געלאָזט צו רו. ביים קניִען, האָט זי נישט געפונען קיין ווערטער פאַר אַ תּפילה, דאָ איז איר איצט אַלץ געווען פרעמד און ווייט, ס'איז איר נישט ניחא געווען די קילע לופט, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט ריחות פון קטורת און ליכט, ס'האָט איר געשטיקט, זי האָט זיך דאָרטן לענגער נישט געקענט אויפהאַלטן און זיך געלאָזט צוריק אַ היים אָן ווערטער, אָבער נישט פאַרגעסן, ביים אַרויסגאַנג, אַריינוואַרפן אין אַ שיסעלע אַלע מטבעות, וואָס זי האָט געהאַט ביי זיך.

די ערשטע וואָך ווען חנה האָט גענומען אַרבעטן ביי רעזשינען, האָט זי נישט געוווּסט, אַז זי איז נישט קיין יידישע. איר דירה האָט אויסגעזען ווי אַלע יידישע דירות, ווו די אמא פרידאַ האָט אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעהיט כּשרות, וואָס רעזשין האָט טאָלערירט,

נאָר זי האָט נישט געקענט מקפּיד זײַן אויף די כלים, צו אונטער־שיידן מילכיקס פון פליישיקס.

ווי אַ געקומענע פונעם ראַטנפאַרבאַנד, איז חנה נישט נתפּעל געוואָרן, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז רעזשין איז נישט קיין יידיש קינד, וואָס האָט זיך נישט מגייר געווען, ווי אַנדערע אין איר מצב האָבן געטאָן, וואָרום אין ראַטנפאַרבאַנד זענען פאַראַן אַזעלכע געמישטע פּאָרלעך. דאָס גייט קיינעם נישט אָן, חוץ יידישע עלטערן, וואָס פלעגן שווײַגן און זיך ווערגן מיט דער צרה, וואָס איז געווען זייער פּערזענלעך אומגליק. די עלטערן האָבן געוווּסט, אַז אַלץ, וואָס זיי וועלן זאָגן, וועט במילא זײַן ווי גערעדט צו דער וואַנט, קיין ברירה איז נישט געווען, דער קריסטלעכער איידעם אָדער שנור גלויבן במילא אין גאָרנישט, דער גלויבן גייט זיי אין גאַנצן נישט אָן און יעדער וויכוח וועגן רעליגיע קען נאָר אַרויסרופן בייז בלוט און צעשטערן דעם שלום־בית.

אין יענער טרויעריקער וואָך האָבן רעזשינען באַזוכט מינע מיט איר מאַן און עלטערן, די בנימיניס און אַלאַן פראַנק. זיי זענען שטיל געזעסן אַרום איר אין אַ האַלבן קרייז, זי האָט געטוליעט צו זיך עליך, וואָס האָט זי געהאַלטן אַרומגענומען און נישט אויפ־געהערט פרעגן וועגן מלכות־שמים, און וואָס דער סבא פון פּאַריז טוט אין הימל. ניסאַן איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, נישט גע־וווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך, און חנה האָט אין דער שטיל נישט אויפגעהערט פאַרגיסן טרערן פון צער נאָך אַ מענטשן, וואָס זי האָט נישט געקענט. די טרויער־אַטמאָספער האָט אויפגעריסן אירע וווּנדן, דערמאָנט איר אייגן, צעבראָכן לעבן נאָכן טויט פון איר מאַן, וואָס איז געשטאָרבן אין די מלחמה־טעג פונעם ערשטן ווינ־טער, בעת די דייטשן האָבן זיך געריסן פאָרויס צו מאָסקווע. דער שניי האָט ווי מיט תכריכים פאַרדעקט די חורבות מיט די טויטע מענטשן און בהמות, וואָס האָבן זיך אין יענע כאַאָטישע צייטן, געוואַלגערט אויף שריט און טריט אין די אָקופּירטע שטחים.

קרובים מיט גוטע שכנים האָבן חנה'ס מאַן געבראַכט צום בית־

הקברות אויף אַ שליטן, וואָס זיי האָבן געשלעפּט מיט זיך, איינ־
געשפּאַנטע אין שטריק. חנה האָט באַצאָלט דעם קברן מיט איר מאַנס
זילבערנעם ירושה־זייגער פאַרן אויפרייסן דעם קבר אין דער פאַר־
פרוירענער ערד. מען האָט אים געבראַכט צו קבורה אָן טהרה, איינ־
געוויקלט אין אַ ווייסן ליילעך אַנשטאָט תכריכים. זי האָט נישט
באַוויזן אויסזיצן שבעה מחמת דער עוואַקואַציע ווייט אין רוסלאַנד.
די דייטשישע האָרדעס האָבן געשפּאַנט פאָרויס, אומעטום געזייט
טויט מיט חורבן, בעת די רויט־אַרמייער זענען צוריקגעטרעטן און
איבערגעלאָזט הינטער זיך פאַרברענטע ערד מיט ישובים ווי בתי־
קברות, מיט רעשטן פון קוימענס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מצבות.
חנה האָט געהאַט אויף וואָס צו וויינען, און וואָס צו באַוויינען.

די אמא פרידאַ איז, ווי שטענדיק, געזעסן אין אַ ווינקל אין
אַ פאָטעל, געשוויגן און עפּעס געמורמלט אין דער שטיל, זי האָט
נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט זי געפינט זיך. לעצטנס איז זי
געוואָרן אומרויִק, דער משפּחה־דאָקטאָר האָט געפונען איר בלוט־
דרוק שטאַרק געפאַלן, דאָס נעמלעכע דעם ריטם פון פּולס. אַזוינס
האָט נישט געזאָגט קיין גוטס. דער דאָקטאָר האָט איינגעזען, אַז
זי צאַנקט און זיך באַמיט זי אַריבערברענגען אין אַ שפּיטאָל. עס
האָט לאַנג נישט געדויערט, ביז זי איז אויסגעלאָשן און געקומען
צו קבורה אין דער זעלבער שורה, אויפן בית־עולם, ווו איר מאַן
איז געלעגן. ווינטן מיט דער אַנגעגליטער זון זומערצייט האָבן פאַר
דער צייט פאַרווישט די אויפשריפטן אויף זיין מצבה, קוים איבער־
צולעזן זיין נאָמען. ווי ניסאַן איז געווען פאַרהאַרטעוועט, האָט אים
דער מוטערס טויט שווער געטראָפן און באַווירקט. אין דער שבעה־
וואָך האָט אים רעזשין צערטלעך געטרייסט. זי איז געווען צוגע־
וווינט צו דער אמא פרידאַ און מיט איר אויפמערקזאַמקייט די
לעצטע צייט געהאַלטן פאַר איר חוב צוריקצאָלן פאַר דאָס גוטס
און פאַר דער מוטערלעכער הילף, וואָס זי האָט פון איר גענאָסן

אַלע יאָרן, ווען זיי זענען געווען צוזאַמען. רעזשין מיט חנהען פלעגן זי וואַשן, בייטן די קליידער, אַרויספירן אין דרויסן זיך וואַרעמען אויף דער זון און שפּילן ווי אַ הילפסלאָז קינד.

די אמא פרידאַ איז אַוועק, די שטוב איז געבליבן ליידיק, רעזשין מיט ניסאַנען האָבן געהאַט בדעה איבערגעבן חנהען דער אמאַ׳ס ליידיקן צימער, נאָר ביידע האָבן געפילט, אַז ס׳איז נאָך צו פרי אַזוינס פאַרצולייגן חנהען, וואָס וואָלט במילא אויף דעם איצט נישט מסכים געווען. אין צימער האָט נאָך געשוועבט דער פרישער זכרון פון דער אמאַ. חנה איז געבליבן אין איר ווינקל, און מיט אַ שווער געמיט אויפגענומען די פאַרלייכטערונג אין דער היימישער אַרבעט. ס׳האָט איר נאָר פאַרדראָסן, הלמאי דער קליינער עלי קלעפּט זיך נישט אַזוי אינטים צו איר, ווי פריִער צו זיין סבתא עליה־השלום. ערשט נאָכן טויט פון דער אמא פרידאַ, האָט ניסאַן געפילט ווי זי פעלט אים, אָט איז ער געבליבן אַליין, דער לעצטער פון דער גאַנצער משפחה, וואָס איז אַוועק ווי נישט געווען.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָבן רעזשין מיט ניסאַנען פּלאַנירט זייערע יערלעכע וואַקאַציעס. ניסאַן האָט יענעם זומער געדאַרפט באַקומען זיין אומזיסטע רייזע אויף אַ שיף, צו פאַרברענגען די וואַקאַציע־צייט אין אויסלאַנד. נאַטירלעך האָבן זיי אַנגעגעבן פראַנק־רייך, וווּ רעזשין האָט געוואָלט פאַרברענגען מיט דער מוטער און צוזאַמען מיטן ברודער פּרובירן זי באַוועגן, זי זאָל אויפגעבן איר אַלטע דירה, זיך אַריבערקלייבן קיין ישראל, לעבן צוזאַמען מיט רעזשינען, אָדער בלייבן ביים זון, נאָר נישט לעבן איינע אַליין אין אירע עלטערע יאָרן.

ניסאַן האָט געהאַט זיינע פּלענער, ער האָט מוותר געווען אויף בלייבן אַ רונדן חודש אין פּאַריז מיט דער כוונה אַרויפצוציִען אַר־בעטן דעם פרייען חודש אויף אַ שיף, אויף זיין פריִערדיקער שיף, וואָס איז רעמאָנטירט געוואָרן און קורסירט ווי פריִער פון חיפה קיין מאַרסעל. ניסאַן האָט געוווּסט פון די חידושים אין זיין געוועזענער ראַדיאָ־קאַבינע, וווּ מען האָט אויסגעביטן די אַלטע קאָמו־

ניקאַציע־מכשירים אויף נייע, מער מאָדערנע. מען האָט אינסטאַלירט טעלעוויזאָרן אין עסזאַל און סאַלאָן פאַר די רייזנדער, מיט אַ באַזונדערער טעלעוויזיע פון אַן אינערלעכער צירקוליאַציע פאַרן קאַפּיטאַן מיט די אָפיצערן צו זען אויפן קליינעם לייוונט, וואָס עס פאַרלויפט זיך אויף דער שיף גופא. ניסאַן האָט נישט אויפגעהערט בענקען נאָכן ים, וואָס זיינע קאָלעגן האָבן אָנגערופן „ים־קראַנקייט”. בעת די שיפס־דירעקציע האָט נאָכגעגעבן זיין פאַרלאַנג, איז ער געווען זייער צופרידן, כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען, אַז רעזשין וועט נישט זיין גליקלעך צו בלייבן אַליין מיט עלין ביי איר משפחה אין פאַריז. עלי האָט כמעט ווי פאַרגעסן דאָס ביסל פראַנצויזיש, וואָס רעזשין האָט אין אים איינגעפלאַנצט זייט זיינע פריסטע קינדער־יאָרן .די שול מיט זיינע חברים, די גאַס, די שכנים, די אומגעבונג, ווו ער האָט זיך געפונען, פריִער די אמא פרידאַ, אַלץ מיט אַלעמען האָבן זיך אויסגעלעבט אין העברעיִש. חנה האָט מיט אים אויך גערעדט אין איר צעבראָכענעם העברעיִש. אַ פשיטה ניסאַן, האָט מיט אים נישט גערעדט קיין אַנדער שפּראַך, דאָס נעמלעכע מיט רעזשינען, מחוץ קורצע שמועסן אין פראַנצויזישן לשון, וואָס זיי פלעגן געברויכן, עלי זאָל נישט פאַרשטיין זייער אינהאַלט, וואָס דער זון האָט גראָד יאָ געוואָלט פאַרשטיין.

רעזשין האָט געוווּסט, אַז דאָס מאָל וועט איר זיין זייער שווער, עלי וועט נישט האָבן קיין קינדער, אין זיין עלטער, מיט וועמען זיך צו שפּילן און פאַרברענגען מחמת דער שפּראַך־מחיצה, ווי וועט ער זיך צונויפרעדן מיט איר ברודער, מיט זיין פרוי און מיט דער סבתא סוז? זי האָט אַלץ אַרומגערעדט מיט ניסאַנען, ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן, ניסאַן האָט נישט מוותר געווען אויף זיינס.

אַלאַן פראַנק האָט אויך באַשלאָסן, יענעם זומער, פאַרברענגען זיין וואַקאַציע־צייט אין פראַנקרייך, אין שויס פון זיין משפחה, וואָס האָט באַזונדערס דערפרייט זיין מוטער. די מוטער האָט נישט אויפגעגעבן איר מחשבה אים צונויפפירן מיט דעם מיידל, וועגן וועלכער זי האָט מיט אים געשמועסט בעת איר באַזוך אין ישראל,

וואָרום אַלאַן האָט איר נישט געענטפערט נישט יאָ, נישט ניין. ער האָט געטראַכט, ווי אינעם פרייען חודש נישט אָפּשטעלן זיינע צו־זאַמענטרעפן מיט רעזשינען, וואָס האָט זיך בשעתו באַקענט מיט זיינע עלטערן. ווי אַ מענטש מיט לעבנס־נסיון, האָט ער נאָך פרידעס טויט געפילט די געשאַפענע ליידיקייט אין רעזשינעס היים. ער האָט זי שוין גוט געקענט און געוווּסט, אַז זי האָט פאַרלוירן איר אינער־לעכע גלייכגעוויכט. מער ווי צען יאָר לעבט זי דורכויס צווישן יידן, אַזוי אַז דער קלויסטער מיט דער קריסטלעכער אמונה האָבן זיך דערווייטערט פון איר, אָבער ס'איז איר שווער געווען זיך אויס־לעבן אין גאַנצן אָן אַ גלויבן. פון די בנימינים האָט זיך אַלאַן דערוווּסט, וואָס עס שטייט פאַר עלין, בעת ער וועט זיך דערוויסן, אַז כאָטש ער איז געמלט ווי אַלע יידישע קינדער און לעבט זיך אין גאַנצן אויס מיט זיי, איז נאָך נישט סוף פסוק. עס פעלט נאָר עמעצער זאָל דערציילן זיינע שול־חברים מיט די קינדער פון דער סביבה מיט וועמען ער פאַרברענגט זיין צייט, — אַז ווייל זיין אמא איז אַ גויע, איז ער אויך אַ גוי. אָן שום בייזע כוונות וועלן זיי פאַרסמען זיין יונג לעבן. וועגן דעם האָבן לעצטנס אויך גענומען טראַכטן ניסאַן מיט רעזשינען, נישט געוווּסט ווי זיך אַרויסצופּליאָנ־טערן פון אַזאַ מצב, וואָס וועט ווייטער ווערן שווערער. עלי וואַקסט, ווער רעדט נאָך, אַז ס'וועט האַלטן ביי בר־מצווה, ביידע פלעגן וועגן דעם שמועסן נישט צו קוקן איינער אין צווייטנס אויגן, אויסצו־מיידן דערמאָנען אַפילו ברמז די פרשה מיט זיך מגייר זיין.

אַלאַן פראַנקס כוונה איז געווען צונויפפירן רעזשינען מיט זיין פאָטער, אַז ער, ווי אַן עלטערער מענטש, וואָס קען זיך בעסער אויס אין יידישקייט פון אים, זאָל איר פאַרזיכטיק אויפקלערן איר מצב און ווייל ער האָט נאָכן טויט פון זיין פרומען זיידן זיך דער־נענטערט צו די קאָנסערוואַטיווע יידן אין פאַריז, אפשר וועט ער זי באַקענען און צונויפברענגען מיט זייער ראַבינער, פריִער, אַ שבת, זי מיטנעמען אין זייער טעמפּל, ווו מענער מיט פרויען דאַווענען צוזאַמען אָן מחיצות, ווו דעם חזן באַגלייט אַ כאָר פון בחורים מיט

מיידלעך. אַזוינס איז דאָך נאָענטער צו איר מענטאַליטעט און איז אַנדערש ווי דאָס, וואָס זי האָט געזען און איבערגעלעבט אין ישראל, אין פאַרבינדונג מיט זיך מגייר צו זיין. די פרשה מיט דער טבילה אין מקוה פאַר די אויגן פון עדות, האָט זי שטאַרק שאָקירט, דאָס נעמלעכע האָט איר באַזוך אין אַן אָרטאָדאָקסישן בית־הכנסת נוסח מזרח־אייראָפּע בשעתו מער צעטומלט איר באַנעמונג צו דת משה וישראל.

אַלאַן פראַנק האָט געוווּסט, אַז רעזשין איז מענטאַל קאָנסערוואַטיוו און איז הינטערן באַוווּסטזיין צו פיל איינגעוואָרצלט אין דער דורות אַלטער אמונה פון אירע עלטערן, כאָטש איר פאָטער רענאַרד האָט פאַר זיין באַוווּסטזיניק לעבן אויסגעמיטן באַזוכן דעם קלויסטער און איר ברודער איז געוואָרן אַן אַטעיִסט נאָך אַלע זיינע איבערלעבונגען מלחמה־צייט און נאָך זיין אַקטיוון דינסט אין דער מאַקי־באַוועגונג. דע־גאָל, וואָס האָט אים פריִער באַגייסטערט, איז אים פרעמד געוואָרן, ווייל ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דער רעאַקציע און פּאָליטיש קאָקעטירט מיטן קלויסטער אין פראַנקרייך. פּאַקטיש האָט נישט דע־גאָל געשאַפן די אונטערגרונט־באַוועגונג אין פראַנקרייך און די בריטישע הילף פאַר אָט דער באַוועגונג איז ווייט אַריבערגעשטיגן די הילף פון דע־גאָלן.

אַלאַן פראַנק האָט געוווּסט, אַז רעזשין וועט נישט רעדן מיט איר ברודער וועגן איר פּיינלעכן פּרווו זיך מגייר צו זיין, כדי זיך אַריינצוועבן אין דער יידישער באַפעלקערונג פון ישראל. זיכער וועט זי וועגן דעם נישט רעדן מיט איר פרומער מאַמאַ סוז. דער ברודער איז נישט בכוח צו פאַרשטיין דעם יידישן לעבנס־שטייגער אין ישראל, וואָס איר אימאַזש איז פאַר אים געווען אַ וועלטלעך־פרייער. ס'האָט גענוג געדויערט ביז רעזשין אַליין האָט עס גענומען פאַרשטיין. זי באַנעמט נישט ביז היינט, אַז נאָכן לערנען די יידישע דינים און מנהגים און זיך צו שטעלן פאַרן עקזאַמען אין ראַבינאַט, איז דאָס נישט געווען גענוג צו באַקומען דעם היתר זיך מגייר צו זיין. זי קען נישט פאַרשטיין, הלמאי מען פאָדערט פון איר זיין מער

באַהאַוונט און קענען מער יידישע דינים ווי, אַ שטייגער, אירע יידישע שכנים און באַקאַנטע. פּאַר איר איז געגוג געווען די צי־ווילע חתונה מיט ניסאַנען, דאָס מל זיין איר זון מיט דעם ביסל כשרות, וואָס די אמא פרידאַ האָט אָפּגעהיט אין איר היים. רעזשין האָט נישט געאַרבעט נישט שבת, נישט אין די יידישע ימים־טובים. ס׳איז געוואָרן נאַטירלעך דאָס אַרבעטן זונטאָג און אין די קריסט־לעכע חגאות, חוץ קריסטמעס, וואָס זי האָט נאָסטאַלגיש אָפּגעהיט, נישט צו טראַכטן פונעם קריסטלעכן כאַראַקטער פונעם יום־טוב. זי האָט זיך אָנגעשטויסן אָן יידישע קרייזן, וואָס פייערן דעם קריסט־לעכן סילוועסטער אויף זייער שטייגער און ברענגען אין זייערע היימען אַ קריסטמעס־בוים ווי אַ שפּילצייג. חנוכה צינדט ניסאַן ליכטלעך, מער פאַר עלין ווי פאַר זיך. גראָד דאָס געפעלט איר זייער, זי זינגט מיט דעם ניגון פון „מעוז צור״, די חנוכה־ליכטלעך ברענגען אַריין יומטובדיקייט אין די אָוונטן. כאָטש די אמא פרידאַ האָט פאַר איר לעבן נישט געהאַלטן פון מבער חמץ זיין, האָט זי געפּראַוועט פסח מיט ווייַן און מצות ביי זיך, ווי אין רעזשינס היים. דעם סדר האָט מען מיטגעמאַכט ווי געסט ביי שכנים און גוטע פריינד. אַז עלי איז אונטערגעוואַקסן, פלעגט אים רעזשין באַגלייטן אין קינדער־גאָרטן אויף די פייערונגען פון חנוכה און פורים. זי פלעגט מיטזינגען מיט אַלעמען די פּאַסיקע לידער. אומעטום האָט זי זיך געפילט ווי אַן אייגענע, זיך קיין מאָל נישט אָנגעשטויסן אין די מינדעסטע רעליגיעזע דיסקרימינאַציעס. ט״ו בשבט פלעגט זי מיט פאַרגעניגן מיטגיין מיט די קינדער, צוגלייך מיט אַנדערע מוטערס און מיט די פרעבליסטינס, פלאַנצן בוימער. דאָס נעמלעכע פלעגט זי זיך באַפרייען פון דער אַרבעט ל״ג־בעומר און פאַר־ברענגען מיט קינדער און יונגוואַרג אין דרויסן, אין דער פרישער פרילינגס־לופט. זי מיט עלין, מיט ניסאַנען פלעגן אויך פאַרכאַפּט ווערן מיט דער פרייד ביי די שייטערס, אָנגעצונדענע נישט ווייט פון זייערע פענצטער, דעם אָוונט פון ל״ג־בעומר, מיטגעזונגען: „בר־יוחאי, בר־יוחאי אשריך״. אַזוי האָט זיך רעזשין אידענטיפי־

צירט מיט איר סביבה און געזעלשאַפט אין דער כרמל־שטאָט, נישט געטראַכט און נישט פאַרשטאַנען, אַז זי לעבט פאַרט אין טעות — — — דער גיור איז געבליבן הענגען איבערן קאָפּ ווי אַ וואָלקן.

אַלאַן פראַנק האָט געוווּסט, אַז רעזשינס ווילן אַריבערצובערע־גען די מוטער צו זיך האָט נישט קיין האַפּט, נאָר ס׳וואָלט גוט געווען, ווען די מאַמאַ סוז, קומט אויף אַ קורצע צייט צו גאַסט, וואָרום די מאַמאַ סוז, וועט נישט קענען לאַנג אויסהאַלטן אָן אירע פּראָנצויזישע פריינד, אָן איר משפחה, אָן איר קלויסטער, אויך נישט צו באַזוכן דעם פּאַפּאַ רענאַרדס קבר. ווידער, ווי וועט זי זיך אויסלעבן אָן איר מוטערשפּראַך?

אַלאַן פראַנק האָט זיך אָנגעכאַפּט ווי אָן אַ שטרוי אָן דער מחשבה צונויפפירן רעזשינען מיט זיין פאָטער אין זיין געוועזענער היים, אפשר וועט מען זי דאָך קענען מגייר זיין אין פאַריז, אין אַן אַנדער אַטמאָספער, אין אַנדערע אומשטענדן, אָן די שטרענגע חומרות פון די אָרטאָדאָקסישע רבנים. רעזשין וועט זיך צוריק־קערן אַ געיידישטע, לויטן נוהג פון די קאָנסערוואַטיווע יידן אין פאַריז. ער האָט וועגן דעם ערנסט געשמועסט מיטן גוטן פריינד יוסף בנימיני, אין דער אָנוועזנהייט פון מינעס פאָטער זשאַק. בנימיני מיט זיין גאַנצן סקעפּטיציזם האָט יאָ געזען אין אַלאַנס כוונות אַ געוויסן אויסוועג, ווידער זשאַק האָט געשוויגן. פאַר זיין לעבן האָט זשאַק זיך קיין מאָל נישט אָנגעשטויסן אָן אַזעלכע פּראָבלעמען. נאָך אַלעמען האָט ער געקענט ווייניק קאָנסערוואַטיווע יידן, חוץ אַ פּאָר סוחרים, ביי וועלכע ער פלעגט איינקויפן ראַמשן פאַרביליקטע, געניזוקטע סחורות. פאַר אים זענען אַלע יידן געווען גוט און גלייך, וואָרום אַלע גלויבן אין זעלבן רבונו־של־עולם. אַזוי ווי ס׳האָבן אים קיין מאָל נישט געשטערט חסידים, וואָס דאַוונען אין זייערע שטיבלעך, אַזוי האָבן אים נישט געשטערט די קאָנסער־וואַטיווע יידן, וואָס דאַוונען מיט זייערע ראַבינערס, אינעם זעלבן לשון־קודש, אין זייערע טעמפּלען און זאָגן „שמע ישראל״ מיט

דער זעלבער דערהויבונג ווי ער זאָגט. מחמת נייגעריקייט, האָט ער זיך אַ מאָל אַריינגעכאַפּט אין אַ קאָנסערוואַטיוון טעמפּל דאַוונען אַ שבת. דאָרטן האָט אים אַ ביסל שאָקירט צו זיצן אויף דער זעלבער באַנק מיט נשים און הערן אַ געמישטן כאָר פון בחורים מיט מיידלעך צוזאַמען. נישט מער, ער האָט זיך דאָרטן געפילט ווי אין אַ כאָרשול. ס׳איז דאָך געווען אַזוי שיין! ער האָט געדאַוונט פונעם זעלבן סידורל, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, איינגעהילט אין אַ טלית, ווי אַלע מתפללים. וואָס קען ער דאָ זאָגן?

יענעם פּאָר פּסח האָט בנימיני געפּועלט ביי שושנה זיין ווייב צו פּראַוווען דעם סדר נישט אין דער היים ווי אַלע יאָר, נאָר אַרויס־פאָרן מיט דער משפחה באַזוכן אַלטע חברים אין אַ קיבוץ, אין עמק־יזרעאל, אַקעגן דעם גלבוע. זיי וועלן צוזאַמען מיטן קיבוצישן סדר מיטמאַכן דעם חג העומר, וואָס הויבט זיך אָן ערב־פּסח אין די נאָכמיטאָג־שעהען און ענדיקט זיך שפּעט אין אָוונט נאָך דער הגדה. בנימיני האָט זייער געוואָלט, אַז זיין שוועסטער און שוואָגער, וואָס זענען יענעם יאָר עולה געווען קיין ישראל, זאָלן בייזיין אַזאַ פייערונג. דאָס נעמלעכע מינע מיט איר מאַן און קינד. זיי האָבן נישט פאַרגעסן רעזשינען, ניסאַנען מיט זייער זון און אַלאַן פראַנקן. זיי אַלע, וואָס זיי האָבן געהאַלטן ווי נאָענטע בני־בית — עלף פּערזאָן. לכתחילה האָט בנימיני זיך געוואָקלט, צי ער זאָל זיך אַראָפּלאָזן אין קיבוץ מיט אַזאַ „סוויטע״, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט זיינע דאָרטיקע חברים, זיי פרעגן, צי זיי וועלן נישט פאַלן צו לאַסט. האָבן די חברים געענטפערט: — „חלילה! מיר נעמען אויף צענדליקער געסט פון אַלע טיילן לאַנד צום סדר, — קרובים פון די קיבוץ־מענטשן, נייע עולים און סתם באַזוכער. איר זענט דאָך אונדזערע געסט אויף דער שמחה. ווי זאָגן די ענגלענדער, — „וועלקאַם״, ברוכים הבאים!״

דאָס יאָר האָט דער רבונו־של־עולם נישט געקאַרגט קיין רעגן

פאַר די פעלדער און פלאַנצן אין ישראל, וואָס זענען געלעגן אומע־
טיקע, דורשטיקע, צעפּלאַצטע נאָך דער פאַראַיאָריקער טריקעניש.
אַ מזל־ברכה האָט אַ גאַנצן ווינטער געשטראָמט פון די הימלען,
געזעטיקט און געקוויקט די אויסגעפּראַצעוועטע יידישע לאַנדווירט־
שאַפט, אָנגעפילט אַלע ליידיקע קוואַלן, פול געמאַכט דעם שפּיגל
פון כנרת איבער די ברעגעס.

אַז די פעלדער, בערג און טאָלן זענען נישט געווען דורשטיק,
זענען זיי אין פרילינג געוואָרן באַדעקט מיט פולזאַנגיקע תבואות,
וואָס האָבן זיך געכוואַליעט אין מילדן ווינט, ווי אַן אָנסופיקער ים,
ווייט ביזן האָריזאָנט. די בערג און טאָלן זענען אויך באַדעקט גע־
וואָרן מיט אַ סך קאָלירטע בלומען, די לופט איז פול געווען מיט
לעבן, פויגל האָבן זיך איבערגעפּרעגט און געזונגען שירה; פלאַ־
טערלעך, בינען מיט כלערליי אינזעקטן האָבן זיך געשפּילט און
געזעטיקט מיטן נעקטאַר פון די בלומען, פּרוכטבוימער האָבן גע־
נומען אָפּטרייסלען זייער בליונג, בעת ציטרוסבוימער האָבן גענומען
בליִען פון ס׳ניי. זייער דופט האָט באַשמעקט מרחקים, שיכור צו
ווערן פון זייערע בשמים. די ציפּרעסן, די עקאַליפּטוסן, מיט די
נאָדל־און ציר־בוימער זענען געשטאַנען אין גרינקייט זאַטע, אויס־
געצוואָגענע און גענויגט די קעפּ אין אַ שטומע „אודך״־תפילה
צו די בלויע הימלען.

פערצן טעג אין חודש ניסן, ווען די לבנה האָט געשוועבט אַ
פולע, אַ רונדע, אַ שמייכלדיקע, האָבן די יידן אין ישראל פאַרגעסן
אַלע צרות, פול געמאַכט די טישן מיט אַלדאָס גוטס און זיך געזעצט
צום סדר אויפגעלייגטע, בשירה ובזמרה, צו דערציילן ווידער און
נאָך אַ מאָל די נסים פון יציאת־מצרים, פון אַמאָליקע פּרעה׳ס,
ווענעמס קינדער האָבן זיך איצט פון סניי פאַרמאָסטן פאַרלענדן
ישראל, פאַרשפּילט און געבראָכן רוקן און לענד.

„האָט גאָט גערעדט צו משה׳ן אַזוי צו זאָגן: — אַז איר וועט
קומען אין דעם לאַנד, וואָס איך גיב אייך און איר וועט שניידן

איר שניט, זאָלט איר ברענגען אַ גאַרב פון אייער ערשטן שניט צום כהן״.

„ביז אויף מאָרגן, נאָך דער זיבעטער וואָך זאָלט איר אָפּציילן פופציק טעג און ברענגען אַ שפּייז־אָפּפער פון דער נייער תבואה צו גאָט״. (ויקרא כ״ג, פסוק ו׳).

פאַלט אויס דער ערשטער שניט אין ישראל צוזאַמען מיטן ערשטן סדר־פּסח, ווען די יידישע פעלדער נעמען צייטיקן, נאָך דעם ווי די שבי־ציון האָבן זי באַפּרוכפּערט, פאַרזייט און פאַר־פלאַנצט מיט זייער שוויס, בלוט און פּראַצע און צוריק באַגייט דעם עומר, די פרייד פון זען צייטיקן דעם פאַרזיי, ווי עס שטייט געשריבן: „הזורעים בדמעה ברינה יקצורו״.

יענעם ערב־פּסח האָבן די בנימינים מיט זייער משפּחה פאַר־לאָזן די טומלדיקע שטאָט אין צווי „פּרייוועטס״, זיך געלאָזט אין עמק־יזרעאל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיק־אויסגעשפּרייטער, בלומיק־געקעסטלטער טעפּיך אין אַ געכוואַליעטן גרינעם ים תבואה.

ס׳איז געווען שפּעטלעך נאָך מיטאָג, ווען די זון האָט זיך פאַר־קליבן הינטערן כרמל און געגומען צינדן די הימלען, דאָס מאָל לכבוד פּסח; בעת די הימלען האָבן געפלאַמט איז שוין די לופט געווען אין דעמערונג. פון די קיבוצים פון דער געגנט, האָבן זיך געצויגן צע־זונגענע קאַראַוואַנען כלי־רכב, באַזעצטע מיט אַלט און יונג אין ווייסע העמדער, מיט זילבערנע און שוואַרצע קרוינען אונטער די טעמבעל־היטלען. די כלי־רכב זענען געווען באַצירט מיט פאַלמע־צווייגן און גרינס־גירלאַנדן, אַזוי איז מען געבליבן לאַגערן אין דער מיט פונעם גרינעם ים תבואה.

ס׳איז שטיל געוואָרן, אַלץ איז געבליבן שטיין, ביז פון דער תבואה אַרויס, האָט אַ פעסטע, מעלאָדישע שטים אויסגערופן:

— והיה, און ס׳וועט זיין, אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד, וואָס איך גיב אייך, איר וועט שניידן איר שניט, זאָלט איר ברענגען די ערשטע גאַרבן, — דעם עומר.

— די רעגנס זענען אַוועק, — נעם צו אונדזער ברכה, לאַנד

ישראל, לאַנד פון פעלדער און גערטנער, פון פרדסים און כרמים, פון בערג און טאָלן. דער פרילינג זינגט אַ שטילן זמר פון ליבע מיט טרערן.

— פון דיינע הויכע בערג זעסטו איר פּראַכט, אַ שיין גוט לאַנד, זעסט זי אַ דערוואַכטע, זעסט זי אין טוי נאָך די רעגנס, זעסט זי אין נייעם יאָר פון פרוכט און תבואה.

ענטפערט אַ כאָר פון דער זעלבער תבואה אַרויס:

— קומי אורי — שטיי אויף, וואַך אויף, פאַרשפּרייט דיין שיין אויף די עולים פון אַלע עקן וועלט, וואָס זענען דאָ געקומען באַ־פרייטע צו זייען מיט טרערן און שניידן מיט געזאַנג דעם גאָב פון דיין ערד.

פרעגט איבער אַ שטים:

— ווו זענען די שניטער?

— האָ, אָט קומען זיי.

— זייט געבענטשט, יידישע שניטער, זיי געבענטשט, בית־ישראל, ברוכים הבאים, תחזקנה ידיכם!

ווי פון אַ מעשהלע שוועבן אַרויס קרענץ יונגע מיידלעך מיט ביכורים אין אַ שניטטאַנץ, אין וועלכן עס פלעכטן זיך אַריין על־טערע שניטערס מיט בלאַנקענדיקע קאָסעס.

שניידן שניטער, שניידן, זינגען, איינס־צוויי, איינס־צוויי, די הענט מיט די קאָסעס באַוועגן זיך ריטמיש אין אַ באַלעט, פול זאַנגיקע תבואות נייגן זיך און פאַלן. מיידלעך בינדן גאַרבן, בחורים ברענגען קערב, די גאַרבן פילן זיי אָן, דער שניט ברענט, ס׳געזאַנג הילכט, די בשמים פון פעלד פאַרשיכורן: „הזורעים בדמעה ברינה יקצורו”.

אָוונט פאַלט צו, געענדיקט דעם עומר־שניט. ס׳פאַרמירן זיך שורות מיט פולע קערב איבער די קעפּ, מען לאָזט זיך צוריק אַ היים אינעם קיבוץ אַקעגן גלבוע. דער גלבוע איז געקומען צום לעבן, פון זיינע היגלען שיינט ליכט פון נייע ישובים, זיינע פעלדזן באַדעקט מיט גרינס, דורכגעוועבט מיט פעלד־בלומען. די קללה

„אַל טל ואַל מטר" איז מער נישט גילטיק. דער גלבוע נעסטיקט פייגל, דער באַרג האָט אויפגעוואַכט.

וואָסערע פינף מאָל הונדערט מענטשן זיצן ביי געדעקטע טישן אין גרויסן, ליכטיקן קולטורהויז פונעם איינגעוואָרצלטן קיבוץ אַרום טישן מיט ווייסע סערוועטן, באַלאָדענע מכל טוב, פלעשער ווין מיט כוסות פינקלען, בלומען מיט אָנגעצונדענע ליכט צווישן די כוסות, גירלאַנדן גרינס מיט געמעלן אַרום די ווענט. פון די צעעפנטע טירן לאָזן זיך אַריין שורות יוגנט, — אַ פרעכטיקע קאַוואַלקאַדע מיט קערב עומר אויף די קעפּ און אַקסלען, זיי מאַכן הקפות אַרום די טישן, צו פאַרשפרייטן דעם דופּט פונעם דרויסנדיקן פרילינג.

— מיר האָבן געבראַכט דעם עומר, — הבאנו את העומר, דעם ערשטן גערשטנשניט פון די פעלדער אין עמק־יזרעאל, מיר האָבן געבראַכט די פרייד פון עומר מיט דער שמחה פון סדר.

דער כאָר זינגט צוזאַמען מיטן עולם:

— די פסח־נאַכט איז געקומען, די גאַנצע וועלט זאָגט הלל, ווייל אין דער נאַכט מאַכן זיך אויף אוצרות טל. דער ווינטער איז אַוועק, די רעגנס זענען פאַרביי, ס'באַווייזן זיך די שפּראָצן, די צייט פון די זינגפייגל איז געקומען אין אונדזער לאַנד. לאָמיר אַרויס אין די פעלדער, נעכטיקן אין די דערפער, אויפשטיין פאַר טאָג אַריינגאָטעמען די דופטן פון די כרמים, אַנקוקן און פילן ווי אַלץ שמעקט און בליט.

— דער חודש זאָל אונדז זיין דער ערשטער פון יאָר, פאַר נאַכט אינעם 14טן טאָג פון דעם חודש פאַלט אויס פסח, וואָס זאָל אייך דינען ווי אַ דערמאָנונג, איר זאָלט אים פייערן אַלע דורות — — —

— געדענקט דעם טאָג, ווען איר זענט באַפרייט געוואָרן פון דער קנעכטשאַפט אין מצרים — — — ווען משה מיט אהרנען זענען געקומען פאָדערן פון פרעה: „שלח עמי, לאָז אַרויס אונדזער פאָלק!" פרעה האָט דאָס פאָלק נישט אַרויסגעלאָזן, מער באַשווערט זייער לעבן, באַפוילן די נוגשים מער פייניקן די יידן, זיי פאַר־ביטערט די יאָרן. — — — האָבן די יידן געקרעכצט און געוויי־

טאָגט ביז זייערע געשרייען האָבן דערלאַנגט די הימלען. גאָט האָט דערהערט זייערע געשרייען און זיך דערמאָנט זיין בונד מיט אברהם, יצחק און יעקב, דערזען ווי זיי צאַפּלען זיך אין זייער בלוט, האָט ער געזאָגט: בדמייך חיי, בדמייך חיי, אין אייער בלוט זאָל איר לעבן.

אַ רגע איז שטיל געוואָרן און אַ פעסטע מענערשע שטים האָט געזאָגט:

הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים...

כל דיכפין יתא וייכול...

השתא אנו — — —

לשנה הבאה כל ישראל — איבער אַ יאָר — בני חורין, זאָלן זיין פריי אין יידישן לאַנד — באַרעא דישראל.

די פולע קערב עומר זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין פראָנט פון דער במה. פון צווישן די קערב לייכטן אַרויס פאַררויטלטע פנימער פון די קיבוצישע קינדער, ווי צייטיקע מילגרוימען, אויגן בלוי ווי די הימלען, קעפּלעך מיט בלאָנדן זייד.

די קינדער פרעגן: „מה נשתנה הלילה הזה, הלילה הזה?" די תשובה קומט פון אַלע טישן, פון אַלע ווינקלען פונעם ליכטיקן זאַל: — „עבדים היינו" — — — ס'הילכן פסוק נאָך פסוק פון דער באַנייטער קיבוצישער הגדה אין באַנייטן לאַנד ישראל. מען זאָגט הלל ביז עס הויבט זיך אָן דער סדר־מאָלצייט. ווען דער מאָלצייט איז פאַרענדיקט, די כוסות אויסגעליידיקט, דער „שפוך חמתך" אָפּגעזאָגט, דער כוס פון אליהו־הנביא אויסגעטרונקען, נעמט מען זיך צום „אחד מי יודע" און נאָכן פריילעכן, כאָראַלן „חד גדיא" זינגען אַלע — „לא ינום ולא ישן שומר ישראל". עלטערן טראַכטן וועגן זין, וואָס געפינען זיך איצט אין בונקערס, אין שוצגרובנס און אויף פּאַטרולן אויף אַלע פראָנטן פון יידישן לאַנד: — „לא ינום ולא ישן שומר ישראל"...

חסל סדר פסח אין עמק־יזרעאל. אַ פולע לבנה שמייכלט אַראָפּ פון די הימלען, יוגנט לאָזט זיך טאַנצן אין צעזונגענע רעדער, אין דרויסן ביים זאַל. דאָ און דאָרטן שפּרייזן שומרים מיט זאָקנמיצן

אויף די קעפּ, מיט ביקסן אויף די אַקסלען, — די נאַכט־שמירה פון קיבוץ.

נאָך חצות האָבן די בנימינים מיט זייערע באַגלייטער זיך געלאָזט צוריק אין די היימען. די קינדער זענען איינגעשלאָפן צו־געטוליעטע צו די מוטערס. די דערוואַקסענע האָבן געשוויגן, טיף געריירטע נאָך דעם איבערגעלעבטן אינעם סדר־אָוונט, נאָר זשאַק האָט נישט אויפגעהערט מורמלען צו זיך אַליין, — „ווי שיין, ווי ישראלדיק אַלץ איז געווען״, דאָס נעמלעכע האָט אויסגעשוויגן אַלאַן פראַנק, וואָס האָט זיך דערמאָנט די סדרים ביי זיינע עלטערן, ווען די הגדה האָבן געזאָגט נאָר דער זיידע מיט זיין פאָטער, אַ מאָל מיט אַ גאַסט פון דרויסן. ווידער רעזשין האָט זיך דערמאָנט איר ערשטן סדר אין ישראל, ביי די שכנים פון דער אמא פרידאַ, דאָרטן האָט זי נייגעריק אויך געשוויגן, בעת דאָ האָט זי מיטגעזונגען אַן ווערטער, מיטגעריסן געוואָרן מיט דער פייערונג, ווי זי וואָלט זיין מבטן ולידה איינע פון די מסובין. דאָס אויסלעבן זיך דורכויס אין דער יידישער סביבה, יידישע זיטן, קולטור און שפּראַך האָבן אומבאַמערקט, בהדרגה געווירקט אויף איר גייסטיקער אַבסאָרב־ציע אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן. איר פאַרביטערונג נאָכן דורכ־געפאַלענעם נסיון זיך מגייר צו זיין איז מיט דער צייט אויסגעוועפּט, פאַרווישט געוואָרן ביז זי האָט וועגן דעם גענומען טראַכטן, נישט ווי וועגן אַן עיקרדיקן מהות־פּראָבלעם, נאָר ווי אַ דורכגעפאַלענע פאָרמאַליטעט, וואָס די צייט וועט נאָך פאַרריכטן. עס האָט זיך איר נישט געמאַכט די געלעגנהייט עס אויסדריקן אין ווערטער, נישט פאַר ניסאַנען, נישט פאַר אירע נאָענטע, אינטימע פריינד ווי מינע און אַלאַן פראַנק, וואָס האָבן אויסגעמיטן עס צו דערמאָנען און זי צו רו געלאָזט, הלמאי וועקן ווונדן? דערווייל האָט די צייט געטאָן אירס.

נאָכן באַזוך פון אַלאַן פראַנקס עלטערן אין ישראל, זענען די

בריוו הין און צוריק צווישן זיי מיטן זון געוואָרן אָפטער ווי פריִער, זייער אינהאַלט האָט זיך געענדערט. אַלאַנס פאָטער האָט פאַרלאַנגט מער ידיעות פון יידישן לאַנד, וואָס האָבן אים אינטערעסירט און זענען געווען נויטיק פאַר זיך און פאַר ידידים, וואָס האָבן, ווי ער, גענומען טראַכטן וועגן אינוועסטיציעס און אין דער שטיל, פאַר זיך, געוועבט פּלענער פון עליה.

אַ שבת, בעת אַ „פייף־אָ־קלאָק", וואָס איז ביי אַלאַנס עלטערן געווען במקום „שלוש־סעודות" ביי עמך־יידן, וואָס האָבן געלעבט אַרום פאַריזער „פּלעצל", האָט דער בכבודיקער מעסיע פראַנק פאָרגעלעזן זיינע געסט אַ בריוו פון זון וועגן סדר־פסח, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט אין גרויסן קיבוץ אין עמק־יזרעאל. אַלאַן האָט אַנטפּלעקט פאַרן פאָטער דאָס לעבן פון יידישן דאָרף אין ישראל, וואָס איז פאַר אים געווען פּלאַי־פּלאים. ער האָט געשריבן, אַז לכתחילה האָט ער געוווּסט, אַז די יידישע לאַנדווירטשאַפט פאַר־נעמט זיך בעיקר מיט ציטרוס־פּלאַנטאַציעס, טיילווייז מיט וויינ־טרויבן און מיט מאַנדלען, מיט פרוכטסעדער, מיט שאָף, רינדער און עופות. פון תבואה־פעלדער האָט ער ווייניק געוווּסט, ביז ער האָט דערזען דעם גרינעם ים אין עמק־יזרעאל. פריִער האָט אים נישט איבעריקס אינטערעסירט די פאָרמען פון יידישן דאָרף, נישט די שטייגנדיקע טעכניק פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, וואָס פאָדערט אַגריקולטורעלן וויסן מיט נסיון, וואָס איז לויט זיינע ערשטע השגות נישט געווען שטאַרק געהויבן. ערשט נאָך עטלעכע וויטערדיקע באַזוכן, האָט ער זיך דערוווּסט דעם היפּוך. ער האָט דאָרטן געפונען טראַקטאָרן, קאָמביינען, מעלקמאַשינען, אינדוסט־ריעלע הילפס־צווייגן מיט אַ פאַרצווייגטן אַפּאַראַט צו פאַרשפּרייטן די פּראָדוקטן פון לאַנד, אויך אַ קאָאָפּעראַציע איינצוקויפן אַלדאָס נויטיקע פאַרן דאָרף, „וואָס דיר, ליבער פּאַפּאַ, דאַרף אינטערעסירן אַלס קאָמערסאַנט. נאָר דאָס מאָל וויל איך דיר דערציילן וועגן כאַראַקטער און פאָרמען פון יידישן דאָרף אין ישראל, פון וואָס די פּראָנצויזן ווייסן זייער ווייניק און איך, דיין זון, האָב פריִער נישט

געוווסט עפּעס מער פון זיי. אין ישראל עקזיסטירן פּריוואַטע קאָלאָניעס — מושבות, קאָאָפּעראַטיווע — לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים — מושבי־עובדים און די וווּנדערלעכע גרעסערע און קלענערע קאָמונעס — די קיבוצים.

„די קאָלאָניעס־מושבות זענען פּריוואַטעווירטשאַפטן, וואָס באַשעפטיקן געדונגענע אַרבעטער. אין די מושבי עובדים, אָדער מושבים, מוז יעדערער אַליין מיט דער הילף פון זיין משפחה באַאַרבעטן דאָס לאַנד מיט זיין ווירטשאַפט. אין די מושבות איז דער באָדן אַ פּריוואַטער קנין, יעדער קאָלאָניסט האָט זיך דער־וואָרבן זיין באָדן, זיינע פּרוכט־פּלאַנטאַציעס, תבואה־פעלדער און היימישן הויף, ווו יעדערער האָדוועט זיינע בהמות און עופות, בעת אין די מושבי־עובדים און קיבוצים איז דער באָדן אַ נאַציאָ־נאַלער קנין, וואָס געהערט צום יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, צום קרן־קימת, וואָס פאַרפּאַכטעט דעם מושבניק זיין חלק באָדן אויף לאַנג־יאָריקע טערמינען. דאָס נעמלעכע אין די קיבוצים, ווו דער באָדן ווערט איבערגעגעבן דעם גאַנצן כלל — דעם קיבוץ, אַלס נאַציאָ־נאַלער פּקדון, צו באַאַרבעטן און קולטיווירן ווי דער קיבוץ געפינט פאַר נויטיק. בראש פונעם מושב־עובדים שטייט אַ געוויילטער ראָט, וואָס טראָגט אין אַ געוויסן זין אַ מוניציפּאַלן כאַראַקטער. דער ראָט איז פאַרפליכטעט אויסצופירן אַלע באַשלוסן פון דער אַלגע־מיינער פאַרזאַמלונג. ביי די מושבניקעס איז אַנטוויקלט די מידה פון קעגנזייטיקער הילף, איינער העלפט דעם צווייטן אין יעדן נויטפאַל.

„אין די קיבוצים איז דער העכסטער בעל־דעה די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וואָס ווײלט אויס אַ סעקרעטאַריאַט אַלס עקזעקוטיוו, וואָס פירט אָן מיט אַלץ און מיט אַלעמען אויף אָן אָרט. אויך מיט די אויסערלעכע פאַרבינדונגען, פינאַנסן, מיטן איינשאַפן דאָס נוי־טיקע פאַרן קיבוץ, פירן די חשבונות פון איינקויף און פאַרקויף, מעדיצינישע דינסט, קולטור, חינוך און ספּאָרט, אַרבעטס־פּלענער, זריעה, קליידונג, און מיט דער אַרבעט־פאַרטיילונג אין יעדן ווינקל

פון דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט. די קיבוצניקעס האָדעווען זייערע קינדער און יוגנטלעכע אין באַזונדערע היימען, אַלע, חוץ דעם קליינוואַרג, עסן אין אַ קאָלעקטיוון שפייזזאַל, באַדינט פון אַן אַלגעמיינער קיך און פון סאַרווערס, באַשטימטע לויט אַ ריי. נאָכן אַרבעטסטאָג באַגעגענען זיך די עלטערן מיט זייערע קינדער. אין אָוונט באַגלייטן זיי דאָס קליינוואַרג צו זייערע געלעגערס אין די קינדערהיימען ביז זיי שלאָפן איין. יעדער קיבוצניק באַקומט טאַשנגעלט מיט נאָך סומען אויף קליינע פּערזענלעכע הוצאות, ווי צו באַזוכן קרובים, אויספלוגן, באַזוכן אין די שטעט, שטיצן עלטערן וכדומה. דער מיטגליד פון קיבוץ קען ברענגען זיינע עלטערן אין קיבוץ, ווו זיי געניסן פון וואַרעמע היימען, פון כשרות און אַן אייגענעם בית־הכנסת. יענע פון די עלטערן, וואָס קענען און ווילן, באַקומען לייכטע אַרבעט אין דער ווירטשאַפט אַ פּאָר שעה אַ טאָג, לויט זייערע כוחות און פאַך־קענטנישן. אין די קיבוצים זענען פאַראַנען קולטור־הייזער, קלובן, ביבליאָטעקן, צייטונגען, זשורנאַלן, טעאַטער און קינאָ, אַפילו טעלעוויזיע. חוץ גרונטשולן אויף די ערטער, עקזיסטירן אויך קרייז־מיטלשולן פאַר קלענערע, נאָענטע קיבוצים און אָרטיקע מיטלשולן אין גרעסערע קיבוצים. דער קיבוץ דערמעגלעכט זיינע מיטגלידער, וואָס ווילן, געניסן העכערע, אַקאַדעמישע בילדונג אין אוניווערסיטעטן און סעמינאַרן. די מענטשן ברענגען דערנאָך זייער וויסן צוריק אינעם קיבוצישן קאָלעקטיוו.

„אין סך־הכל: — בדרך־כלל עקזיסטירט נישט אין קיבוץ קיין פּריוואַט אייגנטום, מחוץ דעם ווינקל, צימער, אָדער דירה, ווו יעדער יחיד אָדער פּאָרפאָלק וווינען, און קענען פאַר זיך, זיך אויסלעבן אין דער פרייער צייט אינטים־פּריוואַט, זיך פאַרברענגען מיט קינדער, איינלאַדן געסט, מכבד זיין מיט אַ לייכטן כיבוד, געניסן פון ראַדיאָ, מוזיק און פון פאַרשידענע „האָביס", ווי שרייבן, מאָלן, שניצן, מייסטרעווען, זיך פאַרנעמען מיט זעלבסט־שטודיום, אַפילו מיט פאַרשאַרבעטן.

„די מושבי־עובדים, ווי די קיבוצים, זענען נישט פון איין

אידייאישן גוס. יעדער קיבוץ אָדער מושב אַלס אַזאַ, איז אָנגעשלאָסן אין אַ געוויסער פּאָליטיש־אידעאָלאָגישער ריכטונג, בעת יעדער יחיד פאַר זיך, מעג געהערן צו יעדער ריכטונג, וואָס איז אים צום האַרצן״.

„זיי וויסן פּאַפּאַ, — האָט אַלאַן צוגעגעבן צום סוף פון זיין בריוו — אַז אין ישראל עקזיסטירן אויך רעליגיעזע קיבוצים און מושבים, כאָטש אַ טייל פרומע יידן פרעגן אָפּ דעם ציוניזם מיט דער טענה, אַז שיבת־ציון איז סותר ביאַת המשיח און פירט צו כפירה. די ציוניסטן זענען אומגעדולדיק, זיי פאַרכאַפּן די פיש פאַר דער נעץ, ווייל זיי גלויבן נישט, אַז משיח וועט קומען. איך, פּאַפּאַ, בין נישט אין שטאַנד אַלץ צו שרייבן, אָבער איך גלויב, אַז ביי דיינעם אַ צווייטן באַזוך אין ישראל, וועל איך קענען דיך צונויפפירן מיט עמעצן פון זיי, וואָס וועט דיר בעסער אויפקלערן די סתירה צווישן שיבת־ציון מיט ביאַת המשיח, אויב דו אינטערעסירסט זיך מיט דעם. מיר׳ן באַזוכן אייניקע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, ווו דו וועסט זיך אויך דערוויסן פונעם חלק, וואָס די ישובים טראָגן צו צו דער זיכערקייט פון לאַנד, באַזונדערס אין די גרענעץ־געגנטן און אינעם אויספורעמען יידן אַלס לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטס־מענטשן״.

נאָך אַן אָוונטברויט ביי רעזשינען, האָט איר אַלאַן פראַנק דערציילט וועגן זיינע לעצטע בריוו צו זיינע עלטערן, וואָס זענען נאָך זייער באַזוך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אַלעמען, וואָס זיי האָבן געזען אין ישראל, באַזונדערס זיין פאָטער, וואָס האָט גענומען ערנסט טראַכטן וועגן אינוועסטיציעס, אַפילו וועגן עליה. „מיין פּאַפּאַ״, האָט ער געזאָגט, „פירט איצט אויס אַ ציוניסטישע שליחות צווישן זיינע פריינד און יידישע קליענטן. איך לייען עס צווישן די שורות פון זיינע בריוו. וואָס איז שייך מיין מוטער, האָט זי אויך געביטן איר באַציונג צו ישראל לטובה, אָבער זי איז דערווייל ווייט פון טראַכטן וועגן עליה״.

רעזשין פון איר זייט, האָט אים דערציילט, אַז עפּעס האָט זיך

אויך איינגעבראַכן אין אירע מחשבות. זי פילט איצט, אַז נישט אַלץ איז דאָ אַזוי „גאַטלאַז" און „ליידיק", ווי זי האָט זיך פריִער פאָרגעשטעלט אין די באַגרענעצטע ראַמען פון איר שטאָטיש לעבן. אויב זי האָט פריִער עפּעס געוווּסט פונעם לעבן אין פּראַנצויזישן דאָרף, פון באַזוכן אירע קרובים — האָט זי כמעט ווי גאָרנישט געוווּסט פונעם פאַרשידנאַרטיקן לעבן פון יידישן דאָרף אין ישראל. איר באַזוך אין עמק־יזרעאל האָט פאַר איר אַנטפּלעקט אַזוינס, וואָס זי האָט נישט געוווּסט און זיך נישט פאָרגעשטעלט. זי האָט דערזען די פאַרבינדונג פון יידן מיט דער נאַטור, מיט דער ערד און דאָס שאַפן וווּנדערבאַרע ווערטן, וואָס איז פאַר איר ניי. זי האָט אַזוינס נישט געקענט מערקן ביי יידן אין פראַנקרייך. אָט קען זי אַ יידישע משפחה, וואָס לעבט אין פּאַריז און פאַרנעמט זיך מיט מסחר, ווי אַלאַן פראַנקס פאָטער, ווי ס'האָבן זיך פריִער פאַרנומען אין אַ קליינער מאָס מינעס עלטערן. פון דעסטוועגן האָט מען זיי גערופן די „פאַרמערס", מחמת זיי האָבן באַזעסן אַ קליינע פאַרם, נאָענט צו דער שפּאַנישער גרענעץ, אַזאַ לאַנדווירטשאַפט פון עטלעכע אַקער וויינטרויבן, אַ ביסל גרינצייג, אַ פּאָר בהמות מיט אַ ביסל עופות. זיי פלעגן זומערצייט דאָרטן פאַרברענגען זייערע וואַקאַציעס. די פאַרם איז געווען פאַרפאַכטעט אַ פראַנצויזישן לאַנדווירט פון אַ שכנותדיקן דאָרף, וואָס האָט עס באַאַרבעט און אָפּגעהיט דאָס אַלטע הויז, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען און יעדן סוף־זומער, צוזאַמען מיטן אָפּצאָל פאַר דער אַרענדע, פלעגט דער לאַנדווירט צושיקן דעם „פאַרמער" אַ פּאָר קוישן וויינטרויבן, עטלעכע עופות מיט אייער אויף יום־טוב און אים באַזאָרגן מיט אַ פּאָר זעק קאַרטאָפל אויף ווינטער. דאָ אין ישראל זעט זי עפּעס אַנדערש, עפּעס אַזוינס, וואָס איז איר שווער צו געדייען. זי זעט יינגערע און עלטערע יידן, וואָס לעבן זיך אויס אין דערפער אַ גאַנץ יאָר. דאָס דאָרף איז זייער היים, זיי לעבן דאָרטן מיט דער נאַטור און געניסן פון די פּרוכט, וואָס זייערע אייגענע הענט שאַפן,

זיי געניסן פון דער ליכט פון דער זון, פון די דופטן פון זייערע פעלדער, און סוף־זומער קוקן זיי אויס אויף רעגן...

— לאָכט נישט פון מיר, מעסיע אַלאַן, הלוואי וואָלט איך אַזוי געקענט לעבן, אָבער מיין ניסאַן איז גאָר אַ טייל פונעם ים, כאָטש ער אַרבעט איצט אויף דער יבשה. איך ווייס, אַז ים איז אויך אַ נייעס ביי יידן. ניסאַנס חברים זאָגן מיר, אַז זיי ציִען זייער חיונה פון ים, ווי זייערע באַקאַנטע פון ערד, פון פעלד. נאָך מיין באַזעצן זיך אין ישראל האָב איך ערנסט געטראַכט זיך מגייר זיין, איך האָב געלערנט יידישע דינים מיט ברכות, איך געדענק זייער גוט די יידישע ברכה „המוציא לחם מן הארץ". ניסאַנס אַ חבר האָט מיר געזאָגט, אַז ער מאַכט גאָר אַזאַ ברכה „המוציא לחם מן הים". ערשט איצט נעם איך פאַרשטיין די צוגעבונדנקייט פון מיינע דאָרפישע קרובים צו דער ערד, וואָס זיי באַאַרבעטן מיט זייער שווייס. איך נעם פאַרשטיין דעם גענוס, וואָס זיי האָבן פון אירע פּרוכט, אַ גענוס, וואָס פילט אויס זייער לעבן. — — — מיין מאַמאַ האָט אַזאַ גענוס נישט געהאַט פון איר אַרבעט אינעם אוני־ווערסאַלן געשעפט אין פּאַריז, מיין פּאַפּאַ האָט געאַרבעט מעכאַניש ביי חשבונות און ביוראָ־פּאַפּירן, וואָס ער האָט, אין תוך גענומען, געהאַלטן פאַר אַן אָפּקומעניש, פאַר אַ מוז, אויסצוהאַלטן די היים און דערמעגלעכן מיר מיט מיין ברודער דערווערבן דאָס ביסל וויסן, וואָס מיר האָבן... מיינע עלטערן האָבן נישט געהאַט און נישט געקענט פון שאַפונגספרייד... דאָ אין ארץ־ישראל פיל איך יאָ ביי יידן שאַפונגספרייד פון אַלעם, וואָס זיי טוען. מיין פריינד, מעסיע בנימיני, האָט מיר נישט איין מאָל געזאָגט, אַז די הייזער, וואָס ער בויט, איז פאַר אים „וויזיע" ווי לאַנדווירטשאַפט. ער האָט מיר ערנסט דערקלערט, אַז כאָטש מען האַלט אים פאַר אַ גביר, וואָס מאַכט געלט פון זיין בויען, בויט ער דאָך הייזער, ווו נייע עולים זאָלן האָבן ווו צו וווינען, ווו אַרבעטסמענטשן מיט יונגע פּאָרלעך זאָלן האָבן, ווו צו האָדעווען משפחות. זיין געלט איז אַ טייל פון „נאַציאָנאַלן פאַרמעגן" פון ישראל... אַזוינס האָב איך

קיין מאָל נישט געהערט אין פראַנקרייך. זיינע טענות זענען פאַר מיר ניי און משונהדיק, כאָטש עפּעס לייגט זיך מיר אויפן שכל. איך האָב וועגן דעם געהאַט געשריבן מיין פאָטער, וואָס האָט מיר געענטפערט, אַז דאָס באַפּוצן פּריוואַט־פאַרמעגן מיט אַ „טעאָריע״, אַז דאָס זאָל זיין „נאַציאָנאַל פאַרמעגן״, איז נישט מער ווי שטות. ער האָט שוין אַזוינס געהערט אין פּאַריז, ווו די גבירים טענהען דאָס זעלבע, זיי באַרייכערן נישט זייערע פאַרמעגנס, זיי פאַרגרע־סערן נישט זייערע קאָנטעס אין די בענק, נאָר אַלץ, אַלץ טוען זיי פאַר דער „עשירות און גדולה פון פראַנצויזישן פאָטערלאַנד...״

אַלאַן פראַנק האָט אַלץ אויסגעהערט, געשמייכלט און געשוויגן. ס׳האָט אים אימפּאָנירט רעזשינס נאַיִוויטעט און אויפגעקומענעם ווילן צו דערגיין די „מיסטעריעס״ פון מדינה־בוי. ער האָט נישט געהאַט קיין לוסט צו לערנען מיט רעזשינען פּאָליטישע עקאָנאָמיע. ער איז געווען אַ מענטש מיט נסיון און בעסער געקענט אַלע וועגן און שטעגן פונעם מענטשלעכן לעבן און פון דער סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך אויסגעלעבט, ביז ער איז געקומען קיין ישראל, ווו ער האָט גענומען דערגיין און לערנען די יידן־פראַגע מיט יידישער געשיכטע. ער האָט באַגיטיקט רעזשינס איינפאַכע, תמימותדיקע רייד, ווייל ערשט דאָ־הי, ביים בויען די אונטערגרונט־באַן אין דער כרמל־שטאָט, ווו ער האָט געהאַט צו טאָן מיט הונ־דערטער יידישע אַרבעטער און טעכניקער, האָט ער דערפילט אַ סך אמת אין רעזשינס רייד, בעת ער פלעגט פאַרגלייכן זיין אַרבעט מיט מענטשן פון ישראל, מיט יידן, מיט די מענטשן גאָר ווייט פון פראַנקרייך און פון מדינת־ישראל, וואָס האָבן אין זייער לעבן בכלל נישט געחלומט פון „וויזיע״, נישט געוווסט, אַפילו זיך נישט אינ־טערעסירט מיט מדינהשאַפטלעכע פּראָבלעמען. ער האָט געטראַכט, אַז אַזאַ מיידל, ווי רעזשין, וואָלט דאָרטן אויסגעלעבט אירע 120 יאָר ווי אירע עלטערן און עלטערנס עלטערן, און קיין מאָל זיך נישט אינטערעסירט און פאַרנומען איר מוח מיט אַזעלכע געדאַנ־קען, וואָס פאַרנעמען איצט רעזשינען אין יידישן לאַנד.

אין חודש תמוז איז דער זומער געשטאַנען אין פולן ברען. די טעג זענען געווען הייסע, די זון האָט געגליט, אויסגענאָגט די פייכטקייט פון די אויבערשטע ערדשיכטן, באַזונדערס אין די לייט־דיקע, נישט באַפּעלקערטע שטחים, אין די פּליינען און וויסטענישן פון נגב, אין די פעלזיקע בערג פון יהודה און גליל, וואָס האָבן געגאָסן פון די וויניקע רעגנס, — פונעם מלקוש אין חודש ניסן. די סטאַדעס שאָף און רינדער זענען אין יענע הייסע חדשים שטענדיק דורשטיק און הונגעריק, זיי בלאָנקען אַרום אין די לייט־דיקע פעלדער און פאַרצערן דאָס מינדעסטע, טרוקענע שיריים פונעם שניט. זיי האָבן פאַרצערט די פאַרוויאַנעטע גרעזלעך און געוויקסן צווישן די פעלדזן, אין די הויכן און שיפּועים פון די בערג און ראַנדן פון די וואַדיס, וואָס געדיכטע קוסטעס פאַרדעקן און העלפן אויפצוהאַלטן ס׳ביסל פייכטקייט פון נאַכטיקן טוי, ביי זייערע וואָרצלען. די שאָף און פלינקע ציגן האָבן זיך געלאָזט אַרומפרעסן די בלעטלעך און צווייגן פון די קוסטעס און נידעריקע ביימלעך. די פּאַסטוכער מיט זייערע דורשטיק־הונגעריקע הינט, האָבן זיך שווער אַן עצה געגעבן איינצוהאַלטן די סטאַדעס צו־זאַמען, זיי נישט דערלאָזן פאַרצערן שטיקער באַאַרבעטע, באַוואַ־סערטע שטחים, ווו ס׳האָבן דערגרייכט רערן פונעם וואַסער־מאַ־גיסטראַל פון לאַנד. די קוואַלן האָבן שוואַך געשפּרודלט, די אוי־בערפלאַך פון כנרת, דער גרעסטער וואַסער־רעזערוואַט פון ישראל, האָט אראָפּגענידערט און אַנטבלויזט שטיקער פון זיינע ברעגעס. אין די הייסע, טרוקענע זומער־חדשים נערט זיך דער כנרת פון זיינע פאַרזאַלצענע אונטערגרונט־קוואַלן, וואָס האָבן יענעם יאָר וויניק געגאָסן פון רעגן, און פון צעלאָזענעם שניי פון די בערג פון אויבערשטן גולן און פונעם חרמון.

די הימלען האָבן זיך געשפּרייט טרוקענע אין זייער טיפער בלויקייט, די לופט האָט געציטערט אין שימער, די פייגל האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צווישן קוסטעס און צווייגן פון בלעטער־ און נאָדל־ביימער. ווילדע בעלי־חי, גרעסערע און קלענערע, זענען גע־

לעגן הונגעריקע אין זייערע נאָרעס און זיך אַוועקגעלאָזט זוכן שפּייז נאָר אין די נעכט און פאַרטאָגן. ס'האָבן נאָר געגרינט, געבלומט און ווייטער נאָרמאַל זיך אַנטוויקלט די באַזעסענע, באַ־אַרבעטע שטחים מיט זייערע פעלדער, פּרדסים, סעדער און גערט־נער, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן זייער חיות פונעם וואַסער־מאַגיס־טראַל, פון נאָענטע און ווייטע קוואַלן און פון מענטשלעכן שווייס, וואָס האָבן געזעטיקט מיט זייער ברכה די ערד, מיט דעם ביסל ציר־פּלאַראַ אין די שטעט און מושבות.

אין רעזשינס היים זענען געמאַכט געוואָרן אַלע הכנות זיך צו לאָזן מיטן ים אויף זומער־וואַקאַציעס קיין פראַנקרייך.

אַלאַן פראַנק האָט זיינע הכנות צו דער זומער־נסיעה קיין פּאַריז פאַרענדיקט אין די לעצטע פאַר אָוונטן. ער האָט געהאַט ווייניק וואָס איינצופּאַקן. די מתנות פאַר זיינע בני־בית האָט ער פריִער, ביסלעכווייז, איינגעשאַפן לויט אַ צוגעגרייטער רשימה.

רעזשין האָט זיך געקליבן צו דער נסיעה מיט אַ שווער געמיט. ווייל נאָכן פאָטערס טויט איז איר פריִערדיקע היים געוואָרן ליידיק. עס האָט איר פאַרויס ווי געטאָן די טרעפונג מיט דער מוטער. אין איינער אַ נאַכט האָט זי זיך פונאַנדערגעוויינט אין שלאָף. אַ דערשראָקענער האָט ניסאָן זי איבערגעוועקט. בעת זי האָט זיך באַרויִקט, האָט זי דערציילט ניסאָנען, אַז עס האָט זיך איר גע־חלומט, ווי זי מיט דער מאַמאַ קניִען פאַר איר פאָטערס קבר אויפן בית־הקברות אין פּאַריז... פאַר איר מוטער וועט זי נישט קענען דערציילן, וואָס עס קימערט זי, ווי זי האָט זיך דערוווּסטערט פון גלויבן, וואָס זי האָט געטראָגן מיט זיך, ביז זי האָט זיך צוזאַמענ־געלעבט מיט אים, מיט ניסאָנען. זי וויל איר נישט פאַרשאַפן עגמת־נפש, די מאַמאַ וועט זי במילא נישט פאַרשטיין און נישט פאַרגעבן, נאָר פאַר דער מוטערס וועגן, האָט זי אין חלום זיך געצלמט פאַר איר פאָטערס קבר. ווען דער פאָטער וואָלט געלעבט, וואָלט נאָר ער אַליין פאַרשטאַנען, וואָס זי לעבט איבער, ווייל ער איז געווען אַ פריידענקער, און ווי ניסאָן וויסט, האָט ער נישט

פֿאַרטראָגן דעם קלויסטער מיט די גלחים, דאָס נעמלעכע איר ברודער, וואָס איז אויך אַ פֿריידענקער. אָבער ער איז דער היפּוך פֿונעם פֿאָטער. ווייל אין דעם פּרט, איז ער ציניש לויט זיין באַ־געמונג. דער פֿאָטער, כאָטש ער איז געווען אַ פֿרייער מענטש, פֿלעגט נישט אָפּלאַכן פֿון די גלויביקע, נאָר גוטמוטיק, אָפּקומען מיט אַ וויץ אויפֿן חשבון פֿון זייער אמונה. ער האָט געשאַנעוועט די מוטער, איר קיין מאָל נישט געשטערט גיין אין די דרכים, ווי זי האָט פֿאַרשטאַנען און ווי זי האָט געפֿילט. ער האָט געוווּסט, אַז זיינע רייד וועלן נישט אַרויסרייסן איר גאָט פֿון האַרצן, וואָרום נאָך אַלעמען האָט זי קיינעם נישט געשטערט מיט אירע הייליקע תרפֿים, מיטן באַזוכן דעם קלויסטער און מיט לייגן צלמים פֿאַר דעם בילד פֿון דער הייליקער מוטער און פֿון דעם מאַן פֿון נצרת. אין זיינע לעצטע בריוו האָט איר געשריבן דער ברודער, אַז דאָס אויסבייטן איין געטלעכקייט אויף אַ צווייטער איז נאָר שטות. ער האָט איר דערמאָנט, ווי מלחמה־צייט האָט דער קלויסטער, בדרך־כלל, משלים געווען מיט די באָשעס אין אָקופּירטן פֿראַנקרייך, און ס׳רוב גוטע קריסטן האָבן פֿאַרקוקט די נאַצישע רדיפֿות אויף דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג ווי זיי האָבן פֿאַרקוקט די עינויים און מערדערייען כלפּי די יידן. ווו איז געווען דער גאָט פֿון די יידן? וואָס האָט ער עס פֿאַרשוויגן? האָט ער זי געפֿרעגט אין זיין צינישן סטיל. זי האָט זיך נאָר געטרייסט, וואָס דער ברודער האָט טאָלע־רירט די מאַמאַ, היט אָפּ כיבוד־אָם, און שטערט איר נישט אין אירע קריסטלעכע דרכים, ווי דער פּאַפּאַ האָט איר נישט געשטערט.

דאָס אַלץ האָט זי יענע נאַכט געזאָגט ניסאַנען, בעת ער האָט געהאַלטן צוגעטוליעט איר נאָס פּנים צו זיין ברוסט. זי האָט פֿאַר־שטאַנען ניסאַנס שווייגן, פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז כלפּי איר אויפֿ־ריכטיק, דעריבער זאָגט ער גאָרנישט. רעזשין האָט געוווּסט, אַז אמונה פֿאַרנעמט נישט קיין אָרט אין ניסאַנס מחשבות, ער לעבט מיטן ים, מיט דער ריזיקער וואַסער־סטיכיע, מיט די הימלען איבערן קאָפּ, מיט דער זון ביי טאָג, מיט דער לבֿנה און שטערן

אין די נעכט, און ווען אַ שטורעמווינט רוישט און ברומט אויפן כרמל, אַז עס פאַר אים ווי מוזיק, ווייל ס'דערמאָנט אים איבער־געלעבטע שטורעמס אויפן ים, ווען די הויכע, שוימיקע, זינדיקע כוואַליעס האָבן געשליידערט זיין שיף ווי אַ שפּילצייג. נאָר איין מאָל האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז אַלץ, וואָס לעבט, איז געט־לעכקייט און האָט גאָרנישט צו טאָן נישט מיט רעליגיע, נישט מיט בתי־תפילה וכדומה, וואָס איז פאַר אים נישט מער, ווי שיריים פון אַלטער געצנדינערײַ. מיט זיין גיין צו יזכור אין בית־הכנסת און זאָגן קדיש אויפן פאָטערס קבר, טוט ער נאָר צוליב זיין מוטער, נישט מער. נאָך איר טויט, פאַר איר זכרון, היט ער אָפּ אין שאַפע די תפילין פון זיין פאָטער און ברודער, ווי זי האָט עס געטאָן פאַר איר לעבן.

רעזשין האָט די לעצטע צייטן נישט געהאַט מיט וואָס אים צו דערווידערן, וואָרום איר פריִערדיקער גלויבן איז אויסגעוועפּט, אַפילו דאָס פיינלעכע פּראָבלעם פון גיור, וואָס האָט אויף איר גע־לאַסטעט אַ לאַנגע צייט, איז פאַר איר אויך געוואָרן נאָר אַ פאַר־מעלער ענין זיך צו אינטעגרירן מיטן יידישן פאָלק, מיט וועמען זי לעבט זיך אויס אין ישראל, אויך צו זאָרגן פאַר דער נאָענטער צוקונפט פון איר זון, וואָס וועט זיכער זיין יידיש.

אָט די מחשבות האָבן פאַרנומען איר געמיט, איצט, בעת זי האָט זיך געקליבן באַזוכן איר געוועזענע היים אין פּאַריז. רעזשין איז געווען איבערצייגט, אַז זי וועט זיך צוריקקערן פונעם באַזוך אין פראַנקרייך מיט אָט די זעלבע מחשבות, וואָס זי טראָגט זיך אַרום די לעצטע צייט.

ניסאַן האָט זיך געלאָזט אין וועג 10 טעג פריִער פאַר רעזשינען. אויף יענער שיף האָט ניסאַן געדאַרפט פאַרטרעטן אַ קאָמוניקאַציע־אַפּעראַטאָר, וואָס האָט באַקומען אַ חודש וואַקאַציע חתונה צו האָבן. עטלעכע טעג פריִער, איידער די שיף איז אָפּגעשווומען, האָט ניסאַן איבערגענומען זיין אַמט, זיך באַקענט מיט די נייע מכשירים, גע־נומען אַלע אָנווייזונגען ווי זיך צו באַגיין מיט זיי. ניסאַן האָט

דאָרטן געפונען אַ מאַטאַראָלאַ, אַזאַ ראַדיאָ־זענדער פאַר באַפעלן און אָנווייזונגען פאַר דער מאַנשאַפט און פאַר פאַרבינדונגען מיט גאָענטע שיפן.

אינעם טאָג פון אַרויספאָר האָבן אים באַגלייט רעזשין מיטן זון און אַלאַן פראַנק, וואָס זיי האָט זיי געבראַכט אין האַפן מיט זיין „פּריוועט". אַ טאָג פריִער האָט ניסאָן אַלץ צוגעגרייט צו זיין נסיעה. ער האָט זיך געלאָזט צום האַפן אין שניי־ווייסן אָפיצערן־לבוש, מיט גאָלדענע גאַלוינען אויף די מאַנקעטן פון מונדיר, מיט זיינע ראַנגצייכנס אויף די אַקסלבענדער און היטל. רעזשין האָט נישט געקענט אָפּטאָן פון אים די אויגן. זי איז געווען צעחושט, זיך דערמאָנט, אַז אַזוי, אין אַזאַ לבוש, האָט זי אים געטראָפן צום ערשטן מאָל אויף דער שיף, ווו ער האָט געדינט, בעת זי האָט געמאַכט איר שפּאַציר אויפן מיטללענדישן ים. אינעם אוניפאָרם איז ניסאָן ווי יינגער געוואָרן, ער איז געווען צעחושט נישט ווייניקער פון רעזשינען. אָט האָט ער דערלעבט צוריק אַרויפגיין אויף אַ שיף און זיך לאָזן מיטן ים, אָט שטייט ער ביי די הענגטרעפּ פון שיף, הערט די קולות מיטן טומל פון האַפן, ער הערט ווי ים־לייט פרעגן זיך איבער אין זייער לשון, ער הערט דעם געבראַזג פון אַן אַראָפּגעלאָזענעם אַנקער, דאָס באַקאַנטע ברומען פון סירע־נעס, ער אָטעמט מיט ים־לופט. זיין זונעלע האָט זיך געטוליעט צו אים, געהאַלטן פאַר אַ האַנט, און רעזשינס מילדע, אומעטיקע אויגן, האָבן אים אויך דערמאָנט זיין ערשטע טרעפונג מיט איר אויף דער שיף, ווו ער האָט געדינט אַלס קאָמוניקאַציע־אָפיצער. ער איז פאַרכלינעט געוואָרן מיט פריִערדיקער, יונגער ליבשאַפט, וואָס איז נאָך קנאַפּע צען יאָר צוזאַמענלעבן, צונויפגעגאָסן געוואָרן מיט טיפער פריינדשאַפט. דאָס זונעלע האָט נישט אויפגעהערט שטאַמלען און גלעטן די גאַלוינען פון זיינע מאַנקעטן: — „אבא שלי, אבעלע", וואָס האָט אים נאָך מער גערירט און אַריינגעגנבעט אין זיינע מחשבות אַ פראַגע, צי האָט ער ריכטיק געהאַנדלט, מיטן

איבערלאָזן רעזשינען אַליין אויף גאַנצע 6—8 וואָכן, צי וועט זי זיך אַן עצה געבן אָן אים ווייט פון דער היים?

אַ לויטשפּרעכער, וואָס האָט צווויסן געגעבן, אַז די שיף איז גרייט זיך לאָזן אין וועג, האָט איבערגעהאַקט ניסאַנס מחשבות. ער האָט גענומען דאָס זונעלע אויף די הענט, אים געקושט און געדריקט צו זיך, דערנאָך אַרומגענומען און זיך געהאַלדזט מיט רעזשינען, געקושט אירע פּייכטע אויגן און פאַראומערט פּנים, צום סוף שטאַרק געדריקט אַלאַנס האַנט, נישט געפונען פּאַסיקע ווער־טער, אים צו דאַנקען און אויסדריקן זיין האָפענונג, אַז ער וועט נישט אָפּטאָן זיין אויפמערקזאַמקייט פון רעזשינען מיטן זון און איר בייהילפיק זיין אין דער נסיעה קיין פראַנקרייך, ווו זיי וועלן פאָרן צוזאַמען מיט דער זעלבער שיף.

— שלום, מעסיע ניסאַן, באָן וואַיאַזש, — האָט אים אַלאַן געזעגנט. — שלום, מאָן אַמי.

די סירענע האָט גענומען דאַמפּן און ברומען. ניסאַן איז אַרויף דער לעצטער אויף דער שיף. די קייטן פון אַנקער האָבן זיך גע־הויבן מיט האַרמידער, די שיף האָט זיך אָפּגעריסן פון ברעג, מאַטראָסן האָבן אַרויפגעצויגן אויפן דעק די צובינדשטריק, בעת ניסאַן איז געשטאַנען ביים פּאַרענטש, געפּאָכעט מיטן היטל „שלום" צו זיינע באַגלייטער, וואָס זענען ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן פון זיינע אויגן אויפן פאָן פון כרמל, וואָס מען האָט נאָך געזען אַ לענגערע צייט פון וויטן, ווי איין פאַרנעפּלטן מאַסיוו, בעת די שיף האָט זיך געוויגט אויפן ים און ניסאַן איז שוין געזעסן אין דער קאָמו־ניקאַציע־קאַיוטע פאַרנומען מיט די מכשירים, אַריינצורעדן אין אַ מאַטאַראַלע די ערשטע אָנווייזונגען צו דער מאַנשאַפט פון שיף.

דעם אָוונט פאַר דער נסיעה, האָט רעזשין מיטן זון פאַרבעטן די בנימיניס מיט אַלאַן פראַנק אויף אַ באַשיידענעם אָוונט־מאָלצייט זיך צו געזעגענען. אַרום טיש זענען געזעסן בנימיני מיט זיין פרוי, מינע מיט איר מאַן און עלטערן און אַלאַן פראַנק. אין אַ ווינקל אויף אַ פּאָטעל זענען געלעגן גרייט מתנות פאַר די נאָענטסטע

קרובים פון רעזשינען און פאַר גוטע שכנים, וואָס מינע מיט אירע עלטערן האָבן מיטגעשיקט ווי „סוווערנירן פון איסראַעל".

נאָענט צו חצות האָט מען זיך געזעגנט. בנימיני האָט זיי צו־געזאָגט אָפּפירן אין האַפן, אין זיין גערומען „קרייזלער".

די געסט האָבן זיך געדריקט די הענט, אַרומגענומען, זיך געקושט ווי אייגענע:

— שלום, „באָן וואָיאַזש" — מינעס מאַן האָט צוגעגעבן אין עברית: — צאתכם לשלום ובאכם בשלום.

אין פּאַריז זענען געשטאַנען שווערע היצן, די נעכט זענען געווען שטיקנדיק און פייכט. שוין מער ווי אַ וואָך צייט ווי רעזשין מיטן זון האָבן זיך געפונען אין דער פּאַראומערטער היים פון מאַמאַ סוז. רעזשינס ברודער מיט זיין פרוי האָבן נישט דורכגעלאָזט קיין פרייע שעה צו פאַרברענגען מיט זיי. יענע טעג האָט זיך ווי אָפּגעטאָן די אבלות פון דער מאַמאַ סוז, וואָס איז געווען גליקלעך צו זיין צו־זאַמען מיט איר טאָכטער און אייניקל. ביידע האָבן איינע פאַר דער צווייטער אויסגעלאָדן אַלץ, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף די הערצער פאַר די לעצטע צוויי יאָר נאָך רעזשינס באַזוך אין פאַריז. זיי האָבן וויפל מאָל געשמועסט גאַנצע נעכט ביז פאַר טאָג, נישט פאַרבאָרגן די מינדעסטע פּרטים פון זייערע איבערלעבונגען, חוץ ענינים פון אמונה, וואָס רעזשין האָט אויסגעמיטן צו דערמאָנען, כאָטש די מאַמאַ האָט זייער געוואָלט וויסן פון די הייליקע ערטער אין ירושלים, בית־לחם, נצרת, כפר־נחום וכדומה. פון די שמועסן איז קלאָר גע־וואָרן פאַר ביידן, אַז די מאַמאַ סוז וועט נישט קענען פאַרלאָזן פאַריז און זיך איבערפלאַנצן אַנדערש ווו פון יענער זייט ים. ווידער רעזשין איז געקומען צום אויספיר, אַז זי וואָלט שוין, בשום אופן, נישט געקענט לעבן אין איר געוועזענער היים, אין אַן אַטמאָספער, וואָס איז פאַר איר געוואָרן הימל ווייט.

די ערשטע טעג האָט רעזשין געליטן פון זון, וואָס האָט זיך

נישט אָפּגעקלעפּט פון איר, מחמת ער האָט זיך מיט קיינעם נישט געקענט צונויפרעדן, כאָטש ער האָט אין אַ געוויסער מאָס פאַר־שטאַנען דער אמאַ׳ס מוטערשפּראַך. די סבתא סוז האָט זיך באַמיט מיט אַלע קרעפטן געווינען דעם צוטרוי פון איר אייניקל. זי האָט אים דערציילט מעשיות, וועלכע ער האָט נישט פאַרשטאַנען, גע־בראַכט אילוסטרירטע קינדער־אַלבאָמען, שפּילצייג, זיסוואַרג. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן און גאָרנישט געווירקט. עלי פלעגט אויפלעבן, ווען דער דוד אַלאַן פלעגט באַזוכן רעזשינען, און פאַר אים אויסלאָדן זיינע קינדערשע טענות. קיין מאָל נישט פאַרפעלט פרעגן הלמאי דער אבא קומט נישט. די מאַמאַ סוז איז געוואָרן אייפערזיכטיק, הלמאי איר אייניקל קלעפּט זיך גאָר צום מעסיע אַלאַן און נישט צו איר. זי האָט נישט געקענט באַנעמען, אַז עלי האָט זיך געפילט ווי אַ פויגל, וואָס האָט פאַרלוירן זיין נעסט. אַלע חידושים מיט דער גאַנצער פּראַכט פון פּאַריז האָט אויף אים ווייניק געווירקט, אַפילו נישט דער שפּילפּלאַץ אינעם נאָענטן פּאַרק, ווו ער האָט זיך נישט געקענט אויסמישן מיט די קינדער און אָנטיילנעמען אין זייערע שפּילערייען און שטיפן ווי זיי. ס׳איז נישט געווען זיין היים, נישט זיין סביבה, בעיקר נישט זיין שפּראַך. די מאַמאַ סוז האָט באַוויזן זיך אויסלערנען פון איר אייניקל אַ פּאָר ווערטער פון העברעישן לשון: „רוצה הביתה. רוצה את אבא״.

בעת אַלאַן פלעגט זי אַ טאָג נישט באַזוכן, פלעגן זיי שמועסן דורכן טעלעפאָן, דאָס נעמלעכע איר ברודער. רעזשין איז געוואָרן אומגעדולדיק, דער זון האָט זי נישט צו רו געלאָזט.

אַלאַן האָט צונויפגעפירט רעזשינען מיט זיינע עלטערן אין זיין היים. די פריייטיק־צו־נאַכטן ביים געדעקטן, שבתדיקן טיש האָבן אויף איר שטאַרק געווירקט. אַלאַנס מוטער האָט איר זייער פריינדלעך אויפגענומען. זי האָט געוווּסט פון איר לעבן אין ישראל און פון דער פריינדשאַפט מיט איר זון, וואָס האָט איר דערציילט פון איר משפּחה־לעבן. ער האָט אויך דערציילט זיינע עלטערן די פּרשה פון איר ווילן זיך מגייר זיין, וואָס האָט זיך נישט דערליידיקט ביזן

היינטיקן טאָג. ערשט די לעצטע וואָכן פון איר פאַרברענגען אין פאַריז, האָט, איין מאָל, אַלאַנס פאָטער זיך געזעצט מיט איר אין אַ ווינקל פון גאַסטצימער און פאַרזיכטיק איבערגעגעבן, וואָס אַלאַן האָט פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל זיך באַמיִען איר העלפן זיך מגייר זיין אין פאַריז ביי אַ רב פון דער קאָנסערוואַטיווער געמיינדע, צו וועלכער ער באַלאַנגט. די קאָנסערוואַטיווע רבנים מאַכן נישט קיין שום שוועריקייטן און האַלטן נישט פון די צערעמאָניעס ביים זיך מגייר זיין, ווי עס פירן זיך די אָרטאָדאָקסישע רבנים אין ישראל. רעזשינען האָבן זיך געביטן די קאָלירן אין פנים. זי איז צעטומלט געוואָרן. אַזאַ פאָרשלאַג איז פאַר איר געווען אַן איבער־ראַשונג. ס׳האָט איר פאַרדראָסן, הלמאי אַלאַן האָט איר פריִער וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט, אַפילו נישט מרמז געווען פון אַזאַ פּלאַן. זי איז געבליבן שטיל, נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ס׳איז פאַר איר געקומען צו פלוצלונג. אין דער רגע האָט זי דערפילט ווי ניסאַן פעלט איר. בעת זי איז צו זיך געקומען האָט זי זיך געכאַפּט, אַז די העפלעכקייט פאָדערט פון איר עפּעס צו זאָגן. פון די אויגן פון אַלאַנס פאָטער, פון זיין פאָטערלעכער באַנעמונג צו איר, האָט זי דערפילט וואַרעמקייט מיט אויפריכטיקן ווילן איר צו העלפן, נאָר די איבערראַשונג האָט נאָך נישט נאָכגעלאָזן. אַזעלכע אויפריכטיקע ווערטער האָט זי פון קיינעם ביז איצט נישט געהערט. מיט געציילטע ווערטער האָט זי שטיל געענטפערט: — „מערסי, מעסיע פראַנק, איך וועל מיך איבערלייגן און געבן אַ תשובה, מערסי״.

רעזשין האָט זיך געפונען אין גרויס פאַרלעגנהייט. זי האָט נישט געקענט זאָגן, אַז דער איינציקער מענטש אין פאַריז מיט וועמען זי קען זיך מיַישב זיין, איז אַלאַן פראַנק, וואָרום רעדן וועגן דעם מיט דער מאַמאַ, אַפילו מיטן ברודער איז אומזיניק. אויב זיי האָבן בשעתו משלים געווען מיט איר צוזאַמענלעבן מיט אַ ייד, האָבן זיי ווייניק, אָדער בכלל נישט געטראַכט פון דער אמונה־וואַנט צווישן איר מיט ניסאַנען, ווי זיי טראַכטן נישט איצט פון דער צוקונפט און ווילזיין נישט פון איר זון, נישט פון איר, פון רעזשינס, גייס־

טיקער איבערפאַרמירונג אינעם יידישן לאַנד און יידישער סביבה, אין וועלכער זי לעבט זיך אויס, זיכער נישט פון אַזאַ פּראָבלעם ווי גיור, וואָס איז פאַר זיי ווילד פרעמד.

פאַר דער צייט פון איר פאַרווײלן אין פּאַריז, האָט זי צוזאַמען מיט דער מוטער און מיטן ברודער באַזוכט דעם פּאָטערס קבר, געבראַכט בלומען, אָבער זי איז נישט קיין איינציק מאָל מיטגע־גאַנגען מיט דער מוטער אין קלויסטער. זי האָט געהאַט אַ גוטן תירוץ, — זי קען נישט מיטנעמען מיט זיך דעם זון אין קלויסטער, זי קען אים נישט איבערלאָזן אַליין אין שטוב. דער ברודער האָט זי גוט פאַרשטאַנען, די מאַמע נישט. זי האָט נאָר משלים געווען מיט אַזאַ אויפפירונג, נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה.

ערשט נאָך אַ שמועס מיט אַלאַנען איז פאַרביי רעזשינס פאַר־דרוס, הלמאי ער האָט איר קיין מאָל נישט דערמאָנט זיין פאַרטראַכטן פּלאַן. נאָך אַ נאַכט נישט שלאָפן איז זי געקומען צום אויספיר, אַז ניסאַן וועט זיין צופרידן פון דעם, אַלאַן איז נאָר אויסן געווען איר טובה.

אַלאַנס פּאָטער איז געװען שווער איר אויפקלערן די חילוקי־דעות צווישן רעפאָרמיסטישע, קאָנסערוואַטיווע און אָרטאָדאָקסישע יידן. פאַר אים זענען אַלע געווען יידן. ער האָט געוווּסט, אַז אַ פאָרמעלער גיור ביי אַ קאָנסערוואַטיוון רב איז דאָס זעלבע, ווי אַ ציווילע חתונה, אָבער פאַרן געזעץ, איז אַזאַ גיור תופס. ער האָט געוווּסט, אַז די אָרטאָדאָקסן דאָמינירן אין רעליגיעזן לעבן פון ישראל, אָבער לויט רעזשינן קודם־כל האָבן די אָפיציעלע באַשטע־טיקונג פון קאָנסערוואַטיוון רב, אַז זי האָט זיך מגייר געווען. די צייט מיט דער ווירקלעכקייט בלייבן נישט פאַרגליווערט. אַזוי ווי רעזשין האָט פאַר אירע צען יאָר לעבן אין ישראל דורכויס מיט יידן, זיך אָפּגעקערט פון קלויסטער, וועט זי אין דער צוקונפט געפינען מאָראַלישע קרעפטן צו פאַרפולקומען דעם גיור לויטן אָרטאָדאָקסישן שטייגער.

נאָך אַ פּאָר ווייטערדיקע שמועסן מיט אַלאַנען און מיט זיין

פֿאָטער, האָבן זיי צוויי מאָל באַזוכט דעם קאָנסערוואַטיוון רב. אַלאַנס מוטער, וואָס האָט געוווסט רעזשינס „סוד", האָט איר אַ פּריוואַט־צו־נאַכט מיטגענומען אין דער קאָנסערוואַטיווער שול, וואָס האָט געמאַכט אויף רעזשינען אַ רושם. זי איז געווען באַזונדערס באַ־איינדרוקט פֿונעם רב, וואָס האָט צו איר וווּנדער גערעדט עברית מיט איר און מיט אַלאַנען נאָך די קבלת־שבת־תּפֿילות.

דריי טעג פֿאַרן צוריקקער קיין ישׂראל, איז רעזשין געיידישט געוואָרן און באַהאַלטן אין איר רעדיקיול אַ קאָנווערט מיט אַ באַ־שטעטיקונג, אַז זי האָט זיך מגייר געווען „כּדת משה וישׂראל". זי האָט זיך צוריקגעקערט צו איר מוטער אין אַ געהויבענער שטי־מונג. עפּעס האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פֿון איר געמיט. זי האָט אַרומ־גענומען עלין, אים געקושט און געדריקט צו זיך. זי האָט אים אויסגעטייטשט אַ טעלעגראַמע פֿון אַ ווייט לאַנד, וואָס איז יענעם טאָג אָנגעקומען פֿון ניסאַנען, אַז „בקרוב כּולנו נחזור הביתה". די מאַמאַ סוז האָט פֿאַרבונדן רעזשינס געהויבענע שטימונג מיט ניסאַנס טעלעגראַמע. זי האָט נישט געוווסט פֿונעם פֿאַרמאַכטן קאָנווערט אין רעזשינס רעדיקיול.

יענעם טאָג האָט זיך אויך אַראָפּגעקייקלט אַ שטיין פֿון האַרצן פֿון אַלאַנס מוטער. פֿריִער האָט זיך ביי איר פֿאַרגנבעט אַ חשד, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדנונג צווישן אַלאַנען מיט רעזשינען. ער רעדט וועגן איר, שמועסט מיט איר דורכן טעלעפֿאָן, גייט מיט איר שפּאַצירן און פֿאַרנעמט זיך צו פֿיל מיט איר זון. איר חשד האָט זיך געשטאַרקט ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז ניסאַן פֿאַר־ברענגט באַזונדער זיין וואַקאַציע, אַליין, אָן רעזשינען, ערגעץ אויף אַ שיף. ס'האָט זיך איר אויך געדוכט, אַז אַלאַן ווייזט נישט אַרויס גענוג אויפֿמערקזאַמקייט צו דעם מיידל, וואָס זי האָט אים צונויפֿ־געפֿירט מיט איר.

אַלאַן האָט געוווּסט פֿון זיין מוטערס כּוונות, וואָס זי האָט פֿאַר

אים נישט פאַרבאַרגן. נאָך אַ קנאַפּן חודש, ווען אַלאַנס וואַקאַציע האָט געהאַלטןביים זיך אויסלאָזן, האָט זי אים געפרעגט:

— נו, אַלאַן, ווי געפעלט דיר דאָס מיידל זשוליעט?

אַלאַן האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. דאָס מיידל איז אים געפעלן, עס פאַרברענגט זיך מיט איר ווילעק און גוט. זי האָט אויך געוווּסט אין וואָס דאָ גייט. זי איז געווען גענוג אינטעליגענט און קלוג צו פאַרשטיין, אַז אַלאַן איז עלטער פון איר. אַלאַן האָט פריִער איבערגעלעבט אַ שווערן נסיון מיט אַן אַנדער מיידל. ס'האָט שוין געהאַלטן „אָט־אָט", זיי האָבן זיך ליב געהאַט און צום סוף איז זי אַוועק פון אים און חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן. זי, זשוליעט, איז אויך נישט געווען יונג, אַריבער די דרייסיק. עס ציט איר צו אים, אָבער אין דעם עלטער ברענט נישט די ליבע, מען מוז זיין געדולדיק. אַלאַן האָט איר דערציילט פון זיין לעבן אין ישראל, פון זיינע פריינד, פון באַקאַנטע משפחות אין דער כרמל־שטאָט און פון זיין פריינדשאַפט מיט רעזשינען, מיט וועמען ער האָט זי באַקענט בעת זייערע צוזאַמענטרעפן ביי זיינע עלטערן, וואָס האָט אויך מיט „עפּעס" געווירקט אויף איר און פאַראומערט איר שטימונג.

בעת די מוטער איז ווייטער צוגעשטאַנען צו אַלאַנען און גע־פאָדערט אַ תשובה, האָט ער איר ענדלעך געענטפערט:

— מאַמאַ! זשוליעט געפעלט מיר, לאָז אונדזער פריינדשאַפט צייטיקן, איך בין אַריבער 18, דאָס נעמלעכע זי, לאָז די צייט ווירקן, מיר זענען דאָך נישט קיין גימנאַזיסטן, מיר דאַרפן זיך בעסער באַקענען איינער מיטן צווייטן, זיך דערנענטערן. רעד נישט ווי אַ שדכנטע.

דעם לעצטן פרייטיק־צו־נאַכט, ווען אַלאַנס מוטער האָט זיך צוריקגעקערט פון שול צו זייער שבתדיקן טיש, האָט זי געטראָפן רעזשינען שמועסן מיט זשוליעטן.ביידע האָבן געשטראַלט: רעזשין האָט אַרויסגענומען פון טאַש ניסאַנס טעלעגראַמע, פרייליך פאַר־געלייענט איר אינהאַלט: „מיינע טייערע רעזשין און עלי! גאָר

בקרוב פֿאַרענדיק איך דעם טור אויף דער שיף און מיר וועלן ווידער זיין צוזאַמען אין דער היים. — אַ סך ליבע און קושן, ניסאַן."

די שבת־ליכט האָבן געברענט אויפֿן טיש, דער פֿאָטער האָט געמאַכט קידוש. מען האָט אָנגעפֿילט פֿולע גלעזער וויין און געמאַכט לחיים. זשוליעט האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, געקלאַפּט איר גלאָז וויין אין רעזשינס גלאָז. נאָכן אויסטרינקען האָבן זיךביידע אַרומגענומען און צעקושט. דערנאָך, אין פֿאַרלויף פֿונעם שמועס ביים טיש, האָט רעזשין פֿאַרבעטען זשוליעטן צו גאַסט אין ישראל, ווו זי מיט ניסאַנען וועלן זי אויפֿנעמען מיט פֿאַרגעניגן, ווי לאַנג זי וועט נאָר וועלן זיין.

אַלאַן האָט זיך אָנגעקוקט מיט זיין מוטער, איר פּנים האָט געשיינט, און צוויי קליינע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פֿון אירע אויגן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיך אַלע באַגעגנט אויפֿן „נאָרד"־וואָקזאַל פֿון פּאַריז, צו באַגלייטן צוריק אַ היים די געסט קיין ישראל. די מאַמאַ סוז האָט נישט געקענט זיך שיידן פֿון רעזשינען, וואָס האָט געהאַלטן עלין פֿאַרן האַנט. איר ברודער מיט זיין פֿרוי האָבן פֿריינדלעך געשמועסט מיט אַלאַנס עלטערן, ווי זיי וואָלטן זיך געקענט מי יודע ווי לאַנג.

זשוליעט האָט געבראַכט בלומען פֿאַר רעזשינען און פֿאַר אַלאַנען.

מיט רעש איז אָנגעלאָפֿן דער עקספּרעס, וואָס האָט געפֿירט צו דער שיף אין מאַרסעל און פֿון דאָרטן צום האַפֿן פֿון דער כרמל־שטאָט אין מדינת־ישראל.

חיפה, אויגוסט 1973

פון זעלבן מחבר:

באַרג אַרויף. דערציילונגען פון ישראל, 180 זייטן, אַרויסגעגעבן פון צוויש״א, בועגאָס־איירעס, 1951.

טאָג איין טאָג אויס. ראָמאַן פון א״י־לעבן, 208 זייטן, אַרויסגעגעבן פון סוואַלקער לאַנדסמאַנשאַפט, בועגאָס־איירעס, 1954.

אונטערוועגס. דערציילונגען פון ישראל, 312 זייטן, אַרויסגעגעבן פון דער צווייטער שלום־עליכם־שול, בועגאָס־איירעס, 1956. (פּרעמירט פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1956).

נעכטן. פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, 448 זייטן, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אונדזער וואָרט״, בועגאָס־איירעס, 1959.

„ISRAEL PER DENTRO״. דערציילונגען (אין שפּאַניש) אַ בשותּפותדיק בוך, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „קאַנדעליאַבראַ״, בועגאָס־איירעס, 1957.

גאַנג. ארץ־ישראל, מדינת־ישראל, עמק־ישראל. ארץ־ישראל־דערציילונגען, 251 זייטן. אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב, 1962.

באַזאַלט. ישראל־דערציילונגען, 256 זייטן. אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב, 1966.

אַנגעגליטע ערד. דערציילונגען אויפן פאָן פונעם זעקס־טאָגיקן קריג. 337 זייטן. אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב, 1970. (פּרעמירט פון „צבי קעסעל״־פּרעמיע, מעקסיקאָ, 1970).